NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06026

EYBIGE EMES'N

Gershom Bader

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייביגע אמת'ן

פון ספרים און פונם לעבען

קליינע מעשיות און שאַרפע באַמערקונגען
פאַר כל-ערליי גרויסע קינדער

פון

גרשם באדער

1 / 9 / 2 / 7

געדרוקט אין דער בוכדרוקעריי "אוניאָן" (ברידער אפפעל) וויען

PRINTED IN AUSTRIA

אנשטאט א הקדמה

קוקענדיג אין שפיגעל אויף די גראָה־געוואָרענע האָהר פֿון מיין קאָפּ, איז מיר געקומען דער געדאַנק, אַז מ׳דאַרף אָנהויבען צונויף־קלויבען אַן „אויסוואַהל״ פֿון אַלעמען וואָס איך האָב אַמאָל געשריבען, אויף ווי ווייט איך באטראַכט דעם ווערט פֿון די דאָזיגע זאַכען ווי אַ טייל פֿון יענע „איי־ביגע אמת׳ן״, וואָס באַהערשען אונזער דענקען און פֿיהלען.

אָפּטמאָל אין מיין לעבען איז מיר אויסגעקומען צו זאָגען אַ שאַרף וואָרט, וועלכעס האָט געפֿונען אָנערקענונג אין די קרייזען פֿון מיינע לעזער. מעהר נאָך איז מיר אויסגעקומען, קריטיקירט צו ווערען פֿאַר מיינע שאַרפֿע ווערטער — און די קריטיק איז אַסך מאָל געווען אַזעלכע, אַז זי האָט געשניטען ווי אַ „חלף״.

וויל איך דאָ געבען אַ זאַמלונג פֿון די הויפּט־געדאַנקען מיינע, די לעזער זאָלען זיך קענען פֿונאַנאַנדער קוקען און זעהען, צוליעב וואָס איך האָב געקראָגען אָנערקענונג פֿון איין צד — און ווי אַזוי איך בין גלייכצייטיג אנגעגריפֿען געוואָרען פֿון אַן אַנדערן צד.

די לעזער דאַרפֿען דאָס אַלסדינג וויסען. עס קאָן זיי צו־נוץ קומען ווען זיי וועלען נאָכפֿאָלגען מיינע געדאַנקען, אָדער זיי וועלען זיך פֿון אַזעלכע געדאַנקען אויסהיטען.

ג. ב.

נויארק, כסלו, תרפ״ז.

1

מעשה׳לעך פֿונם חומש

ווי אַזוי איך האָב זיי דערצעהלט צו מיינע קינדער

קין און הבל

I

דער ערפינדער

הונגעריג און דורשטיג, נאַקעט און באָרוויס האָבען זיך קין און הבל, די צוויי קינדער פון אדם הראשון, אַרום־געבלאָנקעט אויף דער וועלט. דער טאַטע זייערער האָט געהאַט צו טהון מיט דער אייגענער פרנסה און האָט זיי נישט געקאָנט האַלטען ביי זיך. דער אויבערשטער האָט איהם אַרויסגע־טריבען פונם גן־עדן, וואו ער האָט געהאַט אַלסדינג. וואָס ער האָט געדאַרפט האָבען, האָט ער געמוזט אַרומגעהן איבער די פעלדער און איבער די וועלדער, אויסזוכען פירות, אויסגראָבען וואָרצלען, ער זאָל האָבען צו עסען. א גאַנצען טאָג האָט ער געמוזט אַרומקלעטערן אויף די בוימער און האָט זיך געמוזט ארומשלאָגען מיט די פויגלען און מיט די מאַלפעס וועגען א מינדעסט שטיקל אכילה. די מאַמע האָט גאָר נישט געטהון. א גאַנצען טאָג איז זי געזעסען אויף איין אָרט, שטיל, רוהיג, עפּיס ווי מעלאַנכאָליש נידערגעשלאָגען. זייט דער אויבערשטער האָט זי מיט איהר מאַן אַרויסגעטריבען פונם גן־עדן, האָט זי מורא געהאַט א מויל צו עפנען. זי איז געווען צופרידען, אַז אדם האָט איהר אַליין געבראַכט עפּיס צו עסען און האָט נישט געקאָנט פון איהם פאַר־לאַנגען, ער זאָל נאָך זאָרגען פאַר צוויי דערוואקסענע קינדער.

לאַנג, זעהר לאַנג האָבען זיך קין און הבל דערנעהרט אויף דעמזעלבען אופן ווי זייער טאַטע. זיי האָבען זיך אויסגעגראָבען וואָרצלען און אויסגע־זוכט פירות. די פרנסה איז זיי שווערער אָנגעקומען ווי דעם טאַטען. חוץ וואָס זיי האָבען זיך געמוזט באָרען מיט יעדען פויגעל און מיט יעדער מאַלפּע וועגען א פרי אָדער א וואָרצעל, האָבען זיי זיך נישט איינמאָלביידע אַליין געשלאָגען ווי ווילדע חיות, אז איינער האָט געוואָלט עפּיס אויסרייסען ביים אַנדערן.

דערנאָך זענען די צוויי ברידער קלוגער געוואָרען. זיי האָבען אָנגעהויבען פֿאַרשטעהן אַז א מענש דאַרף אַנדערש לעבען און האָבען אָנגעהויבען קלערען ווי אַזוי.

קין האָט זיך גענומען צו באַארבייטען די ערד. הבל איז געוואָרען א פּאַסטוך.

קין האָט געאַרבעט שווער און ביטער. ער האָט אָפּגעבראָכען א שטעקען פֿון אַ בוים און האָט מיט דעם אויפֿגעגראָבען די ערד, דערנאָך האָט ער דאָס אָרט באשאָטען מיט קערענדלעך תבואה און האָט עס צוגעשאַרט מיט די פֿינגער. דאָס האָט ער נאָך געמוזט היטען טאָג און נאַכט פֿאַר בהמות און פֿאַר עופות, זיי זאָלען איהם נישט זיין אַרבייט פֿאַרניכטען. אַלעס, וואָס קין האָט געטהון אַלס פֿעלד-אַרבייטער, האָט ער אַ ביסעל צוגעזעהן ביים פֿאָטער און דעם רעשט האָט ער פֿאַרשטאַנען מיטן אייגענעם שכל. א קערענדיל תבואה איז אַמאָל אַרויסגעפֿאַלען ביי א פֿייגעלע פֿונם מויל, צו גאָר איהם אַליין פֿון דער האַנד און עס האָט זיך פֿאַרלוירען צווישען גראָז. א צייט שפּעטער איז ער ווידער דאָרט אַהין-געקומען און האָט דערזעהן אויף דעם אָרט א גאַנצען זאַנג מיט קערענדלעך. אַמאָל האָט ער געפֿונען א פֿלוים און האָט זי אויפֿגעגעסען. דאָס האַרטע קערענדיל פֿון אינעווייניג האָט ער אַוועקגעוואָרפֿען. אין א צייט אַרום איז אויף דעם אָרט געוואקסען א גאַנצער פֿלוימען-בוים...

הבל האָט געשטרעבט צו עפּיס גרעסערס, צו עפּיס בעסערס. תחלת האָט ער געאַרבעט אינאיינעם מיט קין, נישט לאַנג דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשיידט פֿונם עלטערן ברודער און האָט זיך גענומען צו עפּיס אַנדערש. ער האָט אָנגעהויבען חאַפּען חיות. מיט דערזעלבער געדולד, וואָס קין האָט געאַרבעט אין פֿעלד, מיט דערזעלבער געדולד האָט הבל געאַרבעט מיט זיינע חיות. ער האָט זיי געוואָלט היימיש מאַכען, זיי זאָלען איהם נוצליך זיין צום לעבען. עס איז איהם אפילו זעהר שווער געגאַנגען. די קאַץ האָט געדראַפּעט, דער הונד האָט געביסען, דער אָקס האָט געשטויסען מיט די הערנער און דאָס פֿערד האָט געבריקעט מיט די פֿיס. ער האָט זיך אָבער פֿון דעם אַלעמען נישט געלאָזט אָפּשרעקען. וואָס שווערער די ארבייט איז געווען, איז זי איהם יעדעס מאָל ליבער געוואָרען, חאָטש עס האָט זיך גאָרנישט אַרויסגעזעהן, צו די חיות וועלען איהם אַמאָל נוצען. ביי זיך אין האַרצען האָט ער געפֿיהלט, אַז ער מוז עפּיס אַרויסציהען פֿון זיין אַרבייט. ער האָט איבערדעם נישט געקוקט אויף קיין שום שוועריגקייטען און האָט נאָר געאַרבעט...

— וואָס טויג דיר דאָס? — האָט איהם קין געפּלעגט פרעגען — פאַר וואָס נעמסטו זיך נישט צו דערזעלבער אַרבייט וואָס איך? אָט קוק ווי איך שטעה אַ גאַנצען טאָג און אַרבייט שווער...

הבל האָט אָבער נישט געקוקט אויף קין׳ס ווערטער און האָט זיך ווייטער געטהון זיינס, ער האָט איהם נאָר געבעטען, ער זאָל איהם נישט שטערען.

— איך וועל דיר חלילה נישט שטערען! — האָט איהם קין געענטפערט מיט אַ שמייכעלע — נאָר פון היינט אָן וועסטו דיר מוחל זיין אַליין זוכען עסען, איך האָב נישט קיין כח צו אַרבייטען פאַר צוויי...

קין האָט אויך געהאַלטען וואָרט. הבל האָט זיך געמוזט אַליין זוכען עסען אָדער ליידען הונגער, ווייל קין האָט איהם שוין גאָר נישט מעהר געוואָלט געבען. דעמאָלט האָט ער זיך אויך איבערצייגט, אַז די ערשטע פּראָבע מיט די חיות איז איהם נישט געלונגען. ער האט זיך אָבער ווייטער נישט געלאָזט אָפּשרעקען און האָט זיך גענומען פריש צו אַ נייער פּראָבע.

ער האָט זיך גענומען צו די ציגען. ער האָט זיי געהאַלטען געבען זיך און האָט זיי געהאָדעוועט.

— אַצינד וועסטו שוין נישט מעהר בייז זיין ברודער־לעב! —האָט אַמאָל הבל געזאָגט צו קין — איך האָב געפונען, אַז די מילך פון דער ציג איז אַ גאַנץ גוט מאכל.

קין האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן.

— אַזוי! — האָט ער געזאָגט — די ציג לאָזט זיך זויגען פון א מענש און די מילך איז גוט צו טרינקען...

— עס האָט איהם אָבער נישט געפאַסט צוצוגעבען אַז דער אינגערער ברודער האָט טאַקי עפּיס וויכטיגעס ערפונדען און ער האָט באַלד געזאָגט:

— וואָס האָב איך פון דיין מילך?... אַנו פּרוּוו, לעב מיט הוילע מילך...

— איך זאָג נישט, אַז מען קאָן לעבען מיט הוילע מילך — האָט הבל געענטפערט געריצט — איך מיין אָבער, אַז מילך קאָן זיין אַ גוטע און גע־שמאַקע צוגאָב צום עסען.

קין האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט און הבל איז אַוועקגעגאַנגען ווייטער צו זיין אַרבייט.

אין עטליכע וואָכען אַרום איז הבל ווידער געקומען מיט עפּיס א נייעס...

קין האָט זיך אָבער אויף איהם אויסגעשריגען:

— וואָס האָסטו פון אַלע דיינע חכמות? צו וואָס האַפּסטו דיך צו

הונדערטער פֿאַרשידענע זאַכען, וואָס דו ווייסט נישט, אויב זיי טויגען צו עפּיס ?

— מיינע חכמות האָבען דיר דאָך געהאָלפֿען צו דיין אַרבייט אויך ! — האָט הבל געענטפֿערט מיט כעס — מיינע בהמות מיסטיגען דיר דיינע פֿעלדער זיי זאָלען בעסער וואַקסען, מיינע ציגען געבען דיר מילך צו טרינקען און פֿעל אויף אָנצוטהון. אַצינד קלער איך ווידער ווי אַזוי די בהמות זאָלען דיר קענען העלפֿען ביי דער אַרבייט...

— דאָס איז אַלעס גאָר נישט ווערט ! — האָט איהם קין איבערגעהאַקט די רייד — אַז דו זאָלסט וועלען צוזאַמען אַרבייטען מיט מיר, וואָלטען מיר ביידע געקאָנט מעהר האָבען. אַצינד מוז איך מיך אַליין פּלאָגען, ווערענד דו געהסט דיר אַרום שלינג און שלאַנג אַ גאַנצען טאָג...

II

קנאה־שנאה

פֿון דעמאָלט אָן איז הבל ברוגז געוואָרען אויף קין און זיי האָבען שוין נישט מעהר איינער צום אַנדערן גערעדט. קין האָט חוזק געמאַכט פֿון הבל, פֿון זיינע געדאַנקען און פֿון זיינע חלומות. הבל ווידער האָט פֿיינט באַקומען קין שנאת־מות. עס האָט זיך איהם נאָר געדאַכט, אַז קין שטערט איהם זיין אַרבייט.

קין האָט זיך אַליין גערופֿען דער „פּראַקטיקער“. ער איז נישט מיד געוואָרען צו אַרבייטען, צו זייען, צו וואַרטען ביז עס וועט וואַקסען, אויסצורייסען די תבואות און אויסצוקלויבען די קערענדלעך מיט די פֿינגער. — הבל'ן האָט ער אַ נאָמען געגעבען דער „חכם“, ווייל ער איז אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצען טאָג פֿאַרטראַכט אין טיעפֿע מחשבות...

ביידע ברידער האָבען זיך איינער דעם אַנדערן נישט פֿאַרשטאַנען. קין האָט געמיינט, אַז ביידע מוזען טהון דאָס זעלבע און האָט נישט געוואוסט, אַז צוויי מענשען קענען אַמאָל האָבען דאָס זעלבע ציעל און נישט באַנוצען דאָס זעלבע מיטעל...

אַמאָל, אַמאָל, אין עטליכע יאָהר שפּעטער, האָט זיך אדם דערמאַנט אָן זיינע צוויי קינדער און האָט זיי פֿאַרבעטען צו זיך.

ביידע ברידער האָבען זיך געוואָלט גרויס מאַכען פֿאַרן טאַטען און האָבען איהם געבראַכט צו ווייזען, וואָס זיי האָבען שוין געטהון אויף דער וועלט.

קין האָט געבראַכט אַביסל ווייץ, וואָס ער האָט אַליין געזייעט, אויס־נעריסען די זאַנגען און אויסגעקליבען די קערענדלעך.

— אויסגעצייכענט וואויל! — האָט אדם געזאָגט און האָט געשעפּט נחת פון זיין בכור'ל.

— טאַקי אויסגעצייכענט! — האָט חוה צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ.

קין האָט געוואָרפען אַן אויג אויף הבל, ווי איינער זאָגט: זעהסט...

— און דו הבל, וואָס האָסט דו געבראַכט? — האָט אדם געפרעגט.

— טאַקי יאָ, וואָס האָסט דו הבל, געבראַכט? — האָט חוה געפרעגט.

אויף דעם האָט הבל צוגעפיהרט אַן אויסגעפּאַסטעטע ציג און האָט גענגעבען אָנצוזויגען אַ ביסל מילך דעם טאַטען און אַ ביסעל דער מאַמע, ווערהענד ער האָט זי צוגעהאַלטען, זי זאָל זיך לאָזען זויגען.

אדם איז גאָר ענטציקט געווען. הבל האָט איהם דערצעהלט ווי אַזוי ער איז געקומען אויף דעם איינפאַל און ביי קין האָבען די אויגען געברענט פאַר קנאה. הבל האָט ווייטער דערצעהלט ווי קין האָט איהם געשטערט אין דער אַרבייט און קין האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטען פאַר עגמת נפש. ער האָט זיך אָנגעהויבען פאַרטיידיגען און האָט מיט זיינע רייד דעם ברודער שטאַרק באַליידיגט.

— יאָ מיין קינד! — האָט אדם געזאָגט — איך מוז זאָגען דעם אמת, אַז דיין ברודער הבל'ס אַרבייט געפעלט מיר בעסער ווי דיינע...

— טאַקי יאָ — האָט חוה געזאָגט — הבל'ס אַרבייט געפעלט מיר בעסער...

קין איז געוואָרען אונטערגעצונדען.

— וואָס? — האָט ער געשריגען — דער פּוסטעפּאַסניק, דער ליידיג־געהער, דער בעל־החלומות...

— עס דאַרף דיך נישט אַזוי שטאַרק פאַרדריסען! — האָט אדם גע־ענפערט — דיין אַרבייט איז טאַקי אויך נישט אַוועקצומאַכען מיט דער האַנד. זיין אַרבייט איז אָבער פיעל וויכטיגער. דו האָסט געאַרבעט פלייסיג אין פעלד, דאָס האָסטו צוגעזעהן אַ ביסל פון מיר און מיט דעם איבריגען האָסט דו וועניג אויפגעטהון נייעס, דאָס וואָלט איך אַליין אויך געקאָנט. אָבער דאָס וואָס הבל האָט געטהון, דאָס הייסט שוין עפּיס געטהוי, דאָס איז שוין טאַקי אַ שכל־זאַך...

— טאַקי אמת קין־לעב! — האָט חוה געזאָגט — עס דאַרף דיך גאָר נישט פאַרדריסען, דיין אַרבייט איז אפילו נישט שלעכט, הבל'ס אַרבייט איז אָבער פאָרט וויכטיגער, ווייל זי איז אַ שכל־זאַך...

אין קין האַט עס אויפגעקאָכט פאַר רציחה. ער איז בייז געווען אויפן טאַטען, אויף דער מאַמען און אַממעהרסטען אויף הבל. ער האָט זיך אָבער נישט אָנגערופען קיין וואָרט. עטליכע מינוט איז ער נאָך געזעסען, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אַוועקגעגאַנגען אָהן „אַ גוטען טאָג"...

אויף מאָרגען האָט ער הבל'ן דערהרג'ט...

די געלעגענהייט איז שוין ממילא געקומען: איינס פון הבל'ס ציגעלעך האָט זיך פאַרבלאָנקעט אין קין'ס פעלד אַריין. דאָס זעהענדיג איז קין אויפ־געשפרונגען פאַר כעס מיט אַ געשריי:

— קוקטס נאָר אָן דעם „חכם", ער וועט זיך שיקען זיינע ציגעלעך פאַסען אין מיין פעלד אַריין...

און בשעת ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער אָפּגעבראָכען אַ צווייג פון אַ בוים און האָט הבל'ן אַזוי לאַנג געשלאָגען איבערן קאָפּ, ביז ער איז גע־בליבען ליגען טויט...

III

חרטה.

„טויט"! — האָט קין געזאָגט, ווי ער האָט געזעהן, אַז הבל ריהרט זיך נישט מעהר — טויט! ער וועט שוין נישט מעהר אויפשטעהן און וועט שוין נישט מעהר קיינעם משוגע מאַכען מיט זיינע חכמה'לעך!...

נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז זיך אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזענדיג דעם געהרג'טען ברודער ליגען אויף דער ערד.

צופריעדען פון זיך אַליין און פון דעם, וואָס ער האָט געטהון, האָט ער אָנגעהויבען קלערען, וואָס ער וועט זאָגען, אַז דער טאַטע אָדער די מאַמע צו גאָר עמיץ אַנדערש וועט איהם פרעגען: „וואו איז הבל"? אויף דעם וועט ער ענטפערן: „איך ווייס נישט"! און ער וועט זי נאָך אָנבייזערן אויף דעם פרעגער: „וואָס בין איך עפּיס אַ שומר ביי מיין ברודער, צו וואָס?"...

צו מאָרגענס איז קין געווען שטאַרק צורודערט, טרויריג, נידערגעשלאָ־גען און בלייך פאַר אינערער אויפרעגונג. ער האָט שוין געחאַפּט זיין פסק פון גאָט אַליין, אַלע זיינע אויסריידען האָבען איהם נישט געהאָלפען. ער האָט זיך געפרויוט לייקענען, זיך נישט וויסענדיג מאַכען — ביז גאָט איז אויף איהם געוואָרען אין כעס און האָט איהם פאַרשאָלטען, ער זאָל נישט האָבען קיין מנוחה אויף דער וועלט, אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבען...

אַצינד האָט ער נעביך שטאַרק חרטה. הבל אַליין איז איהם אפילו נישט קיין שאָד. ער גופא איז טאַקי נישט מעהר ווערט געווען. נאָר צו וואָס

האָט דאָס איהם געטויגט? צו וואָס האָט ער גראָד געדאַרפֿט זיין דער רוצח? ליבער וואָלט עס אַן אַנדערער געטהון און ער וואָלט נישט געדאַרפֿט אַצינד אַזוי פֿיעל ליידען וועגען דעם. ער וואָלט נישט געדאַרפֿט זיין נע־ונד אויף דער וועלט...

ער האָט חרטה, די מעשה טהוט איהם זעהר וועה, ער באַדויערט אָבער נישט דעם ברודער: ער האָט נאָר עגמת־נפש, ווייל ער האָט באַקומען אַ פסק... נישט אויף דעם, וואָס ער האָט געטהון, האָט ער חרטה; נאָר אויף דעם, וואָס איז איהם אַרויסגעקומען דערפֿון, אויף דעם האָט ער חרטה און דאָס קרענקט איהם זעהר...

דער ערשטער משורר

קיין מענש אויף דער וועלט האָט נישט געוואוסט, וואָס עס הייסט דיכטען אָדער אַ דיכטער. אַלע מענשען האָבען גערעדט פשוטע ווערטער, אָהן קונצען, אָהן חכמות. וואָס איינער האָט געזאָגט, דאָס האָט ער געמיינט, און ווי איינער האָט געמיינט אַזוי האָט ער גערעדט. משלים, מליצות און שירים זענען נאָך געווען אונבאקאַנטע זאַכען.

די ערשטע אויסנאַהמע פון אַלע מענשען, דער ערשטער משורר, איז געווען ל מ ך.

ער איז געווען אַנדערש ווי יעדער. ער איז געגאַנגען אַנדערש ווי יעדער, ער האָט גערעדט אַנדערש ווי יעדער און האָט אַלסדינג געטהון אַנדערש ווי יעדער. די מענשען פון זיין דור האָבען איהם דערפאַר פיינט געהאַט שנאת־מות, האָטש ער האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטהון, אפילו נישט אַ שלעכט וואָרט גערעדט. ער איז געווען זעהר אומגעשיקט, ער האָט נישט געטויגט צו קיין שום ארבייט אויף דער וועלט, און אַז ער האָט שוין אַמאָל גענומען עפּיס טהון, האָט מען זיך געמוזט האַלטען די זייטען פאַר לאַכען צוקוקענדיג. זיין אומגעשיקליכקייט און זיין אומבאַהאָלפענ־קייט האָט תמיד געגעבען אונטערהאַלטונג ווען מען פלעגט זיך צווישען טאָג און נאַכט אַנידערזעצען אָפּרוהען נאָך דער אַרבייט. אַמאָל, האָט דער עולם דערצעהלט, האָט זיך למך צוקריעגט מיט זיינע פלונית׳טעס. זיי האָבען איהם פאָרגעוואָרפען, אַז ער איז אַ טויגעניכטס, אַז ער טהוט גאָר נישט און הייסט די ווייבער ארבייטען פאַר זיך. למך האָט זיך די פאָרווירפע גענומען צום האַרצען. ער האָט שנעל געחאפּט זיין פיילענבויגען און איז געלאָפען אויף יאַגד, די ווייבער זאָלען זעהן, אַז ער טויג נאָך צו עפּיס. ווי ער געהט אַזוי פאַרטראַכטערהייט, דערזעהט ער דעם זיידען קין פון דערווייטענס, און עס האָט זיך איהם געדאכט, אַז אַ חיה געהט. תיכף האָט ער אהינגעציעלט צום זיידען און האָט איהם טאַקי דערשאָסען אויף טויט. דערנאָך, אַז ער איז צו־געקומען נעהנטער און האָט דערזעהן וועמען ער האָט דערשאָסען, האָט ער זיך זעהר דערשראָקען און האָט אַ פליעסק געטהון מיט די הענד, ווי איינער

זאָגט: „וואָס האָב איך געטהון?“ דערווייל איז נעבען איהם געשטאַנען זיין איינגעל און ער האָט איהם מיטן פּליעסק דערהרג׳ט. — אַזעלכע און נאָך עהנליכע מעשיות פֿלעגט מען דערצעהלען פֿון למך׳ס אומבאַהאָלפֿענקייט און יעדער אומבאַהאָלפֿענער מענש האָט פֿון דעמאָלס אָן באַקומען דעם נאָמען „למך“.

מיטן קאָפּ פֿאַרריסען אין דער הויך, קוקענדיג אין הימעל אַריין און באַטראַכטענדיג די שטערן, פֿלעגט למך אַרויסגעהן אין גאַס; מאַנכעס מאָל ווידער איז ער געגאַנגען אָראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ, קוקענדיג אויף דער ערד. און גערעדט האָט ער אַזאַ לשון און אַזעלכע ווערטער, וואָס קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען. יעדער האָט איהם אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם. גרויסע מענשען האָבען אויף איהם געוויזען מיט די פֿינגער און קינדער האָבען איהם נאָכגעוואָרפֿען בלאָטע. און זייט דעמאָלס איז דער נאָמען „למך“ געבליבען אַ צונאָמען פֿאַר יעדען שוטה.

למך איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געהאַט צוויי ווייבער. די גאַנצע וועלט האָט זיך בעגניגט ביז דעמאָלס מיט איין ווייב און ער האָט זיך גענומען צוויי. איינע, ווי ער האָט געזאָגט, צו קינדלען און די אַנדערע אויף שיינקייט... דאָס וואָלט מען איהם שוין אפשר נישט געהאַלטען פֿאַר שלעכט, ווען ער וואָלט נישט געווען קיין למך און נישט באַהאַנדעלט די ווייבער גלייך ווי מענשען. ער האָט צו זיי אַנדערש גערעדט ווי אַ מאַן רעדט צו זיין ווייב, און די ווייבער אַליין האָבען פֿון איהם חוזק געמאכט אז ער איז גאָר קיין מאַן נישט. „הער נאָר, איך בעט דיך!“ האָט זיך אָנגעהויבען זיין שטייגער רעדען צו די ווייבער, אָדער „זיי אַזוי גוט און הער, וואָס איך זאָג דיר!“ — און אויף לייטיש געלעכטער האָט מען באַהאַלטען אַ שטיקל פֿון זיין רעדען צו די ווייבער ביז צום היינטיגען טאָג. אַלעס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז פֿאַרגעסען געוואָרען, עס האָט זיך קיינער נישט געקימערט וועגען דעם, נאָר דאָס ביסל אויסטענה׳ן זיך מיט די ווייבער איז געבליבען אויף אַ זכר. די ווייבער זענען ביי איהם געגאַנגען, ווי מען זאָגט, אין ספּאָדיק. און אַז עס האָט זיך זיי אַמאָל פֿאַרגלוסט, האָבען זיי זיך פֿון איהם גאָר פּורש געווען, און דער למך פֿלעגט זיי נאָך איבערבעטען, נישט ווי דער סדר עולם איז, מיט געבייזער, מיט אַ שטעקן, נאָר מיט גוטע רייד, מיט געבעט. דאָס גאַנצע מאַנישקייט האָט ער געלייגט אין דער ערד אַריין, אַזאַ למך!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

למך איז געווען אַנדערש ווי אַלע מענשען פֿון זיין דור, דערפֿאַר האָט איהם דער פּראָסטער עולם נישט געקאָנט ליידען, אַזוי ווי פּראָסטאקעס קענען געוועהנליך נישט ליידען קיין שום מענש וואָס צייכענט זיך אויס פֿון אַנדערע מענשען.

חנוך דער פרומער

די מענשען האָבען אָנגעהויבען פאַרדאַרבען צו ווערען. זיי האָבען זיך שטארק פארמעהרט און אלעס האָט געוואָלט לעבען פון אַקערבוי און פון פאסען שאָף. דאָס זענען געווען די איינציגע הויפּט־פרנסות פון אַ גאנצער וועלט מענשען. צו עפּיס אנדערש האָבען זיך סך־הכל גענומען דריי אָדער פיער מענשען און מעהר נישט.

אַזוי לאַנג ווי אַלעס איז גלאַט צוגעגאַנגען, האָט נאָך יעדער געקאָנט האָבען צו עסען. קוים האָט זיך אָבער געמאכט אַ שטיקל אומגליק: אַ וואַסער וואָס האָט פאַרפלייצט דאָס פאַרזייעטע פעלד, אָדער אַ מגפה אויף די בהמות וואָס האָבען געגעבען מילך, זענען שוין גאַנצע משפחות געבליבען אָהן אַ שטיקל חיונה. און אַז דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט, אַז דער מאָגען האָט געמאָהנט דאָס זייניגע, האָט מען געבעטען אונטערשטיצונג ביי אַנדערע מענשען. און אַז די מענשען האָבען נישט אַליין געגעבען, האָט מען ביי זיי גענומען מיט געוואַלט.

חוץ די דאָזיגע אומגליקליכע, וואָס זענען געבליבען אָהן פּרנסה דורך פאַרפלייצונגען אָדער מגפות, האָט זיך נאָך געמאכט אַ גאנצע כתה מענשען וואָס האָבען זיך מפרנס געווען נאָר פון רויבעריי און אויסחאַפּעריי. דאָס זענען געווען אַזעלכע בריות, וואָס האָבען נישט געקאָנט אָדער נישט געוואָלט ארבייטען אין פעלד אָדער פאַסען שאָף, נאָר זיי האָבען זיך פאַרלייגט לכתחלה אויף אויסחאַפּען ביי אנדערע, ווייל אויסחאַפּען ביי יענעם איז גרינ־גער ווי ארבייטען אַליין.

די מענשען פון יענעם דור האָבען זיך איבערדעם כסדר נאָר אַרומ־געריסען און אַרומגעשלאָגען איינער מיטן אנדערן ווי ווילדע חיות. דער האָט ביי דעם אויסגעחאַפּט און יענער האָט זיך געוועהרט מיט אַלע כחות...

איינער איז נאָר געווען אין דעם גאנצען דור, וואָס האָט זיך נישט געשלאָגען מיט קיינעם; ער האָט ביי קיינעם נישט אויסגעחאַפּט און קיינער האָט נישט געהאַט וואָס אויסצוחאַפּען ביי איהם.

דער איינער איז געווען חנוך בן ירד.

פֿון זיין לעבען איז נאָר אזויפֿיעל באקאנט, אַז ער איז זעהר פֿרום געווען. „ער געהט מיט גאָט", האָט מען אויף איהם געזאָגט. ער איז אויך יונגערהייט געשטאָרבען. אַנדערע מענשען פֿון זיין דור האָבען געלעבט איבער 900 יאָהר און ער קוים 365 יאָהר. „גאָט האָט איהם צו זיך גענומען ווייל די ערד איז נישט ווערט געווען צו האָבען אזא מענש", האָט מען גע־זאָגט, ווען ער איז געשטאָרבען.

מיט וואָס איז ער פֿרום געווען?

ער איז געווען אַ לײדיג־געהער ווי אַלע לײדיג־געהערס אין יענעם דור. ער האָט גאָר נישט געטהון פֿאַר פרנסה; ער איז אָבער געווען אַן עהר־ליכער מענש, ער האָט גאָר נישט ביי קיינעם געהאפּט, ער האָט אויך נישט געדאַרפֿט האפּען, ווייל יעדער האָט איהם אליין געגעבען...

אַנדערע לײדיג־געהערס האָבען געהאפּט, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אפילו ווען זיי האָבען אלסדינג געהאט. חנוך האָט אָבער גאָרנישט געוואָלט נעהמען ביי קיינעם, אזוי לאַנג ער האָט נאָך עפּיס געהאט. זיי האָבען געמוזט זאָרגען אויף שפּעטער און ער איז געווען פֿאַרזאָרגט. ער האָט גוט געוואוסט אז ווען עס וועט איהם אויסגעהן דאָס עסען, וועט ער באקומען אנדערס.

פֿאַר זיין פֿרומקייט האָט איהם יעדער געגעבען וואָס ער האָט נאָר געוואָלט. ער איז אַרומגעגאנגען זאָגען מוסר פֿאַרן עולם, אז מען מוז זיך באַגנוגען מיט דעם וואָס מ'האָט און מ'טאָר נישט אפילו אין זינען האָבען עפּיס אויסצוּחאפּען ביים צווייטען.

— איהם איז לייכט צו זאָגען מוסר, ווייל ער באקומט אלצדינג וואָס ער וויל, און ער דאַרף נישט חאַפּען — האָבען עטליכע פֿון דער חברה חאפּערס געזאָגט.

„איהם קומט עס, ווייל ער איז פֿרום. אַ פֿרומען מוז מען געבען!" — האָט דער בעל־הבית'שער עולם געענטפֿערט.

— מיר ווילען אויך זיין פֿרום.

— „איהר חאפּט".

— מיר מוזען חאפּען, ווייל מיר זענען הונגעריג און איהר ווילט אונז נישט אַליין געבען. פּרוּווט אַמאָל דאָס אייגענע מיט חנוך, וועט איהר זעהן: אַז ער וועט אויך חאפּען.

— אַז מיר וועלען איהם נישט געבען, וועט ער דאָך מוזען חאפּען.

— און פֿאַרוואָס ווילט איהר נישט פֿאַרשטעהן אַז מיר מוזען אויך חאפּען?

— איהר זענט עפּיס אנדערש. ער אָבער איז אַ פֿרומער און איהם מוז מען געבען.

— און פֿאַרוואָס ווילט איהר נישט מאַכען אַ פּריוו מיט אונז, איהר זאָלט אייך איבערצייגען, אַז מיר קענען אויך זיין פֿרום?

— אַ פֿרומען מוז מען געבען, און איהר זענט האפּערס! — איז גע־וועהנליך געווען די לעצטע תשובה. אַ טייל ווידער האָבען געזאָגט: "איהר זענט שוין האפּערס, און פֿאַר זיינעטוועגען מוזען מיר טראַכטען, ער זאָל נישט ווערען גלייך מיט אייך!"...

אין דער תיבה

דער רעגען האָט געגאָסען און געגאָסען אָהן אויפֿהער...

זיבען טאָג נאָכאַנאַנד האָט די זון געברענט, נישט צום אויסהאַלטען. די לופֿט איז געווען היים און דושנע, אפילו ביי נאַכט, פלוצלינג איז די זון אונטערגעגאַנגען, בלייערנע וואָלקען האָבען באַדעקט דעם הימעל, דערנאָך האָט אָנגעהויבען שרעקליך צו דונערן און צו בליצען. איין דונער האָט געיאָגט דעם אַנדערן און אַ בליץ איז געלאָפֿען נאָך אַ בליץ. און עס האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ שטורמווינד, וואָס זיינסגלייכען האָט מען נישט געזעהען ביז דעמאָלט; הונדערטיעהריגע טענענבוימער האָט ער אויסגעריסען מיט דער וואָרצעל, די שטאַרקסטע פֿעלזען האָט ער איינגעבראָכען און אַראָפּגעוואָרפֿען אין טיעפֿען אָפּגרונד. אַלע חיות, אַלע בהמות און אַלע עופות זענען אַרומגעלאָפֿען און אַרומגעשפרונגען אין די פֿעלדער, אין די וועלדער און אויף די בערג ווי משוגע. די מענשען זענען געבליבען ווי פֿאַרגליווערט פֿאַר שרעק און האָבען געזוכט אַן אָרט, וואו זיך צו באַהאַלטען. און עס האָט אָנגעהויבען אַ שלאַגס-רעגען, גלייך: מען זאָל אַראָפּגיעסען פֿון אויבען טויזענדער פֿעסער וואַסער מיט אַמאָל. און אַזוי ווי עס האָט געגאָסען פֿון אויבען, אַזוי איז דאָס וואַסער צוגעקומען אונטען. אַלע וועגען און אַלע שטעגען, אַלע פֿעלדער און אַלע וויעזען זענען אין איין מינוט געשטאַנען אונטערן וואַסער.

די מענשען זענען אַנטלאָפֿען אויף די העכסטע בערג אָדער אַרויפֿגעקראָכען אויף די גרעסטע בוימער, אויף די דעמבעס, אויף די סאָסנעס, אויף די טענענבוימער און אויף די צעדערן. עס האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפֿען. דער ווינד האָט זיי אַראָפּגעוואָרפֿען פֿון דאָרט ווי פֿוילע בלעטלעך און דאָס וואַסער האָט זיי אַוועקגעשוועמט. אָדער דער ווינד האָט אויסגעריסען די בוימער און די מענשען האָבען זיך נאָך געקאָנט האַלטען אָן אַ בוים, שווימענדיג מיט איהם צוזאַמען אויפֿן וואַסער ביז ער האָט ערגיץ אָנגעשלאָגען אין אַ פֿעלזען.

דאָס וואַסער האָט געראַשט מורא'דיג. די טרינקענדע האָבען זיך געראַנגעלט מיטן טויט און זייערע שרעקליכע קולות האָבען זיך פאַרמישט מיט דעם רעש'דיגען זיעדען פונם וואַסער, מיט דעם שרעקליכען פייפען פונם ווינד, מיט דעם קנאַקען פונם דונער און מיט דעם געשריי פון די חיות, פון די בהמות און פון די עופות, וואָס זענען דערטרונקען געוואָרען צוזאַמען מיט די מענשען.

— —

נח האָט שוין געוואוסט פריהער, אַז דאָס אומגליק וועט קומען. און כדי ער זאָל זיך קענען רעטען מיט זיין הויזגעזינד, האָט ער זיך געמאַכט אַ "תיבה"; דאָס איז געווען אַ הויז פון 300 איילען לאַנג, 50 איילען די ברייט און 30 איילען הויך. און געמאַכט איז געווען די "תיבה" קונצליך אויף דריי שטאָק מיט אַ באַזונדער וואוינונג פאַר מענשען, באַזונדערע דירות פאַר חיות באַזונדערע פאַר בהמות און פאַר עופות. 120 יאָהר האָט געדויערט דאָס בויען די תיבה, און געמאַכט איז זי געווען פון אַזאַ האָלץ, וואָס עס זאָל איהם נישט קענען שאַדען דאָס רוישענדע וואַסער און דער שטורמענדער ווינד. די ווענד זענען אויך געווען גוט באַפעסטיגט און אַרומגעקלעפט אויסענווייניג און אינעווייניג מיט פעך, דאָס וואַסער זאָל נישט קענען דורכנעצען.

איידער דער רעגען האָט זיך נאָך אָנגעהויבען, האָט נח אַריינגענומען צו זיך אין דער תיבה פון איטלעכען מין בהמות און עופות צו זיבען פּאָר. דערנאָך איז אָנגעקומען דער לייב, דער טיגער, דער בער, דער וואָלף און אנדערע ווילדע חיות, בעטען זיך ביי נח ער זאָל זיי אויך אַריינגעהמען צו זיך אין דער תיבה. פון זייער פנים האָט מען געקאָנט אַראָפּלעזען, אַז זיי ווילען שוין פון היינט אָן גוט און פרום זיין; זיי וועלען שוין נישט מעהר עסען קיין לעבעדיגע באַשעפענישען, פשוט שטרוי וועלען זיי עסען, גלייך מיט אַלע אָקסען. דאָס אייגענע האָט אויך געבעטען דער אָדלער און אַלע איבריגע רויבפויגעל. פון היינט אָן האָבען זיי צוגעזאָגט, וועלען זיי שוין נישט מעהר עסען קיין שום "דבר מן החי": פשוט תבואה וועלען זיי עסען און נישט מעהר...

נח האָט אויף זיי רחמנות באַקומען און האָט זיי אויך אַריינגענומען צו זיך, פון איטליכען מין צו איין פּאָר.

— —

דרויסען האָט דער רעגען גאָרנישט געוואָלט אויפהערען, דער ווינד האָט געשטורמט, דער דונער האָט געקראַכט און דאָס וואַסער האָט געזאָטען מיט רעש.

אין דער תיבה איז אַלעס געווען אין שרעק, אין ציטערניש און נידער־געשלאָגענקייט. נישט נאָר נח מיט זיין בני בית, זיין ווייב און זיינע דריי זוהן מיט זייערע ווייבער, נאָר אפילו אַלע חיות און אַלע בהמות און אַלע עופות זענען געווען דערציטערט און נידערגעשלאָגען. תמיד געוועהנט אין גאָטס פּרייער לופט, איז זיי זעהר שווער אָנגעקומען, אויסצוהאַלטען איי דער תיבה.

נח מיט די זוהן זיינע זענען אַרומגעגאַנגען צווישען די חיות, בהמות און עופות, אונטערצוטראָגען זיי יעדעס מאָל אַביסעל פריש עסען. און אַז די לייבען, די טיגערס, די בערען, די וועלף, די אָדלערס און די גייערס זענען הונגעריג געוואָרען, האָבען זיי זיך נישט מעהר צוגעריהרט צו קיין שום אַנ־דערע חיה. זיי האָבען טאַקי געוואָלט האַלטען דעם נדר, גוט און פרום צו ווערען... נח האָט איטלעכען געבראַכט אַביסעל שטרוי, אַביסעל היי, אַביסעל גראָז, עטליכע קערענדלעך תבואה און אַלעס האָט געגעסען מיט אַפּעטיט.

די תיבה איז געשוואומען אויפן וואַסער און דער ווינד האָט זי גע־וואָרפען אויף אַלע זייטען. די חיות, בהמות און עופות האָבען דורך דעם נישט געקאָנט איינשטעהן אפילו אַ רגע. דער ווינד האָט אַ וואָרף געטהון מיט דער תיבה און דער לייב איז צוגעפאַלען צום אָקס און דער טיגער איז אַרויפגעפאַלען אויף דעם אייזעל אָדער אומגעקעהרט. די בהמות זענען איבער־דעם געווען אין איין שרעק, זיי האָבען נעביך געמיינט, אַז אָט איז שוין געקומען זייער סוף, אָט וועלען זיי די ווילדע חיות אויפפרעסען.

— האָט נישט קיין מורא! — האָבען די חיות געשריגען — האָט גאָר־נישט קיין מורא! מיר וועלען אייך גאָר נישט טהון. פון היינט אָן וועלען מיר אויף אייך שוין מעהר נישט אָנפאַלען. גראָז און שטרוי וועלען מיר עסען גלייך מיט אייך... גאָט זאָל נאָר העלפען, דער רעגען זאָל אויפהערען...

— האָב נישט קיין מורא! — האָט דער לייב געזאָגט צום אָקס — פון היינט אָן וועלען מיר שוין לעבען בשלום. איך וועל דיר העלפען אַרבייטען פאַרדיענען אויף פרנסה... גאָט זאָל נאָר העלפען אַז דער רעגען זאָל אויפ־הערען... דערווייל לאָז מיך חאַפּען נאָך אַ גרעזעל פון דיינעם. איך בין זעהר הונגעריג...

נעם, אדוני לייב, נעם וויפיעל דו ווילסט נאָר אַליין און לאָז עס דיר גוט שמעקען — האָט דער אָקס אויף דעם געענפערט. ער האָט זיך גליקליך געפיהלט, זעהענדיג ווי דער לייב עסט שטרוי און גראָז גלייך מיט איהם.

— —

דרויסען האָט דער רעגען גאָרנישט געוואָלט אויפהערען. דער דונער האָט געקנאַקט און דאַס וואַסער האָט געשמעטערט מיט אַן אונבאַשרייבליכען שטורם.

און וואָס ערגער עס האָט זיך דרויסען געמאַכט, איז דער שלום אין דער תיבה גרעסער געוואָרען. דער לייב האָט זיך צוגעטוליעט צום אָקס ווי צו זיינסגלייכען. דער טיגער האָט אַרומשפּאַצירט מיט דעם אייזעל און האָט געגעסען מיט איהם צוזאַמען אַביסעל דערנער. דער וואָלף האָט זיך געחבר׳ט מיטן פערד און האָט זיך געלאָזט מכבד זיין פון איהם מיט אַביסעל האָבער. דער אָדלער האָט זיך געפעסטעט מיט דער טויב און דער גייער איז געווען איין לייב-און-נפש מיט דעם קאַנאַרעק.

נח האָט משונה הנאה געהאַט, זעהענדיג ווי ווייט אַ שלעכטע צייט קאָן מאַכען שלום צווישען די גרעסטע שונאים.

---

40 טעג און 40 נעכט האָט נישט אויפגעהערט צו רעגנען. 150 טאָג האָט דאָס וואַסער נאָכאַנאַנד געראַנשט און געשטורעמט.

אין דער תיבה איז אלץ געווען שלום ושלוה. די בהמות, די חיות און די עופות האָבען זיך פשוט געגעסען פון די פּיסקלעך. מען האָט שוין גאָר איינגאַנצען געהאַט פאַרגעסען, וואָס פאַר אַ פאַרשידענע מיני ברואים עס געפינען זיך דאָ צוזאַמען.

די קוה האָט אַרויסגעפיהרט איהר יונג קעלבעל און האָט איהם געוויזען: „זעהסטו, מיין קינד, דאָס איז אַ לייב, דאָס איז אַ וואָלף, דאָס איז אַ טיגער, זעהסטו, אונזערע עלטערן האָבען נישט געוואוסט, ווי אַזוי מען דאַרף מיט אַזוינע גרויסע חיות אומגעהן און האָבען נעביך דורכדעם שטאַרק מורא גע-האַט פאַר זיי"...

דאָס פערד האָט אַרויסגעפיהרט זיין יונג פערדעל און האָט איהם גע-וויזען: „זעהסטו מיין קינד, דאָס איז אַ לייב, דאָס איז אַ וואָלף, דאָס איז אַ טיגער. זעהסטו, אונזערע עלטערן האָבען נישט געלעבט מיט זיי אין שלום און עס איז זיי דורכדעם שלעכט געווען. מען דאַרף זיך אָבער צוגעוואוינען צו זיי טהוען זיי גאָרנישט קיינעם קיין שלעכטס"...

דער אייזעל האָט אַרויסגעפיהרט דאָס יונגע אייזעלע זיינס און האָט איהם דערצעהלט פון די צרות, וואָס זייערע עלטערן האָבען געהאַט צו ליידען פון אָט די חיות, און היינט איז אַלסדיג אַנדערש געוואָרען. ווער האָט זיך אויף דעם אַמאָל גערעכט?

דרויסען האָט אָנגעהויבען אַביסעל בעסער צו ווערען. מען האָט שוין אַרויסגעזעהן אַ שפּיץ באַרג און די חיות האָבען שוין אָנגעהויבען אומגעדול-דיג ווערען, זיי האָבען געוואָלט וויסען, ווען מען וועט שוין קענען אַרויסגעהן פון דער תיבה.

אין עטליכע טעג אַרום האָט נח אַרויסגעשיקט די טויב, זי זאָל זעהן, צו מען קאָן שוין ערגיץ אַרויסקומען אויף דער וועלט.

גליקליך איז געווען די טויב פון דעם שליחות. גאָט זאָל נאָר העלפען, מען זאָל שוין קענען אַרויס אויף דער גאַס, וועט זיך אָנהויבען אַ נייע לעבען. איך וועל נישט מעהר דאַרפען מורא האָבען פאַר קיינעם. פראַנק און פריי וועל איך מיר בויען אַ נעסט, וואו עס וועט זיך מיר נאָר גלוסטען... עס איז איהר גאָרנישט איינגעפאַלען צו פרעגען: „ווי קום איך שוואַכע טויב צו דעם שליחות? איז דען נישט דער אָדלער שטאַרקער פון מיר? קאָן ער דען נישט העכער פליהען ווי איך?" דאָס איז איהר גאָרנישט איינגעפאַלען צו פרעגען, אדרבה עס האָט איהר שטאַרק הנאה געטהון פון דעם כבוד, וואָס מען האָט איהר צוגעטיילט, אַז אַלע חיות, אַלע בהמות, אַלע עופות און אפילו נח אַליין האָבען צוטרויען צו איהר, זיך צו פאַרלאָזען אויף איהר מיט אַזאַ וויכטיגע שליחות...

און אַז די טויב איז געקומען צוריק מיט אַ גרין בלעטעל אין מויל, האָט אַלעם געטאַנצט פאַר שמחה, די בהמות זענען אַרומגעשפרונגען ווי דול, די עופות האָבען געקלאַפּט מיט די פליגלען און מיט די שנאָבלען און די חיות האָבען שיער נישט איבערגעקעהרט די תיבה פאַר גרויס פרייד.

אַלעם האָט זיך געפיהלט גליקליך. אָט וועט בעסער ווערען און אָט וועט זיך טאַקי אָנהויבען אַ נייע לעבען.

ענדליך האָט גאָט געהאָלפען, די זון האָט אויפגעשיינט און די ערד איז אויסגעטרוקענט געוואָרען. נח האָט אַראָפּגענומען דעם דאַך פון דער תיבה און זעהענדיג, אַז עס איז שוין אומעטום טרוקען, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַלע חיות, אַלע בהמות און אַלע עופות פון דער תיבה. נח האָט אויך געוואָלט אָפּגעבען צו גאָט אַ דאַנק פאַר זיינע גרויסע חסדים, וואָס ער האָט איהם איינגעגעבען שכל, ער זאָל זיך מאַכען אַ תיבה, כדי ער זאָל זיך דערהאַלטען ביים לעבען מיט זיין פאַמיליע, ווערהענד אַלע אַנדערע מענשען זענען אויסגעשטאָרבען. האָט ער גענומען די שענסטע צוויי ציגעלעך און האָט זיי געשחט'ן פאַר אַ קרבן. די ציגעלעך האָבען געביך געלאָזט אַלסדינג מיט זיך טהון און עס איז זיי גאָר נישט איינגעפאַלען צו פרעגען: „מענש! אַז דו ווילסט דעם גרויסען גאָט דיינעם דאַנקען פאַר זיינע חסדים, וואָס נעהמסטו צוויי שוואַכע ציגעלעך? וואָלט דען נישט בעסער געפאַסט, דו זאָלסט נעהמען אַ לייב, אַ טיגער אָדער אַן אַנדערע שטאַרקע חיה, מקריב צו זיין פאַר גאָט"? אַזעלכע שאלות זענען די ציגעלעך אפילו נישט איינגעפאַלען צו פרעגען. אדרבה עס האָט זיי שטאַרק הנאה געטהון, אַז נח האָט זיי אויסגעקליבען

פֿון צווישען אַלע אַנדערע בהמות און אַלע אַנדערע חיות, צו שחט'ן פֿאר אַ קרבן...

דערנאָך איז דער אָקס צוגעלאָפֿען צום לייב און האָט זיך געוואָלט מיט איהם קושען צום געזעגנען. דער לייב האָט איהם אָבער געגעבען אַ שליידער, אַז ער האָט שיער נישט די ציין געקליבען... דאָס פֿערד האָט דאָס צוגעקוקט און האָט עפּיס געוואָלט זאָגען צום טיגער, נאָר דער טיגער האָט אויף איהם געטהון אַ קוק און אַ ברום, ווי איינער זאָגט: "אַז דו טראָגסט דיך נישט דאָ תיכף אָפּ, מאַך איך פֿון דיר אַ תל!" דער אייזעל האָט דאָס נישט געקאָנט פֿאַרשטיין. "ווי הייסט"? האָט ער געפֿרעגט, "דרינען אין דער תיבה זענען זיי געווען מיט אונז גאַנצע מחותנים, האָבען אויפֿגעגעסען דאָס גאַנצע גראָז אונזערס און האָבען אונז צוגעזאָגט, אַז עס וועט שוין זיין שלום צווישען אונז, און אַצינד מאַכען זיי זיך פלוצלינג אַלעם פֿאַרגעסען!"...

— אוי, זענט איהר חמורים! — האָט זיך אויף דעם דער פֿוקס אָנגעררופֿען — דרינען אין דער תיבה האָט זיי געפּאַסט אַזוי צו זאָגען און איהר זענט אין דער אמת נישט מעהר ווי בהמות, אַז איהר האָט זיי געגלויבט. ס'איז געווען אַ צרה, מען האָט געמיינט, אַז עס וועט שוין קיינמאָל נישט בעסער ווערען, אַז מען וועט שוין מוזען שטאַרבען אין דער תיבה, האָט מען זיך נישט געוואָלט פֿאַרביטערן די לעצטע מינוטען מיט שנאה. איבערהויפּט, אַז מען האָט געהאַט וועניג צו עסען און איהר האָט יעדעס מאָל אָפּגעגעבען אַ טייל פֿון אייער חלק, האָט מען דאָך אַוודאי נישט געהאַט קיין שום סבה, צו קריגען זיך מיט אייך. אָבער אַצינד, אַז גאָט האָט טאַקי געהאָלפֿען און מען איז שוין בשלום פּטור געוואָרען פֿון דער תיבה, איז טאַקי אַ לייב ווייטער לייב און טיגער ווייטער טיגער, אָקס איז ווייטער אָקס און פֿערד איז ווייטער פֿערד...

בבל

מען מוז זיך צוזאַמען־נעהמען, בויען אַ שטאָדט מיט אַ הויכער פּעס־טונג! — אַזוי האָבען די מענשען אָפּגעשמועסט צווישען זיך.

איינער האָט אויפגעגעבען דעם געדאַנק און אַלעם האָט מסכים געווען דערצו.

„אמת" — האָט יעדער געזאָגט — „מיר דאַרפען נויטיג אַ שטאָדט ווי דאָס לעבען, מיר זאָלען קענען וואוינען נעהנטער איינער ביים אַנדערן; אונזערע הייזער זאָלען נישט זיין אַזוי צעוואָרפען, ווי זיי זענען; מיר זאָלען גיכער קענען העלפען איינער דעם אַנדערן; מיר זאָלען זיך גיכער קענען וועהרען, ווען אַ שונא וועט אונז אַמאָל איבערפאַלען; מיר דאַרפען האָבען אַ שטאָדט, וואו יעדער זאָל האָבען פּלאַץ און עס זאָל קיינער נישט דאַרפען אַרומבלאָנקען זיך אין דער וועלט".

יעדען האָט זיך אויך געדאכט אַז אָט דאָס איז טאַקי געווען זיין געדאנק, זיין אייגענער אויפטהו.

פון דעם האָט מען אָבער נאָר געשמועסט, צו טהון האָט מען זיך ערשט גענומען, נאָכדעם ווי איינער האָט צונויפגערופען אַן אסיפה, אויף וועלכער ער האָט דערצעהלט, ווי נויטיג מ'דאַרף האָבען אַ שטאָדט. אַלעם האָט אויך מסכים געווען צו זיינע רייד און מען איז געגאַנגען, זיך טאַקי תיכף נעהמען צו דער אַרבייט.

אויף דער אסיפה האָבען אפילו עטליכע געדרעהט מיט דער נאָז. „אמת — האָבען זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן שטילערהייט — מיר דאַר־פען טאַקי אַ שטאָדט; עס איז אָבער פאָרט נאָך נישט די צייט אָנצוהויבען אַרבייטען אין דעם, דער דור איז נאָך נישט ראוי דערצו"... זיי האָבען נעביך געהאַט עגמת־נפש, וואָס זיי האָבען זיך נישט גענומען צום צונויפ־רופען די אסיפה. זייער עגמת־נפש און זייערע אָראָפּגעלאָזטע נעז האָבען זיך אָבער פאַרלוירען אין דעם גרויסען התלהבות וועגען דעם נייען פּלאַן.

עס האָט זיי איבערהויפּט קיינער נישט געהערט, ווייל זיי האָבען נישט גע־רעדט הויך און עפֿענטלעך, נאָר גלאַט אַזוי שטילערהייט צווישען זיך.

צו דער אַרבייט האָבען זיך די מענשען אַליין געמאָלדען. איינער איז געוועזן אַ מאָלער, איינער האָט געקאָנט סטאָלערײַ, איינער שטיינשלעגערײַ און איינער האָט נאָר געקאָנט אַזוי דערלאַנגען וואָס מען דאַרף. און געאַר־בעט האָט אַלעס מיט חשק, מיט פֿאַרגניגען. יעדער האָט געוואוסט, אַז ער אַרבעט נאָר פֿאַר זיך און פֿאַר זיינע קינדער. און דאָס האָט געמאַכט קוראַזש צו דער אַרבייט.

— —

זיי האָבען געוואָלט בויען אַ שטאָדט, זיי זאָלען קענען וואוינען נעהנטער איינער צום אַנדערן, די הייזער זייערע זאָלען נישט מעהר זיין צעוואָרפֿען. איינער דעם אַנדערן זאָל גיכער קענען העלפֿען, זיי זאָלען זיך גיכער קענען וועהרען געגען אַ שונא. יעדער זאָל האָבען פּלאַץ און נישט אַרומבלאָנקען זיך אין דער וועלט. ווי עס איז אָבער געקומען דעם פּלאַן אויסצופֿיהרען, איז שוין שווערער געוואָרען.

„אַז מען אַרבעט פֿאַר יענעמס וועגען, מוז מען טאַקי טהון ווי יענער וויל; אַז איך אַרבעט אָבער פֿאַר מיינעטוועגען, דאַרף איך נישט קיין עצות, ווייל איך פֿאַרשטעה שוין אַליין וואָס איך האָב צו טהון"...

אַזוינע טענות האָט מען כסדר געהערט. יעדער האָט געוואָלט, די שטאָדט זאָל זיין געבויט דוקא נאָך זיין פּלאַן, אַנדערש נישט.

ביים לעגען דעם פֿונדאמענט האָט מען זיך נאָך ווי עס איז געאייניגט. מען איז זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַן אסיפה און מען האָט געמאַכט צווישען זיך אַ פּשרה, ווי אַזוי דער פֿונדאמענט זאָל זיין.

„וואו וועט מען נעהמען אַזויפֿיעל שטיינער, וואו וועט מען נעהמען אַזויפֿיעל צעמענט?" — אָט דאָס איז געוועזן אַ האַרבע שאלה, וואָס האָט באַאונרוהיגט די געמיטהער אויף דער דאָזיגער אסיפה. לסוף איז געבליבען בהסכם, צו נעהמען ציעגעל אַנשטאָט שטיינער און ליים אַנשטאָט צעמענט.

עטליכע האָבען אפילו גערדרעהט מיט דער נאָז, געמאַכט מיטן קאָפּ, זיי זענען נישט צופֿריעדען געוועזן. נאָר פֿאַרפֿאַלען, דער רוב פֿון דער אסיפה האָט באַשלאָסען אַזוי צו טהון און דאָרט וואו דער רוב באַשליעסט, מוז דער יחיד שווייגען. אַ טייל האָבען שוין דאַריבער געשריגען אויף אַ קול: דער רוב איז אָהן שכל, אַ סטאַדע שאָף! עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפֿען.

— —

פּלוצלינג האָט די אַרבייט אָנגעהויבען שוואַכער צו ווערען. דער עולם האָט אָנגעהויבען פֿאַרליערען דעם חשק. עטליכע האָבען געשפּיעלט אַ רוגז,

ווייל מען האָט זיי נישט געוואָלט נאָכגעבען וואָס זיי האָבען געוואָלט. אַ טייל האָבען שוין גאָר חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער מעשה. "כדאי טאַקי צו אַרבייטען אַזוי שווער פאַר קינדרסוועגען", האָט איינער געזאָגט. "מיר איז אַלסדינג רעכט און אַז עס וועט מיינע קינדער נישט געפעלען, וועלען זיי זיך עס קענען אַנדערש מאַכען", האָט אַ צווייטער געזאָגט. "מיין טאַטע האָט מיך אויך נישט בעסער פאַרזאָרגט", האָט נאָך אַ דריטער צוגע־געבען. דאָס אַלעס האָט מען זיך אָבער געשעמט עפענטליך אַרויסצוזאָגען. מ'האָט דאַריבער נאָר געזוכט פעהלער אין דער אַרבייט גופא, כדי צו באַוויי־זען, אַז זי טויג נישט. אָדער צו האָבען אַ געלעגענהייט ברוגז צו ווערען.

"דער פונדאַמענט איז שוואַך און דער גאַנצער בנין וועט נישט לאַנג האַלטען!"

— געה טענה'ן, אַז מען האָט מ י ך נישט געוואָלט פאָלגען...

— דיך האָט מען געדאַרפט פאָלגען? מ י ך ווען מען זאָל געוועז פאָלגען, וואָלט גאָר אַנדערש געוועז...

— ד י ך ? דו טפש האָסט געוואָלט מען זאָל דיך פאָלגען?...

אזעלכע טענות האָבען זיך געלאָזט הערען און די אלע טענות האָבען זיך יעדעסמאָל געענדיגט מיט א שאַרפער מחלוקה. מען האָט זיך געקריעגט, איינער האָט דעם צווייטען אויסגעמישט מיט דער בלאָטע און עס איז אויך נישט זעלטען געקומען צו אַ געשלעג...

ענדליך איז אַרויסגעוואקסען א גאַנץ נייע מלחמה. איינער האָט אויפ־געוואָרפען די שאלה: ווי אַזוי וועט דער בנין זיין געפארבט אויסענווייניג און ווי אזוי וועט ער זיין באַמאָלען אינעווייניג?

— אויסענווייניג בלאָה, אינעווייניג וויס! — האָט איינער געזאָגט זיין דעה.

— חלילה! — שרייט אן אנדערער — אויסענווייניג וויס, אינעווייניג רויט.

— עס הויבט זיך גאָר נישט אָן! — שרייט א דריטער — אויסענווייניג שווארץ, אינעווייניג געל.

— לא מיט אן אלף! — שרייט א פירטער — אויסענווייניג גרין, אינעווייניג בלאָה.

— פאַרבען־בלינדע חמורים, וואָס ווילט איהר אונזער שטאָדט רואינירען?

— שרייט א פיפטער — איך וויל אויסענווייניג געל און אינעווייניג וויס.

— בטלנים! איהר ווילט אונז נאָר מאכען צו לייטיש געלעכטער!

— שרייט א זעקסטער — אזוי ווי איך וויל, אזוי וועט זיין: אויסענווייניג רויט, אינעווייניג גרין.

"אייער קריגען זיך, איז נאָך לעת עתה גאנץ בחנם. איהר האלט דאָך נישט ביי די פאַרבען. קודם ארבעט'ס ווייטער פלייסיג און אז איהר וועט דערנאָך האלטען ביי די פאַרבען, וועט איהר דעמאָלס צייט האָבען אייך אויסצוטענה'ן".

אזוי האָבען די רודפי שלום געזאָגט. מ'האָט זיי אָבער נישט געהערט. די מחלוקה איז מיט יעדען טאָג גרעסער געוואָרען. די ארבייט האָט מען שוין אינגאנצען איינגעשטעלט און איבעראל, וואו מען איז געגאנגען און וואו מען איז געשטאנען, האָט מען נאָר געזעהן כתות מענשען שטעהן און קריגען זיך.

ביי דער מחלוקה האָט מען אויך פאַרגעסען דעם אייגענטליכען צוועק. מען האָט פאַרגעסען, אז מ'וויל בויען א שטאָדט, אז מ'דאַרף זי נויטיג, כדי צו קענען וואוינען נעהנטער איינער ביים אנדערן, איינער זאָל גיכער קענען דעם אנדערן העלפען, מען זאָל זיך בעסער קענער וועהרען געגען דעם שונא, יעדער זאָל האָבען פלאַץ און נישט אַרומבלאָנקען זיך אין דער וועלט. אין דער מחלוקה איז דאָס אלסדינג נישט מעהר געוועזן ווי אַ טפל, אַ נעבענזאַך. דער עיקר איז געוועזן די פאַרב, ווי אַזוי דער בנין וועט זיין געפאַרבט אויסען־וויניג און ווי אַזוי ער וועט זיין געמאָלט אינעווייניג. שפּעטער האָט מען אפילו דאָס אויך פאַרגעסען און מען האָט זיך געקריגט, ווייל מען האָט זיך פשוט אַזוי געוואָלט קריגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַלע האָבען געוואָלט בויען אַ שטאָדט, אַלע זענען געווען אייניג, אַז מען דאַרף די שטאָדט האָבען, אַז זי איז נויטיג ווי דאָס לעבען — און צוליעב אַ קלייניגקייט איז דער גאַנצער בנין צוגרונד געגאַנגען.

דער וִכּוּח

גאַנץ אוּר־כּשׂדים האָט געקלונגען. קופּקעלעך מענשען זענען גע־שטאַנען אין די גאַסען און האָבען גערעדט וועגען דעם נייעס, וואָס וועט מאָרגען זיין אין שטאָדט. אברם בן־תרח איז פֿאַרבעטען צום קעניג נמרוד. דער קעניג וויל זיך מיט איהם אַביסעל אויסטענה'ן, ער וויל איהם באַווייזען, אַז ער פֿאַרשטעהט גאָר נישט, אַז דאָס גאַנצע חקר'נען זיינס האָט נישט קיין שום ווערט, אַז ער איז פּראָסטע פּשוט אַ "קונדאַס" און נישט מעהר.

דער קעניג האָט געהערט, וואָס פֿאַר א צרות אָט דער אברם טהוט נעביך אָן זיין טאַטען, ווי ער רעדט אָפּ אַלע, וואָס קומען צו תרח'ן קויפֿען געטער, זיי זאָלען נישט קויפֿען, ווייל די געטער קענען גאָר נישט העלפֿען, און אַז מען זאָגט איהם: "זעהסט דאָך, אַז עלטערע מענשען פֿון דיר האַלטען פֿון אָט די געטער", ענטפֿערט ער קורץ און שאַרף: חמורים זענען דאָס, נישט קיין מענשען!"... ביז אַצינד האָט מען איהם געשוויגען, מען האָט געקלערט: מילא אַ קינד, ער וועט עלטער ווערען, וועט ער קליגער ווערען, נאָר דאָ נעכטען צי אייערנעכטען האָט ער שוין אַזוינס אָפּגעטהון, וואָס מען קאָן עס שוין נישט בשום אופן פֿאַרשוויגען. דער פֿאָטער האָט עפּיס באַדאַרפֿט אַוועק־געהן פֿון דער היים, געהט זיך דער תכשיט און צעהאַקט אַלע געטער אויף שטיקלעך, דערנאָך גיט ער דעם גרעסטען גאָט די האַק אין די האַנד אַריין און זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקעל, גלייך עס וואָלט דאָ גאָר נישט געשעהן. דער פֿאָטער קומט אַ היים און זעהט די חורבה, ווערט איהם פֿינסטער פֿאַר די אויגען.

"אברם'ל!" — פֿרעגט ער — "ווער האָט דאָס געטהון?"

— דו זעהסט דאָך טאַטעשי! — ענטפֿערט דער קונדאַס — אָט דער גרויסער גאָט דאָ האָט זיך עפּיס צעווערטעלט מיט די איבריגע געטער, זיי האָבען איהם נישט געוואָלט פֿאָלגען, איז ער געגאַנגען און האָט געחאַפּט די האַק און האָט זיי אַלע צעהאַקט...

„וואָס רעדסטו, דו שוטה?“ — מאַכט תרח — „ווי קאָן איין שטיק האָלץ האַפּען אַ האַק און צעהאַקען אַן אַנדער שטיק האָלץ?“

— און ווי אַזוי קענען מענשען מיט שכל גלויבען אין אַזאַ שטיק האָלץ? — האָט אברם צוריק געענטפערט דעם טאַטען.

תרח האָט געזעהן, אַז די זאַך געהט שוין אין גדולות אַריין, האָט ער דעם זוהן צוגעקלאָגט צום קעניג, און אָט מאָרגען וועט זיך דער קעניג מיט איהם אויסטענה'ן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף אַ שטוהל פון עלפּענביין, אַ שנירעל ביינער פון אַליין־געשאָסענע חיות אויף'ן האַלז, אונטער די פיס אַ מאַטראַץ פון אַ לייבען־הויט, אין דער האַנד אַ לאַנגע שפּיעס, — אָט אַזוי איז געזעסען דער קעניג נמרוד. רעכטס און לינקס זענען געשטאַנען זיינע קנעכט. וואָס האָבען איהם געקוקט אין מויל אַריין, וואַרטענדיג אויף אַ ווינק, אויף אַ באַפעהל.

תרח איז אויפגעטרעטען אַלס קלעגער געגען זיין זוהן און חוץ די באַקאַנטע מעשיות האָט ער נאָך דערציילט:

— איינמאָל האָט מיך אברם געפרעגט: „זאָג נאָר, טאַטעשי, ווער האָט אונז אַלע באַשאַפען; דיך, מיך, נחור'לען און הרן'דלען?“ אויף דעם האָב איך איהם געוויזען די געטער אין שטוב און האָב איהם געזאָגט: „אָט זעהסטו, מיין קינד, ווער עס האָט אונז אַלע באַשאַפען!“ מיין אברם זעצט אויס אַ געלעכטער: „ווי אַזוי האָבען די האָלצערנע געטער געקאָנט דיך באַשאַפען, אַז דו אַליין האָסט זיי געמאַכט?“... „זעהסט דאָך!“ האָב איך איהם געענטפערט „ווי הייסט זעהסט דאָך?“ מאַכט ער ווייטער צו מיר, „זעהסט דאָך איז נאָך נישט קיין תשובה אויף מיין שאלה“...

דער קעניג האָט געגעבען אַ ווינק און צוויי דיענער האָבען געבראַכט אברם'ן צו פיהרען.

אברם איז געווען אַ שעהן אינגעלע מיט אַ פּאָר רויטע בעקלעך, אַ פּאָר לעבעדיגע אויגען און אַ הויכען שטערן.

— קום נאָר אַהער דו קונדאַס! — זאָגט צו איהם דער קעניג מיט אַ שמייכעל, — עפּיס פיהרסט דו דיך נישט בדרך הישר. וואָס איז דאָס אַזוינס מיט דיר? ווילסט זיין קליגער פון אַ וועלט מענשען, פון דיין טאַטען, פון דיינע ברידער? פע, שעהם דיך!

אברם איז געבליבען שטיל און האָט נישט גערעדט קיין וואָרט.

— וואָס איז מיט דיר עפּיס? פרעגסט דיין טאַטען קשיות? מיט דיין קינדישען שכל ווילסטו פאַרשטעהן אַזעלכע זאַכען, וואָס עלטערע מענשען פון דיר קענעי נישט באַגרייפען...?

אברם איז ווייטער געשטאַנען שטיל און האָט נישט גערעדט קיין וואָרט.

— נו, עפּען שוין אַ מויל, חכם איינער! לאָז מיך אויך הערען דיינע שאלות, דיינע ספקות, אפשר וועל איך דיר זיי קענען פאַרענפערן, אפשר וועל איך דיר זיי קענען אויפקלערען...

אברם האָט זיך נאָך נישט אָנגערופען קיין וואָרט.

— נו, רעד שוין! — מאַכט דער קעניג מיט אַ ווייך קול — באַדאַרפסט גאָר נישט קיין מורא האָבען. רעד, פרעג, קריטיזיר, ווי וויט דו ווילסט נאָר. דו מעגסט אַרויס-זאָגען פריי אַלע דיינע מיינונגען, עס וועט דיר גאָר נישט געשעהען...

אברם האָט אָנגעהויבען רעדען.

„ביסט אַ קינד!" — האָט איהם דער קעניג איבערגעהאַקט זיינע רייד.

אברם האָט ווייטער גערעדט.

„דאָס איז נישט פאַר דיין קינדיש-נאַרישען שכל!" — האָט איהם דער קעניג געזאָגט.

און אברם האָט ווייטער גערעדט.

„שטותים!" — האָט דער קעניג אַריין-געוואָרפען אַ וואָרט מיט א נער־וועזען ציטער.

אברם האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו רעדען זיינס.

„אָ, ביסטו אַן אַפּיקורס!" האָט דער קעניג געזאָגט מיט כעס" — איך האָב גאָר נישט געוואוסט, ווי וויט דיין אַפּיקורסות געהט"...

— איהר האָט מיר געזאָגט. איך זאָל אייך זאָגען מיינע שאלות, מיינע ספקות; איך זאָל רעדען, פרעגען, קריטיזירען, אַזוי פיעל איך וויל נאָר. איהר האָט אָבער נישט קיין תשובות אויף מיינע שאלות, איבערדעם זאָגט איהר, אַז איך בין אַ קינד, אַז דאָס איז נישט פאַר מיין קינדיש-נאַרישען שכל, און אַז איך רעד אַפּיקורסות. דאָס אַלעס איז נאָך נישט קיין תשובה אויף מיינע קשיות...

נמרוד איז בלייך געוואָרען.

געננג געבאלאַקעט! — האָבען די צוהערער געשריגען — געננג! מיר ווילען נישט מעהר הערען זיין אַפּיקורסות...

„איהר האָט רעכט, קינדערלעך!" — האָט זיך דער קעניג אָנגערופען — „עס וועט שוין טאַקי געננג זיין. איהר מעגט איהם אייך שוין נעהמען"...

— אין פייער אַריין מיט אַזאַ אַפּיקורס! — האָט דער עולם געשריגען.

— אָבער אדוני קעניג! — שרייט אברם — איהר האָט דאָך מיר צו־

געזאָגט "רעדע-פֿרייהייט". איהר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז איך מעג רעדע: וואָס איך וויל...

"רעדע פֿרייהייט האָט אויך אַ געוויסע גרעניץ!" — איז געווען דעם קעניג'ס תשובה.

וואָס אברם האָט ווייטער געזאָגט, דאָס האָט מען שוין נישט געהערט, ווייל מען האָט איהם אַוועק־געשלעפּט מיט געוואַלט...

"רעדע־פֿרייהייט האָט אַ גרעניץ — האָט נמרוד געזאָגט און די גרעניץ פֿון רעדע-פֿרייהייט איז דער כח פֿונם געגנער...

מ ש ה

א

ווי אַ קעניגליכער פּרינץ איז משה געגאַנגען אָנגעטה׳ן אין גאָלד און זילבער, געבען איהם זענען תמיד געשטאַנען באַדיענטע, וועלכע האָבען איהם כסדר נאָר געקוקט אין די אויגען אַריין, וואַרטענדיג אויף אַ בליק, אויף אַ ווינק.

בתיה איז געווען די געליעבטעסטע טאָכטער ביי פּרעה׳ן, און משה איז געווען איהר ליעבלינג, זי האָט נישט געלאָזט קיין ווינטעל וועהען אויף איהם און האָט איהם געהיט ווי דאָס שוואַרצע פון אויג.

ס׳איז אויך געווען וואָס ליעב צו האָבען, אַ אינגעלע, שעהן ווי אַ געמאָלט בילד, גרוים געוואַקסען, מיט אַ פּאָר פייעריגע אויגען ווי צוויי בריליאַנטען, ער איז אפילו געווען אַ שטיקעל כבד־פה, ער האָט זיך מאַנכעס מאָל אַ ביסעל פאַרהיפּעט. דאָס האָט איהם אָבער נישט געשאַדט, ווייל מען האָט עס וועניג וואָס באַמערקט.

און באַליעבט איז ער געווען ביי אַלע אין קעניגליכען הויף. ביי די יועצים פונם קעניג און ביי די ישׂרוֹת, ביי די כהנים און ביי די חרטומים, אפילו ביי דער דיענערשאַפט אויך. נאָר מעהר פון אַלע האָט איהם פּרעה אַליין ליעב געהאַט. יעדען טאָג האָט ער געמוזט קומען, פאַרברענגען ביי איהם עטליכע שעה, בשעת דער קעניג האָט זיך באַראָטען מיט זיינע יועצים וועגען אַנגעלעגענהייטען פון דער רעגיערונג, צי ווען ער האָט געשמועסט מיט די כהנים וועגען אמונה, אָדער בשעת די חרטומים האָבען איהם דערצעהלט סודות פון זייער חכמה, האָט ער תמיד געהאַלטען משה׳ן אויף דעם שוים און האָט זיך מיט איהם געשפּיעלט. און אַז משה האָט אַמאָל אַריינגעוואָרפען עפּים אַ חכמה׳דיג ווערטעל, צי ווען ער האָט אַמאָל געפרעגט אַ קלוגע שאלה, האָט דער קעניג שטאַרק מקבל תענוג געווען דערפון, די יועצים האָבען אויך געהאַט פאַרגניגען, אפילו די ערנסטע כהנים און די חרטומים האָבען געמוזט לאַכען. דערנאָך האָט יעדער דערצעהלט די חכמה ביי זיך אין דער היים, ביז מען האָט זי אַרומגעטראָגען איבער גאַנץ מצרים...

נאָר די קעניגליכע פּרינצען האָבען זיך געהאַלטען ווייט פון איהם, צי ווייל זיי האָבען איהם מקנא געווען, וואָס ער איז קליגער און שעהנער פון זיי, צי ווייל אַלע מענשען אין הויף און אפילו פרעה אַליין האָבען איהם אַזוי שטאַרק ליעב, צי ווייל זיי האַלטען איהם נישט פאַר זייערס-גלייכען — דאָס האָט משה נישט געוואוסט.

אָפּטמאָל האָט ער אפילו געהאַט גרויס עגמת-נפש פון דעם. אָט איז ער געשטאַנען און האָט זיך געשפּיעלט אין קעניגליכען גאָרטען און די דיענער האָבען געלאַכט פון זיינע חכמה'לעך און פלוצלינג איז פאַרביי-געגאַנגען עפּעס אַן אַנדער פּרינצעל מיט זיינע באַגלייטערס, קאַלט ווי אייז, שטאָלץ און אויפגעבלאָזען און האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף איהם. עטליכע שריט ווייטער האָט אָבער דאָס זעלבע פּרינצעל אַן אַנדערן פּרינץ באַגעגענט, האָבען זיך ביידע שוין גאַנץ פריינדליך באַגריסט אָדער גאָר אַוועקגעשטעלט שמועסען... אָט דאָס האָט זיך משה גאָר נישט געקאָנט ערקלעהרען... און אַז ער האָט געפרעגט ביי דער פּרינצעסין בתיה, האָט זי איהם גאָר נישט געענטפערט, אָדער זי האָט אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד ווי איינער זאָגט: „לאָז עס דיך נישט אַרען!"...

איינמאָל, ווען משה איז שוין עלטער געווען, האָט ער זיך געלאָזט געהן שפּאַצירען מיט זיינע באַגלייטער און איז פאַרקראָכען זעהר ווייט, העט אַזש קיין גשן, וואו די אידען האָבען געוואוינט. דאָרט איז ער געבליבען שטעהן און האָט צוגעקוקט מיט גרויס אינטערעס, ווי די אידען אַרבעטען. אויפ'ן וועג אַהיים האָט ער דאַן אויסגעפרעגט די באַגלייטער, וואָס דאָס זענען פאַר אַרבייטער, פאַרוואָס זיי אַרבעטען אַזוי שווער און פאַרוואָס מען טרייבט זיי אַזוי שטאַרק צו דער אַרבייט. די באַגלייטער האָבען איהם אַלעס ער-קלעהרט און ער האָט געהאַט גרויס רחמנות אויף די דאָזיגע אומגליקליכע. עס האָט איהם דאָס הערץ געשניטען פאַר מיטלייד.

פון דעמאָלס אָן האָט עס איהם שוין יעדען טאָג דאָרט אַהין געצויגען, זיך צוצוקוקען צו דער אַרבייט פון די אידען. דערנאָך האָט ער זיך פאַרנומען צו רעדען מיט'ן קעניג וועגען דעם. אפשר וועט זיך לאָזען פועל'ן, דער קעניג זאָל איהם צוליעב נישט לאָזען די מענשען אַזוי שטאַרק פּייניגען און מאַר-טערן ביי דער שווערער אַרבייט...

לאַנג האָט ער געזוכט די געלעגנהייט, צו רעדען מיט פרעה'ן וועגען די אידען, ביז ער האָט אַמאָל געטראָפען אַ פּאַסענדע שעה. פרעה איז געווען גראָד דעמאָלט זעהר גוט אויפגעלעגט. ער איז אַליין צוגעגאַנגען צו משה'ן און האָט איהם געגלעט דאָס גלאַטע סאַמעטענע פּנים און געגעבען איהם אַ קניפּ אין בעקעל.

— נו, דערצעהל מיר עפּעס, משה'לע! — האָט פּרעה געזאָגט מיט ליעבשאַפֿט.

עטליכע מינוט האָט משה געשוויגען, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען רעדען, זיינע אויגען האָבען געשטראַלט און געפֿונקעלט.

— זייט אַ צייט בעקוק איך דיין לאַנד און זעה אומעטום, ווי אַלע דיינע אונטערטהאַנען פֿיהלען זיך גליקליך און צופֿרידען אונטער דיין ממשלה. נאָר אויף איין אָרט האָב איך געהערט שווערע זיפֿצען... אין גשן, דאָרט האָב איך געזעהן אַ פֿאָלק, פֿאַראורטיילט צו שווערע אַרבעטען, צו פּיין און צו צרות. זאָג מיר גרויסער קעניג, פֿאַרוואָס דאָס איז? וואָס האָבען די מענשען אַזוי שטאַרק געזינדיגט, וואָס זיי מוזען ליידען אַזוי פֿיעל צרות?

— צו וואָס דאַרפֿסטו דאָס אַזוי נויטיג וויסען? — האָט איהם דער קעניג געפֿרעגט און זיין בליק האָט זיך פֿאַרפֿינסטערט.

— איך בין נייגעריג, ווייל די מענשען אינטערעסירען מיך זעהר — האָט משה געענטפֿערט — איך קאָן נישט צוקוקען...

— קוקט מען נישט! — האָט דער קעניג געענטפֿערט און אַ לייכטע אויפֿרעגונג האָט געציטערט אין זיין שטימע — איך האָב דען דיך געשיקט קוקען?...

משה איז שטיל געבליבען. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די שאלות זיינע געפֿעלען נישט דעם קעניג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

האָבען משה'ס באַדיענטע באַקומען דאַן אַ בעפֿעהל פֿון קעניג, אַז מעהר טאָרען זיי נישט געהן מיט משה קיין גשן. פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך משה געמוזט יעדעס מאָל אַוועקגנב'ענען פֿון זיינע באַגלייטער, ווען עס איז איהם אָנגעקומען דער חשק צו געהן קיין גשן. ער איז אפילו פֿון דעם צופֿריעדען געווען. ער האָט זיך דאָרט אָהן די באַגלייטער פֿרייער געפֿיהלט. ער האָט זיך געקאָנט אַריינלאָזען אין אַ שמועס מיט די אָרימע אידען, אַמאָל האָט ער אויך איינעם אָדער דעם אַנדערן אונטערגעהאָלפֿען ביי דער אַרבייט אָדער אָפּגעראַטעוועט פֿון שמייץ...

יעדעס מאָל, ווען משה האָט זיך אַוועקגעגנב'עט פֿון זיינע באַגלייטער האָבען זיי עס געמוזט מעלדען דעם קעניג, און דער קעניג איז וועגען דעם שטאַרק ברוגז געוואָרען, די קעניגליכע יועצים האָבען זיך געשושקעט, אַז דאָס אידישע בלוט האָט זיך אין איהם ערוועקט, די כהנים האָבען געזאָגט, אַז דער גאָט "רע" בייזערט זיך אויף פּרעה'ס הויז. און די חרטומים האָבען אויך געזאָגט, אַז עס וועט פֿון דעם נישט אַרויסקומען קיין גוטעס... די

קעניגליכע פּרינצען האָבען שוין אָנגעהויבען אויסצולאַכען משה'ן אין פּנים אַריין, אפילו די באַדיענטע האָבען איהם נישט מעהר אַזוי געפאָלגט ווי פריהער.

משה האָט זיך פון דעם גאָר נישט געמאַכט. ער איז זיך ווייטער גע-גאַנגען יעדען טאָג קיין גשן, חאָטש ער האָט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך וועגען דעם אין קעניגליכען הויף...

ענדליך האָט דער קעניג געשיקט רופען זיין טאָכטער בתיה, און האָט איהר געהייסען רעדען אַן ערנסט וואָרט מיט משה...

בתיה האָט דעם פאָטער געפאָלגט. יעדען טאָג האָט זי משה'ן אָבגע-מוסר'ט, זי האָט איהם געזאָגט, אַז דער קעניג בייזערט זיך וואָס ער געהט קיין גשן, אַז זי אַליין איז אויך אויף איהם וועגען דעם אין כעס, אַז די דאָזיגע מעשים פּאַסען גאָר נישט פאַר אַ קעניגליכען פּרינץ... לסוף האָט זי אָבער געזעהן, אַז איהר גאַנץ רעדען העלפט נישט, האָט זי איהם געזאָגט דאָס לעצטע ערנסטע וואָרט...

זי האָט איהם דערצעהלט, אַז ער איז נישט איהר זוהן, אַזוי ווי ער מיינט. אַז ער איז געבוירען אַלס קינד פון יענעם אונגליקליכען פאָלק, וואָס מוז אַזוי שווער און ביטער אַרבייטען, אַז ער איז געבוירען אין דער צייט, ווען דער קעניג האָט געהייסען אַלע אידישע אינגלעך אַריינוואַרפען אין וואַסער... א י ה ר אַליין האָט ער צו פאַרדאַנקען, וואָס ער איז ניט אַזוי ווי יענע, ווי אַלע ברידער זיינע... אַצינד גיט זי איהם די ברירה: אָדער ער וועט איהר צוזאָגען, אַז ער וועט שוין נישט מעהר געהן קיין גשן, זיין פוס וועט נישט מעהר אַהין שמעקען, אָדער ער מעג זיך אינגאַנצען אַהין געהן צו זיי. זיין אַ קנעכט גלייך מיט זיי, שווער אַרבעטען און געפייניגט ווערען גלייך מיט זיי...

משה האָט אויף דעם גאָר נישט געענטפערט.

ער האָט נישט געוואָלט לענגער בלייבען אַלס פּרינץ אין פּרעה'ס הויז — אין דער צייט ווען ער האָט געוואוסט, אַז די אָרימע פאַרשקלאַפטע מענשען אין גשן זענען זיינע ברידער.

ב

שווער און ביטער האָבען די אידען געאַרבעט אין מצרים. זיי האָבען אָבער געהאַט צו עסען: פליישׁ און פיש, ציבעלעס, קנאָבעל, אוגערקעס און אַנדערע מיני מעדנים, וואָס דאָס האַרץ זייערס האָט נאָר געגלוסט. מען האָט זיי אפילו געשלאָגען און צוגעטריבען צו דער אַרבייט. מען האָט זיי נישט געלאָזט קיין רגע מנוחה. מאַנכעס מאָל האָט אפילו אַ מצרי דער'הרג'ט א איד

אויף טויט. איטליכען טאָג האָט יעדער געמוזט מאַכען אַ געוויסע צאָהל ציגעל און אַז עס האָט איינעם אַמאָל אויסגעפעהלט עטליכע ציגעל האָט ער געמוזט זיינע אייגענע קינדער איינמויערן. יעדעס מאָל ווען מען איז זיך צוזאַמענגעקומען נאָך דער אַרבייט, האָט מען נעביך געקלאָגט און געוויינט וועגען דער ביטערער לאַגע. מאַנכע האָבען זיך אָבער פון דעם אַלסדינג ווייניג וואָס געמאַכט און האָבען זיך געטרייסט: „לאָז זיין וואָס עס איז, אַבי פרנסה! אַ צרות? עט נאַרישקייטען! אויף דעם איז מען דאָך אין גלות!"...

אין פלוצלינג איז אויסגעוואַקסען צווישען זיי איינער אַ משה, וועלכער איז געווען אויפגעצויגען ביי פרעה אין הויף.

יעדען פאַר־נאַכט, ווען דער עולם איז אַהיים־געגאַנגען פון דער אַרבייט, איז ער אָנגעקומען קיין גשן און גערדרש'נט. מענשען זענען געשטאַנען נעבען איהם ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין און זענען גאָר נישט מיעד געוואָרען הערענדיג. קודם האָט ער זיי דערציילט, אַז זיי זענען אין גלות. זיי האָבען עס אפילו אַליין אויך געוואוסט, נאָר ווי אַזוי ער האָט די זאַך „צעלייגט אויף טע־לערלעך", האָט ערשט יעדער אָנגעהויבען אמת'דיג פיהלען דעם ביטערן עול. דערנאָך האָט ער זיי דערציילט, אַז זיי קומען אַרויס פון אברהם־יצחק־יעקב און דער גאָט פון אָט די דריי אבות וויל זיי אַרויספיהרען פונם גלות און זיי ברענגען אין דעם לאַנד אַריין, וואו די אבות זייערע האָבען געוואוינט...

תיכף האָבען זיך אויך געפונען איבערקלוגע לצנים, וואָס האָבען פון דער גאַנצער מעשה חוזק געמאַכט:

— ווייס איך, וואָס ער דולט אַ קאָפּ?

— וואו אַהין געהן? אָט זיצט מען אויף אַן אָרט און מען לעבט יאַקאָיש. היינט געה פאָלג מיך אַ גאַנג און לאָז דיך אַוועק ערגיץ אין עק וועלט...

— אַז ער וועט אונז זיכערשטעלען, אַז מיר וועלען דאָרט האָבען בעסער צו עסען ווי דאָ, וועלען מיר איהם פאָלגען...

אַזוינע און עהנליכע דבורים האָט מען דעמאָלט געפלעגט הערען אין גשן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די אידען אין מצרים האָבען געהאַט איבער זיך צווייערליי אויפזעהער: „נוגשים" און „שוטרים". די נוגשים זענען געווען מ צ ר י ש ע בעאַמטע פון דער עגיפטישער רעגיערונג; די שוטרים זענען געווען אידישע אויפזעהערס. מיני „ראשי־הקהל", וואָס די נוגשים האָבען זיך געקאָנט אויף זיי גוט פאַר־לאָזען...

אָט די שוטרים זענען געווען די גרעסטע געגנער פון משה.

די מעשה מיט משה איז מפורסם געוואָרען אין גאַנצען לאַנד; קינד־און־קייט האָט דערפֿון גערעדט. משה האָט עפֿענטליך געזאָגט וואָס ער וויל. און די נוגשים האָבען געמאַכט די שוטרים פֿאָרווירפֿע: „וואָס פֿעהלט אייך דאָ? פֿאַר־וואָס ווילט איהר אַוועק פֿון דאַנען?“

די שוטרים האָבען זיך איבערדעם געשעמט אַ קאָפּ אויפֿצוהויבען. זיי זענען געווען שטאַרק אין כעס און האָבען צווישען זיך אָבגעמאַכט, משה׳ן צו שטערען אין דער אַרבייט, ווי ווייט נאָר מעגליך.

קודם האָבען זיי געמאַכט פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונגען געגען משה מיט פּאַטריאָטישע רעזאָלוציעס פֿאַר׳ן עגיפּטישען „פֿאַטערלאַנד“. דערנאָך האָבען זיי געשיקט זייערע רעדנער צו משה׳ס פֿאַרזאַמלונגען, זיי זאָלען דאָרט אויפֿטרעטען געגען משה און געגען די באַשטרעבונגען זיינע.

פֿון דעמאָלט אָן האָבען די שלעפּען־טרעגער און די טעלער־לעקער פֿון די „ראשי־הקהל“, דאָס הייסט: פֿון די שוטרים, אָנגעהויבען קומען צו משה׳ס פֿאַרזאַמלונגען און זענען יעדעס מאָל אויפֿגעטרעטען געגען משה און געגען זיינע באַשטרעבונגען.

— אַז מען וועט אפילו אויסגעהן עק וועלט, וועט מען נישט געפֿינען קיין בעסערע מענשען, ווי די מצרים זענען.

— מען טאָר גאָר נישט אין זינען האָבען, דאָס לאַנד צו פֿאַרלאָזען ווייל ווי קאָן מען איבערלאָזען קברים פֿון עלטערן און אַוועק־געהן?

— אידען וואוינען שוין 400 יאָהר אין מצרים, זיי האָבען מיטגעקעמפּפֿט אין אַלע מלחמות און האָבען דאָ אַ רעכט פּונקט ווי אַלע מצרים. אַי וואָס די מצרים ווילען זיי נישט אַנערקענען? חזק! נישקשה, ס׳וועט נאָך קומען אַ בעסערע צייט...

מיט אַזוינע און עהנליכע דבורים האָבען די לייט געקעמפּפֿט געגען משה. עס האָט זיי אָבער גאָר נישט געהאָלפֿען.

זענען די „ראשי־הקהל“ פֿון דאַמאָלס געפֿאַלען אויף אַ נייע המצאה: די פּערזאָן משה איז גרוים געווען ביים פֿאָלק; זיי האָבען זיך איבערדעם פֿאָרגענומען, איהם צו ערנידריגען, ווי ווייט נאָר מעגליך.

— אַודאי זענען אידען אין גלות — האָבען זיי געטענה׳ט — נאָר משה איז נישט די געאייגנעטע פּערזאָן, וואָס קאָן העלפֿען. פֿון קינדווייז אָן איז ער אויפֿגעצויגען אין קעניגליכען שלאָס און האָט זיך קיינמאָל נישט געקימערט וועגען אידען. פּלוצלינג איז ער אויסגעוואַקסען אַ „פֿאַרזאָרגער“, רעדט אין דעם פֿאָלק הוריות פֿון עפּיס אַ לאַנד כנען, נעמט ביי די מענשען אַוועק דעם גאַנצען חשק צו דער אַרבייט, מאַכט חוזק פֿון עגיפּטישען פּאַטריאָטיזמוס און לאַכט פֿון האָפֿען אויף גלייכע רעכטע. מיט די דאָזיגע געננ זיינע פֿאַרגרעסערט

ער די שנאה צו אונז. די מצרים זאָגען שוין היינט גאַנץ אָפען, אַז מיר זענען ליידיגגעהער, פוילענצער, אַז מיר זענען נישט קיין טרייע עגיפטישע בירגער, אַז מיר האָבען נאָר זיך אַליין אין זינען און נישט די טובה פונם לאַנד. אָט דאָס האָבען מיר שוין ריוח פון זיינע פלענער... און ווער איז דאָס דער גאַנצער משה? מען זאָגט אַז איז ער אַ זוהן פון יוכבד דער הייבאַם און געוואוינט האָט ער גאָר אַמאָל מיט אַ "כושיש" ווייב, דערנאָך האָט ער חתונה געהאַט מיט יתרו'ס טאָכטער... ווי קאָן מען גאָר אַזאַ מענש מאַכען פאַר אַ "פיהרער" ביי אידען?...

און אַז איהר ווילט, איז די געשיכטע אַ ביסעל אַנדערש...

שקלאַווען זענען אידען געווען אין מצרים. אַרבייטען האָבען זיי געמוזט שווער און ביטער, עבודת־פרך, איינגעשפאַנט ווי אַ פערד ביים אַקער־אייזען אין פעלד, אָדער ליים קנעטען, ציעגעל ברענען און טראָגען שטיינער, צום בויען הייזער און פעסטונגען.

זיי האָבען אָבער געהאַט צו עסען און צו טרינקען, וואָס דאָס האַרץ זייערס האָט נאָר געגלוסט: ברויט מיט'ן פולען מויל און פלייש אויך נישט געקאַרגט, אפילו פיש אין אַ פראָסטע מיטוואָך, חוץ קנאָבעל, ציבעלעס, רעטיך און אוגערקעס, וויפיל איינער האָט חשק געהאַט.

געלעבט האָט מען אָהן זאָרג, אָבגעטהון זיינס, האָט שוין דער איד זיך געקאָנט פאַרגינען אַלע "תענוגי עולם הזה", ליגען אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז מיט'ן פנים אַרויף אָדער מיט'ן פנים אַראָפ און אונטערהאַלטען זיך מיט דעם ווייב און מיט די קינדער; קוקען אפילו אַ גאַנצע נאַכט אין הימעל אַריין און צעהלען די שטערען, ביז צו מאָרגענס אין דער פריה, ווען ער האָט געדאַרפט געהן ווייטער אַרבייטען. איבריגע באַדערפענישען האָט קיינער נישט געהאַט, איטליכער איז צופרידען געווען מיט זיינעם. מאַנכעס מאָל איז נאָר געווען גלאַט אַזוי אַביסעל מאַרקאָטנע אויפ'ן האַרץ, אַז די אַרבייט איז אַ קאַפ שווע־רער געוואָרען, אַז דער "נוגש" איז געשטאַנען איבער איינעם מיט דער בייטש און האָט געגעבען אַ שטאַרקערען טראַסק איבער'ן רוקען צו איבער'ן פנים... אין אַזאַ רגע האָט אפשר איינער אָדער דער אַנדערער אַ קלער געטהון, אַז עס איז עפיס פאָרט נישט אַזוי אַקוראַט מיט אַלעמען, אַז מען איז נישט ביי זיך אין דער אייגענער היים און ביי מאַנכען האָבען זיך אָנגעהויבען

פלאָנטערען געדאַנקען פון פריהייט, פון אַ „פאָלק״ און פון זעלבשטענדיג־קייט. נאָר שפּעטער נאָך דער אַרבייט, אָדער בשעת דער נוגש האָט נישט געשלאָגען, האָבען אַלע מיני מחשבות גערוהט און יעדער האָט באַלד די צרות פאַרגעסען. דאָס רוב אידען האָט אפילו פריהער אויך נישט געהאַט קיין שלעכטע געדאַנקען, האָבען געלאָזט אַלסדינג טהון מיט זיך, פונקט ווי אַ פערד וואָס בריקעט נישט . . .

מאַנכעס מאָל האָט זיך אויך געטראָפען, אַז אַ מצרי האָט אַוועקגענר־מען ביי אַ אידען דאָס ווייב . . . נאָר פון דעם האָט מען זיך וועניג וואָס גע־מאַכט. ערשטענס, באַקומט מען ווייבער גענוג און ס'איז נישט כדאי געווען, צו האָבען עגמת־נפש וועגען אַ אידענע; צווייטענס, האָט זיך גאָר מאַנכער איד געפיהלט געשמייכעלט, אַז די „פלונית״ זיינע האָט נושא־חן געווען ביים „פריץ״ . . .

אידישע קינדער פלעגט מען איינמויערן אַנשטאַט ציעגעל. זעהר אָפט האָט זיך גאָר דעם קעניג פאַרגלוסט צו באָדען אין אידיש קינדער־בלוט. — נאָר דאָס איז שוין געווען די קלענסטע דאגה. קינדער האָט ביי אידען נישט געפעהלט. זיי האָבען זיך געמעהרט און געפרו־פערט אויפ'ן גרויסען אופן, „ששה בכרס אחד״ איז געווען פשוט אַ „וואָכענדיגער גאַנג״. אין די 400 יאָהר, וואָס אידען זענען געווען אין מצרים, זענען זיי געוואַקסען נײַנציג־טויזענד מאָל. 70 נפשות זענען זיי געקומען קיין מצרים און אַרוים זענען זיי לערך 5 מיליאָן (600 טויזענד דערוואַקסענע מענער פון וועניגסטענס 20 יאָהר אַלט, חוץ ווייבער און קינדער, צווישען וועלכע עס רעכנען זיך אויך דערוואַקסענע בחורים פון וועניגער ווי 20 יאָהר אַלט). עס האָט איבערדעם גאָר נישט אויס־געמאַכט, אַז מען האָט צוגענומען ביי עמיצען עטליכע קינדערליך. איבריגענס וואָס קענען עלטערן טהון, אַז אַ קינד שטאַרבט אַזוי בדרך־הטבע? וואָס קאָן אפילו אַ מצרי טהון, אַז אַ „קראָקאָדיל״ האַפּט ביי איהם אַ קינד? און וואָס טהון אנדערע פעלקער, וועלכע פאַרברענען גאָר זייערע קינדער פאַר קרבנות לכבוד דעם גאָט „מולך״?

אפילו ווען פרעה האָט אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, מען זאָל אַלע אידישע אינגלעך וואַרפען אין וואַסער אַריין, זענען אויך די אידען נישט בייז געוואָרען. אַ געזעץ דויערט נישט אייביג און וועגען חתנים פאַר אידישע מיידלעך האָט מען אויך נישט געהאַט קיין זאָרג. גאַנץ בכבוד'ע מצרים האָבען זיך געשדכנ'ט צו אידישע כלות און שלומית בת־דברי האָט גאַנץ צופריעדען געלעבט מיט איהר מאַן.

נאָר נישט גערעכט זיך אויף גאָר און נישט געדאַכט פון קיין ענדערונגען איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסען משה בן עמרם.

דער געדאַנק פֿון גאולה איז איהם געקומען פּלוצלינג — און ער האָט איהם מיטגעטיילט צו די „זקני העם“. ער האָט זיי געגעבען צו פֿאַרשטעהן, אַז חאָטש מען איז אַ איד, קאָן דאָך געמאָלט זיין, מען זאָל נישט דאַרפֿען ליידען אַזוי פֿיעל צרות. תחלת האָבען איהם די זקנים געהערט און האָבען זיך אויך זעהר געפֿרייט מיט דעם געדאַנק. דאָס פֿאָלק האָט אויך געהערט פֿון דער זאַך, נאָר עס האָט אין דעם וועניג געגלויבט.

שפּעטער אַז משה איז געגאַנגען צו פּרעה און פּרעה האָט איהם כמעט ווי אַרויסגעוואָרפֿען און אַז ער איז נאָך דערנאָך בייז געוואָרען אויף די אידען און האָט זיי געהייסען שטרענגער באַהאַנדלען, זיי זאָלען נאָך שווערער אַרבעטען, דעמאָלט האָבען איהם די אידען געבעטען: „לאָזט אונז נאָך! וואָס אַרט עס אייך, אַז מיר אַרבעטען שווער? געהט׳ס אייך געזונטערהייד און דולט׳ס אונז נישט קיין קאָפּ!“ ... דערנאָך האָבען די זקנים געשריגען: „גאָט זאָל אייך שטראָפֿען פֿאַר דעם, וואָס איהר האָט אונז פֿאַרמאוס׳ט ביי פּרעה׳ן וואָס איהר האָט איהם געגעבען אַן אויסרייד געגען אונז, ער זאָל זיך מעגען ערלויבען, צו טהון מיט אונז, וואָס ער וועט נאָר וועלען!“...

ענדליך האָט מען אויפֿגעהערט, צו הערען איהם אין גאַנצען. ער האָט שוין גאָר נישט געהאַט קיין פּנים ביי קיינעם. מען האָט נאָר אויף איהם געטייט מיט די פֿינגער אין די גאַסען און דאָס פֿאָלק האָט איהם פּשוט פֿאַרלייכנט, קיינער האָט נישט געוואָלט הערען פֿון איהם און נישט וויסען...

— —

נאָר פּלוצלינג האָט גאָט אָנגעהויבען צו שטראָפֿען די מצרים האַרט און שרעקליך מיט פֿאַרשיעדענע מכות, איינע נאָך דער אַנדערער.

... ווילדע חיות זענען איבערגעפֿאַלען די שטעדט און האָבען פֿאַרניכטעט מענשען און בהמות. — פֿון אויסגעשווייפֿטען לעבען זענען די מצרים אונגריין געוואָרען, אפילו פּרעה אַליין און די חרטומים אויך. — אַ האָגעל האָט אויסגעהאַקט די תבואות אין די פֿעלדער. און וואָס דער האָגעל האָט איבערגעלאָזט, האָט דערנאָך דער היישרעק אויפֿגעגעסען...

און עס איז דורכדעם אויסגעבראָכען אַ נויט אין מצרים. די מצרים האָבען נישט געהאַט געננוג צו עסען און אַ מצרי קען קיין הונגער נישט ליידען. דאָס האָבען זיי שוין געוויזען אין יוסף׳ס צייטען, אַז זיי האָבען זיך פֿאַרקויפֿט מיט זייער גאַנ׳ן לייב־און־לעבען פֿאַר אַ שטיקעל ברויט. די מצרים האָבען איבערדעם אָנגעהויבען שרייען: „וואָס טויגען אונז די בחנם׳דיגע עסערס אין גשן? זיי פֿרעסען אונז אויף מיט די ביינער און מיר האָבען פֿון זיי גאָר נישט!“... בעשעפֿטיגונג האָבען שוין דעמאָלט די אידען אויך געהאַט וועניגער. אַלע פֿעסטונגען זענען שוין פֿאַרטיג געווען און נייע האָט זיך

קיינעם נישט געגלויבט צו מויערן — דורך דער נויט. מען האָט עפּטער געקאָנט זעהען, אידען אַרומגעהן ליידיג אין די גאַסען, און דאָס האָט יערען מצרי געשטאָכען אין די אויגען.

צווישען דעם עגיפּטישען פֿאָלק האָט זיך אָנגעהויבען צו מאַכען אַ מהומה געגען אידען. מען האָט שוין אָנגעהויבען שמועסען וועגען אַרויסטרייבען... זעלבסטפֿאַרשטענדליך, אַז איטליכער איז בייז געווען נאָר אויף משה'ן. נאָר ער אַליין — האָט מען געזאָגט — איז שולדיג אין דער שנאה צו אידען. ער האָט גאָר נישט געדאַרפֿט אָנהויבען מיט זיינע "שטותים"...

אַזוי האָט זיך די מעשה געקאָכט, ביז די מצרים זענען איינמאָל מיטען אין דער נאַכט איבערגעפֿאַלען די אידישע הייזער און האָבען אַרויסגעטריבען אַלע אידען פון מצרים. פשוט מיט שטעקענעס האָבען זיי געטריבען. ס'איז פונקט געווען אַן ערב יום־טוב, ווייבער האָבען געהאַט פֿאַרקנעטען די טייגען אויף יום-טוב און די מצרים האָבען זיי נישט געוואָלט לאָזען אפילו נאָך איין רגע. ביים אַרויסטרייבען האָבען די מצרים גאַנץ אָרענטליך געהאַנדעלט. אַלסדינג האָבען זיי געלאָזט די אידען מיטנעהמען, די מצרים אַליין האָבען זיי נאָך מיטגעגעבען גאָלדענע און זילבערנע כלים, אַבי פטור צו ווערען פון זיי...

"נעהמט'ס אייך אַלסדינג, וואָס איהר ווילט נאָר!" — האָבען די מצרים געשריגען — "נאָר געהט'ס!"...

II

וואָס איך וואָלט געזאָגט, ווען איך וואָלט געווען אַ מגיד — און איך וואָלט געדאַרפֿט דרש'נען פֿאַר'ן עולם.

אויף קנאה איז די וועלט געבויט

(צו פרשת בראשית)

ווען איינער איז דעם אַנדערן מקנא, קאָן עס איהם ברענגען גליק און עס קאָן איהם אויך ברענגען אומגליק. קנאה קומט פון נישט פאַרגינען דעם ערפאָלג. סטאַרעט מען זיך נאָכצוטהון אָדער גאָר אַריבער צו שטייגען, גלייך צו ווערען צו דעם ערפאָלגרייכען אָדער גאָר צו וואַקסען העכער פון איהם. צייט און אומשטענדען זענען אָבער נישט פאַר יעדען גינסטיג; עס איז אויך נישט יעדער פעהיג, צו דערגרייכען די שטופע, צו וועלכער ער וויל צוקומען. דאַדורך זעהט מען, ווי איינער ווערט גרוים דורך קנאה און אַ צווייטער זינקט אַרונטער דורך איהר; איינער ווערט גרויס, ווייל ער וויל גרויס ווערען פון זיין אייגענער סראַפט, וועהרענד דער אַנדערער ווערט יעדעס מאָל קלענער, ווייל ער מיינט גרויס צו ווערען, ווען ער וועט אַנדערע קליינער מאַכען.

באַלד אין די ערשטע טעג פון מעשה בראשית, איידער דער מענש איז נאָך באַשאַפען געוואָרען אויף דער וועלט, האָט שוין געהערשט קנאה צווישען די צוויי ליכט, וואָס האָבען געדאַרפט באַלייכטען די ערד.ביידע האָבען געהאַט דיזעלבע ליכטיגקייט, חאָטש די לבנה האָט נישט געהאַט דאָס ליכט פון זיך אַליין, האָט זיך די לבנה מתקנא געווען אין דער זון און איז געלאָפען צום רבונו-של-עולם מיט אַ בקשה, ער זאָל די זון קלענער מאַכען. עס האָט זי נישט געהאַרט, וואָס איהר פעהלט דאָס אייגענע ליכט און עס שטראַהלט נישט פון איהר אַרוים קיין וואַרימקייט. זי האָט זיך נאָר געוואונשען, די זון זאָל קליינער ווערען, אַזוי מיינט אויך יעדער שוועכלינג, אַז ער וועט וואַקסען אין גלאַנץ, ווי באַלד ער וועט העלפען קליינער מאַכען דעם שטאַרקען.

דערנאָך איז געקומען די קנאה צווישען די צוויי ברידער. צוויי מענשען זענען זיי בסך-הכל געווען אויף דער וועלט, קינדער פון איין טאַטע-מאַמע, איז זיי שוין די ערד צו קליין געווען. יעדער האָט זיך אפילו אויסגעקליבען אַן אַנדערע פרנסה. האָט זיך איינער גענומען אַקערן די ערד, האָט זיך דער אַנדערער גענומען פאַסען שאָף. וואָלט דאַדורך נישט געדאַרפט זיין קיין קנאה צווישעןביידען, האָט זיך אָבער איינעם געדאַכט, אַז דער אַנדערער

האָט אַ גרעסערן חן ביי זיין ליעבען נאָמען.ביידע האָבען געבראַכט קרבנות, האָט זיך געוויזען, אַז דער מזבח איז נישט קיין וועגעטאַריאַנער און ער האָט ליעבער אַ שטיקעל געבראָטען שאָפּען־פֿלייש איידער אַ געבאַקענע קאַרטאָפֿעל. איז קין צוליעב דעם אָנגעצונדען געוואָרען אין זיין קנאה געגען דעם ברודער און האָט איהם דערהרג׳ט.

און וועגען וואָס איז אַרויסגעקומען די קנאה פֿון יעקב׳ס קינדער צו זייער ברודער יוסף? צוויי אונצעס זייד האָט יעקב אבינו געקויפֿט און געלאָזט דערפֿון מאַכען דעם „כתונת פסים" פֿאַר יוסף׳ן. וואַהרשיינליך האָט זיך איהם געטראָפֿען צו קויפֿען אַ „מציאה" און ס׳איז נישט געווען צו באַקומען מעהר פֿון דער דאָזיגער סחורה. האָבען איהם שוין די ברידער נישט פֿאַרגונען מעהר אפילו די זיסע חלומות, וואָס ער האָט געהאַט — און האָבען איהם פֿאַרפֿאָלגט מיט זייער שנאה, ביז זיי האָבען איהם פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ קנעכט קיין מצרים.

קנאה הערשט אויך אין דער „פמליא של מעלה". מלאכים האָבען עס נישט געקאָנט פֿאַרטראָגען, ווען דער אויבערשטער האָט געוואָלט באַשאַפֿען דעם מענש אויף דער וועלט. און האָט אַ איד געשריבען אַ שעהנעם שיר אויף שבועות (אקדמות), האָט ער איהם געמוזט שרייבען אין „תרגום־לשון", די מלאכים זאָלען איהם נישט פֿאַרשטעהן און זאָלען זיך נישט מתקנא זיין אינם איד און אין זיינע שבועות׳דיגע בלינצעס. אפילו דעם רבונו־של־עולם אַליין האָט מען איינגערערט, אַז ער האָט קנאה געגען די נאַרישע געצקעס, וועלכע טויגען צו גאָר נישט און זענען גאָר נישט, און מען האָט אין זיין נאָמען געשאָלטען אין טאַטען׳ס־טאַטען אַריין יעדען וועלכער האָט זיך געבוקט צו אַ געצקע.

דער דייטשער פֿילאָזאָף ניעטצשע זאָגט: „ס׳איז גרינגער צו וואַרפֿען שטיינער, איידער צו הערען דעם אמת; ס׳איז גרינגער צו הערען דעם אמת, איידער אַליין צו זאָגען דעם אמת. צום שווערסטען איז אָבער, דעם אמת נישט צו פֿאַרשוויגען!" — מען קאָן אויך נישט אויפֿצעהלען די מיליאָנען מענש־ליכע קרבנות, וואָס זענען געפֿאַלען, ווייל זיי האָבען נישט געקאָנט דעם אמת פֿאַרשוויגען. צוליעב דעם אמת האָבען געליטען אונזערע נביאים און די הונדערטער טויזענדער אידען, וואָס האָבען זיך געלאָזט אומברענגען אויף „קדוש השם" פֿון די ערשטע אידישע קדושים אין פרס־ומדי ביז צו די קרבנות פֿון אוקראַינא. אַ קנאה לכבוד דעם אמת זענען געווען די ליידען פֿון קאָפּערני־קוס, פֿון גאַלילעאי, פֿון זשאָרדאַנא ברונא. זיי האָבען נישט געקאָנט דעם אמת פֿאַרשוויגען, אפילו ווען זיי האָבען דאָס געמוזט באַצאָהלען מיט׳ן לעבען.

קיינער איז נישט אים שטאַנד, קלענער צו מאַכען דעם ווערטה פֿון די קרבנות, וואָס זענען געפֿאַלען צוליעב זייער קנאה פֿאַר׳ן אמת. אַ ברכה פֿאַר

דער מענשהייט האָט געשטעקט אין דער דאָזיגער קנאה, גלייך ווי עס שטעקט אַ ברכה אין דער קנאה פון סוחרים, פון שרייבער און פון ענטדעקער. די קנאה צווישען סוחרים מאַכט ביליגער די סחורה און ברענגט נוצען פאַר קונים. די קנאה צווישען שרייבער איז אַ ברכה פאַר דער ליטעראַטור און די קנאה צווישען ענטדעקער ברענגט נייע ענטדעקונגען, איינער וויל דעם אַנדערן אַריבערשטייגען אין דער אַרבייט, מוז יעדער טהון דאָס בעסטע, וואָס ער קאָן.

אָבער אַזוי ווי יענע קנאה, וועגען וועלכער ס'איז דאָ גערעדט, איז אַ ברכה פאַר'ן כלל, אַזוי שטעקט אַ קללה פאַר'ן כלל אין דער קנאה צווישען אונזערע "כלל-טהוער". נישט אַריבערשטייגען וויל איינער דעם אַנדערן, נאָר קליינער מאַכען. אַנשטאַט זיך צו פאַרטיעפען אין די פראָבלעמען פונ'ם פאָלק באַשפייען זיי זיך געגענזייטיג מיט גיפט און גאַל. אָט די קנאה ביי דער אַרבייט לטובת הכלל קאָן אַמאָל קאַליע מאַכען אַ גרויסע אידעע. וויל איינער עפּיס אויספיהרען פאַר אידען, מוז דער אַנדערער זיין אַ געגנער. אַזוי איז אויך געווען אויף דעם ערשטען סאָציאַליסטישען צוזאַמענפאָהר אין דייטשלאַנד. פערדינאַנד לאַסאַל האָט נישט גוט באַהאַנדעלט דעם רוסישען רעוואָלוציאָנער מיכאַעל באַקונין. האָט דאַדורך מיכאַעל באַקונין "געמאַכט שבת פאַר זיך" און האָט געגרינדעט די ניהיליסטישע פאַרטיי אין רוסלאַנד. אין דער קנאה שטעקט אויך דער סוד דערפון, וואָס די מלוכות ווילען נישט אַנערקענען רוסלאַנד, האָטש זיי ווייסען, אַז די אָרדנונג דאָרט איז שוין יעצט נישט ערגער ווי אין אַלע אַנדערע רעפובליקען.

ווי ווייט עס גרייכט דער כח פון קנאה, קאָן מען אַם בעסטען זעהען ביי דער ענטוויקלונג פונ'ם אַנטיסעמיטיזמוס, וועלכער איז נישט מעהר ווי אַ קנאה וועגען אונזער גייסט און אונזער טאַלענט. 2000 יאָהר רדיפות און צרות האָבען נישט פאַרדאָרבען אונזער גייסט און אונזער טאַלענט איז נאָך וועהרענד דיעזער צייט פיעל ענטוויקעלט געוואָרען. פשוט'ע ערד-אַרבייטער זענען אידען געווען אין ארץ ישראל. היינט זענען מיר די סוחרים פון דער וועלט. אידען האָבען ערפונדען דעם וועקסעל און דאָס צאָהלען מיט "אַנווייזונגען" אַנשטאַט מיט מזומנים. אַלע רעגיערונגען ליגען ביי די גוים אין די הענד, אָבער אידען נעהמען אַ האַנד אין זייער פּאָליטיק. און ווער עס וויל זעהען, ווי ווייט עס גרייכט דער איינפלוס פון אידען, דאַרף נאָר אַ קוק טהון אויף די דריי און אַ האַלב מיליאָן אידען אין יוניטעד סטייטס און מאַכען אַ פאַר-גלייך פון זייער באַדייטונג צו דער באַדייטונג פון אַנדערע איינגעוואַנדערטע בירגער. דאַן וועט אויך זיין צו פאַרשטעהן, וואו עס שטעקט דער סוד פון דער קנאה געגען אונז.

אַ שטאַרקע קנאה געגען אונז האָט מען אויך צוליעב אונזער האָפנונג. צוויי טויזענד יאָהר זענען מיר אין גלות, כמעט ווי אָפגעווישט איז אונזער אַלטע צורה, אָבער די האָפנונג אויף אַ גאולה האָבען מיר פון דעסטוועגען נישט אויפגעגעבען. און אָט די האָפנונג קאָן מען אונז בשום אופן נישט מוחל זיין, איבערהויפט ווען אַ טייל פון די דאָזיגע האָפנונגען אונזערע איז שוין גאָהנט פערווירקליכט צו ווערען. דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט יוסף׳ס ברידער, וועלכע האָבען נישט געקאָנט מוחל זיין יוסף׳ס שעהנע חלומות. וועהרענד דער צייט פון אונזער גלות זענען פעלקער צוגרונד געגאַנגען, גרויסע נאַציאָנען זענען פאַרשוואונדען און דאָס קליינע פאָלק ישראל האָט נישט אויפגעהערט צו האָפען אויף אַ גאולה, חאָטש זיי זענען צוזייעט אין צושפרייט אויף דער גאַנצער וועלט. פאַר אַזאַ מין האָפנונג איז מען אונז אַם מעהרסטען מקנא און מען קאָן עס אונז גאָר נישט מוחל זיין.

ווי געזאָגט, דריקט זיך די קנאה אוים אין פאַרשיעדענע פאָרמען. ביי איינע איז זי דער "כח הדוחה" צו שטרעבען. ביי אַנדערע איז זי דער ווילען צו שטערען דעם צווייטען אין זיין אַרבייט. איינער געפינט אין איהר די קראַפט צום לעבען, ביי אַן אַנדערן פאַרצעהרט זי דעם מאַרך פון די ביינער. יעדענפאַלס איז זי דער פראָבירשטיין פונם מענש, אין וועלכען די טבע זיינע מוז זיך געבען צו דערקענען. פיעלע מענשען האָט שוין די קנאה צוגרונד געריכטעט, אָבער אַנדערע באַקומען ערשט אין דער קנאה אַן אַרט פערזענליכקייט.

דער רעגנבויגען

(צו פרשת נח)

ווען די ערד איז שוין געווען אויסגעטרוקענט נאָכ'ן מבול, האָט נח געבויט אַ מזבח און מקריב געווען קרבנות, צו דאַנקען און לויבען זיין ליעבען נאָמען, וואָס ער האָט איהם געהאָלפען איבערקומען אַזאַ גרויסען טראָבעל, ווי דער מבול איז געווען. און ווען זיין ליעבער נאָמען האָט געשמעקט צום "ריח נחוח" פון נח'ס פאַרברענטע קרבנות, האָט ער צוגעזאָגט, אַז מעהר וועט שוין נישט זיין קיין מבול אויף דער וועלט. אַלס סימן פון זיין צוזאָג האָט גאָט געגעבען דעם רעגנבויגען, דעם רעפלעקס פון די זונען-שטראַהלען אין די טראָפּען פונ'ם רעגען, וועלכער ווייזט זיך אונז אין זיבען פאַרבען און בלענדעט אונזער אויג. ווען מיר קוקען זיך איין אין איהם. אָט דער רעגנבויגען דאַרף זיין אַ צייכען אויף אייביגע דורות צווישען גאָט און צווישען דער ערד, גאָט זאָל געדענקען זיין צוזאָג, אַז עס וועט נישט מעהר זיין קיין מבול אויף דער וועלט.

דער גלאַנץ פונ'ם רעגנבויגען איז געווען ביי אונזערע עלטערן אין די אויגען ווי אַ שטיק פון גאָט'ס כבוד. אַזוי האָט עס געזעהן יחזקאל הנביא ביי מעשה מרכבה. אַזוי זאָגט אויך די גמרא, אַז ווער עס קוקט זיך איין אין אַ רעגנבויגען, דער איז נישט חס אויף גאָט'ס כבוד. דערפאַר דאַרף מען "פאַלען אויפ'ן פנים" זעהענדיג אַ רעגנבויגען. דער רעגנבויגען איז אַ סימן, אַז די מענשען זענען פאַרדאָרבען און זענען ווערט אַ מבול, נאָר גאָט האַלט זיין צוזאָג, אַז עס וועט נישט מעהר זיין קיין מבול אויף דער וועלט, ווייזט ער אונז דעם רעגנבויגען, מיר זאָלען זיך בעסערען.

העכער פיער טויזענד יאָהר האַלט שוין גאָט זיין צוזאָג, אַז עס וועט נישט מעהר זיין קיין מבול אויף דער וועלט. פון צייט צו צייט קומט אָבער אַ מבול אויף איין לאַנד און פאַרפלייצט עס מיט איהרע מענשען און מיט איהרע תבואות. די "פענסטער פונ'ם הימעל" ווערען געעפענט און עס הויבט אָן גיסען אַ רעגען אָהן אויפהער. און ווען עס ווייזט זיך נישט קיין רעגנבויגען, איז אויף דעם פאַרהאַנען אַ תירוץ פון דער גמרא, וועלכע זאָגט, אַז "אַ דור אָהן אַ רעגנבויגען איז אַ דור אָהן צדיקים".

גלייך ווי אין דער נאַטור איז אויך פֿאַרהאַנען אַ רעגענבויגען אין מענשליכען לעבען. עס קומט אָהן אַ כוואַליע פֿון צרות, אַ פֿינסטערער וואָלקען פֿאַרדעקט יעדע שיין פֿון ליכט פֿון אַלע זייטען, אויף אַ מינוט דאַכט זיך אויס, אַז אַלעס געהט קראַכען. פּלוצים לייטערט זיך דער הימעל אויס און עס ווייזט זיך אַ רעגענבויגען פֿון צווישען די וואָלקען, אַ סימן פֿון האָפֿנונג, אַז די טריבע צייט געהט פֿאַריבער און עס וועט באַלד שיינען די זון. צומאָל ווייזט זיך דער רעגענבויגען אין אַן אַנדערער פֿאָרם: דער פֿאַרדאגה'טער און פֿאַרצרה'טער מוז אָנקומען צו דער הילף פֿון פֿרעמדע און די פֿאַרב פֿון פּנים מינעט זיך ביי איהם ווי די פֿאַרבען פֿון אַ רעגענבויגען.

פֿאַרהאַנען אויך אַ רעגענבויגען אינ'ם לעבען צווישען מאַן און פֿרוי. דאָס ווייב וויל אויסנאַרען ביים מאַן אַ קלייד אָדער אַ שטיקעל ציערונג, פֿאַרוואָלקענט זיך ביי איהר דאָס פּנים, איהרע אויגען בליצען פֿייער און פֿון איהר מויל קראַכען דונערען. דערשרעקט זיך דער מאַן, ער האָט מורא פֿאַר אַ מבול פֿון טרעהרען, טהוט ער תשובה און בויגט אָן זיין קאַרק צום רצון פֿון זיין ווייב, ווייזט זיך באַלד אַ שמייכעל פֿון דער זון אויף זיין הימעל, די לעצטע טרעהר בלייבט ווי אַ טראָפּען טהוי ביי דער פֿרוי אין די אויגען און פֿונ'ם פֿאַרוואָלקענטען פּנים זעהט זיך דער גלאַנץ פֿון אַ רעגענבויגען.

אין דער פּאָליטיק העלפֿט נישט דער רעגענבויגען, אָט נידערט אַראָפּ אַ מבול פֿון פֿראַזען אויף די קעפּ פֿונ'ם פֿאָלק, אַ פּלאָנטער פֿון געדאַנקען פֿאַרמישט זיך אין די מוחות, ווי אין די אַנאָנסען פֿון די פֿאַרשידענע פּאַרטייען. די אויערען ווערען פֿאַרטויבט פֿון צוהערען לויבען איין מין מענשען און שענדען די אַנדערע. אויף איין זייט באַשטעהט אַלעס פֿון לויטער צדיקים און אויף דער אַנדערער זייט זענען אַלע רשעים. אָדער בעסער געזאָגט, אויף איין זייט זענען אַלע מלאכים און אויף דער אַנדערער זייט טייוואָלים. מלאכים אָדער שדים און רוחות, נאָר נישט קיין מענשען. און ווייזט זיך דאָ אַ רעגענבויגען, זענען עס די פֿאַרשיעדענע פֿאַרבען, אין וועלכע מען זעהט די פּאָליטישע פֿיהרער — און דער מבול פֿון פּאָליטישען שוועבעל הערט נישט אויף, ביז עס ענדיגט זיך נישט די צייט און אַלעס געהט צוריק אין זיין געוועהנליכען וועג.

עהנליך ווי אין דער פּאָליטיק געהט עס ביי אידען. עס בליצט מיט אידען און עס דונערען זייערע פֿאַרטרעטער. עס פֿאַרוואָלקענט זיך אין די מוחות פֿונ'ם פֿאָלק און עס ווערט טונקעל ביי יעדען אין די אויגען, אַ מבול פֿון אונפֿאַרשטענדליכע ווערטער נידערט אַראָפּ אויף זייערע קעפּ. איין אידע זאָגט די אַנדערע און יעדע פֿון זיי זאָגט צו גליק און צופֿריעדענהייט פֿאַר די מענשען. ביים שרייבטיש אין אַן אָפּגעלאָזענער גאַס זיצען מענשען,

וועלכע קענען נישט דאָס לעבען און האָבען זיך אפילו קיינמאָל נישט ערנסט באַפֿאַסט מיט די פּראָבלעמען פֿון דער וועלט, קלערען די דאָזיגע בריות וועגען אידעען פֿאַר מענשען, וואָס שטעהען מיטען אינ'ם לעבען און קעמפֿען זיין שווערען קאַמפֿף. אַזוי פֿאַרפּלאָנטערן זיך די געדאַנקען און עס ווערען אויפֿגערעגט די מוחות נישט נאָר ביים פּשוט'ן המון, נאָר אין ערשטער רייהע ביי די טרעגער פֿון די אידעען. דאָ איז דער רעגענבויגען אַ סימן, אַז אַן אידעע האָט זיך איבערגעלעבט, אַז זי האָט פֿאַרלוירען איהר גלאַנץ און האַלט אין פֿאַרשווינדען. אבער פֿון איהר קבר וואַקסט אַרויס אַ נייע אידעע, צו "באַגליקען די מענשהייט", צו באַשעפֿטיגען דעם מוח פֿונ'ם פֿאָלק און צו ערוועקען האָפֿנונגען אין דער שלעכטער געגענוואַרט אויף אַ בעסערער צוקונפֿט.

דעם גרעסטען טומעלפּלאַץ פֿאַר אידעען זענען די אידישע צרות. אַ פֿאָלק אָהן אַ געגענוואַרט און אָהן אַ געזונטער באַזיס פֿאַר זיין צוקונפֿט בלאָנקעט זיך אַרום צווישען פרעמדע שונאים זייט צוויי-טויזענד יאָהר און האַלט זיך טראָצדעם אויף די פֿיס, איז עס עמפּפֿענגליך פֿאַר אַלערליי פֿאַנטאַזיעס, און לאָזט זיך דרעהען אַ קאָפּ מיט חלומות. קומען פֿאַרשיעדענע מינים שאַרלאַטאַנעס און זוכען צו מאַכען אַ לעבען פֿון זיינע צרות. שפּיעלען די ראָלע פֿון שתדלנים, דרענגען זיי זיך אויף מיט נאַרישע עצות, ווילען זיי ווערען פֿיהרער און וועגווייזער; זוכען זיי דאָס פֿאָלק צו אונטערהאַלטען אָדער איינצושלעפערען; מאַכען זיי דאָס פֿאָלק זיפֿצען אָדער ווייזען איהם טריגערישע שפּיעגעל-בילדער, ער זאָל אויפֿגעהייטערט ווערען. הייסען זיי דעם פֿאָלק זיצען און וואַרטען, אָדער זיי הייסען געהען קעמפּפֿען מיט'ן קאָפּ געגען דער וואַנד, האָטש עס איז קיינער נישט אויסגעריכטעט צום קאַמפּף און רייבט אויף זיינע כחות אין אַ פּרוכטלאָזער מלחמה. אַזוי פֿערדרעהט מען דעם פֿאָלק די געדאַנקען און מען פֿערווירט איהם דעם מוח, ביז מען מאכט איהם אבהענגיג פֿון יעדען פֿערזוך, עס זאָל זיך פּרובירען אַרויס צו רייסען פֿון זיין לאגע, ווייל מען איבערצייגט איהם, אַז עס קען זיך אַליין גאָר נישט העלפֿען און עס מוז האָבען אַפּוטרופּסים, וועלכע נאָגען איהם אויס דעם מאַרך פֿון די ביינער.

קוקענדיג אויף דעם אַלעמען, מוז זיך אַרויסרייסען דער וואונש נאָך אַ רעגענבויגען, עס וויל זיך האָטש זעהען אַ סימן פֿון האָפֿנונג, אַז דאָס אַלעס וועט אַמאָל אויפֿהערען און עס וועלען קומען אַנדערע צייטען, בעסערע צייטען!

די טראַגעדיע פֿון וואַנדערן

(צו פרשת לך לך)

„געה אַוועק פֿון דיין לאַנד, פֿון דיין געבורטסאָרט און פֿון דיין פֿאָטער׳ס הויז״.

מיט אָט די ווערטער, וואָס גאָט האָט געזאָגט צו אברהם אבינו, האָט ער אָנגעחתמ׳ט דעם גורל פֿון אברהם׳ס קינדער אויף אייביגע דורות. גלייך ווי אברהם אבינו מוז יעדער פֿון אונז אַוועקגעהן פֿון זיין לאַנד, פֿון זיין געבורטסאָרט און פֿון זיין פֿאָטערס הויז — און לאָזען זיך וואַנדערן אין דער וויטער וועלט אַריין. אַ קינד בין איך נאָך געוועזן, ווען עס איז אַוועק געפֿאָהרען אַ אינגעל פֿון אונזער שכנות; לערנען אין אַ ישיבה. די מוטער זיינע איז געשטאַנען נעבען וואָגען און האָט זיך געווישט די אויגען מיט׳ן פֿאַרטוך, ווערענד דאָס אינגעל איז געזעסען אויפ׳ן וואָגען מיט אַ טרויריג, פֿאַרחלום׳טען בליק. האָט זיך מיר דעמאָלס אויסגעמאָהלען אין מיין פֿאַנטאַזיע דאָס בילד פֿון אברהם אבינו. ווי ער האָט צונויפֿגעפּאַקט זיינע זאַכען, צו לאָזען זיך וואַנדערן אין דער גרויסער וועלט, כדי צו ווערען אַ מענש און צו קומען צו אַ תכלית. פֿון עלטערע מענשען האָב איך עס שוין געהאַט געהערט פֿון פֿריהער, אַז נאָר אין דער פֿרעמד קאָן מען ווערען אַ מענש. אזוי האָט אויך אברהם נישט געקאָנט בלייבען אין דערהיים. ער איז געוועזן צוקריעגט מיט׳ן פֿאָטער וועגען זאַכען פֿון אמונה און ער האָט אויך געהאַט מחלוקת מיט נמרוד, מיט׳ן „רעגיערער״ פֿונ׳ם שטעדטל, אָבער אין דער פֿרעמד איז ער געוועזן אַ נייער מענש, האָט געקאָנט אָנהויבען א ניי לעבען און האָט געהאַט אַ מעגליכקייט, צו קאָנען זיך דאָרט ארויפֿאַרבעטען.

די סדרא „לך לך״ קומט געוועהנליך אויס, ווען די קינדער הויבען אָן געהען ביי נאַכט אין חדר. די באַרמהערציגע מאַמע, וואָס לאָזט נישט וויהען אַ ווינטעל אויף איהר קינד, פֿאַרליערט פלוצים יעדעס געפֿיהל פֿון רחמנות און שיקט דאָס קינד אין שניי און בלאָטע, אין רעגען אָדער אין פֿראָסט, ער זאָל געהן לערנען. כדי ער זאָל ווערען אַ מענש. און דאָס קליינע אידעלע מאַכט זיך האַרץ און געהט. געהט און האָט נישט קיין מורא פֿאַר אַלע מכשולים פֿונ׳ם וועג. פֿאַר הינט און פֿאַר שקצים. זיכערליך האָט אברהם אבינו

איך געהאט גענוג צו טהון מיט הינט און שקצים אויפ׳ן וועג, ווען ער איז געגאנגען לערנען תורה צו שם ועבר — גלייך ווי אונזערע קינדער אין מיר און אין איישישאק, אין פשעוואָרסק און אין דעמבי׳ן.

און ווען אברהם איז אויף זיין וואנדערונג צוגעקומען ביז בית־אל, האט איהם גאָט געזאָגט: „הויב אויף דיינע אויגען אין קוק דיך אום אויף אלע זייטען, ווייל דאָס אלעס וואָס דו זעהסט, וועל איך געבען צו דיינע קינדער!“ — און אברהם האט געגלויבט גאָט׳ס צוזאָג, חאָטש דאָס לאנד איז דעמאָלס נישט פריי געווען, ווייל דער כנעני אין דער פרזי האט עס געהאלטען באַזעצט אין זיין האנד. ער האט געגלויבט גאָט׳ס צוזאָג, חאָטש ער איז זיך פאָרגעקומען ווי איינער, וואָס מען הייסט איהם זיך אריינציהען אין א פרעמד הויז, ווערהענד דער פריהערער שכן וויל נישט אָפּטרעטען דעם פלאַץ. פון דעמאָלס אָן איז אויך געבליבען די אמונה ביי אברהם׳ס קינדער, אז זיי וועלען צוריק־באַקומען דאָס לאנד, וואָס גאָט האט זיי צוגעזאָגט, חאָטש „דער כנעני און דער פרזי“ האלט עס פאָרלייפיג זעהר פעסט אין זיינע הענד.

דאָס ערשטע שלעכטע באַגעגעניש פון אברהם אויף זיין וואנדערונג איז געווען א מחלוקה מיט זיין אייגענעם פלימעניק. וועגען א שטיקעל פלאַץ האָבען זיי געצאנקט — און געבליבען איז די מדה ביי אברהם׳ס קינדער ביז היינט, צו צאנקען וועגען א ביסעל לופט, וועגען א בלאָז פונ׳ם ווינד אָדער וועגען דעם טעם פונ׳ם פאַריעהריגען שניי. „נוסעים במחלוקת וחונים במחלוקת“ זאָגט דער מדרש אויף אידען, זיי צאנקען ווען זיי וואנדערן און זיי צאנקען ווען זיי רוהען. גאָט האט צוגעזאָגט, צו געבען אברהם׳ן דאָס לאנד כנען, האָבען זיך לוט׳ס פאַסטוכער שוין געוואָלט איינטיילען מיט דער ירושה. איידער דאָס איי איז נאָך געבוירען, האט מען שוין געצאנקט, ווי אזוי מען וועט טהון, ווי באלד דאָס איי וועט ארויסקומען אים יום־טוב.

איז דאן אויסגעבראָכען א מלחמה צווישען אמרפל מלך שנער און כדרלעומר מלך עילם, האט מען פערכאַפּט אברהם׳ס פלימעניק אין געפאַנגענשאַפט, האט זיך אברהם געמוזט אריינמישען אין א קריעג, וועלכער איז איהם לכתחלה גאָר נישט אָנגעגאנגען, א שטייגער ווי ס׳איז פאָרגעקומען ביי דער גרויסער וועלט־מלחמה, וואָס אמעריקא איז זיך געגאנגען שלאָגען אויף דער זייט פון די „עלאַיס“, זענען דורכדעם די אידען פון דער גאנצער וועלט געקומען אין א קריזיס, פון וועלכער זיי וועלען זיך אפילו אין צוואנציג יאָהר נישט קענען אויסדרעהען.

„וילך למסעיו“, נישט ווי די ארט פון אנדערע וואנדערער איז געווען אברהם׳ס וואנדערונג. דעם איד׳ס וואנדערען איז אנדערש ווי דאָס וואנדערען פון אלע פעלקער. איך האָב שוין געזעהען די וואנדערונגען פון פאַרשיעדענע

פֿעלקער, איך האָב שוין געזעהען וואַנדערען פּאָלאַקען, רוטהענער, סלאָוואַקען, קראָאַטען. איך האָב זיי געזעהען געהען צום מיליטער. איך האָב זיי געזעהען פֿאָהרען אין גאַנצע מחנות זוכען די שווערסטע אַרבעט אין דייטשלאַנד. איך האָב זיי געזעהען אויפֿ'ן וועג קיין אַמעריקא. און אומעטום וואו איך האָב זיי באַגעגענט, האָב איך זיי געטראָפֿען אויפֿגעהייטערטע און זינגענדיגע. נישט ביי אַלע איז געווען פֿריילין אויפֿ'ן האַרצען, מען האָט עס אָבער גישט דער־קאָנט ביי קיינעם אויפֿ'ן פּנים. און ווי אַנדערש זעהט אוים אַ רייזע פֿון אידען. מיט צושראָקענע פּנים'ר און מיט אונזיכערע בליקען זיפֿצענדיג און קרעכ־צענדיג — אַזוי זעהט אוים דאָס רייזען פֿון אַ איד. ביי יעדען שריט אַ זיפֿץ און פֿון יעדען וואָרט הערט זיך אַן אינעווייניגסטער קרעכץ. ס'איז אויך נישט קיין וואונדער. יעדער מענש דענקט אַמאָל צוריק צו קומען אין זיין היים. דער איד קאָן אָבער פֿון אַזאַ זאַך גאָר נישט דענקען, ער פֿאַרליערט דאָס רעכט פֿון אַ היים מיט זיין אויסוואַנדערען. און זוכט זיך דער גוי אוים אַ נייע היים און אַ פֿרעמד לאַנד, פֿיהלט ער זיך דאָרט באַלד היימיש. און וואַקסט צו־זאַמען מיט דער סביבה, וועהרענד דער איד פֿיהלט זיך אומעטום פֿרעמד, ווייל איידער ער איז נאָך אָנגעקומען אין זיין נייער היים, האָט שוין „דער כנעני און דער פּרזי" געהאַט פֿאַרכאַפּט דאָס לאַנד.

„גר יהיה זרעך" האָט גאָט געזאָגט צו אברהם'ן — און פרעמד פֿיהלען זיך אברהם'ס קינדער אין יעדען לאַנד פֿון דער וועלט. וואו מען קומט ערגיץ באַגעגענט מען אידען, אָבער אומעטום אַלס פֿרעמדע. אין ראָטערדאַם האָב איך געמאַכט אַ באַזוך ביים ראַבינער, איז אינ'ם געשפּרעך מיט דעם ראַבינער מיין ערשטע פֿראַגע געווען, ווי אַזוי עס איז עפּיס דאָס פֿאַרהעלטניס צווישען די אידען און די האָלענדער. האָט מיין פֿראַגע דעם ראַבינער געערגערט, דער איד אין האָלאַנד איז פּונקט אַזאַ בירגער ווי דער גוי'שער האָלענדער, האָט מיר דער ראַבינער געענטפֿערט. נישט פֿאַרהאַנען איבערדעם צווישען זיי קיין גוט פֿאַרהעלטניס און קיין שלעכט פֿאַרהעלטניס. אָבער „תוך כדי דבור" האָט ער מיר דערצעהלט פֿון אַנטיסעמיטיזמוס אין האָלאַנד און ווי די גוים שטיפֿען אַרוים די אידען פֿון זייער געזעלשאַפֿט.

דאַכט זיך מיר דאַדורך, אַז דער „גר יהיה זרעך בארץ לא להם" איז אונז געבליבען צוגעקלעבט אויף דער נאָז ביז היינט. אַם בעסטען קאָן מען דאָס זעהען אויך אויף די שיפֿען, וואָס קומען אָן קיין אַמעריקא. טויזענדער קומען אָן און קיינער וואַרפֿט זיך נישט אַזוי שטאַרק אין די אויגען ווי דער איד. דאָס פֿאָהרען אויפֿ'ן ים איז פֿאַר יעדען שווער. אָבער קיינער ליידט נישט דערפֿון אַזוי פֿיעל יסורים ווי דער איד. טויזענטער עמיגראַנטען ווערען נישט

אַריינגעלאָזען אין אַמעריקא, אָבער קיינער שרייט נישט אַזוי שטאַרק ווי דער איד.

און אַז מען רעדט שוין פֿון שרייען וועגען נישט אַריינלאָזען עמיגראַנטען קיין אַמעריקא, מוז מען וויסען, אַז אידען זענען אין דעם פֿיעל שולדיג, וואָס אַמעריקא האָט פֿאַרשלאָסען איהרע טהויערען און לאָזט נישט אַריין. איינמאָל דאַרף געזאָגט ווערען דער אמת, אַז ווען די אַמעריקאַנער אידען זאָלען געוועלט וועלען, וואָלטען די טויערען פֿון אַמעריקא נישט פֿאַרשלאָסען געוואָרען. און טאָמער דערגרייכט שוין עמיצער דאָס גליק און מען לאָזט איהם שוין צוקומען צו עליס־איילאַנד, וויל איך דאָ טאַקי דעם לעזער פֿרעגען, צי ער איז שוין געוועזן אין עליס־איילאַנד, איך מיין נישט צו פֿרעגען, צי עמיצער איז שוין געוועזן אין עליס־איילאַנד, ווען ער אַליין איז געקומען קיין אַמעריקא. איך וויל אויך נישט פֿרעגען, צי דער לעזער איז דאָרט געוועזן ביים ערוואַרטען אַ קרוב. איך מיין נאָר צו פֿרעגען, צי דער לעזער איז שוין דאָרט געוועזן אַמאָל גלאַט אַזוי, אָנצוקוקען. אין דער צייט ווען דער לעזער אַליין איז געקומען איבער עליס־איילאַנד, זענען אַלע זיינע געדאַנקען געוועזן באַשעפֿטיגט מיט זיך אַליין און ער האָט נישט געהאַט אין זינען קיין פֿרעמדע צרות. און האָט עמיצער געדאַרפֿט אַמאָל ערוואַרטען זיינעם אַ קרוב, האָט ער געהאַט אַלע זיינע געדאַנקען ביים קרוב, איז אָבער עמיצער אין עליס־איילאַנד גלאַט אַזוי אויף אַ שפּאַציער, קען ער ערשט זעהען, וואָס עס טהוט זיך דאָרט. און ווען עמיצער זעהט דאָרט די אָנגעקומענע עמיגראַנטען, ווי זיי שטעהען אונטער די גראַטעס און קוקען אויף אמעריקא מיט אַ שווערמוטהיגער רעזיגנאַציאָן, דאַרף מען נעהמען דאָס חומש׳ל און לייענען דאָרט אין לעצטען פסוק פֿון פרשת האזינו: „כי מנגד תראה את הארץ ושמה לא תבוא“ (פֿון וייטען וועסטו זעהען דאָס לאַנד און דאָרט אַהין וועסטו נישט קענען קומען). און ווען דער מענש איז אפילו דער האַרטהערציגסטער אין דער וועלט, וועלען איהם דעמאָלס מוזען קומען די טהרערען אין די אויגען, ווייל עס וועט זיך פֿאַר איהם אַנטפּלעקען אַ שרעקליכע טראַגעדיע, וועלכע קען גאָר נישט באַשריבען ווערען מיט ווערטער.

אידישע טאַטעס און אידישע קינדער

(צו פּרשת וירא)

אַ רייכער מאַן אין לאַנד כנען האָט נישט געהאַט קיין קינדער, איז ער אַרומגעגאַנגען טאָג און נאַכט פאַרזאָרגט, קלערענדיג וואָס עס וועט זיין דער סוף פון זיין פאַרמעגען און וועמען עס וועט פאַלען אין די הענד אַריין נאָך זיין טויט. ער האָט מורא געהאַט, די ירושה זיינע זאָל נישט אָנקומען צו זיין קנעכט אין די הענד, איז ער אַרויסגעגאַנגען און האָט געפרעגט יעדע נאַכט ביי די שטערען, צי עס מוז שוין אַזוי בלייבען זיין סוף, ער זאָל שטאַרבען אָהן אַן אייגענעם יורש.

האָט זיך גאָט ענדליך מרחם געווען אויף איהם און האָט איהם געשענקט אַ זוהן אויף דער עלטער, צו הונדערט יאָהר. דאָס קינד איז אויך געווען זעהר אַ געראָטענס און דער פאָטער האָט עס זעלבסטפאַרשטענדליך זעהר ליעב געהאַט. האָט איהם פלוצים גאָט געוואָלט אויספּרובירען זיין פרומקייט, האָט ער איהם געהייסען נעהמען דעם צו הונדערט יאָהר געבוירענעם זוהן און איהם מקריב זיין פאַר אַ קרבן.

אברהם האָט דער דאָזיגער טאַטע געהייסען.

דריי טעג איז אברהם אַרומגעגאַנגען מיט זיין זוהן צווישען די בערג, זוכען אַ פּאַסענדען פּלאַץ, אויף צו בויען דאָרט אַ מזבח. דאַן האָט ער געבונדען דעם זוהן און געוואָלט איהם שחט'ן, האָט איהם פלוצים אַ מלאך פונם הימעל צוגערופען: „נעהם אַוועק די האַנד פונם קינד און טהו איהם גאָר נישט, וויל גאָט האָט דיך נאָר געוואָלט אויספּרובירען, צי דו וועסט וועלען מקריב זיין דאָס ליעבסטע, ווען ער וועט דיך הייסען!"

אַ הערליכע געשיכטע, אַ שרעקליכע! אַ גרויל געהט איבערן לייב, ווען איך דערמאַן מיך, ווי טיעף איינגעגראָבען עס האָט די דאָזיגע געשיכטע איהר רושם אויף מיין יונגער נשמה, ווען איך האָב זי געלערנט אין חדר. אַזוי ווי די געשיכטע פון דער עקדה געפינט זיך ביים סוף פון דער סדרא, זענען מיר תמיד צוגעקומען צו איהר, ווען דאָס ליכט אויפן טיש האָט שוין געהאַלטען ביים אויסגעהן און די שאָטענס אויף דער וואַנד זענען געוואָרען יעדעס מאָל גרעסער און גרעסער. האָט זיך מיר דאַן אויסגעדאַכט דאָס חדר

ווי אַ מזבח, אויף וועלכען די טאַטעס האָבען אונז אַלעמען געבונדען צו דער "עקדה" פאַר גאָט׳ס וועגען, האָבען נישט אויף אונז קיין רחמנות און הייסען אונז געהן אין די קאַלטע פינסטערע ווינטערנעכט, לערנען אין חדר, ווייל גאָט האָט אַזוי געהייסען.

די "עקדה" איז גאָר געווען אַ נסיון, אַ גרויליך שרעקליכער נסיון. עס פאַלט אפילו גאָר נישט איין צו ערקלעהרען, אַז דאָס זאָל קענען אַנדערש זיין ווי אַ נסיון. אַזוי זאָגט דער פסוק בפירוש און אַזוי ערקלעהרען עס אונזערע חכמים. ס׳איז נאָר די קשיא, צו אברהם אַליין האָט געוואוסט, אַז דער אויבערשטער שפּיעלט זיך מיט איהם. און לויט ווי דער מדרש זאָגט, האָט אברהם כמעט ווי געוואוסט, אַז גאָט מיינט עס גיט אַזוי ערנסט, ער זאָל טאַקי דעם זוהן שחט׳ן. גאָט האָט געבעטען, דערצעהלט די גמרא, ער זאָל איהם די טובה טהון און מיטמאַכען דעם דאָזיגען נסיון, די גוים זאָלען זעהן, וואָס פאַר אַ פרומער מענש ער איז. ס׳איז אַלזאָ געווען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, ווי אין אַ טעאַטער, ווען דער רוצח האַלט שוין גרייט דאָס מעסער אָדער די ביקס, קומט פלוצים אַ רעטער און לאָזט נישט הרג׳ענען. טראָצדעם האָט מען געמאַכט אַ גראָבען מחזור מיט פיוטים און טויזענדער סליחות, אין וועלכען עס ווערט דערמאַנט דער זכות פון דער "עקדה", וואָס אברהם האָט געבונדען יצחק׳ן צו דער שחיטה און האָט איהם נישט געשאָכטען.

העכער 35 יאָהרהונדערטער זענען אַוועק זייט דאַמאָלס און הונדערטער טויזענדער מאָל האָבען אידישע טאַטעס געבראַכט זייערע קינדער אויף דער "עקדה", אפילו ווען זיי האָבען געוואוסט, אַז מען שפּיעלט נישט מיט זיי קיין טעאַטער און עס וועט זיך נישט באַווייזען קיין מלאך פון הימעל, צו רעטען די קינדער פון דער שחיטה. פאַרוואונדערט האָבען געמוזט בלייבען שטעהן אַלע ציוויליזירטע פעלקער פון דער וועלט, ווען זיי האָבען געזעהן דעם אָפּפערמוטה און דעם שטאַרקען גלויבען פון אברהם׳ס קינדער. געגען דער איינער "עקדה" פון אברהם אבינו קענען זיינע קינדער אויפווייזען הונדערטער טויזענטער מאָל אַזוי פיעל.

אין קעלן אַם רהיין שטעהט נישט ווייט פונם באַהנהויף דער אַלטער קעלנער "דאָם", די באַקאַנטע היסטאָרישע קירכע, וואו אידען האָבען זיך מאַנכעס מאָל באַהאַלטען פאַרן כעס פון די גוים. בין איך דאָרט געווען און האָב מיר אָנגעקוקט דעם "דאָם", האָט מיר אַ גלח געוויזען אַ העברעאישען ספר זכרונות, אין וועלכען עס זענען באַשריבען יענע שחיטות. דאָס "יודענשריינסבוך" האָט ער דעם ספר אָנגערופען, און ווען איך האָב אין דעם בוך אַ ביסל געבלעטערט, איז מיר אויסגעקומען צו לעזען די פאָלגענדע באַשרייבונג: "די אידען האָבען ענדליך געזעהן, אַז זיי וועלען זיך נישט לענגער

קענען האַלטען, האָבען זיי מורא באַקומען, די גוים זאָלען נישט צונעהמען ביי זיי די קינדער צום שמד'ן, האָבען די אידען באַשלאָסען צו הרג'ענען די קינדער מיט די אייגענע הענד און צו נעהמען זיך דערנאָך אַליין דאָס לעבען. האָט דער טאַטע גענומען אַ שאַרף מעסער און האָט אַליין געקוילעט זיינע קינדער. האָט זיך איין מיידעלע געוואָלט באַהאַלטען הינטער דער מוטער און האָט זי געבעטען, זי זאָל זי נישט לאָזען קוילענען, האָט די מוטער צוגעשלעפט דאָס קינד צום פאָטער ביי די האָר און האָט עס געקוילעט".

ווייטער לעזען האָב איך נישט געקאָנט. די איינפאַך ערצעהלטע געשיכטע איז מיר אַריינגעקראָכען טיעף אין די גדערים און האָט דאָרט געקראַצט מיט איהרע נעגעל, אַז איך בין שיער נישט געבליבען א פאַר'חלשטער אויפן אָרט. שטיל זענען געשטאַנען די אַלטע מויערן פונם קעלנער "דאָם". דרויסען האָט די זון געשיינט און די מענשען זענען געגאַנגען יעדער צו זיין באַשעפטיגונג — און איך בין אַלץ געזעסען אויף מיין פלאַץ. דאָס איז נישט געווען קיין טעאַטראַלישע אָפגעמאַכטער "נסיון" מיט אַ צוגעגרייטען "איל" אין הינטערגרונד, וועלכער איז דאָרט געשטאַנען אָנגעגרייט פון ששת ימי בראשית. דאָ איז נישט געשטאַנען די מאַמע שרה אַ ציטעריגע, ביי וועלכער עס האָט די בשורה פון דער עקדה אַרויסגענומען די נשמה. און אויף אַזאַ מין עקדה איז נישטאָ קיין מחזור, נישט דערמאַנט איז דאָס ערגעץ אין קיין שום סליחה. דאָס בוך, אין וועלכען די מעשה איז באַשריבען, איז געבליבען אַ כתב־יד ביז היינט און ליגט ביי גלחים אין די הענד.

אין טויזענדער סליחות און פיוטים בעטען מיר ביי גאָט, ער זאָל אונז מוחל זיין אונזערע עברות אין זכות פון דער עקדה. אָבער נאָר אין איין פיוט פון צווישען די אַלטע האָב איך געפונען אַ טענה צו גאָט און נישט קיין תפלה. אָט דער פיוט הייסט "אהבה לפרשת וירא", אָבער היינט זאָגט מען איהם שוין נישט אין ערגיץ. טענה'ט דאָרט דער פייטן צום רבונו־של־עולם: "זה חומס וזה רומס, זה מואס וזה גועל, זה בי יחפור וזה לי יחפור בור", איינער באַרויבט מיך, איינער טרעט מיך, איינער מאַכט מיך נמאס און איינער פאַראַכטעט מיך, איינער לייקענט מיך אָפּ און איינער גראָבט מיר אַ גרוב — און וואו איז דער צוזאָג פון גאָט, וואָס מיין פאָלק האָט באַקומען אין זכות פון דער "עקדה"?

לעזענדיג היינט די געשיכטע פון דער "עקדה", דאַכט זיך אודאי אויס, אַז אַזאַ עראייגנים איז גאָר אונמעגליך ביי היינטיגע צייטען. דענק איך אָבער, אַז דאָס איז נאָך אפילו היינט מעגליך ביי אידען. זעהען מיר דען נישט אין דער פאַרפעהלטער ערציהונג פון אונזערע קינדער איין גרויסע "עקדה"? — אָט האַלט אַ טאַטע זיין קינד אָפּגעשלאָסען פון דער אויסענוועלט און

דריקט און קוועטשט עס צונויף צווישען די פֿיער ווענד פֿונם אידישקייט, ווייל ער וויל, דאָס קינד זאָל בלייבען אַ איד. אין דערזעלבער צייט האַלט אַן אנדערער טאַטע אויסגעשלאָסען יעדעס ברעקעל אידישקייט פֿון זיין הויז, ווייל ער וויל, דאָס קינד זאָל זיין אַ מענש. איינער ברענגט אַלזאָ זיין קינד אויף דער "עקדה" צוליעב אידישקייט און דער צווייטער ברענגט עס אויף דער עקדה צוליעב מענשליכקייט. ביידע זענען מקריב די צוקונפֿט פֿון זייערע קינדער און איטליכער מיינט, אַז ער טהוט גאָט'ס רצון.

דער פּראָבלעם פֿון ערציהונג לאָזט נישט קיין מנוחה אפילו פֿאַר אונזערע ראַדיקאַלען. אונזערע פֿרומע אידען און אונזערע משכילים ברענגען זייערע קינדער צו דער עקדה אויפֿן מזבח פֿון זייערע פּרינציפּען, ווילען די ראַדיקאַלען מקריב זיין זייערע קינדער אויפֿן מזבח פֿון ראַדיקאַליזמוס. ביי גוי'ישע ראַדיקאַלען איז די ערציהונג פֿון דער יוגענד אַ גרינגע. די שולע מאַכט זיי פֿאַר אַמעריקאַנער און די רעליגיאָן האָט נישט קיין שייכות מיט דער שולע. אַ אידישער ראַדיקאַל האָט נישט גענוג די שולע, ווייל ער וויל זיין קינד מדריך זיין לויט אַלע דינים פֿונם קלאַסען־קאַמפּף, פֿאַרגיפֿטעט מען די מוחות פֿון די קינדער מיט מעשיות פֿון סטרייקען. — נעהמט אַ געוויסער קולטורפֿעריין און בעט אַ באַקאַנטען אנארכיסט, ער זאָל דרש'ענען וועגען אידישע ערציהונג, איז דאָך אַ קשיא: ווי קומט ערציהונג צו אַנאַרכיזם? ווען איך האָב אַ פּרינציפּ, אַז דער מענש דאַרף אליין באַשטימען זיין וועג און איינער קאָן נישט האָבען צו זאָגען גאָר איבערן אנדערן, מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט קאָן איך באַשטימען זיין ערציהונג? — וואָס טהוט מען אָבער נישט צוליעב אַ לעקטשור? נעמט זיך דער אַנאַרכיסט רעדען וועגען ערציהונג און טאַנצט ווי אַ גייסטיגער אַקראָבאַט, דרעהט זיך אהין און אַהער ווי אַ קונצענמאכער אויף אַ שטריק און דער עולם זאַפּט איין אין זיך די אויסשוויצונגען פֿון זיין פֿאַרדרעהטען מוח.

פֿאַרהאַנען נאָך אַ מין "עקדה", וועגען וועלכער עס ווערט ליידער צו ווייניג גערעדט, האָטש עס וואָלט געדאַרפֿט גערעדט ווערען וועגען דעם אָהן אויפֿהער: דאָס איז די עקדה פֿון קינדעראַרבעט. טאַטעס און מאַמעס זיצען זיך במנוחה, פֿאַרלייגט די הענד אָהן אַ שום באַשעפֿטיגונג. וועהרענד די קינדער זייערע אַרבעטען אין די וויסטע שעפּער, לאָזען זיך אויסציהען יונגערהייד דעם מאַרך פֿון די ביינער, ווערען פֿריהצייטיג פֿאַרקריפּעלט אין זייער גוף און אין זייער נשמה, און יונגע אַרבייטספֿעהיגע עלטערן שעמען זיך נישט צו עסען דעם שווייס פֿון די קינדער און צו טרינקען זייער בלוט.

דער האַנדעל מיט קברים

(צו פרשת חיי־שרה)

די מאַמע שרה איז געשטאָרבען און דער אַלטער טאַטע אברהם האָט זי געוואָלט באַגראָבען אויף דער „סעמעטערי" (דאָס הייסט אויפ'ן בית־הקברות) פון די „בני־חת", האָבען די בני חת גערופען אַ מיטינג — און דער טאַטע אברהם האָט זיי פאָרגעלעגט די בקשה, אַז ער וויל, זיי זאָלען איהם לאָזען באַגראָבען דאָס ווייב אויף זייער סעמעטערי. האָט איינער אַ מעמבער פון די „בני־חת" „געבעטען דאָס וואָרט" און געמאַכט אַ ספּיטש בזה הלשון: „ווירדי־גער מיסטער אברהם! עס וועט אונז זיין אַ גרויסער כבוד, אַז דו וועסט דיר אויסקלויבען דאָס שענסטע שטיק סעמעטערי. מיט'ן גאַנצען האַרצען וועט דיר איטליכער אָפּטיילען אַ שטיק פון זיינעס. וואו עס וועט דיר נאָר געפע־לען!" — האָט אויף דעם אברהם גענומען דאָס וואָרט און ערקלערט, אַז איהם געפעלט זעהר די הייהל ביי עפרון החתי. האָט זיך עפרון החתי געפיהלט זעהר געשמייכעלט פון דעם גרויסען כבוד און האָט טאַקי באַלד געוואָלט שענקען די הייהל מיט אַ שטיק פעלד אַרום דער הייהל. נאָר אַזוי ווי אברהם האָט דאָס נישט געוואָלט נעהמען בחנם, האָט עפרון באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך פריהער שיער נישט באַנאַרישט, אַוועק צו געבען אַזאַ הייהל אָהן געלד, האָט ער זיך געהייסען געבען פיער הונדערט זילבערנע קאַרבאָ־וואָנצעס, גוט־אָפּגעוואויגענע און עובר־לסוחר'דיגע.

עפרון החתי איז געוועזן דער ערשטער סוחר פון סעמעטערי. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קוים וועט נאָר אברהם'ס ווייב ליגען אויף זיין פעלד, וועט אברהם אַליין אויך דאָרט וועלען ליגען און דאָס פעלד פון אַרום וועט טייער ווערען. ער וועט נאָר דאַרפען אַנאָנסירען, אַז ער האָט צו פאַרקויפען „לאָטס" אויף סעמעטערי נעבען אברהם העברי'ס קבר. אַנפאַנגס האָט ער געוואָלט דאָס פעלד שענקען בחנם. ער האָט געדענקט, אַז עס וועט זיך איהם שוין שפּעטער אויסצאָהלען, ווען ער וועט רייסען די הויט ביי אנדערע. נאָר אַזוי ווי אברהם האָט געוואָלט דוקא צאָהלען, האָט ער זיך געהייסען געבען פיער הונדערט זילבערנע קאַרבען — און האָט דערנאָך טאַקי גוט נאָכגעקוקט יעדעס בערבעל, צו עס האָט די ריכטיגע וואָג.

יעדעס מאָל ווען איך לײן אָט די געשיבטע אין חומש, זעה איך פֿאַר מײנע אויגען די נויאָרקער סאָסײעטיס מיט זײערע מיטינגען. וואַהרשײנליך איז אויך דאָרט בײ די בני חת געווען פֿריהער אַ „דעבײט“, צו מען זאָל אברהם׳ן אַרײנלאָזען צו דער מיטינג. אײניגע מעמבערס פֿון די בני־חת האָבען זיכערליך געהאַט אויסצוזעצען, וואָס אברהם איז אַ פֿרעמדער און דאַרף זוכען סעמעטערי בײ אַן אַנדערער געזעלשאַפֿט. זיכערליך האָט אויך דער פּרעזי־דענט פֿון דער מיטינג בײ די בני־חת געמוזט פֿיעל קלאַפּען מיט׳ן האַמער, ביז עס איז איהם געלונגען צו „סעטלען די קײס“.

עס זעהט זיך אויך אין אַמעריקא ווי עס בליהט עפֿרון החתי׳ס מסחר. איטליכע סאָסײעטי האָט זיך איהר פֿעלד און איהר ערשטע דאגה אין לעבען איז נאָר סעמעטערי. מען קאָן אפילו נישט קײנמאָל טרעפֿען אין אַמעריקא אַ טויטען ליגען אין גאַס. טראָצדעם קאָנט איהר זעהען בײ יעדער סאָסײעטי, ווי זײ האַלטען נאָר אין אײן רעדען פֿון סעמעטערי.

אַמאָל איז מיר אַלײן אויסגעקומען צו געהען אין בעזוך צו אַ סאָסײעטי פֿון יאָנג מענס. קלאַפּ איך אָן אין טהיר. קומט מען צו מיר אַרויס בעטען, איך זאָל וואַרטען. די מיטינג איז אַצינד „ביזי“ מיט אַ קײס פֿון סעמעטערי. פֿרעג איך פֿאַרוואונדערט: וואָס האָבען יאָנג מענס צו טהון מיט סעמעטערי? קענען זײ נישט רעדען פֿון לעבעדיגע זאַכען? ענטפֿערט מען מיר „אין אַמע־ריקא מוז מען זיך קודם־כל באַזאָרגען מיט סעמעטערי!“.

געה איך דאַן צו אַן אַנדערער סאָסײעטי פֿון „יאָנג מענס“, טרעף איך אויך מענשען, וואָס רופֿען זיך יאָנג מענס און אין אמת׳ן איז דער אינגסטער פֿון זײ אַ בן־ששים, זאָגט מען מיר אויך: „די מיטינג איז ביזי!“ — פֿרעג איך שוין אַלײן „מיט סעמעטערי?“, נעהמט עס דער וואַטשמאַן פֿון דער טהיר אַלס אָנצוהערעניש אויף זײן ווײסער באָרד, האָב איך שוין פֿון איהם מײן אויסקומעניש. „גרינהאָרן!“ טהוט ער אַ געשרײ „אונזער סאָסײעטי האָט שוין לאַנג סעמעטערי!“.

עפֿרון החתי׳ס גײסט הערשט הײנט אין אַמעריקא. יעדער ספּעקולירט מיט סעמעטערי — און טאָמער האָט אַ סאָסײעטי גענוגג סעמעטערי אָדער זי האָט גאָר צו פֿיעל סעמעטערי, פֿאַרקויפֿט מען די סעמעטערי אָדער מען שענקט זי אַוועק, אַבי מען זאָל האָבען צו טהון מיט סעמעטערי. אין דער אַלטער היים איז פֿאַרהאַנען אַ „חברה קדושה“, וועלכע באַזאָרגט די שטאָדט מיט סעמעטערי, רעדט מען, אַז די גבאים מאַכען אַ לעבען פֿון דער חברה. ווילען די גבאים אײנשטילען די שרײערס, מאַכען זײ סעודות און געבען דעם עולם צו שכור׳ן, און עס לעבט זיך וועגען סעמעטערי. דאָ אין אַמעריקא שלאָגט מען זיך וועגען סעמעטערי און לאָיערס מוזען זיצען בײ די מיטינגען, קנײט־

שען די מוחות און קאָנען נישט געפֿינען קיין אויסוועג אויף שלום, ווען עס האַנדעלט זיך וועגן סעמעטערי."

לייענדיג אין דער סדרא פֿון סעמעטערי, פֿיהלט זיך אַ ריח פֿון סעמע-טערי אויף יעדען שריט, אפילו אין דער ליטעראַטור.

אָט נעמט למשל, מאַנכע אונזערע צייטונגען און זאָגט אויף אייער נאמנות, צי איהר פֿיהלט נישט אַ ריח פֿון קברות אין יעדער שורה. די עדיטאָריעלס האָבען אַ טעם פֿון "הזכרת נשמות" און די פֿעליעטאָנען שמע-קען פֿון "אל מלא רחמים", אפילו דער אינהאַלט טראָגט אויף זיך דעם חותם פֿון יענער וועלט. און די נייעס לעזען זיך ווי די ידיעות, וואָס די מתים ברענ-גען צו זייערע שכנים, ווען זיי פֿליהען אַ ביסעל אַרויס אויף אונזער וועלט נאָך האַלבע נאַכט.

דער זעלבער ריח הערט זיך פֿון אונזערע וויצבלעטער, נישטאָ אין זיי קיין שטאָף פֿאַר אַ לאַך. די לצים גלויבען, אַז שימפּפֿען אויף אונשולדיגע מענשען האָט דעם זעלבען ווערטה וואָס וויצען, דאַרף מען טאַקי לאַכען פֿון דעם, וואָס זיי מיינען, אַז אַזאַ מין אינהאַלט איז וויציג. פון יעדען וואָרט פֿיהלט זיך אַ ריח פֿון סעמעטערי — און נאָר אַ גראָביאַן און אַ באַרבאַר קאָן וועלען לאַכען, וואו עס געפֿינען זיך טויטע.

אַ ריח פֿון סעמעטערי פֿיהלט זיך אויך אין אידישען טעאַטער. די פּיעסען זענען איבערגענוצעוועטע פֿון נח׳ס צייטען. די טיפּען זענען טויטע און זעהען אויס ווי מתים, וואָס דרעהען זיך אַרום אויף׳ן "עולם התהו". די שוישפּיעלער דראַפּען זיך אויף די גלייכע ווענד, עס זאָל זיך דעם עולם דאַכטען, אַז זיי לעבען, אָבער אַלעס איז טויט — און ווען מען קוקט זיך גוט איין אין דעם אַלעמען, מוז מען זעהען, אַז דער האָהן דאַרף נאָר אַ קרעה טהון, די גאַנצע ערשיינונג זאָל פֿאַרשוואונדען ווערען פֿון די אויגען.

יעקב'ס שטימע און עשו'ס הענד

(צו פרשת תולדות)

אויסצונאַרען די ברכה פון זיין פאָטער יצחק, האָט זיך יעקב־אבינו כאַראַקטעריזירט די הענד ווי אַ געשיקטער אַקטיאָר... דער בלינדער פאָטער האָט איהם אָבער דערקאָנט אין דער שטימע, האָט ער אויסגערופען: „דאס קול איז יעקב'ס, אָבער די הענד זענען פון עשו".

יעקב האָט די שטימע, עשו האָט די הענד. אָט דאָס איז געבליבען אַ גענעץ ביז צום היינטיגען טאָג. יעקב קאָן נאָר לאָזען הערען זיין שטימע און ער מאַכט געוואַלדעס פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן עק. עשו האָט הענד און רעדט גאָר נישט. יעקב'ס כח ליגט אין זיין שטימע, ביי עשו'ן ליגט דאָס לשון אין די הענד.

די ערשטע ברכה האָט יעקב באַקומען. איז די ברכה געווען בדרך־משל: דעם טהוי פונ'ם הימעל און די פעטיגקייט פון דער ערד האָט איהם יצחק געוואונשען, ס'איז אָבער נישט געווען געמיינט אין דער ווירקליכקייט. מיט דעם וואָרט „טל השמים" — זאָגט דער מדרש — האָט יצחק געמיינט די תורה, און ביי „משמני הארץ" האָט ער געמיינט די משנה. און מקוים געוואָרען איז אָט די ברכה בשלמות. יעקב'ס קינדער זענען טאַקי די אייגענטימער פון דער תורה און די בעלי־בתים פון דער משנה.

יעקב איז געווען אַ קלוגער, האָט ער גוט פאַרשטאַנען דעם פאָטער'ס ברכה. עשו האָט נישט געהאַט קיין שכל, האָט צו איהם דער פאָטער נישט געקאָנט רעדען אין משלים. האָט ער איהם געבענשט, ער זאָל וואוינען אויף דער פעסטער ערד אונטערן טהוי פונ'ם הימעל און ער האָט דאָס געמיינט אויף אַן אמת, אָהן אַ משל. עשו'ס הענד וואָלטען געקאָנט שמוציג מאַכען די תורה און דער גראָבער קאָפּ זיינער פאַרשטעהט נישט קיין משל. אַזוי ווי ער האָט נישט קיין פאַרשטענדניס פאַר אַ ברכה פון רוחניות, האָט איהם דער פאָטער געמוזט געבען גשמיות.

על חרבך תחיה, האָט איהם דער פאָטער נאָך צוגעגעבען, ער זאָל קענען אומגעהן מיט אַ שווערד, איז ער טאַקי געבליבען דער בעל־הבית פון די אַרמעען און פון די קריעגס־שיפען. זיינס אַ וואָרט האָט אַ גרויסע

באַדייטונג. ווייל ער קאָן אַרגומענטירען מיט קאַנאָנען און קאָן שטעכען מיט שפּיזען. ווען ער וויל באַזיעגען אַ שונא, געהט ער נישט קעמפּפען מיט ווערטער און וויל נישט שלאָגען מיט׳ן שפּיץ פון אַ פּעדער.

„ואת אחיך תעבוד“, אָבער דיין ברודער יעקב מוזט דו באַדיענען. אין דער ברכה פאַר עשו האָט יצחק נאָך אין זינען געהאַט, צו מאַכען איהם פאַר אַ דינער ביי יעקב. די ערד איז זיין מיט איהרע פעלדער און תבואות, דאָס שווערד איז זיין מיט די אַרמעען און קאַנאָנען, יעקב׳ס קינדער וואוינען ביי איהם אין שכנות ווי איינגעבעטענע אין דאַנקען גאָט, ווען ער טשעפּעט זיי נישט. ער מוז דאָך אָבער יוצא זיין דעם „ואת אחיך תעבוד“, קומט ער אַראָפּנעהמען די לייכטער אום שבת, הייצט ער אויס אים פּרייטאג דאָס באָד, קויפט ער ביי יעקב׳ס קינדער דעם חמץ אויף פסח, זאָנסט איז יעקב ביי איהם אַ קנעכט...

צוויי ברידער זענען זיי געוועז, קינדער פון איין טאַטע־מאַמע, אויפגעצויגען אונטער איין דאַך. טראָצדעם האבען זיי זיך פיינט געהאַט „שנאת־מות“. איינער האָט אָפּגענאַרט דעם אַנדערן, איז דער אַנדערער אויפגעקאָכט געוואָרען אין דער שרעקליכסטער רציחה, נאָר צו הרג׳נען דעם ברודער. צוערשט האָט ער אויסגענאַרט די „בכורה“ און דערנאָך די ברכה. האָט ער געמוזט באַצאָלען דערפאַר מיט גלות, מיט אַנטלויפען, מיט ליגען באַהאַלטען יאָהרען לאַנג ביי שם ועבר און ביי לבן הארמי. ביז ער האָט איהם איבערגעבעטען מיט אַ סטאַדע שאָף און רינדער, וועלכע וואָלט גענוג געוועז, רייך צו מאַכען דעם גרעסטען פּארמער.

די גרויסע מתנה האָט אָבער ווייניג וואָס געהאָלפען, די שנאה איז געבליבען איינגעוואָרצעלט אויף אייביגע דורות. געבוקט האָט זיך יעקב, געבויגען אין דרייען, געוואָרפען זיך מיט׳ן פּנים צו דער ערד, צוערשט ער, דערנאָך די ווייבער מיט די קינדער. אָפּגעגעבען כבוד האָט ער עשו׳ן כסדר ביים רעדען און האָט איהם טיטולירט נישט אַנדערש ווי „יאַשניע וויעלמאָזשני פאַן“. אָבער עשו איז פון דעם אַלעמען נישט גערירהט געוואָרען.

זעהר וועה געטהאָן האָט יעקב׳ן די מתנה. אַזאַ קאַרגער ווי יעקב איז געוועז, טאָג און נאַכט געהאָרעוועט ביי די שאָף און נאָר גע׳חלום׳ט פון פלענער, ווי אַזוי אָפּצונאַרען לבן הארמי, אויף צו קומען צו אַ שטיקעל בעל־בתישקייט, וועגען צוויי קליינע טעפּלעך איז ער זיך געגאַנגען שלאָגען מיט אַ מלאך, געהט ער, נעהמט אוועק די האַנד פונם האַרצען און שיקט זיין ברודער אַזאַ גרויסע מתנה, אָפּגעשפּאָרט פון צוואָנציג יאָהר האָרעוואַניע. האָט נאָך דאָס אַלעס נישט געהאָלפען און ער איז ווייטער נישט זיכער געוועזן מיט׳ן לעבען, ווייל דער ברודער האָט איהם פיינט געהאַט.

ביי דער מוטער אין לייב האָבען שוין די צווי ברידער נישט געהאַט קיין שלום. שוין דאָרט האָט עשו געמאַכט פּויסטען געגען יעקב, איידער יענער האָט נאָך אויסגענאַרט ביי איהם די בכורה און אויסגעכאַפּט די ברכה. שוין דאָרט האָט זיך אָנגעהויבען צווישעןביידען אַ קאַמפּף וועגען רעליגיאָן, יעקב האָט געוואָלט לויפען צו שם-ועבר אין בית המדרש אַריין, עשו האָט געוואָלט לויפען צו זיינע געצען — און רעליגיעזע פראַגען קאָנען צווישיידען ברידער אפילו ביי זייער מוטער אין לייב. דאָס איז דער ביטערסטער קאַמפּף, וועלכער טיילט אָפּ די מענשען איינעם פון'ם אַנדערן, אפילו ווען עס האַנ־דעלט זיך נישט וועגען אויסנאַרען די בכורה און אויסכאַפּען אַ ברכה פון אַ טאַטען.

יעקב'ס שטימע און עשו'ס הענד באַהערשען די וועלט. יעקב'ס שטימע באַהערשט די פרעסע, רעגיערט די עפענטליכע מיינונג. אָהן זיין צו־שטימונג קאָן גאָר נישט געשעהן, אַלעס האָרכט וואָס ער זאָגט, איטליכער וויל וויסען וואָס ער מיינט. אָבער די מאַכט ליגט אין עשו'ס הענד. יעקב אָרגאַניזירט פּאָליטישע פּאַרטייען, פיהרט אָן סטרייקס, די קאַפּיטאַליסטישע וועלט ציטערט פאַר איהם, אָבער ווען די געמיטהער ווערען אויפגערעגט, קעהרט זיך דער צאָרן פון די "הענד" געגען יעקב'ן אַליין. יעקב ווערט דאַן דער "בליץ-אַבלייטער", און אַנשטאַט וואָס דער שטיין זאָל טרעפען דעם ריכטיגען פלאַץ, טרעפט ער גאָר יעקב'ס קינדער.

וויל זיך יעקב פלוצים אַסימילירען, טוישען די ראָלען מיט זיין ברודער עשו. יעקב וויל האָבען די הענד און וויל עס צולאָזען, עשו זאָל זיך נעהמען די שטימע. פאַסט עס נישט פאַר ביידען, נישט פאַר יעקב און נישט פאַר עשו, יעקב ווערט פלוצים אַ מערדער, האָט ער אַ פּנים ווי אַ גזלן אין א שטריימעל, ווי אַ גנב וואָס האָט מורא אין דער פינסטער, ווי א רוצח וואָס לייענט קריאת-שמע ווערט דערפון אַ בלבול אויף כל-ישראל. ווערט די וועלט אויפגערודערט: סטייטש, ווי קומט עס, אידען זאָלען זיין מערדער?...

יעקב'ס שטימע ווערט געהערט אויף דער גאַנצער וועלט, אָבער נאָר וואו עס האַנדעלט זיך וועגען ווערטער. ביי דער נייער טעכניק מיט איהרע ערפינדונגען האָט יעקב א קליינעם חלק. ביי דער ענטוויקלונג פון דער וועלט־ליטעראַטור קאָן מען זיך גאָר נישט דענקען, אויסצוקומען אָהן יעקב'ן, אָבער וואו עס האָט צו טהון מיט טעכניק, איז שוין עפּיס אַנדערש. אין דער צייט פון אַסימילאַציע און פון פאַרטוישען די ראָלען צווישען שטימע און הענד זענען אידען געוואָרען גזלנים און גוים זענען געוואָרען ערפינדער.

זייט יעקב און עשו זענען געבוירען אויף דער וועלט, האַלט אָן דער קאַמפּף צווישען ביידען, יעקב האָט די שטימע, עשו האט די הענד, יעקב האָט

דעם שכל, עשו האָט די מאַכט. יעקב קאָן שרייען און מאַכען גוואַלדעס, עשו קאָן שלאָגען. און אַ שטאַרקע שנאה הערשט צווישעןביידען, איינגע־וואָרצעלט פֿון דורות.

קומען מוז אָבער די צייט, ווען דאָס פֿאַרהעלטניס פֿון יעקב און עשו וועט אויסגעגליכען ווערען. ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשו. אויף׳ן באַרג ציון וועלען קומען די העלפֿער פֿון ישראל אויסטענה׳ן זיך מיט עשו׳ן. אויסגעגליכען וועט דעמאָלס ווערען דאָס פֿאַרהעלטניס פֿון שטימע און הענד. יעקב׳ס שטימע וועט דאַן נישט מעהר זיין שטאַרקער ווי זיינע הענד. גלייך איינגעטיילט וועט זיין ביי איהם דער כח אין זיין מוח און אין זיין גוף — און דאָס וועט ענדליך ברענגען דעם סוף פֿונ׳ם אייביגען קאַמפף צווישען יעקב און עשו.

שטויב און בלאָטע

(צו פרשת ויצא)

מיעד פון דער ווייטער וואַנדערונג האָט זיך יעקב אבינו אַנידערגעוואָרפען מיטען אין פעלד, אונטערגעלייגט אַ שטיין צו־קאָפּעס, אַנטלאָפען איז ער פון זיין היים צוליעב דעם כעס פון זיין ברודער און נאָך אַ גאַנצען טאָג געהען איז ער אַנידערגעפאַלען אַן אויסגעמאַטערטער פונ'ם וועג און איז פאַרזונקען אין אַ טיעפען שלאָף מיט זיסע חלומות.

די חלומות האָבען געשטאַרקט זיין האַרץ, ווי אַ נייער מענש איז ער אויפגעשטאַנען פונ'ם שלאָף און מיט נייע כחות האָט ער זיך גענומען געהען ווייטער. ווי לעבעדיג איז איהם דער חלום געשטאַנען פאַר די אויגען, ווי מלאכים זענען געגאַנגען אויף אַ לייטער און גאָט אַליין איז געווען נעבען איהם און האָט איהם צוגעזאָגט פאַרשיעדענע גליקען. דאַן האָט ער איהם נאָך צוגעזאָגט, אַז זיינע קינדער וועלען זיין ווי שטויב...

"ווי שטויב וועלען זיין דיינע קינדער!" — האָט עס כסדר געקלונגען אין יעקב'ס אויערען און ער האָט אַלץ געקלערט וועגען דער באַדייטונג פון גאָט'ס וואָרט. אָפּווענדען די געדאַנקען פון זיין חלום האָט זיך איהם געוואָלט, האָט ער פאַרשטאַרקט זיינע שרים. ער זאָל נישט האָבען קיין צייט צו קלערען, גאָט'ס ווערטער האָבען אָבער נישט געלאָזט רוהען זיינע מחשבות און ער האָט זיי נישט געקאָנט פטר'ן פונ'ם מוח אפילו אַ רגע.

"דיינע קינדער וועלען זיין ווי שטויב!".

אויף שטויב טרעט מען און מען טראַמפּעלט אַרום, שטויב לאָזט מיט זיך טהון, וואָס מען וויל נאָר, שטויב האָט קיינער נישט ליעב און עס איז אַן אונבאַקוועמע זאַך, שטויב איז אָבער אומעטום פול. מען קאָן זיך פון איהם גאָר נישט אָפּזאָגען. קעהרט מען אָפּ דעם שטויב פון אונטער די פיס, קריעכט ער אויף די וואַנד. און קעהרט מען אָפּ דעם שטויב פון דער וואַנד, מאַכט ער זיך פלאַץ אויף'ן באַלקען. ווישט מען אָפּ דעם שטויב פון די קליידער, בלייבט ער אויף'ן טיכעל. נישט אויסטהון קאָן מען זיך פון שטויב, און טרייבט מען איהם אַרויס דורך דער טהיר, קומט ער צוריק דורך'ן פענסטער.

„ווער אויך אַזוי זיין דער גורל פֿון מיינע קינדער?— האָט עס געענבערט אין יעקבֿ׳ס מוח — וועט יעדער קאָנען אויף זיי טרעטען און קיינער וועט זיך נישט קאָנען פֿון זיי אויסהיטען?״.

און ווען אַלעס אין דער וועלט ענדערט זיך. טהוט אויס זיין ערשטע צורה און פֿאַרוואַנדעלט זיך אין אַ נייע געשטאַלט, בלייבט אַליין דער שטויב וואָס ער איז געוועזן בעפֿאָר, ווי לאַנג מען באַשפּריצט איהם נישט מיט וואַסער.

שטויב באַשפּריצט מיט וואַסער הויבט זיך נישט מעהר אין די לופֿטען, ליעגען בלייבען מוז ער אויפֿ׳ן אָרט, וואו דאָס וואַסער האָט איהם געטראָפֿען. ער הערט דאַן אויף צו זיין שטויב און עס ווערט פֿון איהם בלאָטע.

מקוים געוואָרען איז אַלעס, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט צו יעקב, ווי שטויב זענען יעקבֿ׳ס קינדער, ביז זיי לאָזען זיך „באַשפּריצען מיט וואַסער״ — און ווער פֿון זיי עס לאָזט זיך באַשפּריצען מיט וואַסער, הערט אויף צו זיין שטויב און עס ווערט פֿון איהם בלאָטע.

אין לעמבערג בין איך אַמאָל געגאַנגען אין געזעלשאַפֿט פֿון ר׳ אורי וואָלף דיין, אָט דער ר׳ אורי וואָלף דיין איז געוועזן איינער פֿון די גרעסטע אין זיין צייט, און אפילו פֿון זיין „שיחת חולין״ האָט מען געקאָנט פֿיעל לערנען.

דער טאָג איז דאַן געוועזן זעהר אַ הייסער; איינער פֿון יענע טעג, ווען דער אויבערשטער „נעהמט אַרוים די זון פֿון איהר פֿוטעראַל״ — און ר׳ אורי וואָלף דיין האָט געטראָגען אַ שווערען פּעלצענעם ספּאָדעק אויפֿ׳ן קאָפּ און אַ יאַרמולקע פֿון אונטען. איז אויף אונז צוגעקומען אַן אָפֿיציער פֿון דער עסטרייכישער אַרמעע און האָט ר׳ אורי וואָלף אַ פֿרעג געגעבען, צו וואָס ער טראָגט אַזאַ שווערע פּעלצענע מיצעל אין אַזאַ הייסען טאָג?

— איך טראָג עס, ווייל עס איז אַ סימבאָל פֿון מיין פֿאָלק! — האָט ר׳ אורי וואָלף געענטפֿערט.

— ווי אַזוי אַ סימבאָל? — פֿרעגט דער אָפֿיציער.

נעמט ר׳ אורי וואָלף דעם ספּאָדעק, וואַרפֿט איהם צו דער ערד, טרעט איהם מיט די פֿיס, ביז ער איז געוואָרען פֿול שטויב, דערנאָך נעהמט ער און בלאָזט אָפּ דעם ספּאָדעק, ווישט איהם אָפּ פֿונ׳ם שטויב און מאַכט איהם צוריק ריין.

— זעהט איהר — מאַכט ער דאַן צום אָפֿיציער — אַ שטרויענער קאַפּעלוש אָדער אפילו אַ טוכענער וואָלט נישט געקאָנט פֿאַרטראָגען אַזוי פֿיעל צרות, ער וואָלט געמוזט פֿאַרליערען זיין צורה. אַזוי וואָלטען אויך אנדערע פֿעלקער נישט געקאָנט דערטראָגען די צרות, וואָס מיר ליידען.

גוט פאַרשטאַנען האָט דער אָפּיציר ר׳ אורי וואָלף׳ס ווערטער און שמייכלענדיג האָט ער צוגעגעבען:

טראָצדעם איז געבליבען׳קלעבען אַ שטיקל בלאָטע אויף אייער פעל־צענער מיצע.

דאָס איז אויך אַ סימבאָל פון מיין פאָלק! — האָט ר׳ אורי וואָלף גע־ענטפערט — דער שטויב איז געווען באַשפּריצט מיט וואַסער, און ווען אַ איד לאָזט זיך באַשפּריצען מיט וואַסער ווערד פון איהם בלאָטע.

בלאָטע מוז ווערען פון אַלע אידען, וואָס לאָזען זיך באשפריצען מיט וואַסער. שטויב איז פריקרע, ער איז אָבער צו דערליידען. בלאָטע מאַכט שמוציג און מען מיידט זי אויס. שטויב לאָזט מען ליגען אין גאַס, מען טרעט אויף איהם, אָבער מען מיאוס׳ט זיך נישט מיט איהם. בלאָטע וואַרפט מען אוועק און מען קעהרט זיך אָפּ פון איהר.

ווי אויף שטויב האָט מען אויף אונז אַרום־געטראַמפּעלט אין אלע דורות, אָבער ווי לאַנג אונזערע קינדער האָבען זיך נישט געלאָזט באשפרי־צען מיט וואַסער, איז געבליבען זייער זכרון אין דער אידישער געשיכטע. פאַרגעסען געוואָרען זענען נאָר די, וואָס האָבען זיך געלאָזט באשפריצען מיט וואַסער. אויסגעמעקט איז זייער זכרון ווי דער זכרון פון בלאָטע.

אין אמעריקא איז נישט פאַהאַנען קיין אורזאַך אידישע קינדער זאָלען זיך לאָזען באשפריצען מיט וואַסער. נישטאָ קיין שום געזעלשאַפטליך הינ־דערניס, אידען זאָלען נישט קאָנען דערגרייכען די העכסטע מדרגה, ווען זיי זענען פעהיג דערצו. דאָ אין אמעריקא איז אפילו מעגליך, אַז די פרוי פון א גרויסען קריסטליכען ביזנעסמאַן, וועלכע איז אויפגעצויגען אינ׳ם שטרענגסטען קאַטאָליציזם, זאָל פלוצים געוואָהר ווערען, אַז זי איז א אידישע טאָכטער און זאָל זיך פאַרבענקען צוריקצוקעהרען צו אידישקייט.

אָבער אין אייראָפּא זענען אַזעלכע זאכען אויסגעשלאָסען. דאָרט איז מעגליך אַז א גרויסער אידישער געלעהרטער ווי זעליג קאָסעל זאָל שרייבען עפענטליך, אַז ער „צעהלט זיך מיט אַ פייערדיגען שטאָלץ צו דער אלטער אידישער נאַציאָן". און זאָל זיך דערנאָך אָפּזאָגען פון זיין נאַציאָן און זאָל אָננעהמען די טויפע. דאָרט איז מעגליך אז א זוהן פון ר׳ יצחק בערנאַיס, פון דעם גרעסטען קעמפפער פאַר אידישע אָרטאָדאָקסיע, זאָל ווערען א גוי און א שונא ישראל. דאָרט איז מעגליך, אז די קינדער פון נחמן קראָכמאַל, פון שלמה ליב ראַפּאָפּאָרט, פון אהרן יעלינעק און פון מענדעלי מוכר ספרים זאָלען זיין קריסטען, דאָרט איז אַלעס מעגליך.

דאָ אין אמעריקא זענען אפילו פאַרהאַנען אנדערע פאַרבלאָטיגע מעג־ליכקייטען, וועלכע פאַרשאַפען אונז נישט קיין תענוג. ווי למשל דאָס, וואָס

דער פיהרער פון די נדבות פאר ארץ־ישראל זאָל זיין נעהנטער צום קריסטענ־
טום איידער צום אידענטום. דאָ איז מעגליך. אז אָרטאָדאָקסישע רבנים זאָלען
מאכען א קאָמפראָמיס מיט יעזוס'ן, כדי ארוים צו קריגען פאר זייער "צדקה
גדולה" עטליכע פענים מעהר.

פאר אָט דעם אלעמען איז אויך פאַרהאנען א תירוץ, וועלכער זאָגט,
אז ביי נדבות קאָן מען נישט צולייגען דיזעלבע מאָס ווי ביי אלע אנדערע
אננעלעגענהייטען פונ'ם לעבען. נישט בחנם זאָגט דער פסוק, "גשם נדבות",
ווייל נדבות זענען ווי רעגען, פאר אייניגע איז דער רעגען באפרוכטענד און
א ברכה, פאר אנדערע מאכט ער נאָר אָן א בלאָטע.

שטויב און בלאָטע פיהלט זיך אין אונזער לעבען אויף שריט און טריט,
שטויב קיצעלט מאנכע אין דער נאָז, זיי זאָלען דערפון ניעסען, ווילען זיך
דערפאַר אנדערע אקענען־שטעלען, מאכען מיט דער פויסט. ווען עס דאכט
זיך זיי אויס, אז מען האָט זיי געטראָפען, מוז מען אויף זיי שפריצען א
שטראהל וואסער, זיי זאָלען זיך נישט מעהר קאָנען אויפהויבען אין דער לופט
און עס זאָל ווערען פון זיי בלאָטע.

דינה בת לאה

(צו פרשת וישלח)

קוים זיך א ביסעל בארוהיגט פונ'ם טראָבעל מיט לבן הארמי און פונ'ם איבערבעטען מיט עשו'ן, האָט יעקב אבינו געמיינט, אז ער וועט שוין קאָנען פון איצט אָהן רוהיג לעבען, האָט איהם פלוצלינג באגעגענט א צרה מיט דער טאָכטער.

נישט ווייט פון דער שטאָדט שכם האָט זיך יעקב געקויפט א שטיקעל פלאַץ און האָט זיך דאָרט אויסגעבויט א הייזעל, האָט זיך דער טאָכטער זיינער א ביסעל פארגלוסט, צו געהען א קוק טהון אויף די מיידלעך אין שטאָדט, ווי אַזוי זיי אונטערהאַלטען זיך און ווי אזוי עס זעהט עפּיס אויס די מאָדע פון זייער לעבען.

און אזוי ווי דינה איז געווען אַן איינציגע טאָכטער, האָט מען איהר נאָכגעגעבען דעם פארלאנג און מען האָט זי געלאָזט געהן. האָט זי דאָרט דערזעהען שכם בן חמור, דער יונגער פריץ פונ'ם שטעדטעל — און וואָס ווייטער איז געשעהען, דארף מען שוין נישט ערצעהלען.

יעקב'ן האָט די געשיכטע זעהר שטארק פארדראָסען, ס'איז איהם נישט אָנגעשטאַנען חמור אלס מחותן און עס איז איהם אויך נישט געפעלען די ארט, ווי אזוי דער חתן האָט ביי איהם צוגענומען די בתולה. איז טראָצדעם וואָס די גאנצע שטאָדט האָט זיך אָנגעטהון יסורים צוליעב דעם שדוך פונ'ם פריץ, זענען יעקב'ס צוויי זוהן איבערגעפאלען די שטאָדט און האָבען דאָרט אויסגעהרג'עט אלע מאנסבילען.

תמיד האָבען אידישע טעכטער געהאט א חשיבות ביי גוים. א גאנצע שטאָדט גוים האָט זיך אָנגעטהון יסורים, ווייל דער פריץ האָט געוואָלט חתונה האָבען מיט אַ אידיש מיידעל. צוליעב אידישע טעכטער האָבען זיך אויך טויזענדער גוים מגייר געווען אין שפּעטערע דורות. געוועהנליך איז דאָס פארגעקומען נאָר דאָרט, וואו עס זענען געווען עלטערן אדער ברידער, וועלכע האָבען געטענה'ט, אז עס איז א חרפה, צו האָבען אַן ערל אין דער משפחה. זאָנסט האָט אפילו דינה אויך נישט געוואָלט אַוועקגעהן פונ'ם גוי'ס הויז און האָט דארט דורכאויס געוואָלט פארבלייבען.

קוים נאָר וואָס אָפּגעטרעסעלט פֿון זיך דעם שטויב פֿונ'ם וועג, איז דינה שוין געלאָפֿען זעהען די מאָדע פֿונ'ם לאַנד. אזוי זענען אידישע טעכטער די ערשטע נאכצוגעהן גוי'שע מאָדעס, אריינצוברענגען גוי'שע מנהגים איז אונזערע הייזער, נושא חן צו זיין אין די אויגען פֿון שכם בן חמור.

דאָס צניעות פֿון אונזערע טעכטער איז אפילו תמיד געווען א מוסטער פֿאַר אנדערע פֿעלקער אין דער וועלט. אבער מיט איינצעלנע פֿון אונזערע טעכטער האָט זיך זעהר אָפֿט געטראָפֿען אַן אונאנגעהנעהמע סבה. דינה בת לאה איז געווען נייגעריג אויף דער מאָדע פֿון דער נייער היים, האָט זי דער פריץ פֿונ'ם שטעדטעל געחאַפּט. שלומית בת דברי האָט חתונה געהאַט מיט א מצרי און מרים בת בלגה האָט גענומען אַ גרעק פֿאַר אַ מאַן. וועהרענד אידען זענען געווען אין גלות ביי די מצריים און ביי די גרעקען, האָבען זיך זייערע טעכטער נישט געשעהמט, חתונה צו האָבען מיט מענער פֿון צווישען די אונטערדריקער.

ווי לאַנג מיר זענען אין גלות, הערשט א מגפה פֿון שמד הויפטזעכליך צווישען אידישע טעכטער, וואו מען טהוט זיך א קעהר, טרעפֿט מען אידישע מיידלעך אין די קלויסטערס. אין אַזאַ לאַנד ווי אין אמעריקא איז שמד א זעלטענהייט. און ווען עס טרעפֿט זיך אַמאָל, מאַכט עס אַ סענזאַציע, אָבער אונזערע טעכטער זענען דאָ די ערשטע, אַרויסצוּוואַרפֿען דעם אידישען גייסט פֿונ'ם הויז און אַוועק צו וואַרפֿען אידישע מנהגים, אַבי צו קענען באַווייזען, אַז זייער הויז איז מאָדערניזירט און פֿיהרט זיך נישט אַזוי ווי עס האָט זיך געפֿיהרט ביי זייערע עלטערן.

זייט יאָהרען געהט [אָן אין אונזערע צייטונגען אַ פלפול וועגען דער ערציהונג פֿון אונזער יוגענד. עס וואָלט זיך גערן אויסגעפֿונען עפּיס אַ מיטעל צו דערהאַלטען דאָס יונגע דור ביים אידישקייט. וויל מען עס טהון מיט העברעאיש. וויל מען עס טהון מיט אידיש. דאַכט זיך אָבער, אַז ווען מיר וועלען האָבען אידישע טאטעס, וועלען מיר אויך האָבען אידישע מאַמעס, וועלען מיר אויך האָבען אַ אידיש דור. אונזערע טאַטעס זענען היינט צו פֿיעל באַשעפֿטיגט מיט דאגות פרנסה און די זייל פֿונ'ם הויז איז די מוטער. זאָל מען זי אַלזאָ שיקען אַ קוק טהון צו די גוי'שע מאַמעס, נישט ווי דינה בת לאה איז געגאַנגען זעהען זייערע מאָדעס, נאָר ווי אַזוי די גוי'שע מאַמע שטרעבט צו דערהאַלטען איהר קינד ביי דער אַלטער טראַדיציע פֿון איהר פֿאָלק.

אַ צייט פֿון לאַנגע דורות האָט געהערשט אַ מוסטערהאַפֿטע צניעות אינ'ם אידישען הויז. פֿיער הונדערט אידישע בתולות זענען געפֿאַנגען געווארען פֿונ'ם שונא און געפֿיהרט אין שקלאַפֿעריי, זענען זיי אַריין־געשפרונגען

אין וואַסער, דערטרונקען צו ווערען, נישט צו פֿאַרפֿאַלען אין זינד. זעגט איהר שוין אָבער אַמאָל געווען אין אַ גרויסען קור־אָרט, וואו עס קומט זיך צונויף אונזער אידישע „סמעטענע“? האָט איהר שוין געזעהען, ווי אונזערע אידישע טעכטער האָבען דאָרט אויסגעטהון יעדעם ברעקעל בושה און צוריסען דעם שלייער פֿין זייער טראַדיציאָנעלער צניעות? — די שעהנסטע אידישע פֿרויען מאַכען זיך דאָרט מיאוס מיט זייערע מעשים, די טייערסטע מאַכען זיך ביליג און די העכסטע דערנידריגען זיך. יעקב׳ס טעכטער שטעהען פֿריי פֿאַר יעדען שכם בן חמור . . .

נאָך׳ן אויסהרג׳נען די שטאָדט שכם האָט יעקב געמאַכט זיינע זיהן אַ פֿאָרוואורף פֿאַר זייער אונאיבערלעגטער טהאַט, האָבען איהם די זיהן געענטפֿערט: „הכזונה יעשו את אחותנו?“

שטיל איז דאַן יעקב געבליבען. ער האָט שוין געפֿונען באַרעכטיגט, וואָס שמעון און לוי האָבען געטהון אין זייער אויפֿרעגונג. שמעון ולוי׳ס כעס האָט זיך שוין אָבער קיינמאָל נישט מעהר ווידערהאָלט. רוהיג אין געלאַסען לעזען זיך די פּאָליציייליכע רעקאָרדס וועגען „ווייסער שקלאַפֿעריי“ און עס הערט זיך וועגען דעם נישט מעהר ווי א קרעכץ. אין פֿאַרשיעדענע לענדער זענען אידען די הענדלער פֿון „ווייסע שקלאַפֿען“ און אידישע טעכטער פֿולען אויס זייערע הייזער. טראָצדעם האָט זיך נאָך נישט געפֿונען קיין שמעון ולוי, וואָס זאָלען זיך געהן אָנגעהמען פֿאַר דער קריוודע פֿון אונזערע שוועסטער, חאָטש די דאָזיגע קריוודע איז ווי א געלער פֿלעק אויפֿ׳ן כבוד פֿונ׳ם גאַנצען פֿאָלק.

„הכזונה יעשה את אחותנו?“ האָבען שמעון ולוי געפֿרעגט אין זייער עמפערונג. נישט געטראָפֿען האָט זיך אָבער, אַז אָט די פֿראַגע זאָל נאָך איין מאָל פֿאָרקומען. ווען מען געהט למשל אין אַ אידיש טעאַטער און מען זעהט, ווי מען באַשימפּפֿט דאָרט אונזערע שוועסטער, ווי מען שילדערט זיי אַלס אויסגעלאַסענע אויסוואורפֿען מיט זינדיגע פֿאַרגאַנגענהייטען און מיט אַ שמוציגער געגענוואַרט, ווי דעגענערירטע מענשען טראַכטען אויס בלבולים אויף אידישע טעכטער, צו מאַכען גלויבען, אַז אַלע זענען פֿאַרדאָרבען. ווילט זיך דאַן זעהר און זעהר, עס זאָל קומען א שמעון ולוי, וואָס זאָל נעמען אַ שווערד געגען אָט די בני חמור, ווייל זיי שילדערן אונזערע טעכטער ווי דאָס וואָס מען קאָן נישט אָנרופֿען אין אַן אַנשטענדיגער געזעלשאַפֿט.

„דאָס געוויסען שפּיגעלט זיך אָפּ אין דעם ווילען צום אמת“, זאָגט אַ דייטשער פֿילאָזאָף — און זוכענדיג דעם אמת, מוז זיך אויך מאַכען אַ באַמערקונג וועגען דער קליידונג פֿון אונזערע טעכטער, אָנגעהמענדיג די מאָדע צו איבערטרייבען. דורך דער מאָדערנער קליידונג מיינט אַ פֿרוי צו געפֿעלען,

צו געפינען אַ מאַן, אַ שותף פאַר'ן לעבען. ביי אונזערע אידישע טעכטער פיהרט די מאָדע צו אַן אויסגעלאַסענער תאווה און דאַן צום איבערדרוס און צור פאַראַכטונג. אָבער מען הייראַטה נישט קיין מיידעל, וועלכעס לאָזט זיך פריהער דערקענען מיט דעם גאַנצען חן פון איהר גוף, ווען די קליידער מאַכען בולט אַלע איהרע אברים און מען זעהט דורך זיי די באַוועגונגען פונ'ם קערפער. קליידער זענען געמאַכט צו פאַרדעקען די נאַקעטע אברים פונ'ם גוף. אָבער קליידער, וועלכע פאָינטירען דעם גוף, זענען ערגער ווי אָהנע קליידער.

חלומות

(צו פרשת וישב)

ווי פֿאַרשלאָסען ביי זיך אין צימער האָט דער אַלטער יעקב געהאַלטען זיין זוהן יוסף. די אַנדערע קינדער האָט ער געשיקט אַרבייטען, פּאַסען שאָף. איהם אַליין האָט ער געלאָזט זיצען אין דער היים און לערנען. פֿאַר די אַנדערע קינדער האָט ער געמאַכט גראָבע קליידער, ווי עס טראָגען געוועהנליך די פּאַסטוכער; איהם אַליין האָט ער געמאַכט אַ זיידען מאַנטעלע. האָבען דאַדורך די ברידער פֿיינט געהאַט יוסף׳ן און האָבען נישט געקאָנט ריידען מיט איהם קיין גלייך וואָרט.

אַ שעהן בחור׳ל איז דאַן יוסף געווען, אַ ספּאָרט פֿון 17 יאָהר מיט געקרייזעלטע האָאר און אַ פּאָר בלישצענדע אויגעלעך׳ אויסגעפּוצט ביז אויפֿ׳ן לעצטען קנעפּעל. און אַזוי ווי דער פֿאָטער האָט איהם זעהר געליעבט און אָבגעהיט, האָט ער זעהר פֿיעל פֿון זיך געהאַלטען און האָט שטענדיג געטרוימט, אַז ער איז דער חשוב׳סטער פֿון זיין גאַנצער משפחה און אַלע װעלען זיך נאָך פֿאַר איהם בויגען, אפילו די זון מיט דער לבנה און די שטערען װעלען זיך בוקען פֿאַר איהם.

גליקליך און צופֿריעדען פֿון זיינע חלומות האָט ער זיי איטליכען דערצעהלט. די ליעבע פֿון זיין פֿאָטער האָט איהם שטאָלץ געמאַכט, האָט איהם די פֿאַנטאַזיע פֿאָרגעשפּיגעלט בילדער פון גרויסקייט און הערשאַפֿט. געוועהנליך קען מען נור זעהן אין חלום דאָס׳ וואָס מען האָט אין זינען ביי טאָג׳ און אזוי ווי יוסף האָט כסדר נור פֿאַנטאַזירט פֿון גרעסער־זיין׳ פֿון אַריבערוואַקסען העכער פֿון אַלעמען, האָט ער אויך געהאַט אַזעלכע חלומות.

וואָס איז דען איבערהויפּט אַ חלום?

דער חלום איז די פֿאָרשטעלונג פֿון געוויסע געשעהענישען, ביי וועלכע עס דאַכט זיך, אַז מען זעהט זיי און מען פֿיהלט זיי, לויט ווי זיי מאָהלען זיך אָפּ אין דער פֿאַנטאַזיע. ווען דער מענש איז וואַך, ווערד באַשטימט די טהעטיגקייט פֿון זיין זעעלע דורך די איינווירקונגען פֿון דער אויסענוועלט. די אָנגענומענע איינדריקע גיבען דאַן דעם שטאָף צו די פֿאָרשטעלונגען, וועלכע קלויבען זיך צוזאַמען אין אונזער מוח מיט דער הילף

פון׳ם פארשטאנד. אין חלום פאלט אוועק די טהעטיגקייט פון׳ם שכל און די פאנטאזיע באשאפט געדאנקען, וועלכע וואלטען זאנסט קיינמאל נישט געקומען אויף דער מחשבה.

אזוי זיינען אויך די חלומות פון דער יוגענד ביי יעדען מענש. מען פאנטאזירט פון וועלטען שטורמען און עס דאכט זיך אויס, אז אט־אט וועט מען זיך געבען א הויב, צו פליהען אין די לופטען און אנשלאגען מיט׳ן קאפ ביז צו די העכסטע וואלקענס.

יוסף׳ס חלומות האבען געבראכט זיינע ברידער אין כעס, אבער מעהר אויפגעקאכט זיינען זיי געווארען צוליעב דעם דערצעהלען די חלומות. הויכע פאנטאזיעס געבען כח צו שטרעבען, אבער ווען מען געהט דערצעהלען די פאנטאזיעס, קען מען זיך לעכערליך מאכען. ווען מען שטרעבט צו גרויסקייט, זאל מען שטרעבען ווי ווייט עס גרייכט דער כח. מען זאל אבער קיינמאל נישט דערצעהלען פון שטרעבונגען, ווייל עס קענען זיך געפינען מענשען, וואס פערגינען אפילו נישט דעם חלום, האקען זיי אפ די פליגעל פון דער פאנטאזיע און גראבלען זיך אונבארמהערציג אין דער אייזערנער ווירקליכקייט, כדי צו באווייזען די אונמעגליכקייט פון די שעהנע חלומות.

אזוי האבען יוסף׳ס ברידער געוואלט מאכען א סוף פון זיינע אלע חלומות, האבען זיי איהם פארקויפט פאר א שקלאף אין מצרים, פון וואנען עס איז גאר נישט מעגליך געווען צוריק צו קומען — און עס האט זיך זיי אויסגעדאכט, אז זיי האבען איהם שוין געפטר׳ט אויף תמיד און זיי וועלען מעהר נישט דארפען הערען זיינע חלומות.

טראצדעם זיינען יוסף׳ס חלומות פארווירקליכט געווארען. אזוי קען אויך זיין ביי יעדען מענשען, וועלכער האט גרויסע חלומות אין לעבען, ווען ער לאזט זיך נישט אפשרעקען און ווערד נישט אפהענטיג פון א מיס־ערפאלג. יערער חלום קען מקוים ווערען, ווי לאנג דער בעל־החלומות גלויבט אליין אין דער מעגליכקייט פון זיין פאנטאזיע. אפילו אין מצרים אלס שקלאף האט יוסף נישט פארלארען דעם מוטה. ער האט געפיהלט, אז ער איז געשאפען צום הערשען, האט ער זיך ווייטער געפוצט און געקרייזעלט די האר — און פוטיפר האט איהם געמאכט פאר׳ן עלטסטען איבער זיין גאנץ הויז.

גלייך ווי יוסף ביי זיין פאטער איז דאס פאלק ישראל געליעבט ביי זיין פאטער אין הימעל. פון צווישען אלע פעלקער האט איהם גאט אויס־געקליבען, צו געבען איהם זיין תורה. האבען איהם דאדורך די פעלקער פיינט. חלומ׳ט דאס פאלק ישראל אוז פאנטאזירט פון גרויסקייט, ווי זיין גאט וועט הערשען איבער אלע פעלקער און זיין תורה וועט אנגענומען

ווערען ביי אַלע אומות, קאָנען איהם די פֿעלקער בשום אופן נישט מוחל זיין אַזאַ זיסען חלום.

עס ווילט זיך די פֿעלקער נישט גלויבען, אַז דאָס קליינע פֿאָלק פֿאַס־טוכער און ערד־אַרבייטער פֿון די בערג יהודה און פֿון נעבען ירדן זאָל גאָר פלוצלונג אַריבערוואַקסען אין גייסט איבער די חכמים פֿון גריכענלאַנד און פֿון נעבען דעם טייך קטעזיפאָן. די וועלט קען עס נישט צולאָזען, דער באַרג ציון זאָל ווערען העכער פֿונ'ם אָלימפּוס, נעהמט מען דאָס אידישע פֿאָלק און מען פֿאַרטרייבט דאָס פֿון זיין היים, לאָזט מען די בעסטע מענשען זיינע קעמפּפֿען מיטווילדע חיות, צו בעלוסטיגען די זיגער; פֿאַרקויפֿט מען זיינע פֿרויען און קינדער פֿאַר שקלאַפֿען אין די ווייטעסטע מקומות, און די וויניגע, וועלכע מען לאָזט לעבען, האַלט מען פֿערשפּאַרט צווישען ענגע מויערען אין טעהעראַן און אין רוים, אין פעז און אין פּראג, אין פֿראַנקפֿורט און אין קראָקאָ, דאַנקען זיי גאָט און זיינען צופֿריעדען, וואָס מען לאָזט זיי חאָטש אָטהעמען אין די ענגע געסלעך פֿון דער גהעטאָ, קלעפּט מען זיי נאָך אָן אַ געלע לאַטע אויף דער בעקעשע, לאָזט מען זיי נישט האַלטען קיין אידישקייט, פֿאַרברענט מען זיי אין שפּאַניען, ערקלעהרט מען זיי פֿאַר שוצלאָז אין דייטשלאַנד, מאַכט מען זיי פֿאַר „מאָשקעס" אין פּוילען.

און דאָס קליינע פֿאָלק ישראל האַלט איבער אַלע די צרות און טראָגט אַרום פֿאָרטוועהרענד אין זיין האַרצען דעם גרויסען חלום פֿון אַ ליכטיגער צוקונפֿט.

קומט דאַן אַ נייע צייט. אידען הויבען זיך אויף אין די לענדער פֿונ'ם גלות. זייער ווילען קאָנטראָלירט די פֿינאַנסען, זייערע מענשען פֿיהרען די פּאָליטיק, אין זייערע הענד געפֿינט זיך די וויסענשאַפֿט און זיי העלפֿען שטעלען גרויסע מלוכות אויף די אייגענע פֿיס. ביי זיי אין קעשענע ליגט דער האַנדעל, זיי זיינען די הערשער פֿון דער פּרעסע; זייערע מענשען אָר־גאַניזירען דאָס פּראָלעטאַריאַט און זיי מאַכען רעוואָלוציעס.

פֿערגלוסט זיי זיך אויך, צו חלומ'ן פֿון באַקומען צוריק די אַלטע פֿריי־הייט, פֿון צוריקצוקעהרען אין דער אַלטער היים. קענען עס די שונאים נישט פֿאַרגינען, מאַכען זיי פּאָגראָמען, טראַכטען אויס די שענדליכסטע בלבולים, פֿאַרפֿיהרען געגען זיי די נידריגסטע פּראָצעסען. איז אָבער דאָס פֿאָלק שטאַרקער פֿון די אַלע צרות און רדיפות און לאָזט זיך נישט אָפּשרעקען פֿון דעם אלעמען. געדולדיג טראָגט עס אַריבער די פּאָגראָמען און די בלבולים, גלייך ווי עס האָט פֿריהער אַריבערגעטראָגען די אינקוויזיציע מיט'ן שייטערהויפֿען — און עס הערט נישט אויף צו חלומ'ן דעם חלום פֿון זיין צוקונפֿט.

פֿון פּוטיפר׳ס הויז איז יוסף געגאַנגען אין קערקער. לאַנגע יאָהרען איז ער דאָרט געזעסען און האָט אַלץ נישט פֿאַרלוירען דעם גלויבען אין זיך און אין זיין צוקונפֿט — ביז עס איז ענדליך מקוים געוואָרען זיין גרוי־סער חלום.

אזוי וועט אויך מקוים ווערען דער חלום פֿון מיין פֿאָלק, ווייל דאָס פֿאָלק האָט נאָך נישט פֿאַרלוירען דעם גלויבען אין זיך און אין זיין צוקונפֿט!

אידישע נקמה

(צו פרשת מקץ)

פֿאַרהאַנען צוויערליי נקמות: אַ גוי'ישע און אַ אידישע. די גוי'שע נקמה איז אַ ריקזיכטסלאָזע און אַן אונבאַרמהערציגע. ווער עס טהוט אַמאָל דעם אַנדערן שלעכטס, קען עס דער בעטראָפֿענער קיינמאָל נישט מוחל זיין, ווי לאַנג ער לעבט. די אידישע נקמה איז אַ ווייכע, מיט רחמנות און מיט ריקזיכט. ס'איז גענוג פֿאר דעם באטראָפֿענעם, ווען דער שלעכטער האָט נור חרטה און ווידערהאָלט נישט זיין רשעות.

טראָצדעם רעדט די וועלט וועגען דער שרעקליכקייט פֿון אידישער נקמה, ווי זי קען נישט מוחל זיין קיין שלעכטעס און פארלאנגט דוקא "אַן אויג פֿאַר אַן אויג און אַ צאָהן פֿאַר אַ צאָהן". אפילו דער אידישער גאָט איז אַן "אל נקמות", וועלכער איז זיך נוקם ביז צום פֿערטען דור.

דאָס קענען אָבער נור זאָגען אַזעלכע מענשען, וואָס קענען נישט דאָס אידישע פֿאָלק און פֿארשטעהען נישט, אריינצודרינגען אין זיין טיעפֿער פסיכאָלאָגיע. אידען האָבען נישט איבערהויפּט קיין געפֿיהל פֿון נקמה. דער איד גלויבט נישט, אַז די מענשען זיינען גוט ביי זייער טבע, קען ער נישט דאדורך ענטוישט ווערען, ווען עס טוט איהם אימיצער שלעכטס. ער איז זאָגאר תמיד צופֿריעדען, ווען עס געהט פֿאַרביי אַ גוי און טשעפּעט איהם נישט, אָדער ווען עס געהט פֿאר איהם פֿאַרביי א הונד און ער בייסט נישט.

אַם בעסטען קען מען באַגרייפֿען, וואָס עס הייסט אַזוינס אידישע נקמה, ווען מען זעהט ווי יוסף האָט זיך נוקם געווען אַן זיינע ברידער.

מיט זיין חכמה האָט יוסף געראַטעוועט דאָס לאַנד מצרים פֿון הונגער — און ווען זיינע ברידער זיינען געקומען צו איהם קויפֿען תבואה, האָט ער זיך דערמאָנט זיינע חלומות און דאָס שלעכטע, וואָס די ברידער האָבען איהם געטהאָן, האָט ער זיך געשטעלט פֿרעמד צו זיי, געמאכט זיי פֿאר "מרגלים" (שפּיאָנען) און געלאָזט ארעסטען אויף דריי טעג. פלוצים האָט ער אָבער דערהערט, ווי זיי ריידען איינער צום אנדערן, אַז זיי האָבען זיך דאָס כשר פֿארדיענט, ווייל זיי האָבען זיך פֿאַרזינדיגט געגען זייער אייגענעם ברודער, איז שוין געשטילט געוואָרען ביי איהם יעדעס געפֿיהל פֿון נקמה און עס

האָט זיך איהם שוין געוואָלט ווייגען, די חרטה פֿון די ברידער האָט איהם ווייך געמאַכט דאָס האַרץ און עס איז איהם שוין געווען גענוג פֿאר אלעמעז. וואָס ער האָט זיך אָנגעליטען דורך זיי.

דערווייל איז איהם ווייטער אָנגעקומען דער חשק, ער זאָל זיי נאָך א ביסעל מוטשען. האָט ער זיי געלאָזט איינפאקען יעדען צוריק זיין געלד, זיי זאָלען זיך דערשרעקען; האָט ער זיי געהייסען ברענגען מיט זיך דעם איינגסטען ברודער און האָט ביי זיי צוגענומען איינעם פֿאר א משכון. עס האָט זיך איהם זיכערליך געוואָלט געבען זיך צו זיי באלד צו דערקענען, ס'איז איהם אויך נישט איינגעפֿאלען, ער זאָל זיי אָנטהון דיזעלבע יסורים, ווי זיי האָבען איהם אָנגעטהאָן. ער האָט זיך נור געוואָלט מאכען א ביסעל א שפיעל מיט זיי און לאָזען זיי אין דער מורא, טאָמער וויל ער זיי שלעכטס טהאָן.

אזוי איז דאָס אידישע געפֿיהל זעהר ווייט פֿון נקמה, און ווען דער שונא ליגט שוין גוט ביי איינעם אין דער האנד, מאכט ער זיך דערפֿון א פֿארגעניגען, ווען ער לאָזט איהם אוועק בשלום. אזוי איז אויך געווען ביי דוד המלך, ווען שאול איז איהם אריינגעפֿאלען אין די הענד. אויסבאהאלטען האָט זיך דוד א לאנגע צייט און האָט זיך ארומגעוואלגערט גע־ונד איבער'ן גאנצען לאנד יהודה, וואו ער האָט געטאָגט, האָט] ער נישט גענעכטיגט. חבר'ן האָט ער זיך געמוזט מיט אלערליי אויסוואורפֿען, אום צו באשיצען זיין לעבען פֿאר שאול'ס רדיפות. לסוף האָט ער גאָר געמוזט אנטלויפֿען צו צו די פלשתים, צו די פֿיינד פֿון זיין פֿאָלק. ווען שאול איז איהם אבער גע־קומען אין די הענד און ער וואָלט זיך געקענט נוקם זיין פֿאר אלע צרות, האָט ער איהם נור אראָפּגעריסען א שטיק מאנטעל. ס'איז איהם גענוג גע־ווען דאָס באוואוסטזיין, אז ער האָט געהאט דעם פיינד איז דער האנד און ער האָט איהם גאָר נישט געטהאָן.

עס ווילט זיך מיר נישט באהויפטען, אז אָט די אַרט פֿון נקמה האָט געשטארקט אונזער כח, אויסצוהאלטען די יסורים פֿונ'ם גלות. איך וויל נור ווייזען, ווי עס זעהט אויס א אידישע נקמה, חאָטש מען האלט אונז פֿאר א פֿאָלק פֿון ראכע. אזוי איז אויך בחנם דאָס ריהמען זיך פֿון די קריסטען, אז נאָר זייער געזעצגעבער האָט זיך געקענט אויפֿהויבען צו דער מדרגה, ער זאָל קענען אָנזאָגען זיינע תלמידים, אז ווען איינער גיט א פאטש אויף איין באק, זאָל מען איהם דערלאנגען די אנדערע באק, וויל ירמיה הנביא האָט דאָס שוין געזאָגט מיט הונדערטער יאָהרען פֿריהער; "יתן למכהו לחי". (ער דערלאנגט די באק צום שלעגער). אזוי ווערד אויך דערצעהלט אין דער

גמרא, ווי א אידענע האָט צובראָכען צוויי לייכטער אויפ'ן קאָפּ פון בבא בן בוטא — און האָט איהם נישט געקענט ארויסברענגען פון געדולד.

נאָך איינמאָל מוז איך באמערקען, אז איך זאָג דאָס אלעס נישט פאר א שבח, ווייל עס וואָלט אונז זיכערליך בעסער געווען, ווען מיר זאָלען האָבען אן אנדער מין געפיהל פון נקמה. מען וואָלט דאן אפשר מורא געהאט, צו טשעפּען מיט אידען. און עס וואָלט אויך נישט געווען מעגליך, אז מענשען וואָס זיינען זאָנסט ציעמליך פאַרנינפטיג, זאָלען פלוצים דערקלערען, אז פעטלורא'ס מערדער איז נישט קיין פאָלקסהעלד . . .

ביים גוי קען זיך דאָס געפיהל פון נקמה נישט אפקיהלען, ווי לאנג ער האָט זיך נישט נוקם געווען אין דער ווירקליכקייט. ביים איד איז גענוג, ווען דער שלעכטער האָט חרטה. ביים איד איז די גרעסטע נקמה, ווען ער זעהט, ווי דער שלעכטער צאפּעלט זיך אין בושה פאר זיינע מעשים רעים.

טרעפט זיך אָבער א איד, וועלכער האָט נישט די דאָזיגע מדה און קען נישט אזוי גרינג אָפּקיהלען זיין געפיהל פון א דורשט נאָך נקמה, דאן איז עס דער בעסטער סימן, אז עס פעהלט איהם א שטיק אידישקייט און עס איז איהם פרעמד דער אידישער גייסט . . .

דער אַלטער טאַטע

(צו פרשת ויגש)

צוויי און צוואנציג לאַנגע יאָהרען האָט יעקב באַוויינט דעם טויט פון זיין זוהן יוסף און נישט אויפגעהערט צו טרויערען האָט ער אפילו איין מינוט. „יוסף איז נישטאָ!" האָט עס איהם כסדר אנטקעגען גערופען פון יעדען ווינקעל אין שטוב. „נישטאָ יוסף!" האָט עס איהם געזשומעט אין די אויערען, ווען ער איז ארויסגעקומען אין גאַס. „יוסף איז נישטא!" האָט עס איהם גע־עגבערט אין מוח, ווען ער איז געקומען אין בית-המדרש פון שם ועבר. אלע צרות אין זיין לעבען האָט ער גרינג פאַרשמערצט, נאָר יוסף'ס טויט האָט איהם גראָה און אלט געמאַכט, צובראָכען זיין האַרץ און געבלענדעט זיינע אויגען פון וויינען.

יוסף איז אָבער נישט געשטאָרבען, ער איז גאָר אדרבה געווען אַ שני־למלך אין מצרים — און עס איז איהם אפילו נישט איינגעפאַלען, צו שרייבען אַמאָל אַ בריוועלע צום אַלטען טאַטע'ן אין לאַנד כנען, חאָטש ער האָט געוואוסט, אַז דער פאָטער טרויערט אודאי נאָך איהם.

פון זיינע מעשים אלס שני-למלך האָט אפילו געקלונגען די וועלט און די נאַכריכט פון זיין חכמה איז אויך אָנגעקומען צום אַלטען יעקב. ווער האָט אָבער געקענט וויסען, אַז דער גרויסער צפנת-פענח, וועלכער האָט גע־רעטעט דאָס לאַנד מצרים פון הונגער, איז גאָר יוסף בן יעקב?

ענדליך האָט יוסף געשיקט צו זיין פאָטער אָנזאָגען די בשורה, אַז ער לעבט און איז דער פאַרוואַלטער פון גאַנץ מצרים. האָט זיך יעקב באַלד אויפגעהויבען און האָט שוין געוואָלט לויפען זעהן דעם גליעבטען זוהן. עפעס האָט איהם נור דאָס האַרץ געשראָקען, ער האָט עפעס מורא געהאַט, צו געהן קיין מצרים. עס האָט איהם זעהר ווער געטאָהן, צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד פון זיינע עלטערן. אין־איינוועגס האָט ער אויך מורא געהאַט צו לאָזען זיך ביי זיינע אַלטע יאָהרען אין אַזאַ וויט לאַנד, און אפשר האָט עס איהם גאָר געאַרט, וואָס דער זוהן איז איהם מטריח צו זיך, אָנשטאָט וואָס ער האָט געדאַרפט קומען אין באַזוך צום טאַטע'ן?

נאָר אזוי ווי ער האָט דערזעהן די מתנות וואָס יוסף האָט איהם געשיקט, איז אין איהם אריין אַ נייע נשמה. און אזוי ווי גאָט האָט זיך איהם דאַן באַלד באַוויזען אין חלום און האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט קיין מורא האָבען, צו פאָהרען קיין מצרים, האָט ער שוין נישט מעהר געקלעהרט און האָט צונויף געפּאַקט זיינע זאַכען אַהין צו פאָהרען צו זיין ליעבלינג מיט זיין גאַנץ הויז-געזינד, מיט אלע זיינע קינדער און אייניקלעך.

איז דאַן יוסף אַליין אַקעגען-געפאָהרען דעם אַלטען טאַטען און גאַנץ מצרים האָט זיך גערודערט מיט דער בשורה, ווען יעקב איז אָנגעקומען. מען קען זיך משער זיין, ווי היים די באַגעגנונג איז געווען. צוויי און צוואנציג יאָהר האָט דער טאַטע יעקב נישט געזעהן זיין ליעבלינג. צוויי און צוואנציג יאָהר לאַנג האָט ער איהם באַוויינט, ווייל ער האָט איהם געהאַלטען פאַר טויט. צוויי און צוואנציג יאָהר האָט יוסף נישט געזעהן זיין אַלטען פאטער און נישט געלאָזט הערען גאָר פון זיך, דער פאטער זאָל וויסען, אַז ער לעבט.

קוים האָבען זיך אבער ביידע באַרוהיגט פון דער ערשטער באַגעגנונג, האָט שוין דער אַלטער טאַטע אַ פרעג געטאָהן וועגען אידישקייט. יוסף איז געווען אין גאַנצען עגיפּטיזירט, אַלס שני-למלך אין מצרים האָט ער אודאי פאַרגעסען צו ריידען אידיש. און דער אַלטער טאַטע האָט פלוצלונג געזעהן, אַז די צוויי און צוואַנציג יאָהר, וואָס ער האָט נישט געזעהן זיין געליעבטען זוהן, האָבען אויסגעגראָבען אַ טיעפען תהום צווישען ביידען.

יוסף האָט אויך באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער טאַטע פּאַסט זיך נישט צו דער סביבה, אין וועלכער ער לעבט, גלייך ווי עס פּאַסען זיך נישט זיינע ברידער צו די אַנדערע עגיפּטער. יעקב איז געווען אַ מענש פון דער אַלטער וועלט און האָט זיך נישט געקענט מעהר צופּאַסען צו זיין עגיפּטיזירטען זוהן. יוסף'ס ברידער זיינען געווען פשוט'ע פאַסטוכער און ביי די עגיפּטער אין די אויגען זיינען פאַסטוכער געשטאַנען אויף אַ גאָר נידריגער מדרגה.

האָט דאַרום יוסף באַזעצט זיין פאָטער און זיינע ברידער אין רעמסס און אויף די גרויסע ברייטע לאָנקעס פון גשן.

ער אַליין האָט געוואוינט אין צוען אָדער אין נוף, אין דער שענסטער געגענד פון'ם לאַנד. דעם פאָטער זיינעם און די ברידער האָט ער באַזעצט אין דער עגיפּטישער "גהעטאָ", וואו דער נילוס לאָזט געוועהנליך איבער זיינע פער'עפּוש'טע בלאָטעס, ווען ער געהט ארויס פון די ברעגעס.

זיעבצעהן יאָהר האָט יעקב אָבגעלעבט אין מצרים. מיט יוסף'ן האָט ער זיך זעלטען ווען געזעהן. יוסף'ס ווייב און די קינדער זיינען איהם אויך

אודאי נישט געקומען באַזוכען, פֿאַר זיי וועלכע זיינען געווען אין עגיפּטען נעבאָרען, האָט שוין גאָר נישט געפּאסט צו קומען זעהן דעם אַלטיטשקען און די „גרינע" קרובים.

דערווייל האָט יעקב מורא געהאַט, עס זאָל איהם נישט אויסקומען באַגראָבען צו ווערען אין מצרים. דאָס לעבען אין מצרים איז איהם נישט געפֿעלען, עסען און טרינקען האָט איהם אפילו נישט געפֿעהלט, עס האָט איהם אָבער געפֿעהלט געזעלשאַפֿט, ער איז געווען געוואוינט אין דערהיים צו געהן אַמאָל אין בית המדרש פֿון שם-ועבר, הערען אַ גוט וואָרט, און דאָ איז ער געווען פֿרעמד. די שפּראַך פֿון לאַנד איז איהם געווען פֿרעמד און פֿרעמד זיינען איהם אויך געווען די זיטען און די השגות פֿון די מענשען. האָט איהם יוסף געמוזט צושווערען, אַז ער וועט איהם אָפּפֿיהרען נאָך'ן טויט אין לאַנד כנען, דאָרט וואו עס ליגען באַגראָבען זיינע עלטערן. ווען ער האָט נישט געקענט צוריקקעהרען אין זיין היים ביים לעבען, האָט ער געוואָלט וויינינגסטענס ליגען דאָרט נאָך'ן טויט.

וויט פֿון'ם זוהן האָט יעקב געלעבט אין מצרים. די פֿאַרהעלטניסע האָבען זיי דערווייטערט. יעקב האָט געוואוינט אין גשן און יוסף איז געווען צו פֿיעל „ביזי", ער זאָל קענען אַמאָל קומען אין באַזוך צום אַלטען טאַטע'ן. דערצו האָט ער נאָך אַודאי מורא געהאַט וועגען סכסוכים מכח אידישקייט. יוסף האָט זיך אַודאַי אַמאָל ערלויבט, צו פֿאַרגעסען די מצוה פֿון זיין זיידע'ן יצחק, צו דאַוונען מנחה — און יעקב האָט גאָר מקפּיד געווען אפילו אויף אַ־מעריב.

ספּעציעל דערווייטערט זיינען זיי געווען צוליעב יוסף'ס ווייב, וועלכע איז געווען די טאָכטער פֿון אַן עגיפּטישען גלח און זי האָט זיך אַודאַי גאָר נישט געקענט פֿאַרשטענדיגען מיט'ן „גרינעם" שוועהר. נישט פֿאַר־שטענדיגען האָט ער זיך אויך געקענט מיט די אייניקלאַך, פֿאַר וועלכע ער האָט זיכערליך געפֿיהלט די מעגליכסט שטאַרקסטע ליעבע, ווייל זיי זיינען געווען די קינדער פֿון זיין געליעבטען זוהן יוסף — און ער האָט נעבעך נישט פֿאַרשטאַנען זייער לשון.

ערשט דאַמאָלס ווען דער אַלטער טאַטע איז קראַנק געוואָרען צום שטאַרבען, איז יוסף געקומען אין באַזוך, זעהן דעם פֿאָטער פֿאַר'ן טויט. ער האָט אויך מיטגעבראַכט מיט זיך זיינע צוויי קינדער, וועלכע יעקב האָט נישט דערקענט, ווייל ער האָט זיי זעלטען געזעהען.

מען קען אפילו נישט זאָגען, אַז יוסף איז חלילה נישט געווען קיין גוטער זוהן צום פֿאָטער. ווי לאַנג דער פֿאָטער האָט געלעבט, האָט ער איהם פֿאַרזאָרגט מיט אַלעמען, עס זאָל איהם גאָר נישט פֿעהלען. ער האָט איהם

נאָר נישט געקענט העלפֿען, ווען עס האָט זיך איהם געפֿיהלט אַ בענקעניש צו זיין געבורטסלאַנד, צום לאַנד כנען. און ווען יעקב איז געשטאָרבען, האָט יוסף שרעקליך געוויינט, האָטש ער האָט איהם ווענינ באַזוכט ביים לעבען.

די צוויי און צוואַנציג יאָהר וואָס יוסף האָט נישט געזעהן זיין פֿאָטער, האָבען געבראַכט אַ גרויסע ענטפֿערנונג צווישעןביידען, וועלכע איז נאָך פֿאַרשטאַרקט געוואָרען דורך יוסף'ס עגיפּטישער פֿרוי און זיינע קינדער.

און טאָמער וויל עמיצער געפֿינען אַ פֿאַרגלייך צווישען יעקב'ס לעבען אין מצרים און אַ היינטיגען אידישען טאַטע'ן, וועלכער קומט אָן צו זיינע קינדער אין אַמעריקאַ, קען מען עס אויך אויסגעפֿינען.

דער סוד פֿון דער גאולה

(צו פרשת ויחי)

מיט אַן אָנגעווּעהטאָגט האַרץ איז יוסף אַרום-געגאַנגען זייט דעם טויט פֿון זיין פֿאָטער. אַלע געפֿיהלען זיינען ביי איהם געוועזן אויפֿגערודערט פֿון טיעפֿען צער און אינעווייניגסטע יסורים. וואָס דער פֿאָטער האָט נישט געוואָלט באַגראָבען ווערען אין מצרים, האָט ערשיטערט זיינע נערווען. דערוועקט אין איהם האָט זיך דאַן דער חשק, זיינע ביינער זאָלען אויך אַמאָל רוהען נאָהנט פֿון די אבות, אינ׳ם לאַנד כנען.

און ווען יוסף האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָט ער צונויף-גערופֿען צו זיך די גאַנצע משפחה מיט די ווייבער און קינדער, און האָט זיי דערצעהלט, זיי זאָלען וויסען, אַז מצרים איז נישט זייער לאַנד — און ווען גאָט וועט זיי געדענקען, זאָלען זיי מיטנעהמען זיינע ביינער מיט זיך.

״פקד יפקד אלהים אתכם״ האָט ער זיי געזאָגט — און ווי אַ געפֿליגעלט וואָרט איז דאָס געוואָרען ביי דער גאַנצער משפחה. ״פקד יפקד״ האָט יעדער איבערגעחזר׳ט יוסף׳ס ווערטער און פֿאַרשטאַנען, אַז זיי וועלען אַודאי אויסגעלייזט ווערען.

דערווייל איז אויסגעשטאָרבען דער גאַנצער דור און עס האָבען זיך אָנגעהויבען די צרות פֿונ׳ם גלות. געוואוסט האָט איטליכער, אַז די צרות וועלען אַמאָל נעהמען אַן עק און גאָט וועט זיי ענדליך ארויספֿיהרען פֿון מצרים. טאַטעס האָבען דערצעהלט צו זייערע קינדער, אַז יוסף האָט איבערגעגעבען עפּעס אַ פסוק פֿאַר זיין טויט און אין דעם פסוק שטעקט דער סוד פֿון דער גאולה. דער סוד פֿון יוסף׳ס פסוק איז אָבער פֿאַרגעסען געוואָרען.

אפילו שרח בת אשר האט דעם פסוק פֿאַרגעסען, חאָטש זי איז געשטאַנען ביי יוסף׳ס בעט, ווען ער איז געשטאָרבען און האָט גוט געהערט דעם ״פקד יפקד״ פֿון יוסף׳ס מויל.

שרח בת אשר האָט איבערגעלעבט דעם גאַנצען גלות מצרים. יעקב האָט זי געבענשט מיט אַ לאַנג לעבען און די ברכה איז מקוים געוואָרען. ווען יוסף׳ס ברידער זיינען אָנגעקומען פֿון מצרים מיט דער בשורה, אַז יוסף

לעבט, האָבן זיי מורא געהאַט צו ברענגען די בשורה צום אַלטען טאַטען, ער זאָל חלילה נישט שטאַרבען פֿון שמחה. האָבן זיי צו איהם צוגעשיקט אשר׳ס מיידעלע, שרח, זי זאָל איהם ברענגען די נאַכריכט. און דערהערענדיג די בשורה, אז יוסף לעבט, האָט יעקב זי געבענשט, זי זאָל הונדערט מאָל אזוי פֿיעל יאָהרען לעבען, וויפֿיל זי האָט איהם מוסיף געווען מיט איהר בשורה.

און שרח בת אשר האָט ווירקליך לאַנג געלעבט, צעהנדליגער יאָהרען זיינען ביי איהר אַוועק ווי טעג, גאַנצע דורות זיינען אויסגעשטאָרבען, שטעדט זיינען חרוב געוואָרען און נייע צוגעקומען אויף זייער אָרט. און שרח האָט אַלץ געלעבט. זיבען מאָהל איז זי גראָה געוואָרען און די גראָהע האָאר זיינען איהר אויסגעפֿאַלען און נייע שוואַרצע האָאָר זיינען אויסגעוואַקסען אויף זייער אָרט. זיבען מאָהל זיינען איהר די צייהן ארויסגעפֿאַלען פֿון מויל און יונגע צייהן זיינען אויסגעוואַקסען אויף זייער אָרט. זיבען מאָהל איז איהר דאָס פנים איינגעשרומפען געוואָרען, צוקנייטשט אין פֿאַלדען און צוריק יונג געוואָרען ווי ביי אַ קינד.

דערווייל זיינען די צרות פֿון׳ם גלות געוואַקסען פֿון טאָג צו טאָג. שווער און ביטער האָבן אידען געמוזט אַרבייטען, קנעטען ליים און ציעגעל, בויען פֿעסטונגען און שלעפען דעם פלוג אין פֿעלד. מיט שטעקענס האָט מען זיי אָנגעטריבען צו דער אַרבייט און די קינדער זייערע האָט מען געוואָרפֿען אין טייך.

שרח האָט דאַן נישט געקענט צוקוקען די צרות, האָט זי טעג און נעכט געוויינט, גאָט זאָל זי ענדליך אַמאָל צונעמען פֿון דער וועלט, זי זאָל נישט דאַרפֿען צוקוקען די יסורים פֿון איהר פֿאָלק.

גאָט האָט זי אָבער נישט צוגענומען און דעם סוד פֿון דער גאולה האָט זי אויך פֿאַרגעסען. בשום אופן האָט זי זיך נישט געקענט דערמאָנען דעם פסוק, וואָס יוסף האָט אָנגעזאָגט פֿאַר׳ן טויט.

די איינציגע איז זי געווען, וועלכע האָט געקענט וויסען דעם סוד פֿון יוסף׳ס לעצטע ווערטער. האָט זי איהם אָבער פֿאַרגעסען, און די אידען האָבן געמיינט, אַז זי באַהאַלט פֿאַר זיי דעם סוד און זי וויל איהם נישט אויסזאָגען, זיינען געקומען צו איהר די זקנים און די שוטרים פֿון׳ם פֿאָלק, אויסצוגאַרען ביי איהר דעם פסוק, ווייל זיי זיינען געווען נייגעריג צו וויסען, צו גאָט האָט זיי נישט פֿאַרגעסען.

שרח איז ביי זיך זיכער געווען, אַז זי וועט זיך אודאַי אליין דערמאָנען יוסף׳ס ווערטער, ווען די צייט וועט נור קומען. זי האָט עהרליך געגלויבט אין דער גאולה און געדענקט, אַז ווען זי האָט דערווייל יוסף׳ס ווערטער

פֿאַרגעסען, איז עס נור צוליעב דעם, וואָס עס איז נאָך נישט די צייט. אידען זאָלען אויסגעלייזט ווערען. קוים וועט אָבער נאָר קומען די צייט׳ וועט זיך איהר שוין דער פסוק אַליין דערמאָנען.

די געדולד צו וואַרטען האָט זי אָבער נאָר געהאַט אויף אַזוי לאַנג, ווי לאַנג זי האָט נישט געזעהען מיט איהרע אייגענע אויגען די צרות, וואָס איהרע ברידער דאַרפען ליידען. קוים האָט זי אָבער אַמאָל דערזעהען די צרות, האָט זי שוין נישט מעהר געהאַט די געדולד און האָט באַקומען אַ כעס אויף זיך אַליין וואָס זי לעבט אַזוי לאַנג. צומאָל זענען איהר איינגעפֿאַלען זינדיגע געדאַנקען געגען גאָט, וועלכער קוקט זיך אַזוי געדולדיג צו, ווי מען פּייניגט זיינע קינדער.

און אַמאָל אין זעהר אַ הייסען טאָג איז זי געגאַנגען צוקוקען זיך אַ ביסעל צו די אידען, ווי זיי אַרבייטען. זי האָט עס אפילו נישט געוואָלט זעהען ווייל עס האָט תמיד אויפֿגערודערט איהרע נערווען. עס האָט זי אָבער אַהין געצויגען ווי מיט צוואַנגען און זי האָט געמוזט געהן טראָץ איהר אייגענעם ווילען. אין אַזאַ מינוט האָט זיך איהר אויסגעדאַכט, אַז זי מאַכט זיי די אַרבייט גרינגער, ווייל זיי ווייסען, אַז זי טראָגט אַרום ביי זיך דעם סוד פֿון זייער גאולה.

״די מוהמע שרה האָט אונז אודאי געבראכט דעם סוד!״ — איז געוואָרען אַ געשריי צווישען די אַרבייטענדע אידען.

״זי האָט נעביך אַליין פֿאַרגעסען דעם סוד!״ — ענטפֿערט אַ צווייטער.

״איך גלויב גאָר נישט דעם גאַנצען בלאָף מיט יוסף׳ס לעצטע ווער־טער!״ — מאַכט אַ דריטער.

די זקנים סטאַרען זיך דעם עולם צו באַרוהיגען, ווייל עס הערט זיך שוין דער קנאַל פֿון אַ מצרי׳שער בייטש אויף די פלייצעס פֿון אַ איד, וועל־כער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע אין דער אַרבייט.

מיט אַ פֿאַרביטערט האַרץ איז דאַן שרה אַוועקגעגאַנגען פֿון דאָרט. אָפּרוהען זיך אַ ביסעל אינ׳ם שאָטען פֿון אַ בוים, האָט זי דאָרט געטראָפֿען משה בן עמרם זיצען אַ פֿאַרטראַכטען, מורמעלנדיג עפּיס אונפֿאַרשטענדליכע ווערטער אונטער דער נאָז.

אויפֿגעצויגען ביי פרעה׳ס טאָכטער, האָט נאָך משה דאַמאָלס נישט געקאָנט די העברעאישע שפראַך, ווייל ער האָט געלערנט ביי די חרטומים און האָט געקאָנט נאָר עגיפּטיש. האָט ער געפּלעגט קומען יעדען טאָג אויף דעם פּלאַץ, וואו די אידען האָבען געאַרבייט, צוצוהערען זיך צו זייער שמועס, ער זאָל קאָנען אויסלערנען זיך אויף אַזאַ אופן די העברעאישע שפראַך...

שרה האָט איהם זעהר פֿריינדליך באַגריסט. ער האָט איהר אָבער גאָר

נישט געענטפערט, ווייל ער האָט גראָד געהאַלטען ביים אויסלערנען דאָס וואָרט „פקד" אין בנין הקל.

„אַ שעהנעס גוטען מאָרגען צו דעם זוהן פון עמרם!" — האָט שרח אַ זאָג געגעבען.

„פקד, אפקד, תפקד, יפקד" — האָט משה געחזר'ט דעם דקדוק ווי פאַר זיך, גלייך ער זאָל זי גאָר נישט זעהען.

— וואָס? וואָס? האָבען פלוצים ביי שרח די אויגען אַ בלישטש געטהון, דערהערענדיג ווי משה רעדט אַליין צו זיך.

„פקד, אפקד, תפקד, יפקד" — האָט משה ווייטער געחזר'ט און האָט זיך אַליץ נישט אָנגערופען קיין וואָרט.

— אידען איך האָב מיך דערמאַנט יוסף'ס לעצטע ווערטער! — איז שרח געלאָפען אָנזאָגען די בשורה צו די אַרבייטענדע אידען — די גאולה איז נאָהנט! „פקד, יפקד" האָט יוסף געזאָגט און „פקד יפקד" האָב איך אַצינד געהערט פון משה בן עמרם.

עטליכע מינוט שפעטער איז אויך משה צוגעקומען — און ווען די זקנים האָבען געהערט, ווי ער לערנט דאָס וואָרט „פקד" אין בנין הקל, האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז דער סוד פון דער גאולה ליגט אינ'ם דקדוק פון לשון־הקדש.

שווערע ארבייט

(צו פרשת שמות)

אויסגעמוטשעט פֿון שווערער אַרבייט און דערשלאָגענע ביז צו אַ געגנצליכער מוטהלאָזיגקייט האָבען אידען געלעבט אין מצרים. פֿאַרשקלאַפֿט אונטער דער בייטש פֿון אונמענשליכע אָנטרייבערס, האָבען זיי אפילו נישט געקאָנט דענקען פֿון פֿרייהייט, און ווען משה איז צו זיי געקומען און האָט זיי דערצעהלט, אַז גאָט האָט זיך אָן זיי דערמאַהנט און וויל זיי אַרויספֿיהרען פֿון זייער עלענדער לאַגע, האָבען זיי זיך הערצליך געפֿרייט און געגלויבט יעדעם וואָרט, וואָס משה האָט געזאָגט.

האָט דאַן פרעה איינגעזעהן, אַז די אידען זענען נאָך נישט גענוג אויסגעמוטשעט, ווייל עס געפֿונט זיך נאָך ביי זיי אַ ברעקעל פֿעהיגקייט, צו דענקען וועגען פֿרייהייט, אַ פֿונק פֿון מוטה האָט נאָך געגליהט טיעף פֿאַרבאָרגען ביי יעדען אין האַרצען, האָט ער מורא באַקומען, דער פֿונק זאָל זיך נישט צופֿלאַקערען אין אַ פֿייערדיגען חשק צו פֿרייהייט, האָט ער געהייסען מען זאָל זיי שווערער מאַכען די אַרבייט, זיי זאָלען נישט האָבען מעהר קיין געדולד צו'ן אַ געדאַנק פֿון באַפֿרייאונג.

אַ פֿאַרצווייפֿלונג האָט אַרומגענומען די גאַנצע מחנה — און אַזוי ווי דאָס פֿאָלק האָט איינגעזעהן, אַז פרעה וויל נישט, זיי זאָלען חלומ'ען פֿון פֿרייהייט, האָבען זיי געצאַנקט מיט משה, צו וואָס ער האָט אָנגעהויבען רעדען פֿון באַפֿרייאונג, פֿון זיין רעדען זענען אויפֿגעוועקט געוואָרען האָפֿנונגען אין די הערצער פֿונ'ם פֿאָלק, אָבער אַנשטאַט דער ערוואַרטעטער ערלעזונג איז די אַרבייט נאָך שווערער געוואָרען.

לאַנגע צייטען פֿריהער, נאָך איידער משה איז צו זיי געקומען מיט דער בשורה פֿון דער גאולה, פֿלעגען זיי זיך צונויפֿקלויבען אין די שעהנע זומערדיגע פֿאַרנאַכטען און די זקנים פֿלעגען דערצעהלען וואונדערבאַרע מעשה'לעך פֿון די אבות און פֿון יוסף'ן, וועלכער איז געווען אַ שני למלך אין מצרים.

האָט זיי פרעה געהייסען שווערער מאַכען די אַרבייט, זיי זאָלען נישט האָבען קיין צייט צו דענקען וועגען פֿאַרגאַנגענע טעג אַדער וועגען חלומות

פֿון אַ צוקונפֿט. מיט דער שווערער אַרבייט האָט ער געהאַט דעם צוועק, צו ברעכען זייער מוטה, אויסצולעשען דעם לעצטען פֿונק פֿון האָפֿנונג אין זייער האַרץ און צו טויטען אין זיי יעדעם מענשליכע געפֿיהל ביז צו באַוואוסטלאָזיגקייט.

דאָס פֿאָרטעל האָט געווירקט, אָנפֿאַנגס האָבען זיי נאָך געצאַנקט מיט משה'ן צו וואָס ער רעדט פֿון "אונמעגליכקייטען", מיט וועלכער ער העצט אויף געגען זיי די שנאה פֿון פרעה און פֿון זיינע מענשען. דערנאָך האָבען זיי שוין נישט מעהר געצאַנקט. זיי האָבען פשוט נישט געגלויבט משה'ס ווערטער און האָבען זיך פֿון זיי אויסגעלאַכט.

יעדען טאָג פֿאַרנאַכט איז משה געקומען דערצעהלען, וואָס גאָט האָט איהם געזאָגט. די זון האָט זיך דאַן גענייגט צום אונטערגעהן און די לעצטע שטראַהלען איהרע האָבען נאָך געברענט אויף די נאַקעטע פלייצעס פֿון די אַרבייטענדע אידען. די לופֿט איז געווען אָנגעפֿולט מיט היץ און די מענשען האָבען מעהר נישט געהאַט קיין כח צו אָטהעמען. געקנויטען האָבען זיי דאַן די לעצטע ציגעל, צו ענדיגען די אַרבייט פֿונ'ם טאָג — און ביי יעדען פֿון זיי איז געשטאַנען אַ מצרי מיט אַ בייטש אין דער האַנד, אָנצוטרייבען צו דער אַרבייט, און דער מצרי האָט נישט אויפֿגעהערט אַ רגע זיך צו שפּיעלען מיט דער בייטש אויפֿ'ן אידענ'ס נאַקעטער פלייצע, גלייך ווי אַ בעל־עגלה שמייסט אונטער זיין פֿערדעל גלאַט אזוי פֿון תענוג וועגען.

ביי אַזעלכע פֿאַרהעלטניסע לאָזט זיך גאָר נישט דענקען וועגען אַ גאולה און עס וויל זיך נישט גלויבען, אַז עס קען אַמאָל אַנדערש ווערען.

פרעה האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז נישט גוט נאָכצולאָזען די לייצעס און מען דאַרף אַלץ שווערער מאכען די אַרבייט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ליידיגע שטונדען מאַכען דעם ארבייטער נאָכדענקען וועגען זיין לאַגע, האָט ער זיי געהייסען אָנטרייבען צו דער אַרבייט ביי טאָג און ביי נאַכט, זיי זאָלען נישט האָבען קיין פֿרייע מינוט, צו דענקען וועגען באַפֿרייאונג.

ווען איך בין אָנגעקומען אין אַמעריקאַ, האָב איך מיך צוגעקוקט מיט גרויס אינטערעסע אויף דער גלייכגילטיגקייט, מיט וועלכער עס ווערען דאָ באַהאַנדעלט די היצען, ווי די טעגליכע אַרבייט ווערט נישט פֿאַרקלענערט אפילו אויף אַ פֿיערטעל שעה און עס ווערט קיינער נישט געריהרט פֿון די באַריכטען וועגען די מענשען, וואָס פֿאַלען פֿון היץ. איז מיר דאָ אויסגעקומען צו זיצען אין אַזאַ הייסען טאָג אין אַ קאַפֿע־הויז אין געזעלשאַפֿט פֿון פֿריינדע. אַ גאַנצען ים פֿון אייז־וואַסער האָב איך אין מיר אַריינגעגאָסען. אָבער וואָס מעהר איך האָב געטרונקען, אַלץ הייסער איז מיר געוואָרען. טייכען שוויים האָבען זיך פֿון מיר געגאָסען און עס האָט זיך ביי מיר אַרויס־

געריסען דאָס וואָרט: „אַ הייסער טאָג הייגט!" — איך האָב געוואוסט, אַז עס איז נישט קיין זיסע אין אַמעריקאַ, צו קלאָגען זיך אויף דער היץ, און אַז איך האָב מיך מיט מיין זאָגען געסטעמפּעלט אַלס „גרינער". די היץ איז אָבער אזוי גרויס געווען, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין כח צו באַדענקען, וואָס איך זאָג.

האָבען מיך דאַן עטליכע באַקאַנטע צוגעפיהרט צו'ן פעקטאָרי אויף ברום סטריט, וואו איך האָב געטראָפען לערך 200 אַרבייטער שטעהן ביי דער אַרבייט און קיינער פון זיי האָט זיך נישט געקלאָגט אויף דער היץ. איינעם פון זיי אַ פּרעסער, האָב איך געטראָפען שטעהן מיט צוויי ביגעל-אייזענס אין די הענד, אַרבייטענדיג אונאויפהערליך. דאָס פּנים זיינס איז געווען אויס־געבלייכט אָהן אַ טראָפען בלוט, די אויגען אַריינגעשלאָגען טיעף אין קאָפּ און די מוסקעללאָזע הענד ווי צוויי דאַרע שטעקענס זענען געווען אין אַ פאָרטוועהרענדער באַוועגונג ווי מאַשינען-רעדלעך. קוקענדיג אויף דעם, בין איך שוין געווען אָפּגעקיהלט און האָב נישט מעהר געפיהלט די היץ. עס איז מיר פשוט קאַלט געוואָרען אין אַלע אברים און דאָס בלוט איז מיר פאַר־גליווערט געוואָרען אין די אָדערן.

וואָלט עמיצער געהאַט דעם כח, צו וועלען אָט די מענשען איינ־רעדען, אַז זיי קענען באַפרייט ווערען פון זייער שווערען יאָך? וואָלט זיך עמיצער געקאָנט אונטערנעהמען, צו ערוועקען ביי אַזעלכע פאַרחאַוועטע מענשען דעם גלויבען אין אַ בעסערע צוקונפט?

איך האָב אַמאָל געהאַט די געלעגענהייט צו רעדען מיט א גרויסען אָרגאַנייזער פון אַרבייטער וועגען די שוועריגקייטען צו אָרגאַניזירען די אַר־בייטענדע מאסען, האָט ער מיר ערקלעהרט, אַז וואָס שווערער אַ „טרייד" איז פאַר'ן אַרבייטער, אַלץ שווערער איז דורכצופיהרען די אָרגאַניזירונג. שווערע אַרבייט נעהמט אַוועק דעם חשק צום לעבען, טויטעט אָב יעדעס מענשליכע געפיהל, לאָזט נישט קיין צייט צו דענקען און דריקט אַראָב דעם מענשען צו דער מדרגה פון אַ בהמה. אַ פערד דענקט נישט קיין מאָל וועגען פרייהייט, ווייל לאָזט עס זיך איינשפּאַנען אין וואָגען און שלעפּט איהם גערן, און לאָזט מען עס שטעהן אַ מינוט, שלאָפט עס איין שטעהענדיג.

נישט אויף קיין העכערער מדרגה פון פרייהייטס-דראַנג האָבען זיך געפונען די אידען אין מצרים — און ווי גרויס איז דער מאַן וועלכער האָט זיי געקאָנט אָרגאַניזירען צו פרייהייט, ווען זיי האָבען איהם אָנפאַנגס אפילו נישט געוואָלט הערען צוליעב דער שווערער אַרבייט אין וועלכער זיי זענען געוועז פאַרזונקען ביז איבער די אויערען!

דער נאָהנטער פריהלינג

(צו פרשת וארא)

עס האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה, אַז ער האָט דערהערט דאָס קרעכצען פון די קינדער ישראל וועגן דעם, וואָס די מצרים פאַר־קנעכטען זיי. זאָל זיי משה אָנזאָגען, אַז עס דערנעהנטערט זיך צו זיי אַ פריהלינג. ווייל גאָט וויל זיי ארויסציהען פון אונטער די מצרים׳ס לאַסטען און ער וויל זיי מציל זיין פון קנעכטשאַפט.

האָבען דאָס די אידען נישט געוואָלט גלויבען. די שווערע אַרבייט אין זייער לאַנגען גלות האָט ביי זיי אָפּגעטויט דעם גלויבען, אַז עס קאָן אַמאָל אַנדערש ווערען. פון אַ קורצען געמיטהא און פון דער האַרטיגקייט אין זייער אַרבייט האָט זיך זיי נישט געוואָלט גלויבען, אַז עס קאָן נאָך געמאָלט זיין, זיי זאָלען אַמאָל ווערען אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך און פאַר זייער לעבען זאָל אויך קומען אַ פריהלינג.

ווייל גלייך ווי אין דער נאַטור האָבען אויך פעלקער זייער פריהלינג.

פאַרזונקען אין קנעכטשאַפט, געפּענטעט אין קייטען פון נידריגער שקלאַפעריי לעבט אַ פאָלק. די כחות זיינע פאַרשלאָפען, די גלידער פאַר־שטאַרט. פלוצים הויבט זיך אויף אַ וואַרים ווינטעל, די פאַרשלאָפענע כחות ערוואַכען, די פאַרשטאַרטע אברים הויבען זיך אָן באַוועגען, דאָס טויט-גע־גלויבטע פאָלק ווערט אויפ׳ס ניי לעבעדיג.

און גלייך ווי די נאַטור לעבט געוועהנליך דורך אַ קריזיס, ווען דער ווינטער וויל באַהויפּטען זיין שטעלונג און דער פריהלינג רייסט זיך אַריין מיט כח, מוז אויך פאָרקומען אַ קריזיס אינ׳ם לעבען פון אַ פאָלק, איידער עס קומט אָן די צייט פון זיין פריהלינג. די לעצטע טעג פונ׳ם ווינטער אין דער נאַטור גלייך ווי אינ׳ם לעבען פון אַ פאָלק זענען צומאָל די ערגסטע. ווי שטאַרק עס זאָל אָבער נישט זיין דער כח פונ׳ם ווינטערדיגען פראָסט, ווי שרעקליך עס זאָל נישט זיין דאָס תקיפות פון זיין אכזריות׳דיגער ממשלה, מוז ער אַלץ אָפּטרעטען זיין פלאַץ, ווען עס קומט די צייט פון פריהלינג — אַזוי אין דער נאַטור גלייך ווי ביי אַ פאָלק.

נאָר ביי איין פאָלק פון צווישען אַלע פעלקער זענען אָט די געזעצע פון דער נאַטור נישט מאַסגעבענד. זייט טויזענדער יאָהרען פיהרט זיך זיין

לעבען ווי אַן אייביגער ווינטער — און ווען עס דאַכט זיך אַמאָל, אַז אָט־אָט וועט אָנקומען אַ וואַרעם ווינטעל, צו פֿאַרטרייבען דעם פֿראָסט, וועלכער האַלט געקאָוועט זיין לעבען, איז עס נישט מעהר ווי אַ טוישונג.

גלייך ווי אַנדערע פֿעלקער האָט שוין דאָס דאָזיגע פֿאָלק אָפּטמאָל דורכגעלעבט דעם קריזיס פֿון פֿאַר׳ן פֿריהלינג, נאָר דעם טעם פֿונ׳ם פֿריהלינג גופא האָט עס נישט באַקומען צו געניסען.

די באַפֿרייאונג פֿון אַ כלל באַפֿרייט דעם יחיד פֿון זיינע קייטען — און דער יחיד, וואָס דערפֿיהלט אין זיך דאָס אָנקומען פֿון באַפֿרייאונג, אָט דער יחיד פֿיהרט דאָס פֿאָלק אַרויס פֿון זיין קנעכטשאַפֿט.

מצרים איז אַן אייביגע צרה פֿון אונזער פֿאָלק, גלות מצרים האָט זיך אונז אַזוי טיעף איינגעגעסען אין די ביינער, אַז מיר קענען זיך דערפֿון זעהר שווער באַפֿרייען. פֿולט דאָס אָן אונזער האַרץ מיט אַ שרעקליכען פעסימיזם און עס נעמט אונז אַרום אַ צווייפֿעל וועגען אונזער צוקונפֿט.

דאַבֿיי דאַרף מען דאָך וויסען, אַז דעם אמת׳ן פֿריהלינג האָט דאָס פֿאָלק ישראל בלויז איין מאָל אין לאַנגער פֿאַרגאַנגענהייט דורכגעלעבט, איין איינציג מאָל איז דאָס געווען, ווען דאָס פֿאָלק איז באַפֿרייט געוואָרען פֿון מצרים און עס האָט אָנגעהויבען פֿיהרען אַן אייגענעם פֿאָלקס-לעבען.

יענער פֿריהלינג איז אפילו געווען אַ קיהלער און אַ רעגנערישער ווייל אַ לאַנגע וואַנדערונג אין דער מדבר מיט שרעקליכע יסורים פֿון ערהאָבערען אַן אייגענע היים, גלייך ווי אייביגע מלחמות מיט שלעכטע שכנים, האָבען שטאַרק פֿאַרביטערט די זיסקייטען פֿון יענעם פֿריהלינג.

ס׳איז אָבער טראָץ אַלעמען געווען אַ פֿריהלינג.

אַראָפּגעוואָרפֿען פֿון זיך האָט דאָס פֿאָלק די קייטען פֿון שקלאַפֿעריי און עס האָט זיך געפֿיהלט פֿריי אין זיין אייגען ווינקעלע.

ווען אידען האָבען דורכגעלעבט זייער ערשטען פֿריהלינג, איז אויך נאָך איהם נישט געקומען קיין זומער, ווי עס פֿיהרט זיך געוועהנליך אין דער נאַטור, געקומען איז נאָר דאמאָלס אַן אונגעוועהנליך לאַנגער ווינטער, וואָס ס׳זעהט זיך נאָך היינט נישט אַרויס, ווען ער וועט זיך ענדיגען.

זענען אָבער פֿיעלע פֿעלקער פֿון אונזער דאַמאַלסדיגער פֿריהלינגס-צייט פֿאַרניכטעט געוואָרען, פֿאַרפֿרוירען אין אַ אייזיגען ווינטער. אַנדערע זענען ערוואַכט אין אַ נייעם פֿריהלינג. ביי דער ערוואַכונג פֿון מאַנכע האָבען זיך אויך אידען באַטייליגט, נור פֿאַר זיך אַליין האָבען זיי פֿונ׳ם פֿריהלינג נישט מעהר אַרויסבאַקומען ווי בלויז דעם גלויבען, אַז ווען עס זאָל נאָך זייער ווינטער ווי לאַנג דויערן, וועט דער פֿריהלינג זייערער סוף-כל-סוף אַמאָל מוזען קומען.

תפילין

(צו פרשת בא)

אין די לעצטע טעג פון גלות מצרים, ווען די אידען זענען שוין געשטאַנען נאָהענט ביי דער טהיר פונ׳ם לאַנד, פטור צו ווערען פון דער נידריגער קנעכטשאַפט, האָט זיי גאָט געגעבען עטליכע מצוות, איינצוקריצען אויף אייביג אין זייער זכרון דאָס אַנדענקען פון דער באַפרייאונג.

דאָס ערשטע איז געווען דער סדר פון די חדשים, זיי זאָלען זיך אָנהויבען צו רעכנען פון דער צייט, ווען די נאַטור ערוואַכט געוועהנליך פון איהר ווינטערדיגען שלאָף, ווען אַלעס אין דער וועלט לעבט אויף, די ערד באַנייט זיך מיט אַ פריש גרין קלייד און די פריהלינגס־זוז דערוואַרעמט מיט איהרע שטראַהלען אלע מענשען און חיות; — דאַמאָלס זאָל זיך אָנהויבען דאָס יאָהר און יענע טעג זאָלען גערעכענט ווערען אַלס ערשטען חודש.

אין יענע טעג זענען אידען געוואָרען אַ פאָלק און עס פאַלט אויס זייער גרויסער יום־טוב „פסח". מיט׳ן פאַרקנעטענעם טייג אויף די פלייצעס זענען די אידען אַנטלאָפען פון מצרים און האָבען דערנאָך געבאַקען דערפון דינע קיכלעך ביי דער זון פון דער מדבר. מוזען מיר דאַדורך עסען מצות, צו געדענקען די גרויסע באַפרייאונג, ווי אַ פאָלק האָט זיך געבעטען, מען זאָל זיי לאָזען געהן און מען האָט עס נישט געוואָלט לאָזען, ביז די לאַגע פונ׳ם לאַנד האָט זיך אויף אַזוי וויית געענדערט, אַז מען האָט זיי כמעט ווי אַרויסגעטריעבען און נישט געלאָזט אַ מינוט צייט. דאָס פאַרקנעטענע טייג זאָל קענען אויפיעהרען און זיי זאָלען זיך קענען מיטנעהמען גענוג עסען פאַר זייער ווייטען וועג.

מיטען אין דער נאַכט זענען פלוצים אויסגעשטאָרבען אלע בכורים אין מצרים, פון דער העכסטער אַריסטאָקראַציע ביז צום נידריגסטען פונ׳ם פאָלק. האָט דאַן גאָט געהייסען הייליג האַלטען יעדען בכור ביי אידען, עס זאָל זיך תמיד דערמאַנען, ווי פרעה מיט זיינע מענשען זענען אויפגעשטאַנען דערשראָקענע מיטען אין דער נאַכט פון זייער שלאָף און זענען געלאָפען בעטען זיך ביי משה רבינו, ער זאָל זיך וואָס שנעלער פאַרנעהמען פונ׳ם לאַנד מיט זיינע אידען.

אָבער דאָס וויכטיגסטע אַנדענקען, וועלכעס גאָט האָט געהייסען אָפּהיטען, עס זאָל זיין אַן אייביגער צייכען צו דערמאַנען דאָס פֿאָלק פֿון די באַפֿרייטע שקלאַווען, אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע זיי האָבען זיך פֿריהער געפֿונען, זענען די ת פ י ל י ן. אַ צייכען זענען זיי אויפֿ'ן קאָפּ, עס זאָל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסען ווערען, ווי אַזוי עס איז פֿאָרגעקומען דאָס גרויסע נס פֿון יציאת מצרים.

העכער דריי־טויזענד יאָהר זענען פֿאַריבער זייט אידען זענען באַפֿרייט געוואָרען פֿון גלות מצרים און מיר האָבען עס נישט פֿאַרגעסען, האָטש מיר זענען היינט ווייטער אין גלות. בבל און פרס, יון און רוים, שפּאַניען, דייטשלאַנד און פּוילען האָבען אונז אַלץ נישט געמאַכט פֿאַרגעסען די צרות פֿון גלות מצרים. נייע צרות מאַכען געוועהנליך פֿאַרגעסען די אַלטע. אָבער יציאת מצרים איז ביי אונז קיינמאָל נישט פֿאַרגעסען געוואָרען, האָטש מיר זענען היינט ווייטער פֿאַרשקלאַפֿט. יציאת מצרים האָט אונז געמאַכט פֿאַר אַ פֿאָלק, און נאָר אַלס פֿאָלק זענען מיר היינט אין גלות. וויל זיך אָבער איינער אָפּזאָגען פֿונ'ם פֿאָלק, ענדיגט זיך באַלד פֿאַר איהם דאָס גלות. אונזערע תפילין זענען דאַדורך אַ וויכטיגער סימן פֿאַר די מענשען, וואָס ווילען ליעבער בלייבען אָפּגעזונדערט פֿון אַנדערע און ליידען גלות, איידער זיי זאָלען פֿאַרשווינדען צווישען פֿרעמדע פֿעלקער און אויפֿהערען צו עקזיסטירען פֿאַר זיך.

אין די פֿיער פּרשיות פֿון די תפילין איז פֿאַרצייכענט די געשיכטע פֿון יציאת מצרים, און דעם אידי'ס האָפֿנונג אויף זיין צוקונפֿט. און ווען עס קומט די צייט, אָנצוטהון די תפילין, מוז דער גוף זיין ריין און די נשמה מוז זיין פֿריי פֿון אַלערליי זייטיגע מחשבות. די גרויסקייט פֿון דער זאַך לאָזט זיך נישט אַנדערש באַגרייפֿען. און קומט אַמאָל אויס, צו מאַכען אַ באַזוך אויפֿ'ן בית־הקברות טאָר מען נישט דעמאָלס האָבען די תפילין אויפֿ'ן קאָפּ, ווייל די תפילין באַדייטען לעבען. נאָר אַ לעבעדיג פֿאָלק קאָן זיין פֿאַראייניגט דורך די תפילין מיט זיין גאָט און קאָן האָבען האָפֿנונג אויף אַ בעסערע צוקונפֿט. אויפֿ'ן קברות הערט אויך יעדע האָפֿנונג און טויטע האָבען נישט מעהר די מעגליכקייט, צו דערנעהנטערן זיך צו גאָט. ביי גוים איז דער טויט אַ פֿאַראייניגונג מיט גאָט, ביי אידען זאָגט דער פסוק: „לא המתים יהללו יה״ ווייל אַ טויטער קאָן נישט מעהר אויפֿטהון גאָר אין זיין פֿאַרהעלטניס צו גאָט.

די תפילין זענען אויך אַ סימן פֿון אַנשטענדיגקייט — און וויל זיך אַמאָל עמיצען מאַכען אַ לינקען שריט אינם לעבען, מוז ער פֿריהער אויסטהון די תפילין. די תפילין זענען אַלזאָ ווי די שטודענטישע אוניפֿאָרם אין מאַנכע לענדער, וועלכע היט אָפּ פֿון אונאַנשטענדיגע געזעלשאַפֿט און פֿון לינקסזייטיגע פֿאַראירונגען. ווי לאַנג מען געהט אָנגעטהון די תפילין, פֿיהלט

מען אויף זיך עפּעס אַ מין ערהאַבּענהייט איבּער אַלע נאַרישקייטען פוּנ'ם לעבּען און עס לייטערן זיך אויס אַלע מענשליכע געפיהלען בּיז צו דער העכסטער מדרגה.

אַ טויטער טאָר נישט טראָגען קיין תפלין. דאָס איז געבּליבּען אַ דין. און אַ קינד בּין איך נאָך געווען, ווען מיין, זיידע האָט מיר דערצעהלט אַ שרעקליכע געשיכטע פוּנ'ם יאָהר 1846 — ווען די פּויערען אין גאַליציען האָבּען געמאַכט אַ מרידה געגען די פּריצים. מיט דער שרעקליכסטער אכזריות זענען דאַן די פּויערען איבּערגעפאַלען די פּריצים מיט זייערע ווייבּער און קינדער. האָט דאַמאָלס געוואוינט אין שכנות פוּן מיין זיידען אַ אידי־שער אַרענדאַר, וועלכער האָט געהאַלטען מיט די פּריצים, זענען די פּויערען איבּערגעפאַלען דעם איד און האָבּען איהם געהרג'עט. בּשעת דער רציחה איז דער איד גראָד געשטאַנען אין טלית און תפלין, האָט אַ פּויער אַ קלאַפּ געטהון דעם איד מיט אַ האַמער איבּער'ן קאָפּ און געטראָפען די תפלין. האָט זיך איהם דער „של ראש“ איינגעגראָבּען אין מוח און מען האָט איהם נישט געקאָנט מעהר אַרויסנעהמען. איז מען געגאַנגען פרעגען אַ שאלה בּיים רב, צי מען מעג בּאַגראָבּען דעם איד אין די תפלין. האָט דער רב געפּסק'ט, אַז מען זאָל אַרויסרייסען די תפלין פוּנ'ם טויטען קאָפּ מיט געוואַלט, ווייל אַ טויטער טאָר נישט טראָגען קיין תפלין. און אַזוי ווי מען האָט דאַן ווייטער נישט געקאָנט אַראָפּנעהמען דעם „של ראש“ פוּנ'ם טויטען קאָפּ, ווייל ער איז געווען צו טיעף איינגעגראָבּען אינ'ם מוח, האָט מען דעם טויטען געסטראַשעט, אַז מען וועט איהם אָנטהון בזיונות, ווי בּאַלד ער וועט זיך נישט לאָזען אַוועקנעהמען די תפלין. און אַזוי ווי די אַלע סטראַשונקעס האָבּען נישט געהאָלפען, האָט דער רב מתיר געווען, אויסצושניידען די תפלין פוּנ'ם קאָפּ מיט אַ מעסער, ווייל תפלין זענען נישט קיין מלבוש פאַר אַ טויטען.

„תפלין צריכין גוף נקי“, זאָגט די גמרא — און ווען עס איז אַמאָל איינגעפאַלען דעם אויפזעהער פוּן אַ פּוילישער תפיסה צו פאַרבּיעטען זיינע אידישע אַרעסטאַנטען דאָס דאַווענען אין תפלין, ווייל איינער פוּן זיי האָט זיך אויפגעהאָנגען אויף די רצועות פוּן זיינע תפלין, האָט אַ גרויסער רב (אַ ירא שמים און אַ גדול בתורה) געזאָגט, אַז עס איז לחלוטין נישט קיין כבוד פאַר אידען, ווען גנבים לייגען תפלין, וועט עס דאַדורך נישט שאַדען ווען מען וועט בּאַפרייען די תפלין פוּן אַרעסטאַנטסקע לאַפּעס, ווייל תפלין דאַרפען זיך געפינען נאָר אין ריינע הענד. און ווער עס איז עובר אויף „לא תגנוב“ און איז מחלל שם שמים, ווייל דאָס אידישע פאָלק מוז צוליעב איהם ליידען בזיונות, איז גאָר נישט ראוי צו האַלטען תפלין אין זיין אונ־ריינער האַנד.

עמלק — ישראל'ס אייביגער שונא

(צו פרשת בשלח)

איבערגעקומען דעם געשפּאָלטענעם ים, האָבּען אידען געוואַנדערט דריי לאַנגע טעג אין דער מדבר שור אָהן וואַסער. דערנאָך האָבּען זיי זיך אַרומגעבלאָנקעט אַ גאַנצען חודש צייט אין דער געגענד פון מרה און אילם, בּיז זיי זענען אָנגעקומען אין רפידים. דאָרט איז זיי עמלק אַקעגען־געקומען, מלחמה האַלטען מיט זיי.

די מלחמה איז אויך געווען זעהר אַ הייסע און אַ שווערע. די אידען זענען געווען אויסגעמוטשעטע פּוּנ'ם וועג אָהן כחות און האָבּען נאָך איבערהויפּט נישט געוואוסט, ווי אַזוי מען פיהרט אָן אַ מלחמה. האָט משה געמוזט דיריגירען די מלחמה מיט די הענד. און ווי לאַנג די אידען האָבּען געזעהן, ווי משה האַלט די הענד אין דער הויך, זענען זיי געווען פול מוטה צו דער מלחמה און האָבּען געזיעגט. קוים האָט אָבער משה אַראָפּגעלאָזט די הענד, זענען די אידען אָפּהענטיג געוואָרען און עמלק איז דאַן געווען דער שטאַרקערער.

לסוף האָט יהושע געזיעגט איבער עמלק און האָט איהם געצוואונגען צו אַנטלויפען. האָט גאָט אָנגעזאָגט די אידען, זיי זאָלען גוט געדענקען, וואָס עמלק האָט זיי געטהון — און די האַנד אויפגעהויבען צו גאָט'ס הייליגען שטוהל, האָט מען צוגעשוואוירען אַ מלחמה געגען עמלק אויף אייביגע דורות.

וויפיעל פעלקער עס האָבּען געקעמפפט געגען אידען און אָנגעטהאָן זיי צרות, איז נישט איינגעפלאַנצט געוואָרען צו זיי אַזאַ שטאַרקע שנאה ווי צו עמלק. אידען האָבּען נישט געדאַרפט קיינמאָל געדענקען דאָס שלעכטע וואָס יענע האָבּען זיי געטהון. פאַר מאַנכע האָט מען זיי גאָר געהייסען האָבּען אַ פריינדשאַפטליך געפיהל. עס זאָל נישט איינפאַלען קיינעם צו ווען אַמאָל בּאַליידיגען אַ מצרי, ווייל זיינע עלטערן האָבּען אָנגעטהון צרות צו אונזערע עלטערן. מען דאַרף גאָר אדרבה געדענקען, אַז אידען האָבּען גענאָסען גאַסט־פריינדשאַפט אין זיין לאַנד. און ווען אידען זענען אַרויס

פון גלות בבל, האָבען זיי מיטגענומען מיט זיך די שפּראַך פונ'ם לאַנד און האָבען זי פאַרהיילינט ווי אַן אייגען לשון. נאָר צו עמלק האָט גאָט געהייסען געדענקען, וואָס ער האָט געטהון. פון אַלע אומות אין דער וועלט האָט גאָט ערלויבט אויפצוגעהמען גרים, נאָר נישט פון עמלק. אַן אייביגע מלחמה האָט גאָט געהייסען אָנפיהרען מיט עמלק, ווייל כל זמן עמלק לעבט, איז עס אַ פלעק אויף ישראל'ס עהרע און כביכול האַלט זיין פנים פאַרשטעלט פון זיי.

פאַרציטערט זענען געווען די פירסטען פון אדום, ווען זיי האָבען געהערט, אַז די אידען זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. אָנגעהאַפּט אַ שרעק האָט די הערען פון מואב, ווען די אידען זענען אַריבער איבער'ן ים. אַ פחד איז באַפאַלען אַלע איינוואוינער פון כנען. איז דאַן עמלק געווען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך גענומען טשעפּען צו אידען. פיער הונדערט מייל ווייט איז דאַן עמלק געגאַנגען מיט זיין מחנה צום קאַמפּף געגען אידען, צו ווייזען פאַר דער וועלט, אַז עס איז נישטאָ פאַר וועמען מורא צו האָבען און מען דאַרף זיך גאָר נישט שרעקען פאַר זיי.

מיט גוטע רייד איז עמלק צוגעקומען צו ישראל'ס מחנה, אויספרעגען זיי וועגען דעם תכלית פון זייער וואַנדערונג. צו מאַכען זיי פאַרשטעהן, אַז די וואַנדערונג איז אַ געפעהרליכע און זעהר שווער צום דורכפיהרען. עס איז איהם אויך געלונגען צו באַזיעגען די שוואַכליכע פון דער מחנה, די נאָכשלעפּערס, וועלכע האָבען נישט געקאָנט שריט האַלטען מיט די אַנדערע. זיי האָבען זיך געלאָזט איינרעדען, אַז עמלק מיינט זייער טובה. ער האָט זיי אַודאי דערצעהלט, אַז ער איז זייערער אַ נאָהענטער קרוב, כמעט אַ לייבליכער קאָזין. זיין טאַטע אליפז איז געווען אויפגעצויגען ביי יצחק און האָט ביי איהם געלערנט, אַז מען דאַרף זיך אינטערעסירען פאַר קרובים און האָבען אויף זיי רחמנות.

אַן אייביגער שונא צו אידען איז עמלק געבליבען. עמלק, מיינט אָבער נישט אַליין יענע ווירקליכע עמלקים, די קינדער פון אליפז, ווייל יעדער דור האָט זיך זיין עמלק — און יעדעס מאָל, ווען אידען זענען אויפ'ן וועג צו אַ גרויסער טהאַט, קומען די עמלקים שטערען, איבעררעדען די שוועכלינגע, זיי זאָלען נישט וועלען מיטגעהן.

„עמלק" הייסט: פאָלקס־פאַרדערבער אָדער פאָלקס־פאַרשלינגער. „עם לק, שבא ללוק דמן של ישראל", זאָגט דער ילקוט. מיט גוטע רייד און מיט לעקערישע שמייכעלייען איז ער געקומען אויסנאָגען ביי אידען דאָס בלוט. עמלק איז אַ פיינד פון אמת, אַ פיינד פון פרייהייט, אַ פיינד פון אַנטוויקלונג. דער דרך פון זיין קאַמפּף איז אָבער נישט קיין אָפענער.

מיט אַ שמייכעלע קומט ער צונעהמען די נשמה פון יעדער טהעטיגקייט, אָפּהענגיג צו מאַכען פון יעדער אונטערנעהמונג.

גלייך ווי דאַמאָלס, ווען די אידען זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים און עמלק איז געקומען קעמפפען געגען זיי, שטעכען זיי מיט שאלות, ווי אַזוי זיי דענקען איבערצוקומען אַזאַ גרויסע מדבר? ווי אַזוי זיי וועלען קענען קעמפפען אין כנען געגען אַזאַ שטאַרקע מאַכט? אַזוי קומען אויך די עמלקים פון היינט מיט פאַרשיעדענע שטעכווערטלעך, צו ווייזען די שווערינקייט פון יעדער אונטערנעהמונג, אָפּהענגיג צו מאַכען די שוועכ־לינגע, כדי צו שעדיגען אויף אַזאַ אופן, אויסצולעשען יעדען שטראַהל פון האָפנונג, וועלכער טהוט אַמאָל אַ שיין אויפ׳ן אידישען הימעל.

— — — — — — — — —

„ראשית גוים עמלק“, דער ערשטער גרעסטער שונא פון אידען איז עמלק, און די מלחמה מיט איהם איז אַן אייביגע. יעדער דור האָט זיך זיין עמלק און יעדער עמלק קומט מיט אַנדערע טענות. אָבער מיט דעמזעלבען צוועק, צו שטערען יעדע ערנסטע טהעטיגקייט. עמלק איז די פּערזאָניפיצירונג פונ׳ם שונא, וועלכער קומט אָנגעטהאָן אין אַ מאַנטעל פון אַ טרייען קרוב און פון פאַלשער פריינדשאַפט. דאַדורך איז דער קאַמפּף געגען איהם אַן אייביגער און אַן אונאויפהערליכער.

דער כבוד פון דער תורה

(צו פרשת יתרו)

ווען מען זאָל קענען זאָגען, אַז עס פעהלט עפּעס אין דער תורה, וואָלט איך מיר ערלויבט צו מאַכען אַ באַמערקונג, אַז עס איז נישט גענוג געזאָגט געוואָרען וועגען איין מצוה פון אונזערע תרי"ג מצות. ס'איז נישט גענוי אָנגעוויזען געוואָרען, ווי וויט עס זאָל גרייכען דער כבוד פון דער תורה. דאָס העכסטע ביי אידען איז די תורה. די אותיות זענען הייליג, דער פּאַרמעט איז הייליג, דאָס מענטעלע איז הייליג. פאַר'ן מינדעסטען בזיון, וואָס ווערט געטהאָן צום שטיקעל פּאַרמעט, אויף וועלכען די תורה איז אָנגעשריבען, קומט דער גרעסטער עונש. נאָר דער מענש, וועלכער פאַרקערפּערט אין זיך די תורה, דאַרף זיך האַלטען נידריג, יעדער גראָבער פוס זאָל קענען אויף איהם טרעטען.

די נשמה פונ'ם פאָלק שטעקט אין די טויטע אותיות און דער תלמיד־חכם שפּיעלט אַ נעבען־ראָלע. פאַרהאַנען אפילו אַ דין, אַז די מענשען, וואָס וואוינען צוזאַמען מיט'ן תלמיד־חכם, מוזען טהון זיין אַרבייט און טאָרען איהם נישט חלילה מבזה זיין. ס'איז אָבער נישטאָ קיין דין, אַז אַ תלמיד־חכם טאָר זיך נישט אַליין ערנידריגען, ווייל ער איז די פאַרקערפּערונג פון דער תורה. אַלע מוסר־ספרים שרייבען וועגען דעם גרויסען עונש פון מענשען, וואָס ווילען נישט לערנען אָדער זיי ווילען נישט האַלטען פון דער תורה. נאָך גרעסער איז דער עונש פון איינעם, וועלכער איז מבזה אַ תלמיד־חכם. ווי אַ גאָר־נישט איז אָבער אָט דער גאַנצער עונש אַקעגען דעם עונש, וועלכען איך וואָלט אָנגעמאָסטען אַ תלמיד־חכם, וואָס מאַכט זיך אַליין נידריג און לאָזט אויף זיך טרעטען. מיט פייערדיגע ריטער וואָלט איך איהם מכבד געווען ביים לעבען און אויף יענער וועלט וואָלט איך איהם געלאָזט שוויצען אויף דער אויבערשטער באַנק פון גיהנם.

יעדעס מאָל ווען איך זעה, ווי אַ תלמיד־חכם ערנידריגט זיך אין די אויגען פון אַן עם־הארץ, וויל זיך מיר האָבען אַ דעה אין הימעל, איך זאָל קענען שיקען אַ פאָרציאָן דונערען און בליצען אויף זיין קאָפּ. אין אַזאַ

רגע וויל זיך מיר אָנשרייבן אַ נייעם „שבט מוסר“, וואו עס זאָל אויס־געמאָלט ווערן דער עונש פון אַזאַ תלמיד־חכם אין די גרעלסטע פאַרבן. איך זאָל איהם אָניאָגען אַ שרעק פאַר די יסורים וואָס ערוואַרטען איהם אויף יענער וועלט צוליעב זיין נידריגער טהאַט. צעהנדליגער מאָל איז שוין אין מיר אויפגעקאָכט געוואָרען דאָס בלוט אין אַזאַ פאַל, ווען עס איז מיר אויסגעקומען צו זעהען, ווי גרויסע מענשען זענען זיך מכניע און לעקען זיך צו צו גראָבע יונגען אויף דער נידריגסטער אַרט, נישט באַדענקענדיג ווי זיי מאַכען נידריג די תורה, וועלכע זיי רעפּרעזענטירען.

זעהר וויכטיג איז דער למוד התורה ביי אידען. אפילו אַ גוי וועלכער זיצט און לערנט, איז חשוב ווי אַ כהן גדול — און טרעפט זיך אַמאָל אַ תלמיד־חכם אַ ממזר, איז ער מעהר חשוב ווי אַ כהן גדול אַן עם־הארץ. די צרה איז נאָר, וואָס „רבי מכבד עשירים“, דער תלמיד־חכם איז נישט חס אויף כבוד התורה און מאַכט זיך ביליג געגענאיבער יעדען עושר. די תורה איז דאָס איינציגע, וואָס איז אונז געבליבען אין גלות. עס מעגען אפילו רעכט האָבען יענע וואָס טענה'ן, אַז די תורה האָט אויפגעגעסען אונזערע בעסטע כחות פון אַלע דורות. עס מוז אָבער צוגעגעבען ווערען, אַז די תורה איז היינט, גלייך ווי זי איז געווען תמיד, דער איינציגער אָנהאַלט פאַר אונזער אומה, די איינציגע ערהעבונג פון אונזער גייסט. דאַדורך איז עס שמערצליך ווען עס געפינט זיך נישט אין ערגעץ קיין עונש פאַר אַ תלמיד־חכם, וועלכער איז זיך מכניע און טראָגט נישט אין זיך דאָס באַוואוסטזיין, אַז ווען ער שטעלט זיך נישט אויף זיין אייגענעם כבוד, מאַכט ער ביליג דעם כבוד פון דער תורה.

די גרעסטע עברה אין מיינע אויגען איז, ווען איינער מאַכט ביליג דעם כבוד פון דער תורה. העכער צוויי טויזענד יאָהר האָט כביכול געוואַרט, ביז די וועלט איז אויף אַזוי פיעל געלייטערט געוואָרען, זי זאָל זיין ווערטה דער אויבערשטער זאָל איהר געבען זיין תורה. קומט דאַדורך די גרעסטע שטראָף פאַר דעמיעניגען, וואָס פאַרשטעהט נישט צו שעצען די ווירדע פון אַזאַ מתנה. יאָהרען און דורות זיצט אַ פאָלק און מוטשעט זיך, צו דערגרונטעווען די טיעפעניש פון דער תורה, טאָר מען נישט ביליג מאַכען די אַרבייט פון אַזוי פיעל דורות.

איך קען איינעם אַ מענש מיט זיבען פּאָליטישע איבערציינגונגען אין זיין געזינונג. אין יעדען שריט זיינעם שפּיעגעלט זיך אָפּ אַזוי פיעל פאַרבען ווי אינ'ם רעגענבויגען. און דער עיקר פון יעדער טהעטיגקייט זיינער איז געלד. ווייל דאָס געלד איז זיין הויפּט־איבערצייגונג, אַלעס איבריגע איז נאָר אַ מענטעלע פאַר זיין נידריגער געזינונג. דער מענש איז אָבער אַ בן־תורה

און האַלט מייער זיין וויסען, בין איך איהם צוליעב דעם אַלסדינג מוחל און האָב פאַר איהם דעם גרעסטען דרך־ארץ, ווייל ער פאַרשטעהט צו שעצען זיין אייגענע ווירדע אַלס רעפּרעזענטאַנט פון דער תורה.

תמיד האָט מיר אָבער וועה געטהון, ווען עס איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגנען אַ מענש, וואָס עס איז איהם געלונגען אַרויפצודראַפּען זיך אויף אַ געזעלשאַפטליכער מדרגה אָהן תורה. קען איך טאַקי אויך אַזאַ מענשעלע, וואָס שלענגעלט זיך אומעטום, דרעהט זיך טענצעלדיג אויף איין פּיסעל און איז אַ קנאַקער אין דער געזעלשאַפט. לפנים אַן אידעאַליסט פון קאָפּ ביז פּיס. פונ׳ם סאַמעט־גלאַטיגען ציגעל רינען האָניג־זיסע ריידעלעך. די נשמה איז אָבער אַ סוחר׳ישע, וועלכע פאַרשטעהט צו מאַכען אַ מטבע פון איטליכער איבערצייגונג, אויסצובייטען יעדעם אידעאַל אויף מזומן, אויס־צונוצען יעדען שריט אויף פּראָפיט. אַזוי איז ער אָפּאָזיציאָנעל, ווען עס איז מאָדערן צו זיין אין דער אָפּאָזיציע; דאַן איז ער פלוצים גוט און פרום, ווי באַלד עס צאָהלט זיך נאָר אויס, ווען די פאַרטיי האָט צו פאַרטיילען פרנסות פאַר איהרע איבערגעבענע געטרייע. אַזוי איז ער אַ לעקער פון די וואָס האָבען די מאַכט, אַרויסשטעקענדיג גלייכצייטיג זיין לעקער פאַר יענע, וואָס העלפען איהם אַרויפדראַפּען זיך אויף דער לייטער. ווי שטויב לאָזט ער זיך טרעטען פון די, וואָס זיצען ביים שופלעדעל — און ווי שטויב פאַרפּראָשעט ער די אויגען פון אַנדערע, וואָס ווילען אויך צוקומען צום שופלעדעל. ביי אַלע סכסוכים פאַרשטעהט ער תמיד צו האַלטען זיך פון וויטען, כל־זמן דער סכסוך איז נישט אַנטשיעדען לטובה פון איין צד. און ווען ער ענטשליעסט זיך דאַן. צו זאָגען אַ מיינונג וועגען דעם סכסוך, איז זי תמיד מסכים צו דעם צד, וועלכער איז געבליבען דער זיעגער. דאַביי שפּרינגט ער פון איין פראַקציע צו דער אַנדערער מיט אַ פאַרבלופענדער שנעליגקייט, גיכער ווי דער עראָפּליין פון „לעתיד לבא“. אָט איז ער אין מזרח און מיט איין שוועב איז ער שוין אין מערב. אָט איז ער היינט אַ דעמאָקראַט און אָט איז ער מאָרגען עפּעס אַנדערש — לויט ווי עס צאָהלט זיך אויס צו זיין. אַזוי שפּרינגט ער פון איין כתה צו דער אַנדערער צוליעב דער מטבע. צוליעב פּראָפיט פאַרקויפט ער זיין איבערצייגונג פון נעכטען, פונקט אַזוי ווי די פון מאָרגען און איבערמאָרגען. פאַר מזומן גיט ער אַוועק דעם כבוד פון זיינע נאָהענטסטע גלייך ווי זיין אייגענעם כבוד.

און טרעפט זיך נאָך אַ תלמיד־חכם, וועלכער שעהמט זיך נישט צו פאַרקעהרען אין פריינדשאַפט מיט אַזאַ בריאה, וואָלט איך איהם אויפגעצעהלט זעכציג פייערדיגע ריטער פאַר׳ן בזיון פון דער תורה.

קינדער יתומים און ארימע קינדער

(צו פרשת משפטים)

צווישען די ערשטע דינים, ווי אַזוי דער מענש זאָל זיך פאַרהאַלטען צו זיינע מיטמענשען, האָט גאָט אָנגעזאָגט, מען זאָל נישט פייניגען קיין יתום. פאַר אַ יתום האָט זיך נישט קיינער אָנצונעהמען, מוז זיך גאָט אַליין צוהערען צו זיין געשריי, וועט ער ווערען אין כעס געגען די פייניגער פונ'ם יתום.

אַזוי איז איינגעפלאַנצט געוואָרען אַ געפיהל פון רחמנות אויף יעדען יתום. דאָס האַרץ ווערט צוזאַמענגעקוועטשט אין טרעהרען, ווען מען זעהט אַן אָרימען יתום. אַ יתום באַגעהט אַן עולה, איז מען עס איהם מוחל, ווייל ער איז אַ יתום. פאַר יתומים קלייבט מען לייכט געלד, פאַר יתומים בויט מען הייזער. און ווען עס איז אַמאָל אַרויסגעקומען, אַז מען מאַכט פאַרברעכערישע עקספערימענטען אויף וועהרלאָזע קינדער דורך איינשפריצונגען פון גע־פעהרליכע מעדיצינישע סערומס, האָט דאַמאָלס אַ אידישע צייטונג צוגע־געבען, אַז די איינשפריצונגען ווערען געמאַכט אויף „יתומים“, כדי דאָס פאַרברעכען זאָל אויסזעהן שרעקליכער און די עפענטליכקייט זאָל מעהר אויפגעקאָכט ווערען.

דאָס גרעסטע הינדערניס אין דער אַנטוויקלונג פון דער וועלט איז, וואָס טויטע אירטימער ווערען צו שפּעט באַגראָבען. אַזאַ אירטום איז תמיד געווען צו גלויבען, אַז אָרימע קינדער מיט טאַטע־מאַמע זענען ווייניגער אונגליקליך ווי יתומים. דער רחמנות'דיגער קרעכץ פון אַ טאַטען קען נישט אָנזעטיגען דאָס קינד ווען עס איז הונגעריג, גלייך ווי מען קען איהם נישט מאַכען קיין מלבוש פון דער מיטליידיגער מאַמע'ס טרעהרען.

אַ קינד בין איך נאָך געווען אין חדר, האָב איך דאָרט געהאַט צוויי חברים. איינעם אַן אָרים קינד און דעם צווייטען אַ יתום. דער יתום האָט געגעסען „טעג“ אין פאַרשיעדענע הייזער, נאָר מאָנטאָג האָט ער נישט געהאַט צו עסען. האָט ער געהאַט אַ שוועסטער אַ קעכין, וועלכע האָט איהם געוועהנליך געבראַכט יעדען מאָנטאָג עפּעס צו עסען פון דעם, וואָס איז געבליבען פונ'ם מיטאָג ביי איהרע בעלי־בתים. האָט זיך עפּעס איינמאָל אין

אַ מאָנטאָג די שוועסטער פונ'ם יתום פאַרזוימט און איז נישט געקומען מיט'ן עסען ביז שפּעט פאַר נאַכט. גראָד דאַמאָלס האָט דער טאַטע פון מיין אָרימען חבר געבראַכט פאַר זיין קינד צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער און אַ שטיקעל הערינג. ביי מיין אָרימען חבר האָט דאָס פּנים געשטראַהלט פאַר פרייד. פּוטער און הערינג זענען געווען ביי זיין טאַטען אין הויז גאָר זעלטענע „לאַקאָטקעס". האָט זיך מיין אָרימער חבר געשפּילעט אַ צייט לאַנג מיט'ן ברויט, ס'איז איהם נעביך געווען אַ שאָד, אויפצוועסען אַזאַ מין יום־טוב'דיג מאכל מיט איינמאָל. האָט דאָס דער הונגעריגער יתום דערזעהען און האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול. האָבען מיר אַלע אין חדר באַקומען רחמנות אויף'ן הונגעריגען יתום און מיר האָבען געפּסק'נט, אַז דער אָרימער חבר מוז אַוועקגעבען איין שטיקעל ברויט מיט פּוטער צום יתום. און אַזוי ווי דער אָרימער חבר האָט ניט געוואָלט מקיים־פּסק זיין, האָבען מיר אויסגעריסען ביי איהם ביידע שטיקלעך ברויט מיט פּוטער און מיט הערינג — און מיר האָבען עס אַוועקגעגעבען צום יתום. און ווען מיין אָרימער חבר האָט אונז צוגעקלאָגט צום מלמד פאַר אונזער גזלה, האָבען מיר איהם נאָך גוט אָנגעשלאָגען פאַר דער מסירה און יעדער פון אונז האָט עס זיך גערעכענט פאַר אַ מצוה, ווייל מיר האָבען געמיינט, אַז ער האָט געדאַרפט צופריעדען זיין פון דעם, וואָס מיר האָבען מפרנס געווען אַ יתום מיט זיין ברויט. נישט גערידהרט האָבען אונז די טרעהרען פון אונזער אָרימען חבר, וועלכע ער האָט פאַרגאָסען בשעת דער יתום האָט אויפגעגעסען זיין ברויט. מיר האָבען זיך גאָר אדרבה גערייצט מיט איהם, און מיר זענען אונ־טערגעשפּרונגען פאַר פרייד, ווען מיר האָבען געזעהען, ווי דער לעצטער ביסען איז פאַרשוואונדען אינ'ם יתום'ס מויל.

גלייכגילטיג זענען מיר דאַמאָלס געווען געגען אונזער אָרימען חבר'ס יסורים. אין אונזער האַרץ איז געווען איינגעבאַקען דאָס געפיהל פון רחמנות צו אַ יתום, ווייל מיר האָבען עס תמיד געהערט פון אונזערע עלטערען און מיר האָבען עס אויך געזעהן ביי אַנדערע מענשען, אַז אויף אַ יתום דאַרף מען רחמנות האָבען. פאַרברעכעריש גלייכגילטיג פאַרהאַלט זיך אויך די מענשליכע געזעלשאַפט צו אָרימע קינדער און עס מאַכט נישט קיינעם קיין עגמת נפש, צו הערען אפילו דאָס ערגסטע. נאָר ווען עס נעהט וועגען יתומים, רידהרט זיך אַ סטרונע אין אונזער האַרץ. אָבער ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אָרימע קינדער, וואָס זענען ניט קיין יתומים, הערען זיך די נאַכריכטען מיט אַ קאַלטער גלייכגילטיגקייט און עס רידהרט זיך נישט קיין האַנד, מען זאָל זיך נעהמען פּראָבירען צו טהון עפּעס דאַגעגען.

מיליאָנען קינדער שטאַרבען אַוועק יעדעס יאָהר, ווייל זייערע עלטערן זענען אָרים און קענען זיי נישט געבען גענוג לופט און ליכט צום לעבען, ווייל די מאַמעס מוזען געהן אַרבייטען און איבערלאָזען זייערע קינדער אויף גאָט׳ס בעראָטה.

צעהנדליגע סטאַטיסטישע ציפערן וואָלט מען געקאָנט ברענגען אַלס באַווייז פאַר דער גלייכגילטיגקייט פונ׳ם פובליקום אַקעגען אָרימע קינדער, חאָטש אַ מענש פון געזיטונג קען נישט קוקען אויף אַ קינד און עס זאָל זיך נישט מיט איהם פרעהען, ווייזען איהם אַ געפיהל פון ליעבע און באַשיצען עס אין דער נויט. גלייכגילטיג לעזען זיך אַלע מעשיות וועגען קינדער=עלענד, גלייך ווי עס לעזען זיך די ערצעהלונגען פון אַמאָל, ווי עס זענען פאַרברענט געוואָרען קינדער צום „מולך״ און ווי מען האָט אין אַלטערטום געשחט׳ען קליינע קינדער, צו באַקומען צויבערמיטעל פון זייערע געדערים און צו מאַכען אַ צויבער=טראַנק פון זייער בלוט.

טויזענדער קינדער געהען יעדעס יאָהר צו=גרונד אָדער זיי ווערען קאַליקעס אין פאַבריקען פון מינען. טויזענדער הענטלעך ווערען אָפגעשניטען פון מאַשינען, טויזענדער פיסלעך ווערען צוקריפעלט — און מען קימערט זיך וועגען דעם זעהר ווייניג, גלייך ווי מען לעזט גלייכגילטיג וועגען די קינדער, וואָס די מורישע רויבציגע האָבען אַוועקגעפיהרט פון איראָפּאַ פאַר די האַרעמס פון די רייכע מאָהאַמעדאַנער, וואו מען האָט געמאַכט די אינגלעך פאַר סריסים און די מיידלעך פאַר קייפס=ווייבער.

אָהן יעדער אַבזיכטליכער גרויזאַמקייט געשטאַלטעט זיך דאָס לעבען פונ׳ם אָרימען קינד זעהר טרויריג. ווען די מוטער האָט עס אפילו אָפגעהיט און געהאָדעוועט אויפ׳ן בעסטען אופן, קען עס זיך נישט דערנאָך געהעריג אַנטוויקלען. ווייל עס מוז צו=פריה געהן צו אַן אונגעאייגנעטער און איבערמעסיגער אַרבייט. אַנדערע ווערען פאַרקריפעלט דורך אונגעניגענדע נאַהרונג, דורך שלעכטע וואָהנונג און מאַנגעל פון לופט. די אינדוסטריאַליזירונג פון דער וועלט האָט געמאַכט פלאַץ פאַר קינדער=אַרבייט, געפינען זיך דריי מיליאָן קינדער אַלס אַרבייטער אין אַמעריקאַנער פאַבריקען און קויהלען=גרובען.

פאַרהאַנען געגענדען מיט לאַנדווירטשאַפטליכען באַזיץ און אַ מעסיגען פאַבריקס=בעטריעב, וואו קינדער=עלענד איז אַ פאַראיינצעלטע אויסנאַהמע און נישט קיין מאַסען=ערשיינונג. העלפען דער מאַמע אין דער היים, איז דאָס איינציגע וואָס די דאָזיגע קינדער טהון. נויט און עלענד הערשט נאָר ביי יענע פאַמיליען, וואו דער פאָטער איז ענטוועדער אַ שכור אָדער ער וויל נישט אַרבייטען. טראָצדעם איז נישט קיין שום פאַמיליע אימשטאַנד,

צו ערנעהרען אַ גרעסערע צאָהל קינדער, און די אידילע פון לעבען ווערט פאַרדאָרבען דורך פיעלע קינדער. אין ערגעץ ווערט זיך אָבער נישט טרעפען, צו זעהען אַזאַ ערשיינונג ווי איך האָב אַמאָל אַליין געזעהען אין לאָנדאָן, וואו אָרימע קינדער ערנעהרען זיך פון אויפגעקליבענע עסענס, וואָס זיי נעהמען אַרויס פון די רינשטאָקען.

ווען מען זאָל קענען זאָגען, אַז עס פעהלט עפּעס אין אונזער תורה, וואָלט איך צוגעגעבען אַ דין וועגען אָרימע קינדער, אַז די געזעלשאַפט האָט דעם חוב צו זאָרגען פאַר זייער פרנסה. מינדעסטענס אַ העלפט פון די פסוקים, וואָס רעדען פון יתומים, וואָלט איך איבערגעדרעהט אויף אָרימע קינדער, ווייל די לאַגע פון אָרימע קינדער איז זעהר, אָפט אַן ערגערע ווי די לאַגע פון יתומים. — און די מענשליכע געזעלשאַפט קען נישט האבען קיין שום ענטשולדיגונג פאַר דער גרינגשעצונג, מיט וועלכער זי קוקט אויף דער פראַגע פון אָרימע קינדער.

אונזערע נדיבים און זייערע נדבות

(צו פּרשת תרומה)

קוים האָבֿען די אידען איינגעאָרדנעט זייער לעבֿען אין דער מדבר, צוגעוועהנט זיך צום „מן“ אַלס מאכל, צו שטילען זייער הונגער, האָט זיי גאָט געהייסען אויפֿבויען אַ משכן פֿון זיין כבוד וועגען. איטליכער האָט געדאַרפֿט געבֿען, ווי ווייט זיין גוט האַרץ האָט אויסגעטראָגען און אויף וויפֿיעל עס האָבֿען געגרייכט זיינע כחות. איינער האָט געגעבֿען אַ ברעט, איינער אַ שטיקעל גאָלד אָדער זילבֿער, אַ ביסעל וואָל, אַ הויט פֿון אַ חיה וכדומה. די אָרימע אידען האָבֿען אויך אַלסדינג צונויף-געקליבֿען אין אַ פּיעל גרעסערער מאָס ווי מען האָט געדאַרפֿט. אויף זייערע פּלייצעס האָבֿען זיי געשלעפּט מיט זיך האָלץ און ברעטער פֿון מצרים, זיי זאָלען האָבֿען אין דער מדבר, צו באַשיצען זיך פֿאַר זון און זאַמד, האָבֿען זיי דאָס האָלץ און די ברעטער גערן אַוועקגעגעבֿען צום משכן. צונויף-געקראַצט האָט יעדער דאָס לעצטע פֿון זיין אייגענטום, ווען עס האָט נאָר געקאָנט טויגען פֿאַר׳ן משכן. האָט עס אַוועקגעטראָגען מיט שמחה צו משה׳ן און איז דאַן צוריקגעקומען אַ צופֿריעדען-גליקליכער, ווען זיין מתנה איז אָנגענומען געוואָרען.

איין קלאַס מענשען איז געשטאַנען אַ גאַנצע צייט פֿון וויטען און האָט נישט געבֿראַכט גאָר צום משכן. די נשיאים פֿונ׳ם פֿאָלק איז נישט אָנגעשטאַנען, זייער נדבה זאָל זיך אויסמישען מיט די נדבות פֿון דער ברייטער פֿאָלקס-מאַסע. אַזוי ווי זיי האָבֿען געוואָלט געבֿען עפּעס אַזוינס, וואָס איטליכער זאָל האָבֿען צו רעדען דערפֿון, האָבֿען זיי איבערגעוואַרט די צייט, ווען אַלע האָבֿען געגעבֿען, און זענען געקומען מיט זייער ווילען, בייצושטייערן עטוואָס צום משכן, ווען עס איז שוין אַלעס געווען פֿערטיג און מען האָט שוין נישט מעהר גאָר געדאַרפֿט האָבֿען. דאַמאָלס ערשט האָבֿען די נשיאים געבֿראַכט די עדעלשטיינער צום אפֿוד און צום חשן. די נדבה איז זעלבסטפֿאַרשטענדליך אָנגענומען געוואָרען מיט׳ן גרעסטען כבוד און מען האָט אויך גערעדט פֿון איהר אין דער גאַנצער אידישער מחנה. ווער קען דען האָבֿען אַ העזה, נישט צו וועלען אָננעהמען די נדבה פֿון אַ גבֿיר? — עס

האָבען זיך נאָר געקענט געפינען פאַראייינצעלטע מענשען וואָס האָבען זיך ערלויבט, צו האָבען שטילערהייט טענות צו די נשיאים, ווייל זיי האָבען געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטען אויף זייער נדבה. אַזוי האָבען זיך אויך געפונען נאָר פאַראייינצעלטע, וואָס האָבען געזאָגט, אַז די נדבה פון די נשיאים איז אַן איבריגע, ווייל דער משכן וואָלט זיך גאַנץ גוט געקאָנט באַגעהן אָהן די עדעלשטיינער, אָדער זיי האָבען געזאָגט, אַז די נדבה פון די אָרימע לייט, וואָס האָבען געשענקט די ברעטער, איז געווען אַ וויכטיגערע, ווייל אָהן ברע־טער וואָלט מען גאָר נישט געקאָנט אָנהויבען צו דענקען וועגען אויפשטעלען דעם משכן.

די נגידים האָבען אויך דאַן גוט פאַרשטאַנען, אַז מען האָט צו זיי טענות, האָבען זיי זיך שוין שפּעטער מקדים געווען און זענען געווען די ערשטע צום געבען, ווען מען האָט געדאַרפט האָבען גאָלד, צו מאַכען דאָס עגל.

פון דאַמאָלס אָן איז עס געוואָרען ווי אַ געזעץ ביי אידען, וואָס די נגידים זענען די לעצטע צום געבען, ווי באַלד מען קלויבט נדבות פאַר אַ משכן. זיי זענען אָבער די ערשטע אויפ'ן פּלאַץ, ווען מען זאַמעלט אויף אַן „עגל". ווען דאָס גאַנצע פאָלק האָט שוין געגעבען, קומען זיי מיט זייער קאַרגער נדבה צום „משכן". מיט דער פולער האַנד און מיט אַ ברייט האַרץ געבען זיי אָבער זעהר גערן זייער נדבה צום „עגל".

הונדערטער אידישע גבירים האַלטען זיך ווייט פון אידען און ווילען נישט גאָר געבען פאַר אידישע צוועקען, חאָטש זיי האָבען אַזוי פיעל געלד, אַז זיי ווייסען פשוט נישט, וואו זיי זאָלען עס אַהינטהון. די ציוויליזירטע וועלט לעבט אין אַ ווילדען טעות, בנוגע צו אונזערע גבירים. ווייל יעדער מיינט, אַז די אידישע גבירים געבען אַוועק אַ גרויסען חלק פון זייער געלד פאַר אָרימע לייט. לסוף שטופען זיך אונזערע מיליאָנערען מיט זייערע נדבות צו די גוים, וואו מען זעהט זיי נישט גערן און מען וויל גאָר אָפט אפילו נישט אָננעהמען זייערע נדבות.

זעהר אָפט טרעפט זיך, וואָס אידישע גבירים געבען זייער געלד אויף ריין קריסטליכע צוועקען, וואו אידען קענען גאָר איבערהויפּט נישט דענקען צו האָבען דערפון ווען עס איז אירגענד וועלכען נוצען. פון אידישע נדבות האַלטען זיך אויף הונדערטער גוי'שע קלויסטערס און אומעטום וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אַ גרויסער נדבה פאַר אַן אַלגעמיינעם צוועק, פאַר אויסגעפינען אַ נייע ערפינדונג אָדער וועגען אונטערנעהמען אַ נייע פאָר־שונג, צו וועלכער מען דאַרף האָבען פיעל געלד, זענען אידישע גבירים די ערשטע מיט זייערע נדבות. אָבער וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אַ ספּע־

ציעלער אידישער אנגעלעגענהייט, זענען זיי געוועהנליך די לעצטע מיט זייערע פרוטות. דאָרט, וואו מען זעהט זיי נישט גערן, געבען זיי מיליאָנען, פאַר אידען געבען זיי פרוטות. — און עס האָט זיך נאָך נישט געפונען קיינער, וואָס זאָל אויפדעקען דעם בלאָף פאַר דער וועלט, יעדער זאָל זעהען, ווי פאַלש מען באַאורטיילט די נדבות פון אונזערע נדיבים און ווי מען איז אונז אומזיסט מקנא מיט זיי.

זייט עס איז אויפגעבויט געוואָרען דער משכן ביי אידען, איז געבליבען ווי אַ געזעץ, אַז אָרימע לייט זאָלען געבען פאַר אידישע צוועקען און די מיליאָנערען זאָלען געבען פאַר גוים, די ברייטע פאָלקס־מאַסען זאָלען געבען זייערע נדבות צום „משכן“ און די גבירים זאָלען געבען זייער גאָלד צום „עגל“.

די אלטע כהנים און דער נייער נביא

(צו פרשת תצוה)

אַזוי ווי עס איז נאָר אויסגעענדיגט געוואָרען דער בוי פון משכן, כביכול זאָל האָבען פּלאַץ צו לאָזען רוהען זיין שכינה אויפ'ן פאָלק ישראל, האָט משה געמאַכט זיין ברודער אהרן פאַר אַ כהן, ביידע זאָלען זיך קענען טיילען אין דער פיהרונג פון די אידען. איינער זאָל, דאָס פאָלק באַלערנען אַלס נביא, דערצעהלען זיי גאָט'ס ווילען, דער צווייטער זאָל דיענען אַלס כהן, צו פאַרטרעטען דאָס פאָלק ביי גאָט.

ווען דער נביא האָט שוין איינגעפיהרט דאָס זייניגע, קומט דאַן געוועהנליך אַרויס דער כהן אויף דער ביהנע פונ'ם לעבען. ביים נביא ווערט געבוירען דער געדאַנק, און ווען ער האָט שוין געמאַכט פאַר איהם אַ וועג ביים פאָלק, קומט ערשט דער כהן אָפּגעבען זיינע כחות פאַר דער ערהאַלטונג פונ'ם געדאַנק. דער כהן האָט אָבער נישט די נויטיגע קראַפט, צו פיהרען אַן אייביגען קאַמפף געגען דער האַרטער ווירקליכקייט, וועלכע שטעלט זיך איהם אין וועג ביי דער אויספיהרונג פונ'ם נביא'ס געדאַנק. ביים ערשטען צוזאַמענשטויס צווישען זיין אידעאַל און צווישען דער האַרטער ווירקליכקייט, בויגט ער אָן זיין קאָפּ, צו מאַכען אַ פשרה, און אָפּצוטרעטען פונ'ם אידעאַל. אַזוי האָט אפילו אהרן הכהן נישט געהאַט דעם כח, אויפצוטרעטען ענערגיש געגען דעם ווילען פונ'ם פאָלק, וואָס איז צו איהם געקומען מיט דעם פאַרלאַנג, ער זאָל מאַכען פאַר זייערטוועגען אַן אָפּגאָט — און ער האָט פאַר זיי געמאַכט דאָס „עגל“. ער האָט נאָר געמאַכט אַ פשרה, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט ביים מזבח פון עגל אַ יום־טוב צום אמת'ן גאָט.

מיט'ן גאַנצען כח פון זיין פערזאָן שטעלט זיך דער נביא איין פאַר זיין אידעאַל און צאַנקט וועגען איהם מיט דער גאַנצער וועלט. דער כהן איז אָבער אַ מענש פון פריעדען, אַ רודף־שלום און באַליעבט ביי אַלעמען, מיט ווייכע רייד נעמט ער צו דאָס פאָלק און נאָר צו איהם קומט מען הערען גאָט'ס וואָרט, ווייל ער זאָגט געוועהנליך נאָר אַזעלכעס, ווי דאָס פאָלק האָט געוואָלט.

דער קאָפּ פונ'ם פאָלק איז געווען דער כהן, דער צווייטער אין זיין

מעלה צום מלך פון ישראל. ער איז געווען דער לעהרער פונ׳ם פאָלק — און ווען די נביאים זענען אַמאָל אויפגעטרעטען געגען די כהנים, זענען אַלע זייערע רייד געווען אַרויסגעוואָרפען פאַר׳ן ווינד. דערוויל זענען אָבער די כהנים פאַרדאָרבען געוואָרען און האָבען גענומען אַ מאַסע זינד אויף זייער געוויסען. אָנגעהויבען פון די בני עלי, וועגען וועלכע עס ווערט דערצעהלט אין ספר שמואל, ביז צו די כהנים פונ׳ם בית שני, וועמעס מעשים רעים עס ווערען דערצעהלט אין דער גמרא, זענען די טהאַטען פון די כהנים זעהר אָפט געווען צום שאָדען פונ׳ם פאָלק.

אבא שאול בן בטנית האָט געזאָגט וועגען די כהנים: „וועה איז אונז פון די כהנים פון בית ביתוס, וועה איז פון זייער קללה, וועה איז פון די כהנים פון בית ישמעאל בן פאבי, וועה איז פון זייער פויסט. זיי זענען כהנים גדולים, זייערע זיהן נעהמען צונויף די שטייערען ביי אידען, זייערע איידעמס זענען די פאָרשטעהער און זייערע קנעכט שלאָגען דאָס פאָלק מיט שטעקענס“.

ווען ס׳איז געקומען אַ נביא צו עלי הכהן, האָט ער איהם פאָרגע־וואָרפען, אַז זיינע קינדער נעהמען זיך דאָס ערשטע פון אַלע קרבנות, איידער מען רויכערט זיי נאָך אויפ׳ן מזבח. און די גמרא דערצעהלט פון אַ כהן מיט׳ן נאָמען יוחנן בן נחבאי, וועלכער האָט געקאָנט אויפעסען דריי הונדערט קעלבער און אויסטרינקען דריי הונדערט לאָגלען וויין ביי איין מאָהלצייט, ביי וועלכער ער האָט נאָך געקאָנט פאַרבייסען אַ פערציג מאָס יונגע טויבען. און ווען מען זאָל אפילו וועלען זאָגען, אַז די ערצעהלונג פון אַזאַ מין סעודה איז איבערטריבען, ווייזט זי יעדענפאַלס אויף אַ גרויסען אַפּעטיט ביי די כהנים, וועלכע דאָס פאָלק האָט גדאַרפט אָנזעטיגען.— און די אַרבייט איז זיי זיכערליך נמאס געוואָרען.

דער דיכטער פון מגילת איכה קלאָגט זיך אויף כהנים וואָס האָבען פאַרגאָסען בלוט פון צדיקים אין די גאַסען פון ירושלים — און די גמרא דערצעהלט וועגען צוויי כהנים, וואָס האָבען געוואָלט ביידע גלייך אַרויף־לויפען אויפ׳ן שטאַפּעל פונ׳ם מזבח, האָט זיך אָבער איינער פון זיי מקדים געווען פאַר׳ן אַנדערען, האָט איהם דער צווייטער אַריינגעשטאָכען אַ מעסער אין האַרצען.

ביי אַזעלכע אומשטענדען, האָט די ממשלה פון די כהנים נישט גע־קאָנט אָנהאַלטען — און אַזוי ווי עס איז חרוב געוואָרען דאָס בית־המקדש, האָבען באַלד אַנדערע עלעמענטען איבערגענומען די פיהרונג פונ׳ם פאָלק. זענען אָבער געוועהנליך די דאָזיגע פיהרער נישט אויסגעקליבען פונ׳ם פאָלק, נאָר זיי האָבען זיך גרעסטענטיילס אַליין גענומען די ממשלה, ווידערהאָלט זיך

דאַדורך בײַ אידען דערזעלבער חסרון, פון וועלכען עס ליידען די עפענטליכע אינטערעסען בײַ אַלע פעלקער, וואָס די פיהרער און דאָס פאָלק פאַרשטעהען זיך נישט געגענזייטיג. שטענדיג געהען ביידע אין צוויי פאַרשיעדענע ריכטונגען, איינע געהט אַהער און די אַנדערע ציהט אַהין. אָט דאָס האָט אויך פאַראורזאַכט, וואָס אידען האָבען אַ גרעסער פאָראורטייל צו זייערע פיהרער, גרעסער ווי בײַ יעדער אַנדערער אומה אין דער וועלט.

דער פעהלער ליגט אויך אין דעם, וואָס די פיהרער בײַ אידען איגנאָרירען מעהרסטענטיילס דעם ווילען פון׳ם פאָלק און פאַרשטעהען נישט, אַז די גאַנצע גרויסקייט זייערע קומט דערפון, וואָס זיי זענען פיהרער בײַ אַ פאָלק און דאַרפען עס פיהרען וואו עס ציהט צו געהען און נישט אין אַן אַנטגעגענגעזעצטער ריכטונג. זיי ווילען נישט פאַרשטעהן, אַז דער פיהרער האָט די אויפגאַבע, צו דיענען פאַר דער באַקוועמליכקייט פון׳ם פאָלק, נישט צו מאַכען דאָס פאָלק דיענסטבאַר פאַר זיין אייגענער באַקוועמליכקייט, גלייך ווי דאָס פושקעלע פון טאַבאַק איז געמאַכט פאַר דער באַקוועמליכקייט פון דער נאָז און נישט די נאָז פאַר דער באַקוועמליכקייט פון׳ם פושקעלע.

גלייך ווי מען זעהט עס פון צייט צו צייט בײַ אַנדערע פעלקער, ווי אַ פאָלק הויבט זיך אויף אין אַ רעוואָלוציאָן געגען זיינע הערשער, אַזוי זעהט מען עס אויך אָפט אין קליינעם אידישען וועלטעל, ווי דאָס פאָלק טהוט אַלעם אַנדערש לויט ווי די פיהרער דענקען און ווינשען. די פיהרער שטעהען מיט אַ טייטעל און ווייזען אָן אויף איין זייט — און דאָס פאָלק געהט זיך דוקא אין אַן אַנדערער זייט.

עס וויל זיך נישט דאָ אָנווייזען אויף אירגענד־וועלכע פאַרטיי פון היינט, וועלכע באַהויפּטעט צו האָבען די ישועה פון׳ם פאָלק בײַ זיך אין קעשענע, ווייל די הילף פון׳ם פאָלק ליגט נישט בײַ קיין שום פאַרטיי אין די הענד. „די הילף פון׳ם פאָלק וועט קומען דורך נביאים“ — זאָגט אחד העם — און דאָס פאָלק וואַרט געדולדיג אויף׳ן נייעם נביא.

דער נביא איז אַ מענש, וואָס איין מאָראַלישער געדאַנק פולט אויס זיין האַרץ און פאַרשלינגט איהם גאַנץ מיט אַלע זיינע חושים און געפיהלען, ביז ער קען זיך נישט אָפּקעהרען פון דיעזען געדאַנק אפילו אַ רגע. די גאַנצע וועלט ווייזט זיך איהם דורכ׳ן שפּיעגעל פון זיין געדאַנק און זיין גאַנצער ווילען שטרעבט נאָר פאַר דער פאַרקערפּערונג פון זיין אידעאַל אין לעבען. פאַר דיעזען אידעאַל קעמפּפט דער נביא זיין לעבען לאַנג, ווי ווייט עס גרייכען נאָר זיינע כחות. פאַר איהם אָפּפערט ער זיינע קרעפטען אָהן אַ חשבון און אָהנע צו באַדענקען, צי ער וועט גאָר קענען דורכפיהרען זיין שטרעבען אָדער נישט.

גאַנצע און צובראָכענע לוחות

(צו פרשת כי תשא)

נאָכדעם ווי גאָט האָט זיך באַוויזען צום פאָלק ישראל אין אַ פלאַם פייער מיט דונערען און בליצען, האָט ער דאַן גערופען משה'ן צו זיך און האָט איהם געגעבען צוויי שטיינערנע לוחות, אויף וועלכע עס איז געשטאַנען אויפגעשריבען פון גאָט'ס אייגענער האַנד דער אינהאַלט פון די „עשרת הדברות". דערווייל האָט זיך משה אַ ביסעל לענגער פאַרזוימט הינטער די געטליכע וואָלקען אויפ'ן באַרג סיני, אָדער עס האָט זיך אפשר נאָר דעם פאָלק אַזוי אויסגעדאַכט, אַז ער זוימט זיך לענגער, האָבען זיך די אידען דערשראָקען און האָבען מורא באַקומען טאָמער איז עפּעס געשעהען מיט איהם און זיי וועלען נאָך בלייבען אָהן אַ פיהרער, האָבען זיי זיך שנעל געמאַכט אַ קעלבעל פון גאָלד, וואָס זאָל פאַרטרעטען משה'ס שטעל.

ס'איז אפילו אַ קשיא, וואָס זיי האָבען זיך עפּעס נישט אויסגעקליבען אַן אַנדערן גרויסען מענש אַלס פיהרער אויף משה'ס פלאַץ. ס'איז שוין אָבער אַזוי דער „סדר עולם" ביי אידען. ליעבער צו נעהמען אַ גאָלדען קאַלב פאַר אַ פיהרער פונ'ם פאָלק, איידער אויסצוקלויבען אַ מענש. דער גלאַנץ פונ'ם גאָלד דיענט ביי זיי אַנשטאָט שכל.

און ווי משה האָט געזעהען דעם „עגל" און דאָס טאַנצען פונ'ם פאָלק אַרום דעם עגל, האָט עס איהם זעהר פאַרדראָסען, וואָס ער איז אַ פיהרער פון אַ פאָלק, וועלכעס ער האָט ביז היינט אַזוי ווייניג געקאָנט. ערשט מיט עטליכע טעג צוריק זענען זיי אַלע געשטאַנען פאַרציטערטע, בשעת זיי האָבען מיט זייערע אייגענע אויערען געהערט גאָט'ס רייד און האָבען דאָס וואָרט געגעבען, אַז זיי וועלען טהון אַלסדינג וואָס גאָט זאָגט — און היינט איז זיי פלוצים רעכט, אָפּצוגעבען אַ געטליכען כבוד צו'ן אַ גאָלדען קאַלב און צו גלויבען, אַז אָט אַזאַ קאַלב איז אימשטאַנד אַרויסצופיהרען זיי פון מצרים און צו פיהרען זיי דורך דער גרויסער מדבר, ביז זיי וועלען אָנקומען אויף אַ פלאַץ, וואו מענשען קענען זיך באַזעצען.

זעהענדיג דאָס, האָט משה דערקענט אַז אַזאַ פאָלק איז נישט ראוי צו האָבען ביי זיך די לוחות, געשריבען פון גאָט'ס האַנד. די שטיינערנע משא

פון די לוחות איז איהם זעהר שווער געוואָרען, די הענד זיינע האָבען פאַר־לוירען דעם כח — און ער האָט די לוחות אַוועקגעוואָרפען. ווי לאַנג משה האָט געגלויבט, אַז ער טראָגט די לוחות צו אַ פאָלק, וואָס איז עס ווערטה, האָט איהם דאָס כתב פון די לוחות געגעבען דעם כח, צו דערטראָגען די משא. אַזוי ווי ער האָט אָבער געזעהען, וואָס זיין פאָלק האָט געטהון, איז דאָס כתב פון די לוחות אָפּגעווישט געוואָרען פאַר זיינע אויגען און ער האָט נישט מעהר געזעהען פאַר זיך ווי נאָר בלויז ליידיגע שטיינער, וועלכע זענען איהם געווען שווער אויף זיינע הענד און ער האָט זיי נישט געקאָנט מעהר דערטראָגען.

ווי לאַנג דאָס כתב איז געווען גאַנץ אויף די לוחות, האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז די לוחות האָבען אויף זיך אַ שטראַהל פון דער גלאַנציגער זון און דער ווידערשיין פון זייער ליכטיגקייט האָט זיך אָפּגעשלאָגען אויף משה'ס פנים. פון אַלע זייטען האָט זיך דאָס כתב געקאָנט לעזען און משה'ס האַרץ האָט געטאַנצט פאַר פרייד. אַזוי ווי משה האָט אָבער נאָר דערזעהען, ווי דאָס פאָלק האָט זיך געמאַכט אַ נייע געצקע, זענען די אותיות פון די לוחות אַוועקגעפלויגען און געבליבען אין זיינע הענד זענען צוויי ליידיגע שווערע שטיינער.

שפּעטער האָט גאָט אָנגעשריבען אַנדערע צוויי לוחות, אָבער די צובראָכענע לוחות זענען אויך געהאַלטען געוואָרען אין ארון־הקדש צו־זאַמען מיט די גאַנצע. גאָט'ס ווערטער זענען אַמאָל געשטאַנען אויפגעשריבען אויף זיי. האָט זיי דאָס פאָלק געהאַלטען פאַר הייליג, אפילו ווען זייער אינהאַלט איז אַוועק.

אָט דאָס איז אויך געבליבען ווי אַ געזעץ אין אידישען לעבען. הייליג בלייבט יעדע אידעע, אפילו ווען דער אינהאַלט איז איבערגעאַנדערשט געוואָרען און עס איז געבליבען פון איהר נישט מעהר ווי דער בלויסער נאָמען. די אידעע קען זיין אויסגעליידיגט אין גאַנצען פון איהר אינהאַלט, וועט זיך אַלעס טראָצדעם בוקען און בויגען פאַר איהר, ווי לאַנג זי האָט נאָר באַהאַלטען איהר נאָמען. ביי אידען האַלטען די מענשען געוועהנליך הייליג די כלי מעהר ווי דעם אינהאַלט, חאָטש זיי זענען זיך אים לעבען אַנדערש נוהג. אינ'ם טעגליכען לעבען לעגען זיי מעהר געוויכט אויפ'ן אינהאַלט. אַלעס איז ביי זיי ווי אַ פאַס ווייַן, ביי וועלכען עס איז דער וויין דער עיקר. ביי אידען מעג דער וויין זיין וואַסעריג, אַבי דאָס פאַס איז גאַנץ.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס פאַרהעלטניס פון מענשען צו מענשען. ווי די געטליכע לוחות איז דער תלמיד־חכם. זיין קאָפּ איז ווי אויסגעהאַקט

פון דער זון און איהרע הערליכע שטראַהלען לייכטען פון זיין פנים. דאָס געטליכע כתב לייענט זיך אַראָפּ בּיי איהם פון אַלע זייטען און די בילדונג זיינע לייכט אַריין אין איהם אינעווייניג. מיט'ן כח פונ'ם כתב, וועלכעס באַזעעלט זיין לעבען, טראָגט ער הויך זיין קאָפּ און דערוואַרעמט זיין סביבה. אַלעס בויגט זיך פאַר איהם, לאָזט זיך בּאַאיינפלוסען פון זיינע דעות און גאַרט נאָכצוגעהן זיינע דרכים און נאָכצוטהון זיינע מעשים.

עס טרעפט זיך אָבער אַמאָל, אַז דאָס לעבען ווישט אָפּ דאָס כתב פונ'ם תלמיד־חכם'ס פנים, די אותיות פליהען אַוועק און עס פאַרשווינדען די ליכטיגע שטראַהלען פון זיין צורה. דער מענש פאַלט דאַן פון די פיס און הערט אויף צו זיין דאָס, וואָס ער איז געווען פריהער. קיינער געדענקט נישט מעהר זיין תורה, קיינער ערוועהנט נישט מעהר זיין חכמה, קיינער זוכט נישט מעהר זיין געזעלשאַפט. די צובראָכענע לוחות האָבען די אידען באַהאַלטען אין ארון־הקדש גלייך מיט די גאַנצע און געהאַלטען זיי הייליג, וויל עס איז אויף זיי אַמאָל געווען געשריבען גאָט'ס וואָרט. אָבער דעם צובראָכענעם תלמיד־חכם לאָזט מען פאַלען אין מיטען גאַס און מען קוקט זיך גאָר נישט אום אויף איהם.

וואָס הייסט אייגענטליך אַזוינס אַ צובראָכענער תלמיד־חכם?

אַ צובראָכענער תלמיד־חכם איז נישט דוקא אַ מענש פון נעכטען, וואָס זיינע רייד האָבען פאַרלוירען היינט זייער ווערטה. אַ צובראָכענער תלמיד־חכם קען אויך זיין דער, וועלכער איז צו פריה געקומען מיט זיין אידעע. די מענשען ווילען איהם נישט פאַרשטעהן, וויל ער זאָגט מיינונגען, וואָס מען וועט ערשט פאַרשטעהן מאָרגען אָדער איבערמאָרגען. מיט די לוחות פון זיינע געדאַנקען קומט ער צום פאָלק, ווערענד דאָס פאָלק טאַנצט אַרום דעם גאָלדענעם קאַלב. דאַן ווערט זיין גייסט צובראָכען, ווי עס זענען צובראָכען געוואָרען די לוחות. דאָס כתב פליהט אַוועק און ער פאַלט אָהן כחות. אָפּטמאָל קומט אויך נאָך איהם אַן אַנדערער מיט דיזעלבע אידעען, וועלכער טרעפט אָן אַ בּעסערע צייט און געפינט אומעטום אָפענע אויערען. דאָס פאָלק האַלט אָבער נישט בּיידע גלייך. דעם שפּע־טערען קרוינט מען פאַר'ן איינציגען פיהרער און דעם פריהערען האַלט מען ווייטער פאַר אַ צובראָכענע כלי. ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען שטיינערנע לוחות, האָבען אידען נישט געמאַכט קיין אונטערשיעד צווישען די צובראָכענע און די גאַנצע. בּיי מענשען מאַכען זיי אַן אונטערשיעד.

ס'איז אויך מעגליך, אַז משה רבנו וואָלט דאַמאָלס געהאַט דעמזעלבען סוף בּיי אידען, ווי עס האָט געוועהנליך יעדער היינטיגער צובראָכענער תלמיד־

חכם, ווען ער זאָל נישט געווען באַווייזען זיין גבורה אינ'ם קריטישען מאָ־מענט. גלייך ווי ער האָט צובראָכען די לוחות, האָט ער אויך צוקלאַפּט און צובּרעקעלט דאָס גאָלדענע קאַלב. אָט די טהאַט האָט איהם גערעטעט און האָט אויך גערעטעט דאָס אידישע פאָלק. ער וואָלט זיי נישט געקאָנט בּרענגען אַנדערע לוחות, ווען ער זאָל נישט געווען האָבּען דעם כח צו פאַרניכטען דאָס עגל.

דער טאָג פון רוה

(צו פרשת ויקהל)

באַלד, ווי די אידען זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, איידער זיי זענען נאָך רעכט אַריינגעקומען אין דער מדבר, האָט זיי דער אויבערשטער אָנגעזאָגט וועגען אַ טאָג פון רוה. אַ פיינע מתנה, האָט דער אויבערשטער געזאָגט, איז אַ טאָג פון רוה פאַר די מענשען. באַהאַלטען האָט ער געהאַט די דאָזיגע מתנה אין זיין שאַצקאַמער זייט דער וועלט־באַשאַפונג, ביז עס איז געקומען דער פאַסענדער מאָמענט, מזכה צו זיין דאָס אידישע פאָלק מיט דער מתנה. אין זיבען טאָג דאַרף איינגעטיילט ווערען די וואָך, דאַרף דער מענש אַרבייטען זעקס טאָג און דעם זיבעטען דאַרף ער רוהען, אָנצוקלויבען כחות פאַר דער באַנייאונג פון אַ ווייטערער אַרבייט.

דער מדרש דערצעהלט, אַז אין די טעג וואָס משה רבנו איז נאָך געווען אַ ליעבלינג ביי פרעה אַלס אופּציה־זוהן פון זיין טאָכטער, איז משה אַמאָל געקומען צום קעניג בעטען אַ פאַרלייכטערונג פאַר אידען אין זייער שווערער אַרבייט. האָט ער דאַן אויסגע'פועל'ט ביים קעניג איין טאָג רוה נאָך יעדע זעקס טאָג אַרבייט — און אַלס דעם איינעם טאָג פון דער וואָך האָט משה מיט זיין שכל אויסגעקליבען דעם שבת. זאָגען מיר דאַדורך „ישמח משה במתנת חלקו", זאָל זיך משה פרעהען מיט זיין מתנה, וועלכע איז דערנאָך געווען אין איינקלאַנג מיט גאָט'ס געבאָט.

פון יענער צייט אָן האָט מען זיך שוין אומצעהליגע מאָל באַשטרעבט, צו פאַרשוועכען דעם זיבעטען טאָג אויף פאַרשיעדענע אופנים. מענשען האָבען געוואָלט איינטיילען די וואָך אין אַכט טאָג, אין ניין טאָג, אדער גאָר אין צעהן טאָג, צו מאַכען יעדען אַכטען, ניינטען אָדער צעהנטען טאָג פאַר אַ טאָג פון אָפּרוה. האָט עס זיך אָבער קיינמאָל נישט איינגעגעבען, ווייל עס שטעקט אין די מענשען אַ געפיהל, וועלכעס מאַכט זיי אַרבייטען זעקס טאָג, איידער עס פאַלט אָן אויף זיי אַזאַ מידיגקייט, זיי זאָלען דערנאָך דאַרפען אויסרוהען אַ גאַנצען טאָג.

האָבען מענשען פּרובירט איינפיהרען אַנדערע טעג אַנשטאָט שבת.

האָבּען קריסטען אָנגענומען זונטאָג, האָבּען מאחמעדאַנער אָנגענומען פרייטאג און אַנדערע אמונות האָבּען אָנגענומען אַנדערע טעג. איז דער שבת געוואָרען דער איינציגער סימן פון אידישקייט.

„מחלליה מות יומת“, ווער עס פאַרשוועכט דעם שבת, דער איז טויט פאַר דער אידישער אומה, חייל אָהן שבת איז נישטאָ קיין אידישקייט. און טאָמער דענקט אימיצער, אַז אַנשטאַט צו האַלטען שבת, קען מען יוצא זיין צו אידישקייט מיט אַנדערע זאַכען, אַ שטייגער ווי מיט טיילען נדבות אָדער פאָהרען קיין ארץ־ישראל, איז דאָס אַ פוסטער שוואַץ. ירושלים איז חרוב געוואָרען, זאָגט די גמרא, ווייל מען האָט דאָרט פאַר־שוועכט דעם שבת — און זאָגט אַ מחלל־שבת, אַז ער וויל אויפבויען ירושלים, איז ער אַ פשוט'ער בלאָפער.

חשד און לשון הרע

(צו פרשת פקודי)

געענדיגט איז געווען דער גאַנצער בוי פון משכן מיט זיינע פאַר־פוצונגען און אַלע זיינע כלים. די נויטיגע מאַטעריאַלען האָט דאָס פאָלק צונויף־גענומען צווישען זיך פון קליינע נדבות. איטליכער האָט געגעבען, וואָס ער האָט נאָר געפונען ביי זיך אין שטוב און וויפיעל יעדער האָט נאָר געקאָנט אויסקלויבען פון זיינע זאַכען. איתמר בן אהרן הכהן האָט געפיהרט דעם חשבון און פאַרשריבען אפילו די קלענסטע נדבה. בצלאל בן אורי איז געווען דער אָנפיהרער פון דער אַרבייט און אהליאב בן אחיסמך איז געווען זיין אַסיסטענט.

העכער הונדערט צענטנער זילבער איז געזאַמעלט געוואָרען. האָט מען פון דעם געמאַכט הונדערט שוועלען ביים אַריינגאַנג צום קדשי־קדשים און ביים פרוכת. אָבער אַזוי ווי איטליכער איד האָט געהאַט געגעבען אַ האַלבען שקל פאַר יעדען קאָפּ, האָט דער עולם באַרעכענט אַז עס פעהלען 1775 שקלים זילבער. האָט מען אָנגעהויבען צו קלערען אויף משה'ן, טאָמער האָט ער געמאַכט „יד אחת" מיט זיין ברודער'ס זוהן דעם „בוכ־האַלטער", צי גאָר מיט'ן אָנפיהרער פון דער אַרבייט. יעדער האָט געוואוסט, אַז עס פעהלען 1775 שקלים זילבער צום חשבון פונ'ם משכן און מען האָט גערעדט דערפון אין דער גאַנצער אידישער מחנה.

פון אַלע זאַכען וואָס דער עולם האָט געבראַכט צום משכן, איז דאָס זילבער געווען דאָס איינציגע, וואָס מען האָט געקאָנט קאָנטראָלירען, ווייל מען האָט גענוי געוואוסט, וויפיעל יעדער האָט געגעבען. האָט מען דאַן אָנגעהויבען קלערען, פון וואַנען אַזאַ מענש ווי משה מאַכט אייגענטליך אַ לעבען. עס האָבען זיך אויך באַלד געפונען מענשען, וואָס האָבען גע־וואוסט צו זאָגען וועגען איהם, אַז ער איז אַ באַהאַלטענער עושר. ער האָט זיך געפּאָרעט ביי אַזוי פיעל גאָלד און זילבער, וואָס מען האָט געזאַמעלט צום משכן, דאַרף מען זיך גאָר נישט וואונדערן, ווען ער האָט אַראָפּגעלאָזען אַ גרויסען חלק פון די נדבות צו זיך אין קעשענע. ביז עס האָט זיך

ענדליך אַרויסגעוויזען, אַז די 1775 שקלים זענען פאַרווענדעט געוואָרען אויף צו מאַכען האקענס פאַר די זיילען פונ'ם משכן.

קיינער האָט נישט באַרעכענט, אַז ווען משה האָט זיך געמאַכט אַ שטיקעל פאַרמעגען בּיי אידען, קען עס זיין העכסטענס דאָס פסולת פון די לוחות, דער ווערטהלאָזער אָפפאַל פון די שטיינער, וועלכע ער האָט אויסגעהאַקט אַליין אָהן דער אויפזיכט פון אַנדערע, ווייל זאָנסט איז אַלעס פאַרשריבּען געוואָרען מיט אַ גענויען חשבון און ער האָט נישט געקאָנט ציהען דערפון קיין שום נוצען.

זיין געצעלט איז געשטאַנען אויסערהאַלב פון דער מחנה, און ווען ער האָט געגעבען צום פאָלק, האָט ער געגעבען דורך אַ מאַסקע. האָט דער עולם דאַדורך געמיינט, גאָט ווייסט וואָס ער טהוט דאָרט. איינער האָט איהם חושד געווען מיט ווייבּער, אַן אַנדערער מיט עפּעס אַנדערש. קיינער האָט נישט געדענקט, אַז אַזאַ מענש ווי משה קען נישט האָבּען בּיי זיין אַרבּייט קיין שום זייטיגע מחשבה, אַז ער עסט נישט און טרינקט נישט צעהנדליגער טאָג דורכאַנאַנד, אַז ער דערשלאָפט נישט קיין שום נאַכט און פאַרנאַכ-לעסיגט זיין פאַמיליע. דאָס אַלעס האָט קיינער נישט געוואָלט באַדענקען, ווען ער האָט געוואָרפען אַ חשד אויף משה, ווייל די וועלט פיהרט זיך שוין אַזוי, אַז דער קלענסטער שרעקט נישט צוריק פון וואַרפען אַ חשד אויפ'ן גרעסטען.

אַזוי איז געבּליבּען אַ מנהג בּיי אידען פון משה'ס צייטען אָן, וואָס דער עולם האָט ליעבּ צו שפּיעלען זיך אין וואַרפען אַ חשד אויף יעדען עפענטליכען טהוער, אַז ער מיינט זייטיגע מחשבות אָדער ער מיינט געלד. ווער עס שטעלט זיך אין דיענסט פונ'ם עפענטליכען לעבּען, הערט אויף צו געהערען צו זיך אָדער צו זיין פאַמיליע. דער טאָג איז איהם צו קליין און די נאַכט צו קורץ, ער זאָל קענען געפינען אַ רגע צייט פאַר די באַדערפעניש פון זיין אייגען לעבּען. דער קאָפּ זיינער איז פול דאגות פונ'ם כלל, פאַר וועלכען ער פיהלט זיך פאַראַנטוואָרטליך. קומען פלוצים זייטיגע מענשען, גריבּלען זיך אינעווייניג בּיים כלל-טהוער און וואַרפען אויף איהם פאַרשידענע מינים חשד, בּיז מען שטעלט אויף די באַהויפּטונג, אַז ער וויל רייך ווערען בּיי זיין אַרבּייט פאַר'ן כלל. אין אמת'ן פאַרמאָגט אָבּער אַזאַ מענש נישט מעהר ווי דאָס „פסולת פון די לוחות“, ווי מען האָט דאַמאָלס געזאָגט אויף משה רבנו, אָדער ווי מען וואָלט געדאַרפט היינט זאָגען: זיין פאַרמעגען איז אַזוי פיעל ווערטה ווי „אַ לאָך פון אַ בּייגעל“. די עפענטליכע זאָרגען פרעסען אויף זיינע כחות, זיין פרוי און קינדער מוזען

ליידען, ווייל ער קען זיי נישט געבען קיין פרנסה און ער האָט אפילו נישט קיין צייט, ער זאָל זיך פאַר זיי אינטערעסירען. טראָצדעם וועלען זיך תמיד געפינען מענשען, וואָס האָבען צו רעדען. מיט'ן בליישטיפט אין דער האַנד וועלען פאַרשיעדענע בריות אויסרעכענען גענוי, וויפיעל ס'איז איהם אַריינגעקומען אין קעשענע ביי יעדען שריט — און אָט די מענשען האָבען אויך מעהר כח, צו איבערצייגען מיט אַ ליגען איידער מיט אַן אמת.

ווען איתמר בן אהרן הכהן האָט אויפגעשטעלט דעם חשבון פונ'ם משכן, האָט די רעכנונג נישט געשטימט מיט 1775 שקלים זילבער. דער עולם האָט געהאַט פאַרגעסען, אַז מען האָט פון דעם דאָזיגען זילבער געמאַכט די האַקענס צו די זיילען. נאָר אַזוי ווי די האַקענס זענען געווען פאַרגאָלדעט, האָט מען זיך געמאַכט פאַרגעסען, אַז עס שטעקט דאָס זילבער אונטער די גאָלדענע קעפלעך. האָט זיך אָבער דאַן אַרויסגעוויזען אַז דער חשבון איז אַ ריכטיגער, האָט זיך אַודאי קיינער נישט פאַרשעהמט פאַר זיין וואַרפען אַ חשד אויף משה'ן, ווייל עס פיהלט זיך איבערהויפט קיינער נישט שולדיג, ווען ער נעמט זיך אַמאָל וואַרפען אַ חשד אויף אימיצען און עס ווייזט זיך דערנאָך, אַז דער חשד איז אַ ליגען.

לשון-הרע האָט אַ גרויסע קראַפט. אפילו אַזאַ מענש ווי דוד המלך האָט געניינגט זיין אויער פאַר לשון הרע. מענשען זיצען איינער מיט'ן אַנדערן, עסען צוזאַמען און טרינקען צוזאַמען, דערנאָך שטעכען זיי זיך געגענזייטיג מיט זייער שאַרפער צונג ווי מיט אַ שווערט. אַ פראַנצויזיש שפריכוואָרט זאָגט: ביי רעדען לשון הרע דאַרף מען נישט צעהלען די ווערטער. ווען עס וועט זיך אפילו אַרויסווייזען אַז אַלעס איז ליגען, וועט תמיד עטוואָס בלייבען קלעפען, פון וועלכען יענער וועט זיך דערנאָך נישט קענען אָפוואַשען, ווייל די וועלט האָט ליעב צו הערען רעדען שלעכטס אויף מענשען.

די גמרא זאָגט, אַז ווער עס רעדט לשון הרע, אָדער ווער עס הערט זיך נאָר צו צו לשון הרע, דער איז ווערטה מען זאָל איהם וואַרפען פאַר די הינט. טראָצדעם איז נאָך קיינער נישט אויפגעקאָכט געוואָרען ביי אידען, ווען עס האָט זיך אימיצער גענומען וואַרפען שמוץ אויף גדולים, ווייל מען ווייסט, אַז מען האָט אויך געוואָרפען פאַרשיעדענע מינים חשד אויף משה רבנו. איתמר בן אהרן הכהן האָט געהאַט א טעות אין חשבון, האָט מען געזאָגט, אַז משה האָט צוגענומען 1775 שקלים זילבער פאַר זיך. און האָט אַמאָל אַ איד געזעגענט מיט זיין ווייב, האָט ער זי באַלד פאַרדעכטיגט, אַז די שטעהט אין נאָהנטע באַציהונגען צו משה. קיינער האָט גאָר נישט באַ-

דענקט, ווי לעכערליך ער מאַכט זיך אַליין מיט זיין נאַרישען חשד און ווי נידריג עס ווייזט זיך זיין געזינונג, ווען מען הערט איהם רעדען שלעכטס אויף אַזאַ מענשען ווי משה. דער גרויסער מענש האָט איבערהויפּט דאָס אונגליק, וואָס ער מוז זיך לאָזען לויבען פון יעדען און מוז עס אויך קענען דולדען, ווען אַלערליי נידריגע בריות נעהמען זיך אויף איהם שפּייען.

קרבנות פון בהמות און מענשען

(צו פרשת ויקרא)

ווען דער משכן איז שוין געווען פערטיג מיט'ן מזבח און אַלע זיינע כלים, האָט גאָט גערופען משה'ן צו זיך און האָט מיט איהם געלערנט די דינים פון קרבנות, ווי אַזוי מען דאַרף זיך נוהג זיין, ווען עס פאַרגלוסט זיך אימיצען צו ברענגען אַ קרבן צוליעב אַ זינד אָדער גלאַט אַזוי פאַר וואוילטאָג. ווען אַ נשיא זינדיגט אָדער ווען דער כהן באַגעהט אַן עבירה און וויל זיין זיכער אַז גאָט איז איהם מוחל, ווען איינער פונ'ם פאָלק איז עפּעס נישט אַזוי אַקוראַט, אָדער ווען דאָס גאַנצע פאָלק זינדיגט וכדומה נאָך אַזעלכע אומשטענדען.

אַ קינד בין איך נאָך געווען, ווען עס האָט זיך אין מיר אויפגע־וועקט די שאלה, וואָס האָט עפּעס אַזאַ גרויסער גאָט ווי אונזערער געהייסען מקריב זיין אַ בהמה, אַן אָקס, אַ שאָף, אָדער אַ טויב? וואָלט זיך נישט גיכער געפּאַסט, ווען ער הייסט זיך מקריב זיין אַ לייב, אַ טיגער, אַן עלעפאַנט אָדער אַן אַנדער מין גרויסע חיה, וועלכעס וואָלט נאָך געקענט דיענען אַלס אַ באַוויז, אַז עס איז נישט פאַרהאַנען קיין שום גבורה געגען גאָט און נאָר ער האָט געגעבען צום מענשען דעם כח, ער זאָל די חיות קענען באַוועלטיגען.

די שאלה האָט מיך פאַרטוועהרענד באַאונרוהיגט — און ווען איך האָב זי פאַרגעלעגט פאַר עלטערע מענשען, האָט מען מיר קיינמאָל נישט גענטפערט קלאָר. איינער האָט געצויגען די אַקסעל, אַן אַנדערער האָט אויס־געהערט מיין שאלה מיט אַ שמייכעל פון איראָניע אויף די ליפּען, אַ דריטער האָט מיר געזאָגט, אַז די שאלה איז אַ נאַרישע.

שפּעטער האָב איך אַליין אויסגעפונען אַ תשובה אויף מיין שאלה. אַ לייב, אַ טיגער, אַן עלעפאַנט וואָלט זיך זיכערליך נישט געלאָזט שחט'ן פאַר אַ קרבן, ווייל נאָר אַ בהמה לאָזט זיך מקריב זיין. אַ שטאַרקע חיה

וואָלט די כהנים אויסגעזעצט די צייהן, אָבער אַ בהמה פיהלט זיך צופריעדען, וואָס זי האָט די זכיה, זי זאָל קענען מכפר זיין מיט איהר בלוט די זינד פון די מענשען.

צו שלמה המלך'ס טיש זענען די בהמות אַליין געקומען צו דער שחיטה און האָבען זיך געפיהלט גליקליך, ווען זיי האָבען געקאָנט אָנזעטיגען מיט זייער פלייש שלמה המלך'ס בני־בית. און ווען אונזערע חכמים דערצעהלען די מעלות פון דער טויב, ווי פיין און גוט זי איז, האָבען זיי פאַר איהר אַ שבח, אַז זי שטרעקט אויס איהר האַלז צו דער שחיטה. צו אַ טויב איז אויך געגליכען דאָס אידישע פאָלק, ווייל עס לאָזט מיט זיך טהון וואָס איינער וויל נאָר. עס לאָזט זיך גערן מקריב זיין פאַר אַ קרבן מיט דערזעלבער צופריעדענהייט, גלייך ווי אַ בהמה לאָזט זיך קוילענען, מכפר צו זיין מיט איהר בלוט פאַר מענשליכע עברות. גערן מיסטיגען אידען מיט זייער בלוט די פעלדער פון אַלע אַנדערע פעלקער, נישט צו באַדענקען, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט נישט דערנאָך קיין שום נוצען פון דעם אַלעמען.

אונזערע חכמים זענען נישט געווען קיין גרויסע אָנהענגער פון קרבנות. נישט איינער פון זיי האָט געזאָגט, אַז גאָט וויל גאָר נישט קיין קרבנות און האָט גאָר נישט געהייסען ברענגען קיין קרבנות. ווער עס באַגעהט אַ זינד געגען גאָט, דאַרף נאָר גאָט איבערבעטען און צוזאָגען, אַז ער וועט די זינד נישט מעהר טהון. און ווער עס באַגעהט אַ זינד געגען אַ מענש מיט אַ גזלה, אָדער מיט אַ באַטרוג, דער מוז דאָך סיי־ווי אָפּגעבען די גזלה, אָדער גוט־מאַכען דעם באַטרוג, ווייל דער קרבן קען אָהן דעם גאָר נישט העלפען.

די וועלט איז אויך היינט אַ ציוויליזירטע און קרבנות פון בהמות פאַסען זיך עפּעס נישט מעהר. אָבער מענשליכע קרבנות האָט די געזעל־שאַפט נישט אויפגעהערט צו ברענגען ביז צום היינטיגען טאָג. ס'איז אמת'דיג מקוים געוואָרען דער פסוק: „זובחי אדם עגלים ישקון". זיי שחט'ען מענשען און קוילען קעלבער.

מיט טויזענדער יאָהרען צוריק האָבען שוין אונזערע חכמים ערקלערט, אַז „עין תחת עין" קען נישט מיינען אין דער ווירקליכקייט אַן אויג פאַר אַן אויג — אָבער „נפש תחת נפש" איז געבליבען אַ געזעץ אפילו ביי היינטיגע חכמים. האָטש עס איז זעהר שווער פאַר אַ מאָדערנעם מענש צו פאַרשטעהען, ווי אַזוי עס קען אַ שטאַאַט נעהמען זיך די ערלויבנים, אַוועק־צונעהמען דאָס לעבען ביי אַ מענשען, וועלכען זי האָט עס נישט געגעבען. אויב אַ מענש איז שעדליך פאַר דער געזעלשאַפט, איז פאַלשטענדיג גענוג, ווען מען פאַרשליעסט איהם אויף אייביג אין אַ תפיסה.

אַ פּאַרבּרעכער באַגעהט אַ מאָרד אין עקסטאַז, ווען דער קרבן פונ׳ם פּאַרבּרעכען ריכט זיך נישט אויף זיין סוף, אָבער דאָס געזעץ הרג׳עט קאַלטבּלוטיג, שפּיעלענדיג מיט די נערווען פונ׳ם קרבן און טויטעט איהם הונדערט מאָל, איידער מען טויטעט איהם אין ווירקליכקייט.

די אַלטע רעליגיאָנס־פילאָזאָפען פון אונזער אידישער אמונה ערקלערען, אַז די תורה האָט דאַדורך געהייסען מקריב זיין קרבנות פון בהמות, כדי אָפּצוהיטען די אידען פון מענשליכע קרבנות. היינט זענען די קרבנות פון בהמות שוין לאַנג בטל געוואָרען, אָבער מענשליכע קרבנות עקזיסטירען ווייטער.

דער טאַטע און זיינע זיהן

(צו פרשת צו)

ביי אַלע פאַרשריפטען פון די קרבנות האָט גאָט כסדר געהייסען רעדען צו אהרן גלייך ווי צו זיינע קינדער, ווייל ס'איז געווען זיין רצון, אהרן'ס זיהן זאָלען אָנהאַלטען די טראַדיציע פון זייער פאָטער.

היילינג איז געווען דער כהן און היילינג האַלטען האָבען זיך געמוזט זיינע קינדער. און ווען אהרן'ס עלטעסטע צווי זיהן, נדב און אביהו, זענען געגאַנגען אָנגעטרונקענע צו דער עבודה, מיט זייטיגע מחשבות אין מוח, איז אַרויס אַ פייער פון הימעל און האָט זיי פאַרברענט.

זיכערליך האָבען דאַמאָלס אַלע אידען הערצליך באַדויערט דעם טויט פון אהרן'ס זיהן. זיכערליך איז פאָרגעקומען וועגען דעם אַ גרויסער יאָמער אין דער גאַנצער מחנה און עס איז נישט קיין אויג געבליבען טרוקען. ווער עס האָט אָבער געהאַט אַ טיעפערען קוק אינ'ם ענין, דער האָט טאַקע אויך מיטגעוויינט מיט אַלע און געפיהלט מיטלייד מיט אהרן'ס פאַרוועהטאָגט האַרץ, וועלכעס האָט געפונען זיין אויסדרוק אין אַ שטומען שמערץ, וועהרענד עס האָט זיך אינעווייניג נישט געוואָלט טרויערן. ווייל עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ווען זיי וואָלטען געבליבען לעבען, וואָלטען זיי אפשר פאַרשוועכט מיט זייערע מעשים די היילינגע טראַדיציע פון דער כהונה און וואָלטען נאָך באַדעקט דעם נאָמען פון זייער פאָטער מיט שאַנדע.

אין דיעזער באַציהונג זענען אידען אַנדערש געאַרטעט ווי אַלע פעלקער אין דער וועלט. די תורה האָט אָנגעזאָגט בפירוש: „לא יומתו אבות על בנים", אַ טאַטע זאָל נישט דאַרפען ליידען צוליעב דער שלעכטיגקייט פון זיין קינד. און צו דער בר־מצוה פון זיין זוהן זאָגט יעדער פאָטער „ברוך שפטרני מענשו של זה", טראָצדעם ווערען עלטערן פאַראַנטוואָרטליך געמאַכט פאַר זייערע קינדער. ווער עס זעהט אַ שלעכט קינד, פאַרשעלט דעם שויס, וועלכער האָט איהם געבראַכט אויף דער וועלט; פאַרשעלט די ברוסט, וואָס האָט אַזוינס אויסגעזויגט און די מענשען וואָס האָבען אַזוינס אויפגעצויגען.

מיכה בן יהונתן, אַן אייניקעל פון משה רבנו, האָט געמאַכט אַ געצקע. האָט דערנאָך דער היסטאָריקער געענדערט דעם נאָמען פון משה אויף

מנשה, ווייל ער איז חס געווען אויפ'ן כבוד פון משה רבנו און האָט נישט געוואָלט דערצעהלען, אַז משה רבנו'ס אַן אייניקעל איז אַרויס לתרבות־רעה און איז געוואָרען אַ געצענדיענער.

אָבער דאָס אינטערעסאַנטעסטע, ווי אַזוי אידען האָבען געמאַכט פאַר־אַנטוואָרטליך עלטערען פאַר זייערע קינדער און זאָגאַר אַ גאַנצע פאַמיליע פאַר איין פסול אין דער משפחה, קען מען זעהן אין דעם פאַרהאַלטען פונ'ם פאַלק צו אַ פאַמיליע פון כהנים מיט'ן נאָמען „בלגה". אויף זייער פלאַץ ביים מזבח איז דער רינג צום בינדען די קרבנות געווען צוגעשטשעפעט צו דער ערד, כדי דאָס בינדען פון די קרבנות זאָל זיי שווער אָנקומען. און זייער שטיבעל אין בית המקדש האָט געהאַט פאַרשלאָגענע פענסטער, זיי זאָלען מוזען אַרבייטען אין דער פינסטער. אָט די אַלע יסורים האָט מען זיי אָנגעטהאָן, ווייל זייערע אַ מיידעל, מרים בת בלגה, האָט געהייראַט אַ גרעק און האָט מבזה געווען דעם מזבח, אין דער צייט וואָס די חשמונאים האָבען געקעמפפט געגען די יונים.

ס'איז אויך באַקאַנט, וויפיעל צרות דער רבי ר' יונתן האָט געהאַט אויסצושטעהן צוליעב זיין זוהן וואָלף אייבעשיץ, ווי די שונאים האָבען איהם כסדר פאָרגעוואָרפען, אַז נאָר ער איז שולדיג אין דער פאַרדאָרבענ־הייט פון זיין זוהן.

אַן עהנליכע באַהאַנדלונג האָט פרץ סמאָלענסקין געגעבען צו משה מענדעלזאָהן, ווייל די קינדער זיינע האָבען זיך גע'שמד'ט.

די גרעסטע טראַגעדיע אין אונזער לעבען זענען די משומדים — און וויפיעל עס האָבען שוין אידישע שרייבער געשריבען וועגען דעם, האָט עס אַלץ נישט אַזאַ קראַפט, ווי עס האָט איין כאַראַקטערצוג, וועלכען עס שילדערט דער רוס טשיריקאָוו אין זיין דראַמאַ „די אידען". דאָרטען זעהט זיך די אמת'ע אורזאַך, וואָס אידען זענען אייגענטליך אַזוי אין כעס אויף משומדים. די טאָכטער דערצעהלט דאָרט דעם פאָטער, אַז זי וויל הייראַטען אַ קריסט. אַרגומענטירט איהר דער פאָטער, אַז ער קען דאָס נישט דער־לאָזען, ווייל ער וויל נישט, „איהרע קינדער זאָלען וואַרפען שטיינער אויף אידען".

ווען נדב און אביהו זאָלען נישט געווען דאַמאָלס שטאַרבען, איז זעהר מעגליך, אַז מען וואָלט אויך געקאָנט אהרן הכהן מאַכען פאָרווירפע, וואָס זיינע קינדער האָבען נישט אָפּגעהיט די הייליגע טראַדיציע פון דער כהונה און זענען צוגעגאַנגען אָנגעטרונקענע צום מזבח, נישט אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען. ס'איז אויך מעגליך, אַז מען וואָלט איהם דאַן געטהאָן דאָס־זעלבע וואָס מען האָט געטהאָן שפּעטער צו משפחת בלגה.

אומריינע בהמות און מענשען

(צו פרשת שמיני)

דער אויבערשטער האָט געוואָלט דאָס פאָלק זיינס זאָל זיך האַלטען ריין — נישט נאָר מיט דעם וואָס עס קומט פונ'ם מויל, נאָר אויך מיט דעם, וואָס געהט אַריין אין מויל. און ווען גאָט האָט שוין ערלויבט, דער מענש זאָל מעגען עסען פלייש, האָט ער אָפגעזונדערט אַ געוויסע סאָרט בהמות און עופות, וועלכע די תורה באַצייכענט מיט'ן נאָמען „אומריין", אָנזאָגענדיג ווי צום שטרענגסטען, דער מענש זאָל זיך נישט מטמא זיין דעם גוף מיט זייער פלייש.

וואָסערע אורזאַכען עס זענען דאָ געווען מאַסגעבענד, דאָס איז שוין נעבענזעכליך — און ס'איז נישט קיין חלוק, צי ס'איז אַזוי ווי יענע מפרשים זאָגען, אַז די סבה איז, וואָס יענע חיות און עופות זענען פלייש-פרעסעריש און אָהן רחמנות, טאָר נישט דאַדורך אַ איד עסען זייער פלייש, ווייל דאָס אומשולדיג כשר'ע היהנדעלע איז אויך פלייש-פרעסעריש. מען קען אַלזאָ לחלוטין נישט אויפשטעלען וועגען דעם קיין באַשטימטען סיסטעם, צו ערקלעהרען, אַז עס איז דוקא אַזוי און נישט אַנדערש. די תורה זאָגט נאָר, אַז אַ כשר'ע בהמה דאַרף זיין „מעלה גרה ומפרסת פרסה". זאָנסט גיט זי נישט אפילו דעם קלענסטען רמז פאַר אַ טעם פון דיזער פאַרשריפט.

זיכערליך שטעקט אין דעם אַ טיעפער מוסר השכל, באַגרינדעט אין די באַגריפען פון יענער צייט. און וויפיעל די מפרשים האָבען זיך געמוטשעט, אויסצוגעפינען אַ סיסטעם, האָבען זיי נישט געקאָנט אויפשטעלען קיין פעס-טען כלל, די סתירה זאָל נישט ליגען אינ'ם כלל גופא און דער „יוצא מן הכלל" זאָל נישט פאַלען אין די אויגען אויפ'ן ערשטען קוק.

מעהר פון אַלעמען איז איינגעפלאַנצט אין האַרצען פונ'ם איד אַ גע-פיהל פון עקעל צום חזיר. עס וויל זיך דורכאויס נישט באַגניגען מיט'ן טעם פון דער תורה „כי מפריס פרסה הוא וגרה לא יגר", נאָר עס וויל זיך אויסגעפינען נאָך אַנדערע טעמים, צוליעב וועלכע חזיר איז אסור. ווי גרויס דער עקעל איז צום פלייש פונ'ם חזיר, האָבען די חכמים אויסגעזוכט אַ

טרייסט פאַר אידען, אַז דאָס פלייש פונ'ם כשר'ן פיש „שיבוטא“ האָט דעמזעלבען טעם ווי חזיר. און דער מדרש האָט גאָר אויסגעפונען, אַז דער נאָמען „חזיר“ מיינט, שעתיד הקב"ה להחזירה לישראל, (גאָט וועט עס אַמאָל צוריק מתיר זיין צו אידען).

טויזענדער מאָל האָבען שוין די גוים געפרעגט וועגען דעם — און אפילו ביי היינטיגע צייטען פיהלט זיך אַ גוי געהויבען, ווען ער קען מאַכען אַ איד עסען חזיר. אין דער צייט ווען די גריכען האָבען באַהערשט ארץ ישראל און האָבען געוואָלט דערנידריגען די אידישע אמונה, האָבען זיי מקריב געווען חזירים אויפ'ן אידישען מזבח. און ווען עס האָבען זיך באַקעמפפט צוויי ברידער פון די חשמונאים (יוחנן און אריסתובול) וועגען דעם טהראָן פון ארץ ישראל, האָט איינער פוןביידע געלאָזט אַרויפשטעלען אַ חזיר אויף דער מויער פון ירושלים. איז דאַן גאַנץ ארץ־ישראל אויפגעציטערט געוואָרען פון די גרילצענדע חזיר'שע קולות. די מויער איז טמא געוואָרען און די אידישע סאָלדאַטען האָבען נישט מעהר געהאַט קיין כח זי צו פאַרטהיידיגען. האָבען דאַן די חכמים פאַרשאָלטען יעדען, וואָס וועט האַלטען אַ חזיר אין הויז.

דער עקעל צו חזירים איז אַזוי טיעף איינגעבאַקען ביי יעדען איד אין האַרצען, אַז ער איז אויך שטאַרק צו יענעם סאָרט מענשען, וואָס ווערען געוועהנליך אָנגערופען מיט'ן שימפפנאָמען „חזיר“. מעהר ווי ביי אַלע פעלקער הערשט ביים איד די שטאַרקסטע שנאה צו די מענשליכע חזירים. און גלייך ווי דער חזיר אויף פיער פיס וואַלגערט זיך אין דער בלאָטע, ווייזענדיג די געשפאָלטענע קלאָהען, אַזוי שטעקט אויך געוועהנליך אַרויס דער חזיר'שער מענש זיין פיסעל, צו ווייזען, אַז ער איז כשר. נאָר דער קלוגער מענש לאָזט זיך נישט נאַרען און נעמט איהם באַלד ביים אויער, איינצורוימען איהם דעם גרויסען סוד, אַז ער איז נישט מעהר ווי אַ חזיר.

„חזיר דמין מעיהו לבני אינשי“, זאָגט די גמרא. די געדערים פון אַ חזיר זענען גלייך צו די געדערים פון אַ מענש. דאָס איז אפשר די אורזאַך, וואָס מען טיטולירט אַ געוויסען סאָרט מענשען מיט'ן נאָמען חזיר.

מענשליכע חזיר־ייען שטעקען נישט נאָר אין קמצנות, נאָר אויך אין אַנדערע מעלות. אַ שטייגער ווי אין קריכען דאָרט וואו מען רופט נישט אָדער אין זאָגען דעות דאָרט וואו מען פרעגט נישט. אַ חזיר׳ איז ווען איינער וויל זיין אַ יחיד אויפ'ן יריד, דער „איינציגער האָהן אין קאָרב“, ווי דער דייטש זאָגט. אַ חזיר׳ איז, ווען מען וויל אונטערדריקען דאָס פרייע וואָרט, ווען איינער וויל אַרויפצווינגען זיינע מיינונגען מיט געוואַלט אויף

אַנדערע, אַלע זאָלען זאָגען דאָסזעלבע וואָס ער, גלייך ווי ער אַליין זאָל האָבען אַ מאָנאָפּאָל אויף די געדאַנקען פון׳ם מענש.

פאַרהאַנען אַ געוויסער סאָרט מענשען, וועלכער שפּיעלט זיך אויף אַלם עפענטליכע „פאַרזאָרגער". פון זייערע ליפּען רינט האָניג־זיסקייט און יעדער פון זיי האָט אַ שאַרפע שווערד ביי זיך אין האַרצען. איטליכער פרעדיגט שלום, ער מיינט אָבער אַ שלום, ביי וועלכען עס וועט אַלעס מסכים זיין דוקא צו זיין אנשויאונג.

דאָס איז די גרעסטע חזיריי אין דער וועלט!

און ווייסט איהר פאַרוואָס? ווייל אַ חזיר וויל, אַלעס זאָל זיך באָדען אין דער בלאָטע גלייך מיט איהם — און עס זעהט נישט גערן, ווען אַנדערע חיות זענען ריין.

אין דער צייט ווען אַ חזיר האָט פאַראונרייניגט די מויער פון ירושלים, האָבען אונזערע חכמים פאַרשאָלטען דעמיעניגען, וואָס וועט אויפציהען אַ חזיר אין זיין הויז. איך וואָלט גיכער פאַרשאָלטען אַלע די, וואָס זענען אַליין חזירים.

אַ ריינער גוף און אַ ריינע נשמה

(צו פרשת תזריע און קען אויך זיין צו מצורע)

ווען אידען זענען געוואָרען אַ פאָלק, איז זיי אויסגעקומען צו וואוינען אין אַ לאַנד, וואו די קראַנקהייטען ליגען אין דער לופט און מיט יעדען אָטעם=צוג ציעהט דער מענש אין זיך אַריין די מיקראָבען פון טראַכאָמאַ און לעפּראַ (צרעת), פון אויסזעציגען שוויים און שחין. און אַהינגעקומען דאָרט זענען זיי פון אַ לאַנד, אין וועלכען עס האָבען אויך געהערשט יענע אַלע קראַנקהייטען. האָט מען דאַדורך מורא געהאַט, עס זאָלען זיך נישט אָט די אַלע קראַנקהייטען ווייטער פאַרשלעפּען, זיי זאָלען זיך נישט פאַרשפרייטען איבער ארץ ישראל און מאַכען זיך דאָרט אַ נעסט אויף דורות. האָט דער אויבערשטער אָנגעזאָגט, מען זאָל אַכטונג געבען אויף דער ריינליכקייט פונ'ם קערפּער, פון די קליידער און פון דער דירה. גאָט האָט געוואָלט, דאָס לאַנד זיינס זאָל זיין ריין, האָט ער געמאַכט באַזונדערע פאָרשריפטען וועגען דער ריינליכקייט פון זיין פאָלק.

ס'איז אויך געווען אַ שטרענג געזעץ פאַר אידען, אָפּצוהיטען די ריינקייט פון די קליידער, פונ'ם קערפּער און פון דער וואוינונג. און ווי לאַנג אידען האָבען געוואוינט אויף זייער אייגענער ערד, האָבען זיי אָט די אַלע פאָרשריפטען זיכערליך אָפּגעהיט, חאָטש דער דייטשער דיכטער שילער וויל באַהויפּטען דאָס געגענטייל און טראָצדעם וואָס מעטערלינק רעדט אין זיין דראַמאַ „מאַריאַ מאַגדאַלענא" וועגען א באזונדערען ריח פון אידישע מיידלעך.

אָבער אין דער לאַנגער צייט פונ'ם גלות האָט מען אונז נישט געלאָזט ריין האַלטען אונזער גוף, אונזערע קליידער און אונזער דירה. מען האָט אונז צונויף=געקוועטשט אין אַ שטיקענדער ענגעניש אָהן ליכט און אָהן לופט, ביים ברעג פונ'ם טיבער אין רוים, וואו עס האָט געהערשט עפּוש און מאַלאַריאַ; מען האָט אונז פאַרשטופּט אין אַ ווינקעל אויף אַ קליינער אינזעל אין מיטען דער ווייקסעל אין קראקא און מיר האָבען געמוזט וואוינען אויף אַ פלאַץ, וואו עס איז זיך צונויף=געקומען דער שמוץ

פון דער גאַנצער שטאָדט; דאָסזעלבע האָט מען אויך געטהון מיט אונז ביים ברעג פון׳ם רהיין אין קעלן און אין רעגענסבורג, גלייך ווי ביים ברעג פון דער דאַנוי אין וויען.

פאַרשטיקט אין שמוץ ביז איבערן האַלז האָבען אידען געלעבט אין יענע פלעצער הונדערטער יאָהרען לאַנג און האָבען זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אָפּרייניגען פון׳ם שמוץ, האָבען זיך אָן זיי אָנגעקלעפּט אַלערליי צרות און פּרעניות, אַלע מיני פּלאָגען און קראַנקהייטען. דאָס פאַרוואונדערליכע איז אָבער געווען, וואָס מיר האָבען דערהאַלטען די נשמה ריין ביי אַן אונריינעם גוף מיט אונריינע קליידער און אונריינע וואוינונגען. דער קערפּער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטען די יסורים פון׳ם גלות און איז איינגעבויגען געוואָרען אונטער דער שווערער משא, אָבער די נשמה פון׳ם פאָלק איז געבליבען אָהן אַ פגם. די נגעים פון׳ם קערפּער האָבען מיר נישט געקאָנט פאַרהאַלטען, אָבער די נשמה האָבען מיר געקאָנט אויסהיטען פון׳ם מינדעסטען פלעק.

טראָץ אַלע צרות און פּרעניות, מכות און יסורים, איז אונזער נשמה געבליבען אונבאַריהרט, ווייל מיר זענען געווען בכח אויסצושיידען יעדען „נגע צרעת“ פון אונזער מחנה. מיר האָבען נישט געקאָנט אויסהאַלטען די ריינליכקייט פון אונזער קערפּער, פון אונזערע קליידער און פון אונזער וואוינונג; ס׳איז אונז אָבער געלונגען צו האַלטען די נשמה אַרום־גערינגעלט מיט אַ צוים, זי זאָל נישט באַשעדיגט ווערען פון׳ם גלות.

היינט זענען אַנדערע באַדינגונגען אין אידישען לעבען. ס׳איז אונז היינט מעגליך, צו האַלטען ריין אונזער קערפּער, אונזערע קליידער און אונזער וואוינונג. אָבער אונזער נשמה האָט באַקומען פלעקען. זי איז שוין נישט מעהר דאָס אמת׳ע מהודר׳דיגע אתרוג׳ל, ווי זי איז אַמאָל געווען, דאָס לעבען אין געטהאָ האָט נישט געקאָנט גאָר אנטהון אונזער נשמה, אָבער די מאָדערנע פרייהייט האָט איהר געשאַדעט.

מיר קענען אויפצעהלען אַ גאַנצען צעטעל „נגעים“, וואָס האָבען זיך אָנגעקלעפּט היינט אין אונזער נשמה און זיי זענען פאַר איהר פיעל ערגער, ווי דאָס לאַנגע גלות איז געווען פאַר אונזער גוף.

„נגע בקירות הבית“ איז דאָס היינטיגע אידישע הויז. דער מאַן געהט אַן אַנדערען וועג, די פרוי וויל געהן אַן אַנדערען וועג און די קינדער זוכען זיך אַנדערע וועגען, אַנדערש ווי דער פאָטער און אַנדערש ווי די מוטער. דאָס פאַמיליען־לעבען ווערט צושטערט און עס מאַכט זיך אַ וואַנד צווישען עלטערן און קינדער. אָט די קראַנקהייט פאַרשפּרייט זיך אין אַ

שרעקליכער מאָס און ס'איז נישטאָ קיין כח אויסצורייסען די שטיינער און צו צעוואַרפען די פאַרפעסטעטע הייזער אָפּצוראַטעווען דעם כלל.

„שחין" איז די מגפה פון געגנסטערס, די מכה פון ווייסער שקלאַפעריי — און זי איז נאָך פיעל ערגער אין איהר היינטיגער פאָרם ווי די מכה פון שחין איז געווען וועהרענד דער גאַנצער צייט פונ'ם גלות.

„נגע בבגד" איז דער לוקסוס, וועלכער רואינירט דאָס גאַנצע פאָלק, צושטערט די פאַמיליע און איז פשוט נאָר אַ חרפה פאַר אונזערע שכנים.

אָט די מאָדערנע נגעים זענען אַ גרעסער אונגליק פאַר אונזער פאָלק און אַ שטאַרקערער פלעק פאַר אונזער נשמה, ווי יענע אַלע נגעים, וואָס האָבען פאַרוואונדעט אונזער גוף וועהרענד דער לאַנגער צייט פונ'ם גלות. אין יענער צייט זענען מיר נאָר אויסענוויינינג געווען באַפלעקט, היינט זענען מיר אויסענווייניג ריין, גלייך ווי אַלע מענשען, נאָר פון אינעווייניג זענען מיר „וואורמשטיכיג".

שבת

(קען געהן צו פרשת ויקהל און קען אויך געהן צו קדושים)

נאָכדעם ווי דער אויבערשטער האָט געלאָזט רוהען זיין שכינה אויף אידען, צו הייליגען זיי צום לעבען, אָפּצושיידען זיי פון אַלערליי אונריינינ־קייטען, פון אונריינע חיות און פון אונריינע מענשען, פון אונריינע צרות און פון יעדען אונריינעם פאַרקעהר מיט פרויען, האָט ער נאָכאַמאָל געגעבען אַ ווארנונג וועגען אָפּהיטען שבת.

וועגען דעמזעלבען ענין איז שוין פריהער גערעדט געוואָרען. פיעל מאָל איז שוין אָנגעזאָגט געוואָרען וועגען אָפּהיטען דעם זיבעטען טאָג אין דער וואָך אַלס אַ טאָג פון רוה, אין וועלכען עס דאַרף יעדער בלייבען זיצען אויף זיין פּלאַץ און זאָל זיך נישט טאָרען ריהרען פון'ם אָרט צו אירגענד וועלכער אַרבייט. דערנאָך איז ווייטער דערמאָנט געוואָרען די מצוה פון שבת אין פאַרבינדונג מיט דעם אָנזאָג וועגען אָפּגעבען כבוד צו די עלטערן.

„איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו", יעדער מענש זאָל אָפּ־היטען די עהרפורכט צו פאָטער און מוטער — און גלייך ווי די עהרפורכט צו די עלטערן איז אויך וויכטיג דער שבת, ווייל ווער עס היט נישט אָפּ דעם שבת, איז גלייך ער זאָל פאַראַכטען זיינע אייגענע עלטערן. און גלייך ווי עס איז פאַראַכטעט אין דער געזעלשאַפט יעדער מענש, וואָס היט נישט אָפּ דעם כבוד פון זיינע עלטערן, אַזוי דאַרף זיין פאַראַכטעט יעדער מענש, וואָס היט נישט אָפּ דעם שבת.

טויזענדער יאָהרען האָבען אידען אָפּגעהיט דעם שבת און געהאַלטען איהם פאַרן וויכטיגסטען באַשטאַנד־טייל פון'ם אידישקייט. אפילו יענע אידען, וואָס זענען נישט געווען אָפּגעהיט ביי אַנדערע מצות, אפילו אַזעלכע, וואָס דאָס געלד איז ביי זיי געווען ליעבער ווי דער אייגענע גוף און זענען געווען גרייט צו דריקען אָרימע לייט, צו באַטריגען אין מאָס און געוויכט, צו באַרויבען אלמנות און נאַרען יתומים; אפילו אַזעלכע האָבען אָפּגעהיט

דעם שבת מיט אַלע פּרטים און וואָלטען זיך גיכער געלאָזט הרג'ענען, איידער עס זאָל זיי אַמאָל אויסקומען צו פאַרשוועכען די הייליגקייט פונ'ם שבת.

אַפּאָלאָניוס איז באַפאַלען די אידען אים שבת און איז זיי בייגעקומען, ווייל זיי האָבען נאָך נישט געוואָלט באַשיצען דאָס לעבען אים שבת. און ווען די גריכען האָבען געהערשט אין ארץ־ישראל, האָבען גריכישע סאָלדאַטען אונטערגעצונדען אַ הייהל, וואו עס זענען געלעגען באַהאַלטען טויזענדער אידען. האָבען זיך אָט די אַלע אידען געלאָזט פאַרברענען אין דער הייהל, אַבי זיי זאָלען נישט דאַרפען אַרויסגעהן 'פון דער הייהל, לעשען דאָס פייער אים שבת.

ווי אַ טייערע מתנה איז דער שבת. גאָט האָט זי געהאַט באַהאַלטען אין זיין אוצר און האָט זי אַוועקגעגעבען צו זיין פאָלק, צוצוגעבען אַ שיין פון הייליגקייט צו די מענשען וואָס האָבען דעם כח, צו האַלטען אַזאַ מצוה דורך טויזענדער יאָהרען.

ס'איז נישט קיין אונטערשיעד, צי דער שבת איז אָריגינעל אידיש און משה רבנו האָט שוין געהאַט אויסגעבעטען פאַר אידען אַ טאָג מנוחה ביי פרעה'ן נאָך בעפאָר די אידען זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, ווי עס דערצעהלט דער מדרש; אָדער אידען האָבען גענומען דעם שבת ביי אַנדערע פעלקער, ווי עס ווילען באַהויפּטען די מאָדערנע וויסענשאַפטליכע פאָרשער. קיין שום פאָלק אין דער וועלט האָט נישט אַזוי אָפּגעהיט דעם טאָג פון זיין רוה, ווי אידען און קיין שום פאָלק האָט זיך נישט אַזוי מוסר־נפש געווען ווי אידען, ווען מען האָט זיי נישט געלאָזט אָפּהיטען דעם טאָג פון זייער מנוחה. און ווען עס זאָל אפילו זיין אמת, וואָס די וויסענשאַפטליכע פאָרשער ווילען באַהויפּטען, אַז די אידעע פון שבת האָט אויך געהערשט ביי אַנדערע פעלקער און אידען האָבען זי גענומען ביי זיי, איז די אַרט פון אָפּהיטען דעם שבת זיכערליך אַ ריין אידישע און צו דעם האָבען זיי נישט געהאַט קיין שום פאָרבילד ביי אירגענד וועלכען פאָלק. דאָס מסירת־נפש פונ'ם איד צוליעב זיין שבת האָט נישט קיין גלייכען אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענשהייט.

ביים אָפּהיטען דעם שבת איז אויך נישט קיין חלוק, וואָס פאַר אַ פּנים דער „שמירת שבת" האָט. דאָס איז נעבענזעכליך. עס מעג מיינען, אַז דער מענש זאָל זיך פאַרשליסען אין זיין הויז אויף אַ גאַנצען טאָג און נישט רעדען קיין וואָרט, וואָס האָט נישט קיין שייכות צום שבת, אָדער עס מעג מיינען נאָר די פּאָעטישע שטימונג פון פרייטאָג־צו־נאַכטס. אין איינעם

זוי אין דעם אַנדערן ליגט דער קערן פון אידישקייט — און מיט דעם פאַרשווינדען פון איינעם אָדער פונ׳ם אַנדערן שווינדעט דער נערוו פונ׳ם אידישקייט. אין דער שטרענגער אָפּהיטונג פונ׳ם שבת ליגט זיין פּאָעזיע און אין דער פּאָעזיע פונ׳ם שבת׳דיגען טיש שטעקט שוין דאָס אָפּהיטען פונ׳ם שבת.

די קללות פון דער תוכחה

(קען צוגעשטשעפעט ווערען צו פרשת בחקותי)

גאָט האָט איינגעזעהען, אַז מען מוז אָנסטראַשען די אידען, אויב מען וויל זיי זאָלען געהען אין גלייכען וועג. אידען האָבען אַ טבע צו פאַרלאַנגען באַצאָהלט פאַר יעדען שריט. האָט זיי דער אויבערשטער געמוזט צוזאָגען „גאָלדענע בערג" פאַר זייערע מעשים טובים. אידען האָבען אָבער אויך אַ טבע, צו פּרובירען זיך מיט אַ לינקען שריט, אַראָפּצוגעהען פון'ם גלייכען וועג, צוליעב נייגיעריגקייט, ווי אַזוי דאָס שלעכטע זעהט אויס, אָדער גאָר צוליעב אַ קאַפּריז. האָט זיי גאָט געמוזט אָנסטראַשען, זיי זאָלען וויסען, אַז טאָמער וועלען זיי פאַרדאַרבען ווערען, וועט זיין אָך און וועה צו זייערע יאָהרען, וועט אויף זיי קומען אַ פינסטערע בהלה מיט אַלערליי פרעניות. שונאי ישראל וועלען איבער זיי הערשען, חיות רעות וועלען אויף זיי אָנפאַלען, הונגער און פאַרוויסטונג וועלען ווערען די בעלי־בתים אין זייער לאַנד, פון וועלכען זיי וועלען פאַרטריבען ווערען, זיי זאָלען דערנאָך זיין פאַרשפּרייט צווישען די גוים און לעבען אין אַ פּאַרט־וועהרענדען שרעק פאַר אַ שאָרך פון'ם ווינד און פאַר דער אייגענער שיין.

פאַרציטערט ווערט יעדעס אבר, הערענדיג די מורא'דיגע קללות, מיט וועלכע גאָט האָט די אידען געסטראַשעט; אַ שווידער געהט דורך'ן לייב, ווען מען שטעלט זיך פאָר די שרעקליכע בילדער, ווייל זיי מוזען אַוועק־נעהמען דעם פריעדען און די רוה, דעם מוטה און די קראַפט, אפילו ווען דער מענש איז באַגאַבט מיט אייזערנע נערווען.

די קללות פון דער תוכחה זענען אויך פאָלשטענדיג מקוים גע־וואָרען און עס האָט נישט אויסגעפעהלט פון זיי דאָס מינדעסטע. עס זענען נאָך גאָר אדרבה צוגעקומען אַזעלכע צרה'דיגע מכות, וואָס זענען נישט פאַרשריבען געווען אין דער תוכחה. אידען זענען געווען שלעכט, האָט זיי גאָט געשטראָפט. דערנאָך האָבען אידען תשובה געטהון און זענען בעסער געוואָרען, איז אָבער די שטראָף פון זיי אַליין נישט אָפּגעטרעטען. די זינד זענען שוין לאַנג אָפּגעמעקט געווען און דער עונש איז געבליבען אַ דויערנדער.

אויף שריט און טריט פאַרפאָלגען אונז נאָך היינט די קללות פון דער תוכחה. דער גרויסער גאָט פון רחמנות האָט נישט אויפגעהערט צו זיין אין כעס אויף אונז, חאָטש מיר האָבען טראָץ אונזער שלעכטיגקייט פיעל וועניגער זינד אויף אונזער געוויסען, אַקעגען דעם ווי עס האָבען אַנדערע פעלקער, אויף וועלכע ער לייכט מיט זיין גנאָד און עס געהט זיי אויף דער וועלט גוט.

די שאלה, וואָס אונזער גורל אויף דער וועלט איז אַזאַ ביטערער, ווייל מיר זענען אַמאָל געווען זינדיג, און עס וויל זיך אונזער לאַגע גאָר נישט פאַרבעסערן, חאָטש מיר זענען נישט היינט ערגער פון אַנדערע פעלקער, איז שוין פיעל מאָל געפרעגט געוואָרען — און די שאלה האָט אויך אויף פאַרשיעדענע אַרטען געפונען איהר תשובה. אונזערע חכמים האָבען אפילו קיינמאָל נישט געפרעגט אַזאַ מין שאלה, ווייל ס'איז ביי זיי נישט געווען קיין ספק, אַז ווען עס געהט אונז שלעכט, זענען מיר עס מן הסתם ווערטה. אונזערע חכמים איז גאָר עפּעס אַנדערש קשה געווען. זיי איז נישט געפעלען, וואָס די קללות פון דער תוכחה זענען געזאָגט געוואָרען דורך משה רבנו, וועהרענד דער שונא בלעם האָט אונז גאָר געבענשט.

נאָר ווי די מעשה איז, צי מיר האָבען זיך די קללות פון דער תוכחה כשר פאַרדיענט אָדער זיי קלעפּען אָן אונזער גוף ווי אַן אָנשיקעניש פון אַלטע צייטען, פאַר וועלכע מיר מוזען ליידען, איז די צרה גופא פון די דאָזיגע יסורים פשוט אַן אונבּאַשרייבּליכע און עס איז נישט פאַרהאַנען קיין שום פאָלק אויף דער וועלט, וואָס זאָל קענען אויפווייזען עהנליכע צרות ווי אונזערע. אפילו ווען זיי זענען מעהר זינדיג פון אונז, אין געגענוואַרט ווי אין פאַרגאַנגענהייט.

„וזרעתם לריק זרעכם ואכלוהו איביכם", איהר וועט זייען אויף גאָר נישט אייער זאָמען און אייערע פיינד וועלען איהם אויפעסען!

אָט די קללה קלעפּט אויף אונזער פאָלק ווי אַ בּייז אָנשיקעניש. מיר זייען אונזער זאָמען און אונזערע שונאים האָפּען פון איהם דעם געניס. מיר בּויען אוים שטעדט און לענדער פאַר אַנדערע. מיר זענען נישט קיין פאָלק פון פאַרמערס, קענען אונז די שונאים נישט אַוועקנעהמען די ערד. אָבער דער זאָמען פון אונזער אַרבּייט ווערט אויפגעגעסען פון אונזערע פיינד.

סטאַטיסטיק

(צו פרשת במדבר)

אונזערע חכמים האָבען געזאָגט, אַז אידען טאָר מען נישט צעהלען. און ווער עס צעהלט אידען, דער איז עובר אויף אַ לאו. עס מוז זיך דאַדורך וואונדערן, ווי די חכמים האָבען געקאָנט קומען צו'ן אַזאַ מיינונג, ווען גאָט אַליין האָט עטליכע מאָל געהייסען צעהלען די אידען.

ביי זיין ליעבען נאָמען איז אַלעס געצעהלט: די שטערען און די מענשען, די וועלטען און די מלאכים. איטליכעס ברעקעלע איז באַרעכענט אויף אַ האָר און פאַרשריבען אין די גרויסע ביכער פון דער הימלישער בוכהאַלטעריע. און ווען כביכול האָט געהייסען צעהלען די אידען, האָט ער געהייסען אויסשטעלען איטליכען ביי זיין מחנה און ביי זיין פאָהן, איינער זאָל זיך נישט אויסמישען מיט'ן אַנדערן.

היינט איז ביי אונז די זאַך פונ'ם צעהלען נישט ענטשיעדען. מיר צעהלען יאָ, און מיר האַלטען גלייכצייטיג דערפון, אַז מען טאָר נישט צעהלען. און ווען מיר צעהלען די צייט פון איין יום טוב צום אַנדערן, איז דאָס דאָזיגע צעהלען געוואָרען ביי אונז אַ צייכען פון טרויער.

ביי די גוים אין די אויגען זענען אידען צו גרויס, ווייל מיר זענען פול אומעטום, אויף יעדען שריט. — און בסך־הכל זענען מיר אַ קליינער פּראָצענט. אין אַן אַנטיסעמיטישער שריפט פון אַ פּוילישען גלח האָב איך אַמאָל געלעזען, אַז אַלע הייזער אין די גרויסע פּוילישע שטעדט באַלאַנגען צו אידען. און עס איז טאַקע אמת. די סטאַטיסטיק באַווייזט עס. וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען, אַז פּוילישע אידען זענען עשירים, איז אָבער אויך אמת, אַז די גאַסען אין אַלע פּוילישע שטעדט זענען פול פון אידישע אָרימע לייט און עס האַפּט אַזש אָן אַ שוידער, ווען מען נעמט זיך אויסרעכענען זייער צאָהל.

קען מען ווייטער מיינען, אַז אַזוי ווי פּוילען פיהרט אַזאַ אָרים לעבען, וועט זיך דאָרט אַודאי נישט געפינען קיין זכר פון לוקסוס, ווייזט אונז די סטאַטיסטיק ווי די פּוילישע אידען זענען פול אין אַלע קוּרערטער פון דער

וועלט, לעבענדיג דאָרט אין גרעסטען לוקסוס. מיינט מען דאָך, אַז נאָר די רייכע לעבען אין אַזאַ לוקסוס, אָבער די אָרימע שטאַרבען פון הונגער, קומט די סטאַטיסטיק און ווייזט, אַז די אָרימע הונגער-ליידער אין פוילען קלויבען צוזאַמען אַ האַלבען מיליאָן דאָלאַר אַ יאָהר, אויף דער „חלוקה" אין ארץ-ישראל און אויף ציוניסטישע אינטערעסען. וויל זיך שוין גלויבען, אַז פוילישע אידען זענען פון דעם מין, וואָס קנייפּען זיך די באַקען, אַבי די פּאַרב זאָל שטעהען, אָבער אויסשטרעקען די האַנד נאָך נדבות, וועט נישט קיינער פון זיי, ווייזט אָבער די סטאַטיסטיק, אַז מען וועט נישט טרע- פען קיין לאַנד אין דער וועלט, וועלכעס זאָל האָבען אַרויסגעגעבען אַזוי פיעל פּראָפעסיאָנעלע שנאָרער ווי פוילען.

ציפערן קענען נישט אָפּנאַרען און נאַרען דאָך, ווייל מען קען זיי אויסשטעלען ווי מען וויל און ווי עס פּאַסט זיך גראָד פאַר'ן אויגענבליק. צומאָל צעהלט מען און מען איז זיך טועה אין דער רעכנונג. עס וויל זיך אַרויסקריגען אירגענד אַ זאַך פונ'ם חשבון און עס קומט גאָר דערווייל עפּעס אַנדערש אַרויס. אירגענד אַ צייטונג קען האָבען פיעלע לעזער, און עס וואָלט טראָצדעם געווען אַ טעות צו גלויבען, אַז די גרויסע צאָהל לעזער באַלאַנגט צו דערזועלבער קלאַס, צו וועלכער די צייטונג באַלאַנגט.

מיט פּראָפעסאָר סאָמבאַרט פון בערלין האָב איך אַמאָל געהאַט אַן אַרגומענט. ער האָט מיר געוואָלט באַווייזען די גרויסע טובה, וואָס די עמיגראַציאָן פון אידען וועט טהאָן צו די לענדער, אין וועלכע זיי וואוינען היינט, ווען עס וועלען אויסוואַנדערן אַ דריי ביז פיער מיליאָן מענשען. אונזער וכוח איז פאָרגעקומען פיער יאָהר בעפאָר דער וועלט-מלחמה און עס האָט נאָך דאַמאָלס קיינער נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַן אונגליק עס גרייט זיך צו פאַר די מענשען. האָט מען דאַן גערעדט וועגען די נויטווענ- דיגקייטען פון דער דאַמאָלסדיגער וועלט-לאַגע. האָט מיר פּראָפעסאָר סאָמ- באַרט מיט אַ בלייפעדער באַוויזען שוואַרץ אויף ווייס, אַז רוסלאַנד קען נישט אויסהאַלטען פינף מיליאָן אידען, אָבער איין מיליאָן אידען וועלען זיך דאָרט ווייניג אַרויסזעהן און וועלען קענען מאַכען אַ לעבען. דאָסזעלבע איז אויך דער פאַל מיט אַנדערע לענדער. דערנאָך וועט מען דריי—פיער מיליאָן איבריגע מענשען פון רוסלאַנד, עסטרייך און רומעניען אַריבער- פעקלען קיין פּאַלעסטינא, וואו עס איז פאַרהאַנען גענוג פּלאַץ פאַר זיי. בזה האופן האָט מיר דער פּראָפעסאָר דעמאָנסטרירט די ריכטיגקייט פון דער מיינונג, אַז די אויסוואַנדערונג פון דריי—פיער מיליאָן אייראָפּעאישע אידען מוז ענדגילטיג לעזען די אידען-פראַגע.

טריאומפירענד האָט ער דאַן אויף מיר געקוקט מיט'ן בלייפעדער אין האַנד און זיך אויגען האָבען ביי איהם געשימערט פון תענוג, וואָס ער האָט מיך איבערצייגט מיט זיינע באַווייזע.

האָב איך אויף דעם אַרויסגענומען די סטאַטיסטיק פון די אידען אין אַמעריקאַ און האָב אָנגעהויבען צו אַרגומענטירען בזה הלשון:

זייט דרייסיג יאָהר עמיגרירען רוסישע, עסטרייכישע און רומענישע אידען קיין אַמעריקאַ. היינט רעכענט זיך דאָרט זייער צאָהל ביז דריי מיליאָן. עס קען קיינמאָל נישט אָנגעהן אַ גרעסערע עמיגראַציע פון אייראָפּאַ קיין פּאַלעסטינאַ, ווי די גרויסע עמיגראַציע קיין אַמעריקאַ איז געווען. האָט עס געמוזט נעהמען דרייסיג יאָהר צייט, ביז דריי מיליאָן אייראָפּעאישע אידען האָבען זיך דאָרט געקאָנט באַזעצען. דערווייל איז אָבער די צאָהל אידען אין אייראָפּאַ צוגעוואַקסען אויף אַ נאַטירליכען אופן, און די דריי מיליאָן אַמעריקאַנער אידען פעהלען דאָרט גאָר נישט אויס.

אַ אידישער יונגער מאַן, וועלכער איז געווען געגענווערטיג ווערענד מיין שמועס מיט פּראָפעסאָר סאָמבאַרט, האָט מיך דאַן אַ פרעג געטהון:

— זענט איהר, הייסט עס, געגען דער עמיגראַציאָן קיין פּאַלעסטינאַ?

— חלילה! — האָב איך איהם געענטפערט — איך בין נאָר אַ געגנער פון אַרגומענטירען מיט סטאַטיסטיקס, ווייל סטאַטיסטיקס קענען געוועהנליך באַווייזען דאָס געגענטייל פון דעם, וואָס מען וויל באַווייזען.

דער אויבערשטער האָט געהייסען צעהלען די אידען און כביכול אַליין פיהרט אויך אַ סטאַטיסטיק. טראָצדעם האָבען די חכמים גע'אסר'ט דאָס צעהלען, ווייל זיי האָבען פאַרשטאַנען, אַז סטאַטיסטיק קען אַמאָל אַראָפּפיהרען דעם קליגסטען מענש פונ'ם גלייכען וועג, ער זאָל האָבען אַ טעות אין חשבון.

נזירים

(צו פרשת נשא)

ווי בײַ אַלע פֿעלקער פֿונ׳ם אַלטערטום האָט זיך אויך בײַ אידען געמוזט אַנטוויקלען אַ קלאַס מענשען „נזירים“, וואָס האָבען זיך אָפּגעזאָגט פֿון וועלטליכע תענוגים, כדי צו געפֿינען חן בײַ זיין ליעבען נאָמען אין די אויגען. אַלע פֿעלקער האָבען געגלויבט, אַז וואָס מעהר דער מענש פּייניגט זיך און טהוט זיך אַליין אָן יסורים, אַלץ חשוב׳ער און געהויבענער ווערט ער בײַ גאָט. האָבען זיך אויך געפֿונען אידען, וועלכע האָבען עהרליך געמיינט, אַז נישט נאָר וואָס עס איז אַ גרויסע מצוה אָפּצוזאָגען זיך פֿון אַלערלײַ בּערוישענדע געטרענקע, נאָר מען דאַרף אויך נישט עסען קיין ווײַנטרויבען, אפֿילו נישט קיין אויסגעטרוקענטע ווײַנטרויבען, אין וועלכע עס געפֿינט זיך נישט קיין טראָפּען אַלקאָהאָל, ווײַל כביכול וויל אַזוי.

ס׳איז אויך געווען פֿאַרשפּרייט דער גלויבען, אַז עס ליגט אַ גרויסער כח אין די האָר פֿונ׳ם קאָפּ, ווען מען לאָזט זיי וואַקסען ווילד און מען טהוט אַ נדר, מען זאָל זיי נישט שעהרען. גלײַך ווי עס האָט געשטעקט דער כח פֿון שמשון הגבור אין זיינע האָר.

אָבער חאָטש די תורה האָט ערלויבט נזירות בײַ אידען, האָבען די חכמים געהאַלטען דעם נזיר פֿאַר אַ „חוטא“. ווײַל ער נעמט אַוועק פֿון זיין גוף די הנאה פֿון אַזוי פֿיעל זאַכען, וואָס דער אויבערשטער האָט בּאַשאַפֿען פֿאַר די מענשען. דאָס פֿאָלק האָט געוואָלט זעהן מענשען, וואָס פּייניגען זייער גוף צוליעב דער אמונה, האָט עס זיי די אמונה ערלויבט, טראָצדעם וואָס די אמונה אַליין איז דערפֿון נישט געווען צופֿריעדען.

פּייניגען דעם גוף אין תעניתים און סגופֿים איז לכתחלה נישט געווען קיין אידישע זאַך. איין תענית אין יאָהר האָט די תורה פֿאַרגעשריבען, וענען דערנאָך צוגעקומען נאָך פֿיער תעניתים אויף די צרות פֿונ׳ם גלות, חאָטש דער נביא האָט געשריגען, אַז דער אויבערשטער האַלט גאָר נישט פֿון אָט דעם פֿאַסטען. גוט פֿאַרשטאַנען די זאַכלאַגע האָבען אונזערע חכמים. זיי האָבען פֿאַרשטאַנען, אַז מען קען נישט קומען ערקלעהרען דעם פֿאָלק,

ווי ווייניג חשוב די תעניתים זענען, ווייל דאָס פאָלק וועט נישט קענען באַגרייפען, ווען מען וועט איהם זאָגען אַז דער אויבערשטער האָט נישט קיין נחת-רוח פון תעניתים. האָבען זיי נאָר געגעבען איינצעלנע אָנצוי-הערענישען וועגען דעם ענין, ווי אַ שטייגער: „לא שק ותענית גורמין אלא תשובה", נישט אָנטהאָן זיך אין אַ זאַק און פאַסטען קען עפּעס העלפען, ווען דער מענש טהוט נישט קיין תשובה אויף זיינע זינד; אָדער: „אין תלמיד חכם רשאי לישב בתענית", אַ תלמיד-חכם טאָר גאָר נישט פאַסטען. און ווען די חכמים האָבען געזעהן ווי דער גלויבען אין תעניתים פאַרשפּרייט זיך וואָס אַמאָל מעהר און מעהר צווישען פאָלק, האָבען זיי געזאָגט: „היושב בתענית נקרא חוטא", ווער עס האַלט אין אַ פאָרטוועהרענדען פאַסטען, דער ווערט אָנגערופען אַ חוטא.

אַ תענית אַליין העלפט גאָר נישט, האָבען די חכמים געלערנט. ווייל צדקה העלפט מעהר ווי אַ תענית. די צרות פון'ם גלות האָבען געמאַכט די אידען גלויבען, אַז זיי דאַרפען זיך פייניגען אין תעניתים און סגופים. אין אמת'ן איז דאָס אָבער נישט באַגרינדעט אין דער אידישער וועלט-אנשוי-אונג, נאָר עס איז מעהר נאָכגעטהון אַנדערע פעלקער. ווער עס נעמט זיך די מיה, אַ בליק צו טהון אין די גוי'שע „ספרי מוסר" פון'ם מיטעלאַלטער, ווי אַזוי עס ווערען דאָרט באַשריבען די מעלות פון אַ תענית, וועט דאָרט געפינען אַ סך עהנליכקייטען צו אידישע „ספרי מוסר" אין דיזער באַציהונג. דער גלח אַבראַהאַם אַ סאַנטאַ קלארא (קייזער לעאָפּאָלד'ס הויף-פּרעדיגער פון'ם זיבצעהנטען יאָהרהונדערט) הייסט פאַסטען, נעהמען מקואות און קאַטשען זיך אין שניי, גלייך ווי עס האָט געהייסען טהון דער בעל „שבט מוסר", להבדיל.

כאַראַקטעריסטיש אין דיזער באַציהונג איז די צוואה פון ר' בנימין וואָלף פישהאָף פון ניקאָלסבורג (אַ רב פון מיט הונדערט יאָהר צוריק), וועלכע איך האָב אַמאָל געזעהן אין מאַנוסקריפּט אין דער וויענער קייזער-ליכער ביבליאָטהעק. „ולמען השם בעט איך אייך" — הייסט עס דאָרט אין דער צוואה — „איהר זאָלט נישט מעהר פאַסטען, ווי די תורה און די חכמים האָבען אָנגעזאָגט, ווייל דאָס איז איינס פון'ם יצר-הרע'ס דרכים, איינצוּרעדען, אַז דאָס פאַסטען האָט אַ חשיבות ביי גאָט. און ווען איך זאָל נישט געווען מורא האָבען פאַר'ן כעס פון אַנדערע רבנים, וואָלט איך לגמרי מבטל געווען דאָס פאַסטען, ווייל עס איז היינט בכלל חקות הגוים, גלייך ווי מען האָט אַמאָל מבטל געווען דאָס קניען ביי אידען, אַזוי ווי די גוים האָבען איינגעפיהרט דאָס קניען ביי זיך אין זייערע קירכען".

די מיינונג פון יענעם רב וועגן דעם ווערטה פון אַ תענית, איז כאַ־ראַקטעריסטיש, אָבער נישט ניי. ווייל אַ שטיק פון איהר איז שוין געזאָגט געוואָרען פריהער פון ר' ישראל בעל שם טוב אין „כתר שם טוב", אַז דאָס נפש ווערט נישט געליטערט פון אַ תענית, ווייל דער יצר־הרע רעדט איין אַ שטיק שטאָלץ אויפ'ן תענית.

ווי באַמערקט, איז די נזירות נישט געווען שטאַרק חשוב בײַ אונזערע חכמים. מען האָט עס באַטראַכטעט ווי עפּעס אַ מין פּשרה מיט די אָנגע־נומענע אַנזיכטען פון אַנדערע פעלקער. גלייך ווי עס איז געווען מיט דעם מנהג פון תעניתים. דאָס פאָלק האָט זיך נישט געקאָנט אויפהויבען צו דער מדרגה, צו פאַרשטעהן, אַז דער אויבערשטער קען נישט פאַרלאַנגען פונ'ם מענשען, ער זאָל זיך אָפּזאָגען פונ'ם געניסען די וועלט, וועלכע איז באַשאַפען געוואָרען נאָר פאַר זיינעטוועגען. דער אידישער גייסט האָט זיך גאַנץ גוט געקאָנט באַגעהן אָהן נזירים און האָט זיי דאַדורך נישט באַשיצט. נאָר דער המון וואָלט עס נישט געקאָנט באַגרייפען, האָט מען עס איהם צוליעב געטהון.

נאָהענט צו דער מדרגה פון נזירים און צו די וואָס האַלטען תעניתים זענען די אָרימע לייט אין דער געזעלשאַפט. פאַרשיעדענע פעלקער האָבען געהאַט פאַרשיעדענע אַנשויאונגען וועגען דעם. אונטערשטיצען אַן אָרי־מאַן האָט אַמאָל געהייסען אַריינמישען זיך אין גאָט'ס ווילען. ווי באַלד איינער איז אַן אָרימאַן, איז עס אַודאי אַזוי גאָט'ס ווילען, האָט אַ מענש נישט קיין רעכט איהם צו אונטערשטיצען. זעלבסטפאַרשטענדליך האָט אַזאַ מין מיינונג נישט געקאָנט האָבען קיין לאַנגען קיום, ווייל די וועלט וואָלט נישט עקזיסטירט מיט איהר. האָט מען דאַן אָנגעהויבען באַטראַכטען די אָרימע לייט ווי קרבנות פון דער געזעלשאַפט, מיט וועלכע גאָט וויל אויס־פּרובירען די מענשען, צי זיי האָבען אַ זין פאַר וואָהלטהעטיגקייט.

ווי די אַנשויאונג וועגען אָרימע לייט האָט זיך אָבער אַנטוויקעלט בײַ אידען, קען מען זאָגען, אַז עס שטעקט נישט אין איהר דער מינדעס־טער איינפלוס פון אַנדערע פעלקער. בײַ גוים מוז דער אָרימאַן זיין פון דער נאַטור געשטראָפט, ער מוז זיין אַ קאַליקע אָדער אַ קראַנקער, זאָנסט האָט ער נישט קיין רעכט צו בעטען אַ נדבה. בײַ אידען בעט נישט דער אָרימאַן קיין נדבה, נאָר ער פאַרלאַנגט מען זאָל איהם געבען. ווען איך האָב גענוג פאַר מיר, האָט דער אָרימאַן אַ רעכט צו פאַרלאַנגען איך זאָל איהם אַוועק־געבען אַ חלק פון דעם וואָס איך האָב — און איך טאָר נישט פאַרלאַנגען פון איהם, ער זאָל מוזען האָבען אַ מום צוליעב מיין פּרוטה.

די שעהנקייט פון דער אידישער וועלטאַנשויאונג ווייזט זיך זעהר גוט ביי דער באַהאַנדלונג פון נזירים און תעניתים. די אמונה האָט עס געמוזט אָננעהמען, ווייל עס וואָלט געווען אויסגעפעהלט פאַר'ן פאָלק, אָבער די חכמים האָבען באַוויזען מיט געצעהלטע קלוגע ווערטער, אַז עס איז נישט זעהר וויכטיג. מעהר פון אַלעמען זעהט זיך די אידישע אַנשויאונג אין איהר ערהאַבענהייט ביי דער באַהאַנדלונג פון אָרימע לייט. אין דיעזער באַציהונג האָט נישט די אידישע אמונה קיין גלייכען ביי אַלע פעלקער פונ'ם אַלטערטום.

פלייש־עסען ביי אידען

(צו פרשת בהעלתך)

פון אייביג אן האבען זיך די פארהעלטניסע אזוי אנטוויקעלט, אז א איד טאר נישט גארען צו קיין פלייש, ווייל ער קען עס אמאל באצאהלען מיט'ן לעבען.

אין דער צייט ווען די אידען האבען ארומגעבלאנקעט אין דער מדבר און האבען זיך ערנעהרט נאר פון מן, האט זיך אין זיי פלוצים דערוועקט א חשק צו פלייש. דער ערשטער צום דערמאנען דאס ווארט „פלייש" איז געווען דער נידריגער המון. האט זיך דאס ווארט באלד פארשפרייט אין דער גאנצער מחנה און אלעם האט זיך צעוויינט, ווייל זיי האבען שוין א לאנגע צייט נישט געהאט געזעהען קיין שטיקעל פלייש פאר די אויגען. דער מן איז אפילו געווען זעהר א גוט מאכל, מען האט איהם צוריבען אדער געשטויסען און געקאכט, האט ער געהאט א טעם ווי זאפטיגער אויל. ביי מאנכע אין מויל האט ער באקומען א טעם פון אלערליי מאכלים, אפילו פון די פיינסטע פליישען. די טבע פונ'ם מענש איז אבער אזוי באשאפען, אז ווען ער גארט צו א מאכל, וויל ער עס זעהען מיט די אויגען ווערהערענד ער עסט און וויל זיך נישט באגנוגענען מיט אן אנדער מאכל, וואס האט דעמזעלבען טעם.

האט זיך משה זעהר שטארק געזארגט, פון וואנען ער וועט נעהמען פלייש פאר'ן פאלק. די שאף און רינדער, וואס די אידען האבען געהאט מיטגענומען מיט זיך פון מצרים, האבען זיי שוין אודאי לאנג געהאט אויס־געקוילעט און אויפגעגעסען.

איז דאן פלוצים אנגעקומען א שטארקער ווינד, וועלכער האט גע־בראכט מיט זיך מאסען פויגלען פונ'ם ים און דאס פאלק האט געקליבען די פויגלען צוויי טעג מיט א נאכט. דאס פלייש פון אט די פויגלען האט אבער געווירקט ווי גיפט. טויזענדער מענשען זענען פון דעם אויסגע־שטארבען — און דער ארט וואו דאס איז פארגעקומען, האט זיך דערנאך גערופען „קברות התאוה", ווייל די וואס האבען געגלוסט צו פלייש האבען דארט געפונען זייער קבר.

פון דאמאלס אן איז פלייש עסען א גרויסע צרה בײ אידען, די גרעסטע צרה וואס מען קען זיך נאר דענקען. קײן שום פאלק האט נישט אזעלכע שוועריגקייטען בײם וועלען עסען א שטיקעל פלייש ווי אידען. שחיטה און בדיקה, ווייקען און זאלצען, וואלט מען שוין ווי עס איז אויסגעהאלטען. אפילו די מיה מיט׳ן אויסזוכען די פאסענדע פערזאן פונ׳ם שוחט און פון א משגיח אויפ׳ן שוחט איז אויך געווען צו דערטראגען. האבען זיך אבער נאך צוגעטשעפעט צו דעם אלעמען אזעלכע שוועריגקייטען, וואס מען קען זיך עס גאר נישט בײ אנדערע פעלקער פארשטעלען.

די אידישע קהלות אין אייראפא האבען געדארפט געלד און די „הערכה״ (טאקסעס) וואס יעדער בעל־הבית האט געצאהלט, איז נישט גענוג געווען פאר אלע הצטרכות פון דער קהלה, האט מען געמוזט אויסגעפינען א נייעם מקור פאר געלד און מען האט ארויפגעלעגט א טאקסע אויף כשר פלייש. דערנאך האט די רעגיערונג געזעהען, אז אידען צאהלען טאקסעס פון כשר פלייש צו זייערע קהלות, האט זי פון איהר זייט אויך ארויפגעלעגט א באזונדערע טאקסע. דער איד האט דאן געדארפט צאהלען שחיטה און צווייערליי טאקסעס, ביז ער איז צוגעקומען צום שטיקעל פלייש.

און אזוי ווי די שחיטה איז געווארען דער יסוד פון די הכנסות פאר אלע אידישע קהלות, האט מען גוזר געווען א גזרה אויף „שחיטת חוץ״, אז וואס עס ווערט געשחט׳ן אויסערהאלב פון שטאדט איז טרפה. כלומר׳שט האט עס געהייסען, אז די גזרה אויף שחיטת חוץ איז צוליעב די הכנסות פון דער קהלה, ווייל איך מעג אפילו האבען דאס גרעסטע צוטרויען צום שוחט אין דער שטאדט, וואו איך קום אן צו פאהרען, טאר איך נישט עסען פון זיין שחיטה, ווען איך קום פון אן אנדערער שטאדט. אדער ווען איך פאהר אמאל פון איין שטאדט אין דער אנדערער און פיהר מיט מיר א געקאכט שטיקעל פלייש, טאר מען מיר דארט נישט געבען קיין טעלער ארויפצולעגען דאס פלייש, ווייל דאס פלייש איז פון שחיטת חוץ און א איד פון אן אנדערער שטאדט טאר עס נישט עסען.

דא אין אמעריקא קוקט מען נישט אויף שחיטת חוץ, דארף דא דאס כשר׳ע שטיקעל פלייש אויסשטעהן אנדערע צרות. דא האט יעדע שטאדט עטליכע קאנגרעגיישאנס און יעדע קאנגרעגיישאן האט זיך איהרע שוחטים. איז אבער היינט נישט גענוג ווען א שוחט האט קבלה פון זיין רב און די הסכמה פון זיין קאנגרעגיישאן, ווייל עס איז אויך נויטיג א „יוניאן לייבעל״ אויפ׳ן חלף און א יוניאן קארד פאר׳ן שוחט מיט דער חתימה פונ׳ם „ווארקינג דעלעגאט״.

גלייך ווי אין אייראָפּאַ קען זיך דאָ אין אַמעריקאַ אויך אַמאָל מאַכען אַ סכסוך צווישען צוויי רבנים וועגען דער השגחה אויף שחיטה — און איינער זאָל אסר'ן די שוחטים פונ'ם צווייטען'ס מחנה. און דער פשוט'ער המון שטעהט און ווייסט נישט ווער עס האָט רעכט. דאַבּיי דאַרף מען וויסען, אַז ווען דער המון זאָל פאַרלירען דעם צוטרוי צו זיינע רבנים אין באַצוג צו כשרות, דאַן האָט ער פאַרלוירען אַלע יסודות פון זיין אמונה. און עס איז זעהר טרויריג, ווען די אכילה איז דער יסוד פאַר'ן פאַרלוסט פונ'ם צוטרוי.

אַ איד טאָר קיינמאָל נישט גאַרען צו פלייש, ווייל עס שטעקט אין דעם אַ סכנה. ווען ער איז שוין אפילו איבערגעקומען אַלערליי טראָבּעל מיט שוחטים און טאַקסעס און האָט שוין דאָס פלייש אין טאָפּ, קען נאָך קומען אַן איסור אויף דער שחיטה פון זיין שוחט, ער זאָל מוזען דאָס פלייש אַוועקוואַרפען.

אונטערנעהמעריש און אפּהענטיג

(צו פּרשת שלח)

די אידען זענען שוין געווען נאָהענט צום לאַנד כנען, וואָס גאָט האָט זיי צוגעזאָגט. עס האָט נאָר געדאַרפט דויערן נאָך עטליכע טעג רייזע. האָבען זיי אַוועקגעשיקט מרגלים, אויסצוזעהען דאָס לאַנד, זיי זאָלען וויסען וואָס פאַר אַ פּנים עס האָט. צי עס איז פעט אָדער מאָגער, צי די שטעדט זענען אָפענע אָדער באַפעסטיגטע, צי דאָס פאָלק איז שטאַרק אָדער שוואַך און צי די מענשען זענען דאָרט וועניג אָדער פיעל.

נאָך פערציג טעג אַרומזעהען זיך אין לאַנד זענען דאַן די מרגלים צוריקגעקומען מיט דער בשורה, אַז דאָס לאַנד איז זעהר גוט, עס שווימט אין מילך און האָניג, נאָר דאָס פאָלק איז זעהר שטאַרק און די שטעדט זענען שטאַרק באַפעסטיגטע. דערצו איז נאָך דער קלימאַט פון לאַנד אַ שעדליכער פאַר די איינוואוינער און הרג'עט זיי אַוועק אין פאַרשיעדענע קראַנקהייטען. ס'איז אַלזאָ נישט מעגליך אידען זאָלען קענען דאָרט אַהין צוקומען, ווייל זיי וועלען נישט קענען באַזיעגען דאָס פאָלק. און וועלען זיי שוין אפילו אַהין צוקומען, מוז זיי דער קלימאַט פאַרניכטען.

הערענדיג אַזעלכע בשורות פון דער צוקונפטיגער היימאַט, איז דאָס פאָלק געוואָרען אויסער זיך פון צער און שרעק. אַ גאַנצע נאַכט האָבען זיי דאַן אַלע געוויינט, ווייל זיי דאַרפען אַקעגען־געהן אַזאַ גרויסע סכנה, צו פאַלען אין אַ מלחמה מיט די איינוואוינער פון יענעם לאַנד, וועלכע וועלען דאַן צונעהמען די ווייבער מיט די קינדער פאַר שקלאַפען. האָט דאַן גאָט געשוואוירען, אַז קיין איינציגער פון די ווינערס וועט נישט קענען צוקומען צו יענעם לאַנד. דער גאַנצער דור וועט מוזען שטאַרבען אין דער מדבר. מענשען וואָס שרעקען צוריק פאַר דער ערשטער שוועריגקייט און זענען גרייט צו וויינען, ווען עס ווייזט זיך אויס, אַז זיי וועלען נישט קענען גרינג צוקומען צו זייער ציעל, אַזעלכע מענשען זענען נישט ווערטה אויסגעלייזט צו ווערען — און מען קען זיך נישט לאָזען מיט זיי אין אַ מלחמה.

ערשט נאָכ'ן צעוויינען זיך האָט זיך דאָס פֿאָלק די זאַך אַנדערש איבערלעגט. זענען זיי מיט אַמאָל געוואָרען פֿלאַם-פֿייער באַגייסטערט פֿאַר'ן נייעם לאַנד און האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן געגען דעם באַרג, ס'איז שוין אָבער געווען פֿאַרפֿאַלען. די וויינערס פֿון נעכטען האָבען נישט מעהר געקאָנט זיעגען. דאָס פּלוצים'דיגע אויפֿפֿלאַקערן פֿון אַ נייעם מוטה צו דער מלחמה איז נישט מעהר געווען ווי אַ מאָמענטאַנעס פֿאַרשטיקען פֿון אַן אינעוויי-ניגסטער פֿייגהייט.

אָט אַזאַ דור האָט געמוזט צוערשט אויסשטאַרבען, ווייל עס האָט זיך נישט געלאָזט טהאָן גאָר מיט אַזעלכע מענשען, וואָס זענען גרייט געווען צו וויינען און צו פֿאַרלירען דעם מוטה ביי דער ערשטער שוועריגקייט.

ווידערהאָלט האָט זיך אויך דיזעלבע געשיכטע אין אונזערע צייטען.

פֿאַר די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד האָבען אידען אָנגעהויבען צו אַנט-לויפֿען, וואו די אויגען האָבען זיי געטראָגען. האָט זיך דאַן ארץ-ישראל באַוויזען ווי אַ שטראַהל פֿון אַ ליכטיגע צוקונפֿט. האָט אָבער איטליכער געמיינט, אַז מען דאַרף נאָר וועלען אַהין קומען, שטעהט שוין דאָס לאַנד אָפֿען. ס'איז געווען פֿאַרשפּרייט די מיינונג אין איראָפּאַ, אַז די טירקיי איז אַ לאַנד פֿון הפקר, די דאָרטיגע רעגיערונג איז זעהר אַ שוואַכע, האָט מען דאַדורך געגלויבט, אַז עס וועט גענוג זיין מען זאָל אַהין-קומען מיט אַ לאָפּעטע אין האַנד, וועט מען שוין דאָרט קענען באַזיץ ערגרייפֿען פֿון דער ערד.

אַזאַ מין מיינונג וועגען פּאַלעסטינאַ האָבען געהאַט די חאַרקאָווער סטודענטען, וואָס האָבען זיך צוזאַמענגענומען מיט דעם אויסרוף: „בית יעקב לכו ונלכה!" עס האָט זיך זיי אויסגעוויזען, אַז דער באָדען אין ארץ-ישראל איז אָהן אַ בעל-הבית און איטליכער קען דאָרט זיין אַ „זוכה מן ההפקר". האָבען זיי זיך געטהאָן אַ לאָז קיין ארץ-ישראל צו ערגרייפֿען באַזיץ פֿונ'ם לאַנד.

עס טאָר זיך אָבער קיינעם נישט וועלען לאַכען איבער דער נאַאיוויטעט פֿון די חאַרקאָווער סטודענטען, וואָס האָבען געגלויבט אַז מען קען באַ-זעצען ארץ-ישראל אויף אַ גרינגען אופֿן, ווייל זיי זענען נישט די ערשטע אין דער געשיכטע מיט אַזאַ מין נאַאיווען גלויבען. אַן עהנליכע אמונה האָט אויך געהאַט די עסטרייכישע רעגיערונג, ווען זי איז געגאַנגען באַ-זעצען באָסניען. מיניסטער אַנדראַשי האָט דאַמאָלס ערקלעהרט, אַז עס וועט גענוג זיין אַהינצושיקען איין אָרקעסטער מוזיקאַנטען צו באַזעצען דאָס גאַנצע לאַנד. לסוף האָט עס אָפּגעקאָסט דאָס לעבען פֿון זיבען טויזענד סאָלדאַטען, ביז באָסניען איז געוואָרען עסטרייכיש. אַ נאַאיווע מיינונג

װעגען באַזיץ־ערגרייפען פון אַ לאַנד האָבען אויך געהאַט די טויזענדער דייטשע אויסװאַנדערער, װאָס זענען געגאַנגען קלויבען גאָלד אין קאַליפאָרניען און הונדערטער מענשען האָבען דאַן באַצאָהלט די נאַאיװיטעט זייערע מיט׳ן לעבען.

געמיינט אַז מען דאַרף נאָר װעלען געהן קיין ארץ־ישראל, האָט אויך דר. טהעאָדאָר הערצל. װען ער האָט צונויף־גערופען דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל, האָבען איהם פאָרגעשװעבט די אויפרופען פון דער רעגיערונג אין קאַנאַדאַ, װעלכע האָט יאָהרען־לאַנג געבעטען, מען זאָל אַהין קומען באַזעצען דאָס לאַנד. האָט דאַן הערצל געהייסען זאַמלען חתימות פון מענשען, װאָס זענען גרייט צו פאָהרען קיין ארץ־ישראל. האָבען זיך אָנגעזאַמעלט עטליכע גרויסע קאַסטענס אונטערשריפטען פון רוסישע און רומענישע אידען, װאָס האָבען געגלויבט אַז דער קאָנגרעס קען זיי געבען די מעגליכקייט זיי זאָלען זיך באַזעצען אין ארץ־ישראל. אין מאַנכע שטעדט האָבען אידען גערן צוגעצאָהלט צו עטליכע סענט פאַר יעדע חתימה און מענשען האָבען אויך געמאַכט אַ היבשע מטבע פונ׳ם פאָלק׳ס נאַאיװיטעט.

איטליכער װייסט אויך װאָס עס טהוט זיך היינט אין דער דאָזיגער פראַגע, און עס איז לחלוטין נישט נויטיג, דעם ענין נאָכאַמאָל איבערצוקייען. דאָס אידישע פאָלק זוכט אַ היים און איז גרייט צו אַלעמען. עס לאָזט זיך אפילו צומאָל אָפּשרעקען אויף אַ מינוט, װען מען קומט איהם דערצעהלען, אַז דאָס לאַנד װאָס עס האָט זיך אויסגעקליבען, האָט אַן אונגעזונטען קלימאַט אָדער עס קען נישט געבען קיין פרנסה פאַר זיינע איינװאוינער. אָט דאָס אָפּשרעקען דויערט אָבער נאָר אויף איין מינוט, װייל נאָך דער מינוט איז דאָס פאָלק װייטער גרייט צו אַלעמען, צו דעם אונאיבערלעגטעסטען שריט אפילו, מיט דעמזעלבען ענטהוזיאַזמוס פון בעפאָר.

און װען דאָס אידישע פאָלק איז נאָך נישט אויסגעלייזט געװאָרען ביז היינט, איז עס נישט װייל עס פעהלט איהם דער װילען צו דער גאולה, דער װילען צו דער גאולה האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט ביים אידישען פאָלק. דאָס שלעכטע איז נאָר, װאָס דאָס פאלק שרעקט תמיד צוריק פאַר יעדער פראָבע, אפשר װעט זיך לאָזען עפּעס טהאָן.

מאַדאַם קרח

(קען צוגעטשעפּעט ווערען צו פרשת קרח)

קרח בן יצהר איז געווען אַ קלוגער איד און אַ גרויסער עושר. אָנגעפּאַקט מיט אוצרות גאָלד איז ער אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. נאָר אַזוי ווי ער איז געווען זעהר שטאָלץ אויף זיין קלוגשאַפט און אויף זיין עשירות, האָט איהם משה רבנו נישט צוגעטיילט קיין באַזונדערען כבוד און האָט איהם נישט אויסגעקליבען צו קיין באַזונדער אַמט, חוץ וואָס ער האָט געהאַט צו טהון ביי דער עבודה פונ׳ם משכן אַלס לוי: ביים טראָגען דעם ארון, דעם שלחן, די מנורה, די מזבחות און נאָך אַנדערע הייליגע כלים. דאָס וואָלט איהם אויך ווייניג וואָס געהאַרט. משה׳ס עמטער האָבען סיי־ווי נישט געבראַכט קיין הכנסה און וואָס עס האָט נישט געשמעקט מיט הכנסה, האָט נישט געהאַט פאַר קרח׳ן קיין שום רייץ. האָט איהם אָבער דאָס ווייב כסדר גענודעט, וואָס ער לאָזט זיך עפּעס איגנאָרירען. חאָטש די כבודים האָבען נישט איינגעבראַכט קיין געלד, האָט די אַמ־ביציע פון קרח׳ס ווייב שטאַרק געליטען פון דעם, וואָס איהר מאַן איז נישט אויסגעוואַקסען מעהר פון דער גאַנצער משפּחה.

איך מוז דיר זאָגען דעם אמת — האָט די מאַדאַם קרח געטענה׳ט צו איהר מאַן — אַז ווער עס האַלט דיך פאַר קלוג, איז אַליין אַ טפּש. זעהסטו, משה איז אַ איד אַ חכם. פאַרשטעהט צו פיהרען דאָס רעדעל, איז ער געוואָרען אַ מלך ביי אידען, האָט ער געמאַכט דעם ברודער פאַר כהן־גדול, שאלות פרעגען לאָזט ער נישט, „גאָט האָט אַזוי געהייסען!“ איז אַ גוטע תשובה אויף אַלעמען. איז איהם דאָס נאָך ווייניג, געהט ער און מאַכט אליצפן בן עוזיאל פאַר אַ נשיא איבער דער גאַנצער משפּחה קהת, און קרח׳ן לאָזט ער זיצען אין דער היים. קרח איז אַ גאָר־נישט, אַ פּראָסטער טרעגער פון כלי קדש, וואָס מוז אויפשטעלען די פּלייצעס, מען זאָל אַרויפלעגען אויף איהם די משאות פונ׳ם משכן, גלייך ווי אויף עפּעס אַ בהמה.

— וואָס טויג מיר דיין גאַנצע חכמה און וואָס האָב איך פון דיין עשירות?

— האָט זי ווייטער צוגעגעבן מיט טרעהרען אין די אויגען — אַז אליצפן'ס ווייב איז אַ גרעסערע מיוחסת פון מיר. אָט האָב איך מיך יענע וואָך גענומען אויסשטיקען אַ יריעה פון ציעגענהאָר, האָט אליצפן'ס ווייב געזאָגט, אַז מען דאַרף שוין נישט. פאַרשטעהסטו די העזה פון אזא קבצן'טע? אליצפן'ס ווייב האָט נישט געוואָלט אָננעהמען דיין ווייב'ס מתנה!

קרח האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז דאָס ווייב איז גערעכט מיט איהרע טענות. ווי עס האָט איהם אָנפאַנגס נישט געהאַרט, וואָס משה האָט איהם איגנאָרירט ביים אויסטיילען די כבודים, האָט עס איהם שוין אַצינד גוט געשטאָכען. עס האָט איהם אָנגענומען אַ קיצעל צו'ן אַ שטיקעל כבוד — חאָטש דעם ווייב צוליעב. ער האָט זיך געפיהלט קליין ביים ווייב אין די אויגען, וואָס ער קען איהר נישט געבען די מעגליכקייט פון דעם מינדעסטען שטיקעל כבוד.

איז ער דאַדורך באַלד געלאָפען אָפּהאַלטען אַן עצה מיט דתן ואבירם. זיי זענען געווען מענשען פון איינפלוס — און ס'איז קרח'ן געווען שטאַרק געלעגען, ער זאָל זיי קענען געווינען אויף זיין זייט, עס זאָל זיך אָנהויבען עפּעס אַ מחלוקה געגען משה'ן.

ס'איז איהם אויך געלונגען, וואָס ער האָט געוואָלט. דתן ואבירם האָבען נאָך צוגעבראַכט זייערען אַ קרוב, און בן פלת, צוזאַמען מיט אַ מחנה פון צוויי־הונדערט־פופציג מאַן, עשירים און בכבוד'ע בעלי־בתים. אַלעס האָט זיך דאַן פאַרזאַמעלט נעבען קרח'ס געצעלט, אויסצוגעפינען אַ פּלאַן געגען משה'ס פיהרונג.

קרח האָט זיך געהאַט קוים וואָס אויפגעחאַפּט פונ'ם שלאָף, האָט איהם דאָס ווייב אָנגעזאָגט די בשורה, וואָס פאַר אַ גרויסער עולם עס וואַרט אויף איהם פאַר'ן הויז. איז דאַן קרח אַרויסגעקומען צום פאַרזאַמעלטען עולם און האָט זיי מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל געוואונשען אַ „גוטען מאָרגען".

„ספּיטש! ספּיטש!" — האָט דער עולם געשריגען פון אַלע זייטען.

האָט זיך קרח אויסגעהוסטעלט און אָנגעהויבען אַ ספּיטש וועגען דער באַדריקונג פונ'ם פאָלק דורך עטליכע זעלבסט־געקרוינטע פיהרער, וואָס האַלטען די לייצען פון דער ממשלה אין זייערע הענד און האָבען זיך גענומען רייטען אויף דער כנסת ישראל ווי אויף אַ בלינדער קלאַטשע.

— איהר טאָרט אָבער נישט דענקען, אַז איך מיין חלילה מיין אייגענע טובה — האָט קרח אַ געשריי געטהון נישט מיט זיין קול — וויל איך מיין די טובה פונ'ם גאַנצען כלל. אַלע זענען מיר געשטאַנען ביים באַרג סיני מקבל צו זיין די תורה, כל העדה כלם קדושים, די גאַנצע עדה,

אָרים און רייך, יונג און אַלט, הויך און נידריג. דאַרף דאַדורך זיין אונזער לאָזונגס־וואָרט: גלייכע רעכטע פאַר אַלעמען! לסוף האָבען מיר אַ קאָנ־סטיטוציע נאָר אויפ'ן פּאַפּיער און אין ווירקליכקייט הערשט אַן איינציגע משפחה. צוויי ברידער טהוען וואָס זיי ווילען נאָר און לאָזען נישט קיינעם זאָגען קיין דעה.

— ניעדער מיט דער משפחה! לעבען זאָל קרח! — האָט דער עולם געשריגען.

— און ווען איך דערמאָן מיך, ווי פאַרפיהרט מיר ווערען פון אונזערע פיהרער — האָט קרח ווייטער גערעדט — ווי אויסגענוצט מיר ווערען פון אונזערע זעלבסט־הערשער מיט זייערע געזעצע, דאַן טריפט פון מיר מיין בלוט און עס צינדט זיך אָן אין מיר אַ העליש פייער, און וועלכען איך וואָלט גערן פאַרברענט די פאַלשע פיהרער מיט זייערע געזעצע אין־איינעם.

— ביי מיר אין שכנות — הויבט אָן קרח צו דערצעהלען — וואוינט אַן אָרימע אלמנה מיט צוויי דערוואַקסענע טעכטער. נאָך איהר מאַן'ס אָפּשטאַרבען איז איהר געבליבען אַ קליין שטיקעל פעלד און איין אָקס מיט איין אייזעל. אויף אַלע שונאים געזאָגט אַזא ירושה! די אָרימע אלמנה האָט זיך אָבער נישט געקאָנט העלפען און האָט געמוזט זיין גרייט, צו ציהען איהר פרנסה פון אָט דער אָרימער ירושה. האָט די אָרימע אלמנה גענומען די צוויי שטיקלעך בהמות און האָט געוואָלט פאַראַקערן איהר פעלד. האָט מען איהר געשיקט זאָגען, אַז מען טאָר נישט. ווייל עס שטעהט: „לא תחרוש בשור וחמור יחדו". האָט זי זיך נעביך אַליין גע־מוזט פּלאָגען מיט די צוויי טעכטער, אויפגראָבען דאָס פעלד מיט די הענד און שלעפּען אַליין דאָס אַקער־אייזען. האָט זי זיך דערנאָך גענומען פאַר־זייען דאָס פעלד, האָט מען איהר געשיקט זאָגען: „שדך לא תזרע כלאים", אַז מען טאָר נישט פאַרזייען קיין פאַרמישטע מינים. און אַז גאָט האָט געהאָלפען, די אלמנה האָט זיך שוין געקאָנט נעהמען שניידען דאָס פעלד, האָט זי געמוזט איבערלאָזען לקט, שכחה און פאה פאַר אָרימע לייט. אָט דאָס איז געווען אַ צוגאָב צו איהרע גרויסע גליקען!

קרח האָט זיך אַ מינוט אַרומגעקוקט צווישען זיינע צוהערער, צו זעהען דעם רושם פון זיינע ווערטער, און מיט אַ צופריעדענער מינע האָט ער דאַן פאָרטגעזעצט זיין רעדע:

— פיהרט נעביך די אָרימע אלמנה דאָס ביסעל תבואה אַהיים, מאַכט מען איהר ערשט אַ חשבון פון תרומה און מעשר. האָט די אָרימע אלמנה איינגעזעהען, אַז זי וועט נישט קענען אויספיהרען מיט'ן פעלד, האָט זי

דאָס שטיקעל פעלד פאַרקויפט און האָט זיך געקויפט צוויי שעפּעלעך, זי זאָל קענען לעבען פון דער וואָל. חוץ לזה איז נאָך דאָ אַ האָפנונג, אַז פון די צוויי שעפּעלעך קען אַרויסקומען אַ דריטס. העלפט גאָט און די שעפּעלעך מעהרען זיך, ווי דער שטייגער איז, קומט אהרן און זאָגט, אַז דאָס בכור׳ל פון די שעפּעלעך באַלאַנגט צום כהן. נעהמט די אלמנה און גיט איהם אַוועק דאָס בכור׳ל. איז דאַן געקומען די צייט צו שערען די שעפּעלעך, קומט אהרן און פאַרלאַנגט „ראשית הגז“, די ערשטע וואָל. האָט די אלמנה געזעהען, אַז עס איז שוין נישט צום אויסהאַלטען, פאַלט זי אויף אַ המצאה, די שעפּעלעך צו קוילענען, זי זאָל חאָטש האָבען דאָס שטיקעל פלייש. קוים האָט זי אָבער די שעפּעלעך געקוילעט, קומט דער כהן און פאַרלאַנגט זיין חלק „הזרוע והלחיים והקיבה“. און ווי די אלמנה האָט געזעהען אַז עס איז שוין „באו מים עד נפש“, איז זי נעביך געוואָרען אין כעס אויף זיך און האָט זיך געמאַכט אַ חרם, זי זאָל דאָס פלייש פון די שעפּעלעך גאָר נישט געניעסען. איז אהרן פון דעם געוואָהר געוואָרען און האָט די גאַנצע שעפּעלעך צוגענומען, וויל דער אויבערשטער האָט איהם געזאָגט: „כל חרם בישראל לך יהיה“.

די מעשה האָט זעהר שטאַרק אויפגערעגט דעם עולם — און קרח האָט נאָך צוגעגעבען:

— קענט איהר אַלזאָ גלויבען אַז דער גאָט וואָס האָט אונז אויסגעלייזט פון מצרים זאָל פאַרלאַנגען אַזעלכע אונגערעכטיגקייטען?

„אונגלויבליך! שרעקליך! נידערטרעכטיג!“ — האָבען זיך געהערט קולות פון אַלע זייטען. קרח׳ס ווייב איז געשטאַנען פון ווייטען און האָט געשעפּט נחת פון איהר מאַן׳ס ערפאָלג.

האָט מען זיך דאַן אָנגעהויבען מייעץ צו זיין וואָס מען זאָל טהאָן, צי מען זאָל דאָ געהען מיט גוטען, צונויף־נעהמען די טענות און פאַרלעגען זיי אין אַ פעטיציע צו משה, אָדער מען זאָל געהען מיט בייזען, אָהן שום טענות.

איז דאַן אויפגעשטאַנען און בן פלת און האָט געוואָלט נעהמען דאָס וואָרט. איז פלוצים אויסגעוואַקסען דאָס ווייב זיינס און האָט איהם אַוועקגעשלעפּט פון דער מחנה.

— נאַרישער איד, וואָס די ביזט — האָט זי אויף איהם אַ געשריי געגעבען — וואָס ווילסטו רעדען? וואָס איז דיר פאַר אַ חלוק, ווער עס האָט די ממשלה איבער׳ן פאָלק און שינדט פון איהם די הויט? איז משה דער ראש פון די אידען, ביזטו זיין אונטערטהאַן; וועט קרח זיין דער ראש, ביזטו זיין אונטערטהאַן. „אי מר רב אנת תלמידו ואי מר רב אנת

תלמידו". דו פאַר דיר קענסט דאָ ביי דער מחלוקה גאָר נישט פראָפיטירען!
אונ בן פלת האָט באַלד איינגעזעהען, אַז דאָס ווייב איז גערעכט. אַז דער אָרימאַן דאַרף זיך טאַקי נישט מישען, וואו די גדולים צאַנקען זיך, ווייל דער קריעג קען פאַר איהם נישט ברענגען קיין נוצען, אָהנע ריקזיכט וועלכער צד עס וועט זיעגען, בלייבט ער אַליץ אַן אונטערטהאַן אונ עס דאַרף איהם נישט זיין קיין חלוק, ביי וועלכען צד ער איז אונטערטהעניג.

III.

באַוואוּסטע כאַראַקטער־קעפּ
און גלאַט קאָפּ־מענשען

פאַרבאַמערקונג

די פאָלגענדע באַמערקונגען וועגען פאַרשיעדענע פראָמינענטע פערזענליכקייטען האָבען נישט דעם צוועק, אָנגענומען צו ווערען אַלס ביאָגראַפישע „שטודיען“, וואָס באַלייכטען די געשילדערטע פערזענליכקייטען פון אַלע זייטען. זיי ווילען בלויז דיענען אַלס כאַראַקטעריסטישע „באַמערקונגען“, וועגען וועלכע עס קען געוועהנליך געזאָגט ווערען, אַז דער פאַרפאַסער האָט זיך אין זיי באַשטרעבט, צו זאָגען וועגען יעדער פערזאָן עטוואָס אַזוינס, וואָס אַנדערע האָבען נישט געזאָגט.

נישט וועגען אַלע דאָ געשילדערטע פערזאָנען האָט דער פאַרפאַסער אַ גוטע מיינונג. איז טאָמער ווערט דאָ געזאָגט אַ וואָרט פון קריטיק וועגען איינעם, וועלכער איז שוין היינט אַ „שוכן־עפר“, מוז גלייכצייטיג באַמערקט ווערען, אַז דער פאַרפאַסער פון די פאָלגענדע „באַמערקונגען“ האַלט נישט, אַז אַ „שוכן־עפר“ איז געגליכען צו'ן אַ צאַרישען גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועגען וועלכען עס טאָר נישט געזאָגט ווערען קיין וואָרט פון קריטיק.

הערצל

ווי פון די וואָלקען אַראָפּגענידערט צו די מענשען־קינדער האָט זיך הערצל פּלוצים באַוויזען. קיינער האָט זיך עס נישט געקאָנט ערקלעהרען, ווי אַזוי עס האָט זיך אַזאַ אונגעוועהנליכע ערשיינונג גענומען ביי אידען.

געבוירען אין אַ סביבה פון געלד־מענשען און „וואוילטאָגער", איז ער אַריבערגעוואַקסען איבער אַלעמען אין אידעאַליזמוס, וועלכער האָט זיך אויפגעהויבען איבער יעדער אַלטעגליכקייט ביז צו דער הויך, וואו דאָס מענשליכע אויג האָט איהם נישט מעהר געקאָנט נאָכפאָלגען.

געלעבט האָט ער פריהער אין אַ וועלט אַן אַנדערער און אין אַ סביבה אַ פרעמדער. האָט פּלוצים דער אידישער גלות־קרעכץ דער שוידערליכער דערגרייכט דאָס אויער זיינס דאָס מפונק'ע און ער איז אַריינגעדרונגען טיעף אין האַרצען זיינעם דעם פיינפיהלענדיגען.

נישט דורך די וועגען פונ'ם שריפטטום פון אונזערען איז ער געקומען. ער האָט אויך נישט געשעפּט די ליעבע זיינע די וואונדערליכע צום פאָלק צו זיינעם פון אונזערע קוואַלען די גייסטיגע, די אייביגע.

וואו ער האָט זיך נאָר באַוויזען, האָט ער פאַראיידעלט די אומגעבונג. זיין בליק האָט ווי פאַרניכטעט יעדע מענשליכע קלייניגקייט און האָט געמאַכט פאַרשווינדען דעם גייסט פון וואָכענדיגקייט. אַ קוק אויף איהם האָט גענוגט, צו פאַרווישען יעדע שפור פון געוועהנליכער זאָרג און צו באַלייכטען יעדעס פנים מיט אַן אידעאַלער צורה פון אייביגע גרויסע שטרעבונגען.

די בעסטע יאָהרען זיינע האָט ער געווידמעט פאַר אידען, חאָטש די ערציהונג זיינע איז געווען אַן עקסטרעם אַסימילאַטאָרישע, וואו עס עקזיס־טירט נישט מעהר קיין שייכות מיט די מאַסען פונ'ם פאָלק.

און ווען ער האָט גענומען אויפ'ן זינען די לאַגע פון זיינע ברידער, איז איהם נישט געקומען דער געדאַנק ווי ביי אונזערע פילאַנטראָפּען, אַז מען דאַרף העלפען די „אָרימע ברידער", ווייל דער וועג זיינער איז געווען גאָר אַ נייער. צוזאַמען מיט אַלעמען האָט ער זיך געפיהלט ערניד־

ריגט פונ'ם גלות און צוזאַמען מיט אַלעמען האָט ער זיך געוואָלט אויפהויבען מיט זיי אין־איינעם פון דער טרויריגער געגענוואַרט צו אַ ליכטיגער צוקונפט.

האָט זיך אונזער הערצל אַ לאָז געטהון מיט אַלע חושים זיינע, אויסצוזוכען פאַר די ברידער די אייביג פאַראומערטע אַן אויפריכטונג אַן ענדגילטיגע. און געטריבען צו דעם האָט איהם די נשמה זיינע די הויכע און אַ קראַפט אַ מיסטעריעזע, וועלכע איז אין דער גרויסקייט איהרער אונדערגרייכבאַר געווען פאַר'ן פאָלק, צו וועלכען ער האָט זיך געווענדט, ווייל חוץ דעם כח דעם אומגעוועהנליכען, וועלכער האָט שטענדיג באַוועגט איהם און געפיהרט צו טהאַטען גראַנדיאָזע, האָט ער פאַרמאָגט אין זיך אַן אויסמיש אַן אָריגינעלען פון מעלות פאַרשיעדענע, פון אַ דול־דונגס־קראַפט אַ לאַנג־דווערנדער מיט אַ טעמפעראַמענט אַ הייסען, פון אַ ווילען אַ שטאָלענעם, פון אַן אמונה אַ נאַאיווע מיט אַ כח־הדמיון אַ וואונדערליכען.

אַזוי האָט ער אין זיך פאַראייניגט מדות אַזעלכע, וואָס דאַרפען באַצייכענט ווערען מיט נעמען אונצעהליגע, ווייל עס איז נאָך נישט אויסגעפונען פאַר זייערטוועגען אַ נאָמען אַן איינציגער.

נישט פון זיין סביבה האָט ער באַקומען די אידעע. נישט פון ביכער האָט ער זי אַרויסגעלעזען. אַזעלכע נאַטורען קענען נישט באַאיינפלוסט ווערען פון ערגיץ. אַלע זייערע כחות שעפען זיי פון אַן אינעווייניגסטען קוואַל, וועלכער געפינט זיך אין דער טיפעניש פון זייער נשמה.

אַ באַזונדערער מין כשוף איז געלעגען אויף הערצל'ס ערשיינונג. דעם בליק פון זיינע אויגען האָט קיינער נישט געקאָנט אויסהאַלטען. דאָס וואָרט זיינס האָט געהאַט די טיעפסטע ווירקונג.

נישט מיט'ן אָראַטאָרישען קלאַנג פון זיינע רעדען האָט ער באַאיינפלוסט, נאָר מיט דער אינערער איבערציינונג, וועלכע האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע פאַר'חלומ'טע אויגען.

הונדערטער יאָהרען האָט אַ ירידה אַ קאַטאַסטראָפאַלע געבראַכט אונז גסיסה־אַנגסטען לאַנגדווערנדע — און עס האָט זיך איטליכען אויסגעדאַכט, אַז מיר האַלטען שוין ביים אונטערגאַנג. האָט זיך פון צווישען אונז פלוצים אַרויסגעריסען אַ מענש אַ האַרמאָניש צונויף־געשטעלטער, וועלכער האָט דער ערשטער מיט אַ חוש אַ נביא'שען דערשפירט די סכנה די גרוי־זאַמע, וואָס הענגט איבער די קעפ אונזערע. האָט ער אין זיך געפונען דעם רצון דעם געניגענדען און דעם כח דעם פאַסענדען, דעם מוטה דעם נויטיגען, דעם שטאָלץ דעם געהעריגען און די געדולד די גרויסע, צו

קעמפפען געגען יענער סכנה און נישט מיד צו ווערען אויף דעם וועג דעם שווערען, וועלכער האָט געפיהרט איבער מדבריות זאַמדיגע, איבער ים'ען ווייטע, איבער דערגער שטעכיגע און איבער פעלזען שפיציגע.

און אידען, וועלכע זענען געוועהנליך די שאַרפסטע קריטיקער ביי פראַגען פון זייער צוקונפט, זענען אַנטציקט געווען פון זיין אידעע און האָבען בלינד געגלויבט יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל.

זעלבסטפאַרשטענדליך האָבען אויך נישט געפעהלט קיין צווייפלער.

עס האָט גאָר נישט געקאָנט זיין אַנדערש ביי אַ פאָלק, וועלכעס האָט נישט געוואָלט הערען זיין ערשטען פיהרער, ווי לאַנג ער האָט זיי נישט געוויזען קיין איבערנאַטירליכע וואונדער, און ווען זיי האָבען דערזעהן זייער ערשטען קעניג, האָבען זיי פון איהם חוזק געמאַכט, חאָטש ער איז געווען דער שעהנסטער און דער העכסטער צווישען אַלעמען.

ווי שטאַרק עס איז אָבער געווען דער צווייפעל אינ'ם ערפאָלג פון הערצל'ס באַשטרעבונגען ביי די קריטיקער פון זיין אידעע, איז ער גע־וועהנליך פאַרשוואונדען, ווען הערצל האָט נאָר געעפענט זיין מויל און האָט מיט זיין שטאַרקען זעלבסטגלויבען יעדען צווייפעל צו־נישט געמאַכט.

קעניגע האָבען זיך געלאָזט באַאיינפלוסען פון זיין ערשיינונג. מיניס־טאָרען האָבען זיך פאַר איהם געבויגען.

הערצל'ס אידעע איז נישט געווען קיין נייע. פיעל מאָל איז שוין די אידעע אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון אַנדערע, פון אידען גלייך ווי פון קריסטען, וועלכע האָבען באַהאַנדעלט די פראַגע פון דער אידישער גאולה פון פאַר־שיעדענע שטאַנדפונקטען. ניי איז אָבער געווען די פאָרם, אין וועלכער הערצל האָט אַרויסגעזאָגט זיין אידעע. ניי איז אויך געווען די גרויסע קראַפט, וועלכע ער האָט פאַרווענדעט ביים אָרגאַניזירען פונ'ם פאָלקס־ווילען צו דערגרייכען דאָס ציעל פון זיין אידעע.

וואונדער אַזעלכע געשעהען נאָר ביי אַ פאָלק, וואָס ווייסט דעם סוד פון נישט־קענען אונטערגעהען, אפילו דאַן ווען יעדער דענקט, אַז דער אונטערגאַנג איז נאָהענט, ווען אויסגעריסען זענען אַלע וואָרצלען, אויס־געלאָשען אַלע פונקען און עס האַלט שוין טאַקע ביי די לעצטע שעה'ן אינ'ם פראָצעס פון פאַרניכטונג.

הערצל און דאָס אידישע פאָלק איז געווען אַ פּאָרעל, וואָס האָבען זיך ביידע זעהר ליעב געהאַט. הערצל — אַ פיגור אַ דראַמאַטישע, אַ מענש אַ סענטימענטאַלער, אַן ענטהוזיאַסט אַ צויבערפולער. און דאָס פאָלק, פאַר וועלכען עס האָט דער דאָזיגער מענש געאַרבייט, איז געווען בלויז אַ גרופע אַ פאַר'חושך'טע און אַ טשערעדע אַ פאַרצווייפעלטע.

פונדעסטוועגען האָבען ביידע — הערצל און דאָס אידישע פאָלק — געבילדעט אַ פּאָרעל, וואָס טראָגט דעם תהום דעם טיפען, וועלכער האָט ביידען אָפּגעשיידט איינעם פון'ם אַנדערן, האָט דער זווג געמוזט עולה־יפה זיין, ווייל גלייך ווי עס איז גרויס געווען די אָרימקייט די שרעקליכע, דאָס שפלות דאָס אונאויסשפּרעכליכע און די אָהנמאַכט די אונבאַשרייבליכע ביים אידישען פאָלק, אַזוי קאָלאָסאַל איז געווען הערצל'ס עשירות די גייסטיגע, זיין פּזרנות די געוואַלדיגע, זיין שטאָלץ דער קעניגליכער און זיין גבורה די ריעזיגע.

אָט אַזעלכע אוצרות האָט הערצל מיט אַ האַנד אַ ברייטער אַריינגעבראַכט צום אידישען פאָלק אַלס אַ גאַראַנטיע פאַר דער אויפלעבונג זיינער און אַלס אַ יסוד צו זיין נצחון דעם טריאומפאַלען.

ליעבּ געהאַט האָט הערצל זיין פאָלק אויף אַן אופן אַן אונבאַשרייבליכען, אויף אַ שטייגער אַן ערנסטען און אַ מדרגה אַ האַרציגער. „ליעבגעהאַט" איז אָבער לחלוטין נישט דאָס ריכטיגע וואָרט. די מענשליכע שפּראַך האָט איבערהויפּט די גענויע באַצייכנונג פון אַזאַ איבערגעבענהייט נאָך נישט אויסגעפונען, ווייל עס האָט נאָך אַזאַ ליעבע נישט עקזיסטירט.

אין די טיעפענישען פון דער נשמה זיינער האָט געברענט אַ פאָלקסליעבע אַ הייליגע, וועלכע איז געווען צוזאַמענגעשמאָלצען מיט זיין גאַנצען וועזען, אַ ליעבע אַ גרענצענלאָזע און אַן אונטיילבאַרע. און פון דער דאָזיגער ליעבע זיינער האָט געשטאַמט זיין מיטלייד דאָס גרויסע און זיין מיטגעפיהל דאָס שטאַרקע, וועלכעס האָט אין אַלע אברים געשפּירט יעדען קלאָפּ, וואָס אַ איד האָט ערגיץ געקראָגען, גלייך ווי יעדעס אונרעכט, וואָס איז ערגיץ צו אַ אידען געטהון געוואָרען.

עס האָט אויך דאָס אידישע פאָלק מיט זיין חוש דעם געזונטען, וועלכער נאַרט איהם קיינמאָל נישט אָפּ, דערפיהלט תיכף דאָס קאָלאָסאַלע, דאָס שעהנע און דאָס מעכטיגע, וואָס עס טראָגט מיט זיך אָט די פיגור די ריעזיגע, און אין די הערצער די אידישע האָט זיך הערצל'ס נאָמען איינגעקריצט אין די טיעפסטע טיעפענישען, ווי עס קריצט זיך איין אַן אויסערגעוועהנליכער לעגענדאַרער פאָלקס־העלד, וועמעס נאָמען עס דאַרף זיין הויך און הייליג, געליעבט און געאַכפּערט.

הערצל'ס אַרבייט ביים טייערען אידעאַל זיינעם, פאַר וועלכען ער איז געווען גרייט צו אָפּפערן די גאַנצע וועלט מיט זיך אין־איינעם, האָט איהם פיעל אינעווייניגסטען וועהטאָג און מאָמענטען פון פּשוט'ער פאַרצווייפלונג געבראַכט. אינ'ם וואונש צו געווינען די סימפּאַטיע פון אַלע גרויסע מענשען, די איינפלוסרייכע, ביי וועלכע ער האָט זיך מיט אַלערליי קונסט־

אייגענשאַפטען און דיפּלאָמאַטישע המצאות באַמיהט, פּלעגט ער קריגען נאָר אַ מאָמענטאַנע הסכמה, אַן איראָניש מיטגעפיהל, אַ פּאַראינטערע־סירונג מיט אַ האַלב מויל, און אַמאָל פּלעגט ער קריגען בלויז אַ ווערטה־לאָזען קאָפּ־שאָקעל אַ באַנאַלען.

איז אָבער דאָס אַלעס נישט מסוגל געווען, אָפּצוהאַלטען איהם פון ווייטערדיגע אָנשטרענגונגען און אונטערנעהמונגען. פון יעדער אַנטוישונג פלעגט ער נייע קרעפטען שעפען. ער ווערט אָבער דאַבּיי אינעווייניג קראַנק, און ווייל ער שטאַרקט זיך, נישט צו באַווייזען די אונצופריעדענהייט זיינע פאַר דרויסענדיגע און נישט צו פאַרלירען אַליין דעם גלויבען, פיהלט ער זיך זעהר אָפט שרעקליך אומגליקליך ביז ער איז ענדליך צוזאַמענ־געבראָכען...

נאָרדוי

אין די 73 יאָהר און 6 חדשים, וואָס נאָרדוי האָט געלעבט, האָט ער זעכציג יאָהר געשריבען — און עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַ מענש וואָס די ערשטע ליטעראַרישע אַרבייט זיינע איז ערשיענען אין 1863 ווען ער איז אַלט געווען פערצעהן יאָהר, און זיינע לעצטע ליטעראַרישע אַרבייטען זענען ערשיענען אין 1922 ווען ער איז אַלט געווען 73 יאָהר, האָט זיכערליך דורכגעמאַכט אַזעלכע זעלישע וואַנדלונגען, אַז דער היינט זיינער האָט פאַרוואָרפען די אידעאַלען פונ'ם נעכטען און דער מאָרגען זיינער האָט נישט געוואָלט מעהר אַנערקענען די שטרעבונגען פון היינט.

דאָס מוז מען אויך באַדענקען, אַז נאָרדוי איז געווען אין ערשטער רייהע אַ פובליציסטיש־זשורנאַליסטישער שרייבער, וועלכער ווערט געוועהנליך באַאיינפלוסט פון די טעגליכע געשעהענישען — און וועהרענד דער צייט פון נאָרדוי'ס שריפטשטעלערישער טהעטיגקייט האָט פראַנקרייך פאַרלוירען איהר אינטערנאַציאָנאַלע שטעלונג און די פראַנצויזישע מאָנאַרכיע איז געוואָרען אַ רעפובליק, פוילען האָט פאַרלוירען איהר לעצטע רעוואָלוציע און רוסלאַנד איז געוואָרען מעהר דעספּאָטיש, שפּאַניען איז פון אַ רעפובליק געוואָרען אַ מאָנאַרכיע, דער פּאַפּסט האָט פאַרלוירען זיין ערדישע מלוכה. אין רוים און איטאַליען איז געוואָרען אַ ליבעראַל קעניגרייך, פּרייסען איז געוואָרען די הערשערין אין דייטשלאַנד און דאָס „פאָלק פון דיכטער און דענקער" איז געוואָרען אַ פאָלק פון שווערד און ביקסען, די באַלקאַנישע שטאַאַטען האָבען זיך געמאַכט זעלבשטענדיג און די טערקיי איז מעהר און מעהר צוזאַמענגעשרומפּען. אויסערדעם האָבען זיך די ברייטע פאָלקסמאַסען אין אַלע ציוויליזירטע לענדער שטאַרק אויסגעבילדעט וועהרענד דער דאָזיגער צייט. פון איין זייט איז אויסגעוואַקסען אַ ווילדער אַנטיסעמיטיזם און פון דער אַנדערער זייט איז אויסגעוואַקסען אַ סאָציאַליזם. און נעבען אָט די צוויי „איזמען" האָט זיך אַנטוויקעלט אַן עקסטרעמער „נאַציאָנאַליזם" אויף די חורבות פונ'ם פריהערן „ליבעראַליזם".

אין זיין שריפטשטעלערישער טהעטיגקייט איז נאָרדוי תמיד געווען

אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס פלעגט אַרונטעררייסען אַלערליי פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע געצעקעס פון זייער הויכער מדרגה אָהן יעדען רחמנות — און פון אָט דעם צערשטערונגס־חשק זענען אַרויסגעוואַקסען אַלע זיינע גייסטיגע שאַפונגען. מיט דער שאַרף פון זיין פעדער האָט ער געשניטען און געפליקט, געריסען און געבראָכען אויף רעכטס און לינקס. די אַזוי־גערופענע אייראָפּעאישע „ציוויליזאַציאָן" איז געווען אין זיינע אויגען אַ דעגענערירטע גאַסען־פרוי, וואָס נאַרט זיך אַליין צוזאַמען מיט אַלע אַרומיגע, וועלכע בוקען זיך צו איהר צוליעב זייער דומהייט. דאָס האָט אויך (לויט זיין מיינונג) פאַראורזאַכט, וואָס אַלע געזעלשאַפטליכע באַוועגונגען און אַלע מענשליכע געפיהלען זענען נישט מעהר ווי פּוסטע באַגריפען און פּראַזעאָלאָגישע פאַלשקייטען, אַ שטייגער ווי: ליעבע, פאַמיליע, שטאַאַט, פּאַרלאַמענטאַריזם, פאָלקסטום און נאָך אַנדערע עהנליכע. יעדע פון זיי איז אויסגעבויט אויף אַ „ליגנערישען" יסוד, ביי וועלכען עס נאַרען זיך די מענשען איינע די אַנדערע און עס איז פּשוט אַ שרעק צו באַדענקען, אַז צווישען די אָפּגענאַרטע זענען אויך פאַרהאַנען קלוגע און געבילדעטע.

די אָפּגענאַרטע מענשען זענען אפילו אַזוי וויט נישט שולדיג — ערקלעהרט נאָרדוי — ווייל זיי שטעהען אונטער דעם איינפלוס פון אַ דעגענערירטער ליטעראַטור, געשריבען פון קראַנקע אויפ'ן מוח, וואָס אימפּאָנירען דעם ברייטען עולם מיט זייער שוואַץ, ווייל זיי שרייבען אונפאַרשטענדליך. און דאָ דאַרף מען וויסען, אַז נאָרדוי האָט אין זיין קאַמפּף נישט געשאַנעוועט די גרעסטע פון דער וועלט. טאָלסטאָי, איבסען, ניעטצשע און נאָך פיעל אַנדערע פון דעמזעלבען שניט זענען געווען אין זיינע אויגען איינפאַך דעגענערירטע משוגעים, וואָס מאַכען משוגע אַ וועלט מיט קלוגע מענשען.

אַזוי האָט דער גרויסער צערשטערער כסדר נאָר געוויזען די שלעכטע זייטען פון דער געזעלשאַפט. פון זייערע שטרעבונגען גלייך ווי פון זייערע גייסטיגע פיהרער, ביז עס איז אויפגעשטאַנען טהעאָדאָר הערצל, וועלכער האָט צו איהם גערעדט וועגען דער אויפלעבונג פונ'ם אידישען פאָלק. און דאָ איז געשעהען דאָס מערקווירדיגסטע, וואָס קען גאָר אויף אַ נאַטירליכען אופן נישט ערקלעהרט ווערען, אַז דער גרויסער לייקענער פון אַלע געזעלשאַפטליכע אידעאַלען, וועלכער האָט תמיד נאָר אַ גרויסען „ניין" געפיהרט אין זיין מויל און האָט נאָר געהאַט אַ גרינגשעציגען שמייכעל פאַר אַלערליי נאַציאָנאַליזמען, איז פּלוצים ווי איבערגעאַנדערשט געוואָרען אַקעגען הערצל'ס אידעע, און נישט נאָר וואָס ער איז געוואָרען אַן איבער־

געבענער אָנהענגער צו הערצל, ווייל ער איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט הערצל׳ן פאַרשטאַנען און האָט איהם כסדר געגעבען מוטה צו דער אַרבייט, און נישט נאָר פאַרשטאַנען האָט ער הערצל׳ן, נאָר ער איז פּשוט געוואָרען הערצל׳ס „מתורגמן“ און „קאָמענטאַטאָר“, וועלכער פלעגט פאַנאַנדערקייען הערצל׳ס ווערטער און מאַכען זיי צוגענגליך פאַר די פאָלקס־מאַסען.

עס קען אָבער פונדעסטוועגען גאַנץ גוט באַהויפּטעט ווערען, אַז דער ציוניזם איז ביי איהם אויך געווען אַ שטאַפּעל אין זיין רעוואָלוציאָנערער דענקונגסאַרט. די אַנטוויקלונג פונ׳ם אַנטיסעמיטיזם אין זיין ווילדעסטער און גלייכצייטיג ציוויליזירטער געשטאַלט, ווי ער האָט זיך אַנטוויקעלט אין פראַנקרייך אין דער צייט פונ׳ם דרייפוס־פּראָצעס, האָט איהם באַוויזען, אַז די גאַנצע „אַסימילאַציע“, צו וועלכער ער און זיינסגלייכען האָבען ביז דאַמאָלס געדיענט, חאָטש ער האָט וועגען איהר קיינמאָל נישט גערעדט, אַז אָט די געצקע איז געשטאָרבען און מען דאַרף זי שוין טאַקע באַלד מקבר זיין. האָט זיך אין איהם ערוועקט זיין רעוואָלוציאָנערער גייסט, ווען ער האָט געזעהען, אַז עס זענען נאָך אַלץ פאַרהאַנען מענשען, וואָס ווילען דעם עולם איינרעדען אַז די אַסימילאַציע איז נישט געשטאָרבען, ווייל זי איז נאָר אַ פאַר׳חלש׳טע און מען דאַרף זי נאָר אויפמונטערן...

ס׳איז זיך אוממעגליך פאָרצושטעלען וואָס פאַר אַ פּנים עס וואָלט געהאַט דער ציוניזם, ווען נאָרדוי זאָל נישט געווען צושטעהן צו איהם פון דער ערשטער מינוט אָן. זיינע קאָנגרעס־רעדען זענען געווען די גייסטיגע שפּייז פון דער ציוניסטישער אידעע, אויף אָנצוהאַלטען דאָס פייער פון איין קאָנגרעס צום אַנדערן — און אפילו זיינער אַ ווערטעל, וואָס ער האָט גלאַט אַזוי זיך אַרויסגעזאָגט, פלעגט געבען שטאָף פאַר ציוניסטישע מגידים. ווענינער באַקאַנט פאַר דער ברייטער עפענטליכקייט און דערפאַר פון אַ פּיעל גרעסערער באַדייטונג איז יענע ציוניסטישע אַרבייט זיינע, וועגען וועלכער עס איז קיינמאָל נישט גערעדט געוואָרען אין דער פּרעסע. אַ שטייגער ווי זיין הינטערקוליסען־אַרבייט ביים ערשטען קאָנגרעס, ווען גע־וויסע ציוניסטען האָבען איהם געוואָלט מאַכען פאַר פּרעזידענט פונ׳ם קאָנ־גרעס, כדי צו פאַרקלענערן הערצל׳ס באַדייטונג. און ווער געדענקט נישט זיין טאָאַסט אויפ׳ן „סטודענטען־קאָמערס“ ביים ערשטען קאָנגרעס, ווען ער האָט גע׳דרש׳נט (איך געברויך אַבזיכטליך דאָס וואָרט גע׳דרש׳נט, ווייל ער האָט דאַמאָלס ווירקליך געזאָגט אַ שטיק מגידות אויף „רחל מבכה על בניה“) און ער האָט דאַבּיי מיט אַלע צוהערער צוזאַמען געגאָסען טרעהרען!—

און ווען עס האָט איהם דאַן איינער פון די צוהערער געוואָלט געבען אַ „קיבעץ” און האָט איהם שטילערהייט אַ פרעג געטהאָן: „אַזוי רעדט דער פּאַרפאַסער פון די קאָנווענציאָנעלע ליגען?”, האָט איהם נאָרדוי שטילערהייט געענטפערט: „קלוגע מענשען שעהמען זיך מאַנכעס מאָל היינט מיט דעם, וואָס זיי האָבען נעכטען פאַרטרעטען מיט אַלע זייערע כחות”.

וועגען נאָרדוי'ס ציוניזם וואָלט מען אפשר געמעגט זאָגען, אַז ער איז די פרוכט פון דער ערציהונג, וואָס ער האָט געקראָגען בייא זיין פאָטער אין הויז. זיין פאָטער (גבריאל זידפעלד) איז געווען אַ געבילדעטער מענש און אַ „משכיל”, וועלכער האָט מיט הונדערט יאָהר צוריק גערעדט אַ קאָרעקטען דייטש, געקענט לאַטייניש, שטודירט פילאָזאָפיע און געשריבען העברעאישע שירים. דאַבייא איז ער געווען אַ תלמיד מובהק פון ר' יעקב מליסא און אַ רייהע פון יאָהרען איז ער געווען הויז־לעהרער (פאַר למודים חצונים) בייא ר' שלמה ליב ראַפּאַפּאָרט אין פראַג און ביים „חתם סופר” אין פּרעסבורג. שפּעטער איז ער געוואָרען לעהרער בייא דער פאַמיליע פישהאָף אין אַלטאָפען (וועלכעס איז היינט אַ טייל פון בודאַפּעסט), און ווען מאַקס נאָרדוי איז געבוירען געוואָרען, איז דער פאָטער זיינער געווען דירעקטאָר פון אַ אידישער שולע אין פּעסט. איך דענק אַלזאָ, אַז חאָטש עס איז דער דאָזיגער מענש געווען אַ „משכיל” פונ'ם אַלטען שניט, וועלכער האָט ערלויבט זיין זוהן צו ענדערן זיך דעם נאָמען „זידפעלד” אויף „נאָרדוי”, האָט ער בייא איהם פונדעסטוועגען געלערנט אַ שיעור גמרא און עס האָט זיך אויך דער פאָטער געסטאַרעט איינצופלאַנצען אין זיין האַרץ אַזאַ ליעבע צום אידענטום, אַז הערצל'ס אַ וואָרט איז דערנאָך גענוג געווען, צוריק צו דערוועקען די דאָזיגע ליעבע, וועלכע האָט זיך שפּעטער בייא איהם אויסגעדריקט אין זיין איבערגעבענהייט צום ציוניזם — און די איבערגעבענהייט צו דער ציוניסטישער אידעע איז בייא איהם געווען אַזוי שטאַרק ביז צו „מסירת נפש” און ער איז פון איהר נישט צוריקגעטרעטען אפילו דאַמאָלס ווען ער האָט געזעהן, אַז דאָס לעבען זיינס איז אין סכנה, ווען אַ פאַנאַטישער סטודענט מיט'ן נאָמען חיים זעליג לובאַן האָט אויף איהם געשאָסען, ווייל ער האָט געגעבען זיין הסכמה צו הערצל'ס פּלאַן וועגען אָננעהמען ענגלאַנד'ס אַנבאָט, צו גרינדען אַ אידישע קאָלאָניע אין אוגאַנדאַ.

די לעבענסגעפאַהר פון דאַמאָלס, ווען ער איז שוין אַלט געווען פינף־און־פופציג יאָהר, האָט איהם נישט געבראַכט צום צוריקטרעטען פון זיין אידעע, גלייך ווי ער איז נישט צוריקגעטרעטען פון זיינע פריהערע אידעען, ווען ער איז אַלס ניין־און־צוואָנציג יעהריגער יונגער־מאַן געווען אין שפּאַ־

ניען, וואו אַנאַרכיסטען האָבען איהם געבונדען און אַוועקגעלייגט אַ געבונ־
דענעם אויף די אייזענבאַהן־טרעקס צוויי מינוט איידער די טריין האָט גע־
דאַרפט דורכפאָהרען — און ער איז דאַמאָלס ניצול געוואָרען פון אַ זיכערען
טויט דורך אַ נס, ווייל דער צוגספיהרער האָט דערזעהן, אַז עס ליגט עטוואָס
אויף די טרעקס און עס האָט זיך איהם איינגעגעבען צו סטאָפּען די טריין
דריי—פיער שריט בעפאָר דעם געבונדענעם נאָרדוי.

נתן בירנבוים

בירנבוים איז איינער פון די אידישעסטע אינטעלעקטועלע אין אונזער יאָהרהונדערט, מיט אַ ברייטער פאַנטאַזיע און מיט אַ גראַדיאָזען גייסט. זיין אידישער נאַציאָנאַליזם איז דער עמוד־האש פון דער ראַדיקאַלער יוגענד זייט פערציג יאָהר. טראָצדעם איז ער דער איינזאַמסטער צווישען אַלע פיהרענדע אידישע גייסטער, ווייל די אייגענאַרטיגקייט פון זיין גייסט פיהרט איהם תמיד אין אַ באַזונדערען וועג.

ס'איז נישט וויכטיג אָפּצושאַצען גענוי בירנבוים'ס אַנשויאונג וועגען פאַרשידענע אידישע פראַגען. אויסצוגעפינען, וויפיעל פון זיינע געדאַנקען עס זענען אָביעקטיוו ריכטיג און קענען אויסהאַלטען אַ קריטיק, ווייל בירנבוים אַליין איז זעהר אָפט דער שאַרפסטער קריטיקער פון זיינע אייגענע מיינונגען און איבערצייגונגען. יעדעס וואָרט זיינס שפיגעלט אָפּ ביי איהם די געדאַנקען פון היינט, וועלכע זענען אָפט גאַנץ אַנדערש ווי זיינע געדאַנקען פון נעכטען — און מאָרגען קען ער זיך גאָר אַליין נעהמען באַקעמפען די אייגענע געדאַנקען פון היינט.

ווען בירנבוים איז דאָס ערשטע מאָל אויפגעטרעטען אַלס נאַציאָנאַלער איד, איז עס געווען דער אויסדרוק פון אַ רעוואָלוציאָנערער קראַפט, וועלכע האָט אָנגעהאַפט זיין נשמה און האָט איהם אַוועקגעשטעלט אין אַ קאַמפף געגען אַלע הינדערניסע פון אַ פאַרשטאַרטער אַסימילאַטאָרישער סביבה. בירנבוים'ס אויפטרעטען פאַר דער זעלבסטבאַשטימונג פון דער אידישער נאַציאָן איז דאַן געווען אַ טהאַט, וועלכע האָט איהם געמאַכט גלייך צו אַלע גייסטיגע רעוואָלוציאָנערען אין יודענטום. אין דער צייט ווען עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט וועלען זיך די אייראָפּעאישע פעלקער נישט מעהר אַקעגען־שטעלען, ווען די אידען וועלען זיך מיט זיי אויסמישען און וועלען זיך באַשטרעבען צו פאַרשווינדען פון דער וועלט, האָט בירנבוים געמאַכט דעם גרויסען רעוואָלוציאָנערען שריט, צו מאַכען פראָפּאַגאַנדאַ פאַר אַ ניי יודענטום מיט נייע אידעאַלען.

אַלס ציוניסט איז בירנבוים געווען איינער פון די ערשטע „חובבים“, וועלכע האָבען געגלויבט אינ'ם ערפאָלג פון אַ לאַנגזאַמער קאָלאָניזאַציאָן

אין ארץ־ישראל. אָבער איידער הערצל איז נאָך אויפגעטרעטען מיט זיין פּאָליטישען ציוניזם, האָט שוין בּירנבּוים געהאַלטען אין באַקעמפּפען די אידעע פון חבת־ציון אָהן אַ גאַראַנטיע פון די אייראָפּעאישע רעגיערונגען. און ווען הערצל איז אויפגעטרעטען געגען דער לאַנגזאַמער קאָלאָניזאַציאָן פון ארץ־ישראל, איז בּירנבּוים געוואָרען זיין געגנער, ווייל עס האָט זיך איהם געוואָלט גלויבען אין דער נוצבּאַרקייט פון אַ לאַנגזאַמער קאָלאָניזאַציאָן.

דער דאָזיגער שריט איז געווען דער ערשטער טראַגישער שריט אין בּירנבּוים'ס לעבען. אַלס רעוואָלוציאָנער האָט בּירנבּוים תמיד געמאַכט סוקסעס אויף יעדען שריט, ווען ער האָט גערעדט פון אָפּברעכען די פאַרגאַנגענהייט אָדער פון אַנדערע רעוואָלוציאָנערע שלאַגווערטער, האָט די יוגענד אויפגענומען זיינע געדאַנקען מיט'ן גרעסטען ענטהוזיאַזם. האָט ער זיך אָבער פלוצים אַרויסגעשטעלט אַלס אָנהענגער פון אַ לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג, האָט איהם די יוגענד געמוזט פאַרלאָזען, ווייל זי האָט נישט געקאָנט מעהר נאָכגעהן אַזאַ רעוואָלוציאָנער ווי בּירנבּוים, וועלכער האָט זיך געלאָזט באַצווינגען פון אַן עוואָלוציאָנערער שטרעבונג.

שפּעטער האָט בּירנבּוים געפונען דעם וועג צום יודענטום אין מזרח. און וואָס ער האָט זיך אַלץ ווייטער באַקערט צום גלויבען אין דער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג פון פאָלק, איז ער אַלץ מעהר אָפּגעטרעטען פון זיין אינערליכען רעוואָלוציאָנערען גייסט און האָט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגען רעוואָלוציאָנערע צוועקען. נאָר אַזוי ווי זיין רעוואָלוציאָנערער גייסט שטעקט טיעף איינגעוואָרצעלט אין זיין נשמה, איז ער געוואָרען אַ רעוואָלוציאָנער פון קאַמפּף אַנשטאַט וואָס ער איז פריהער געווען אַ רעוואָלוציאָנער פון ציעל. דער רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט נישט אויפגעהערט צו קאָכען אין בּירנבּוים'ס נשמה, היינט גלייך ווי מיט פערציג יאָהר צוריק. מיט דערזעלבער קראַפט ווי דאַמאָלס און מיט דער גלייכער ליידענשאַפט האָט ער דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט פאַרווענדעט צום קאַמפּף און נישט צום צוועק גופא.

מיט דער ליידענשאַפט פון אַ רעוואָלוציאָנער וועט בּירנבּוים קיינמאָל נישט פאַרדעקען מיט אַ מענטעלע דאָס שאַרפסטע וואָרט וואָס ער וויל זאָגען, ווייל עס האָט נישט אויפגעהערט צו ברענען אין זיין נשמה דאָס שעהנסטע און ריינסטע פייער פון פאַנאַטיזם. מיט אָט דעם פאַנאַטיזם איז בּירנבּוים געוואָרען אַ פאַרטהיידיגער פונ'ם גלות, גלייך ווי ער איז אַמאָל געווען דער שאַרפסטער געגנער פונ'ם גלות. אַזוי איז בּיי איהם געוואָרען די געגענוואַרט אין גלות אַן אונאָבּענדערליך אָרגאַניש זיך־אַנטוויקלענדער

באַשטאַנדטייל פֿונ׳ם אידישען לעבען. אַזוי האָט ער אויך נאַטירליך וואָס אַמאָל אַליץ מעהר און מעהר געמוזט פֿאַרלירען דעם גלויבען אינ׳ם יודענ־טום פֿון די מערב־לענדער, ביז ער איז פֿאַרקראָכען טיעף אין דער נשמה פֿון אונזערע מזרח־אידען, וואו ער ווערט גאָר פּלוצים אַ פֿאַרעהרער פֿון דער רעליגיעזער אורקראַפֿט, וועלכע שטעקט אינ׳ם געמיטה פֿון פֿאָלק — און דער באַקעמפֿפֿער פֿון רעליגיעזער אָרטהאָדאָקסיע ווערט אַן אָנהענגער פֿון אידישער רעליגיאָזיטעט.

די אייגענאַרטיגקייט פֿון בירנבוים׳ס גייסט שטעקט אין זיין זוכען די איינזאַמקייט, וועלכע הייסט איהם געהן שטענדיג מיט זיין באַזונדערן וועג, וואו עס קומט איהם תמיד אויס צו זיין אין דער אָפּאָזיציע. די אָפּאָזיציע זיינע שטאַמט אָבער נישט פֿון אַ הערשענדער נאַטור, וועלכע הייסט נאָכגעהן נאָך זיך, ווייל זי איז נאָר געננוג אויף אַזוי פּיעל, אויסצושליעסען זיך פֿון דער געזעלשאַפֿט, צו זיין אָפּגעזונדערט מיט אַלעמען פֿון דער גאַנצער וועלט.

אָנגעהויבען זיין טהעטיגקייט אינ׳ם אידישען לאַגער האָט ער אַלס אידישער נאַציאָנאַליסט, ווען דאָס וואָרט „אידיש־נאַציאָנאַל“ איז אין דער ציוויליזירטער וועלט געווען טרפֿה ווי „דבר־אחר“. האָט איהם דער דאָזיגער נאַציאָנאַליזם דאַן געבראַכט צום עקסטרעמסטען פּאַלעסטיניזם, פֿאַר וועל־כען עס איז נישט פֿאַרהאַנען קיין אַנדערער אינהאַלט אין אידישען לעבען ווי נאָר ארץ־ישראל, חאָטש עס איז דאַמאָלס דער גאַנצער „ישוב ארץ ישראל“ געווען אויפֿגעבויט אויף נדבות פֿון ח״י פּרוטות, און עס האָט איטליכער זעהר גוט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַ מינימאַלען ווערטה דאָס האָט פֿאַר דער לעזונג פֿון די גרויסע אידישע פּראָבלעמען. שפּעטער איז ער געוואָרען אַ „קולטוריסט“, ווייל ער האָט איינגעזעהען, אַז ווען איהר ווילט האָבען אַ זעלבשטענדיגע אידישע נאַציאָן, מוז מען די אידען פֿריהער „אויסמענשלען“, קולטיווירען, מאַכען זיי פֿאַר געבילדעטע. האָט דאָס איהם דערנעהנטערט צום סאָציאַליסטישען „בונד“ און געמאַכט איהם פֿאַר אַ „אידישיסט“, ביז ער איז דערנאָך געוואָרען אַ קעמפֿפֿער פֿאַר אָרטהאָדאָקסיע.

ווען איהר זעהט בירנבוים׳ען דאָס ערשטע מאָל, מוזט איהר באַלד אַ טראַכט טהון: אַזוי האָבען זיכערליך אויסגעזעהן די אַלטע אידישע כהנים. ווייל איהר זעהט פֿאַר זיך אַן אימפּאָזאַנטע סעמיטישע פֿיגור, ווי איהר באַגעגענט אַמאָל אויף די אַרכעאָלאָגישע קריעגס־גראַווירונגען. דאַביי מוזט איהר זיך אויך פֿאָרשטעלען ווי עס וואָלט איהם געקליידעט אַ לאַנגע, ווייסע טאָגאַ און סאַנדאַלען אויף די פֿיס. און ווען ער רעדט מיט אייך, פֿאַרוואַרפֿענדיג דעם קאָפּ אַהינטער און אָננעהמענדיג זיין שנעע־ווייסע באָרד אין האַנד, זעהט איהר פֿאַר זיך איינעם פֿון אונזערע פֿאַט־

ריאַרכאַלישע גאונים, וועלכער וויל אייך ערקלעהרען אַ האַרבע סוגיא. אַזוי איז דאָס קלאַסישע אין זיין פּנים צונויפגעמישט מיט'ן אידישען פונ'ם היינטיגען טאָג. אַ פּאָר גרויסע פאַר'צער'טע אויגען, וועלכע זענען אין דער־זעלבער צייט טיעף טרוימעריש און קענען אייך אויך אַמאָל בריהען ווי פייערדיגע קוילען. הינטער דעם הויכען שטערען ליגען באַהאַלטען טיפע געדאַנקען און עקשנות'דיגע האָפנונגען מיט פרישע קעמפּפערישע כחות.

דאָסזעלבע איז אויך מיט דעם אינערליכען פון בירנבוים'ס פּערזענ־ליכקייט. מיט זיין גייסט, וועלכען איהר קענט נישט צונויפמישען אָדער פאַרגלייכען צו קיין שום אַנדערן מענשען, ווייל ער דאַרף האָבען אַ באַ־זונדערן פסיכאָלאָג, וואָס זאָל זיך קענען גריבלען אין זיין נשמה. אַליין פאַר זיך מוז ער גענומען ווערען, ווייל ער איז אַן איינזאַמער און אפשר גאָר דער איינזאַמסטער צווישען אַלע דענקענדע אידען. זיינע אידעאַלען זענען די אידעאַלען פון אַ מזרח־איד און זיין לעבען איז צופעליג איינ־געפאַסט צווישען די אידען פונ'ם מערב.

בירנבוים'ס איינזאַמקייט שטעקט איבערהויפּט אין דער אייגענאַרטיג־קייט פון זיין גייסט, וועלכער הייסט איהם געהן שטענדיג מיט זיין באַזונ־דערן וועג. איז ער דאַדורך תמיד אין אָפּאָזיציע צו אַלעמען, בפרט צו דעם וואָס דער המון דענקט אין יענעם אויגענבליק. דאָס איז אַן אָפּאָזיציע, וועלכע קלעקט נאָר אויף אויסצושליסען זיך אַליין פונ'ם כלל און זיין אָפּ־געזונדערט. דאָס איז נישט קיין אַקטיווע אָפּאָזיציע, נאָר אַ פּאַסיווע. אין דער מוזיקאַלישער וועלט טרעפט איהר אויך צומאָל אַזעלכע מוזיקאַנטען, וועלכע שפּיעלען זעהר גערן סאָלאָ, ווייל זיי קענען נישט קיינמאָל שפּיעלען מיט אַלעמען צוזאַמען אין אָרקעסטער.

נתן בירנבוים שפּריצט פון זיך אייביגע יוגענד און די געדאַנקען זענען ביי איהם יעדען טאָג פרישע און ענטהוזיאַסטיש־פייערדיגע, גלייך ווי ביי איינעם, וואָס איז ערשט נעכטען אויפגעטרעטען דאָס ערשטע מאָל מיט אַ נייער אידעע.

זיין אַרויסטרעטען פאַר אַ ניי יודענטום מיט אייגענע נאַציאָנאַלע אידעאַלען איז געווען אַ טהאַט, וועלכע האָט איהם געמאַכט גלייך צו אַלע גייסטיגע רעוואָלוציאָנערען.

לעצטענס האָט בירנבוים אַרויסגעגעבען אַ מין „ודוי", וואו ער דערצעהלט ווי אַזוי ער איז געקומען פונ'ם פרייגייסט צום גלויבען — און געבראַכט דערצו האָט איהם די מלחמה, וועלכע האָט אַנדערע דענקער דעם קאָפּ פאַרדרעהט און געבראַכט זיי צו פאַרצווייפלונג. איהם האָבען גאָר די צרות פון דער מלחמה אַריינגעגעבען אַ נייעם גלויבען אין דער שטאַרקייט פונ'ם

אידישען פאָלק און ער האָט געקראָגען די איבערציינונג, אַז אידען זענען טאַקע דאָס אמתּ׳ע „אתה בחרתנו“=פאָלק.

אַלס אַ דאָקומענט פון מענשליכער ענטוויקלונג האָט בירנבוים׳ס „ודוי“ אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל איהר באַקענט זיך דאָרט מיט אַ מערקווירדיגער פסיכאָלאָגישער ערשיינונג. גלייך מיט פיעלע יונגע מענשען פון זיין סביבה איז בירנבוים׳ס אונגלויבען געקומען פון דעמזעלבען אויבערפלעכליך=ביליגען מקור. אַזוי ווי זיין גאַנץ דענקען איז אָבער געווען באַזעעלט פון אַ באַשטימטער נאַציאָנאַליסטישער אָריענטירונג, האָט ער זיך געמוזט פאַרטיעפען אינ׳ם אידישען פאָלקס=גייסט פון טויזענדער יאָהרען און איז דאַדורך געקומען צו׳ן אַ נייער אויפפאַסונג פונ׳ם יודענטום, גלייך ווי פון זיין געשיכטליכער באַדייטונג. צו אָט דער מדרגה איז ער צוגעקומען ערשט דאַמאָלס, ווען ער האָט צוריקגעקראָגען זיין אמונה אין דער גרויסקייט פונ׳ם אידישען גאָט, וועלכע האָט איהם אויך באַשטאַרקט אין זיין פריהערער איבערציינונג וועגען דער אייביגקייט פונ׳ם אידישען פאָלק.

דעם דאָזיגען נייען בירנבוים׳שען גלויבען דאַרף מען באַאורטיילען פסיכאָלאָגיש, ווען מען וועט עס פאַרשטעהען, ווי אַזוי עס קען אַ מענש פאַרברענגען צעהנדליגער יאָהרען פון זיין לעבען אין אַ גייסטיגער זוכעניש, ביז ער געפינט דעם ריכטיגען וועג צו זיך אַליין. דאַבּיי מוז אויך באַמערקט ווערען, אַז בירנבוים איז זעהר איינזייטיג אין דער באַאורטיילונג פון דער אייראָפּעאישער קולטור, וועלכע ער האָט איצט שרעקליך פיינט צוליעב זיין אַנהענגליכקייט צו דער אידישער אָרטהאָדאָקסיע, ווייל ער באַאורטיילט נישט די דאָזיגע אייראָפּעאישע קולטור לויט איהרע שאַפונגען, נאָר לויט איהרע סאָציאַלע ווירקונגען אויפ׳ן גייסטיגען מעמד פון דער דורכשניטליכער מענשהייט.

קאַרל נעטער

געווען איז דאָס אין 1881 — ווען די אַנטלאָפענע פון די רוסישע פּאָגראָמען האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט איבער די גאַליצישע גרעניץ־שטעדט און האָבן נישט געוואוסט, וואו־אַהין זיי זאָלן זיך קערן און ווענדן, איז אָנגעקומען אין בראָדי קאַרל נעטער אַלס אַ שליח פון דער פּאַריזער „אַליאַנס". האָט ער דאַן געראָטען די פאַרצווייפעלטע וואַנדערער, זיי זאָלן פאָהרען וואו־אַהין דאָס האַרץ זייערס גלוסט צו פאָהרען, אַבי נישט קיין ארץ־ישראל. האָט דאַדורך דאַמאָלס געהערשט די מיינונג, אַז קאַרל נעטער איז אַ געגנער פון „חבת ציון", און וואָס מען האָט געוואוסט, אַז ער האָט געגרינדעט אין ארץ־ישראל אַ שולע אויף צו לערנען אַקערבוי און לאַנדווירטשאַפט, האָט מען געדענקט, אַז ער האָט דאָס נישט געטהון צוליעב אידיש־נאַציאָנאַלע מאָטיווען, נאָר בלויז כדי צו שאַפען אַ שטיקעל פרנסה פאַר ארץ־ישראל'דיגע שנאָררערס, וואָס לעבען זאָנסט פון דער „חלוקה". טראָצדעם האָט דער דאָזיגער קאַרל נעטער געאָפּפערט פאַר ארץ־ישראל זיין גאַנצע צייט און זאָגאַר זיין לעבען (אין פשוט'ען זין פון'ם וואָרט).

געבוירען אין שטראַסבורג, אין עלזאַס, איז קאַרל נעטער געווען אַן איבערגעבענער פראַנצויזישער פאַטריאָט, וועלכער האָט געדענקט, אַז פראַנקרייך איז דאָס איינציגע פון גאָט־געבענשטע לאַנד און די פראַנצויזישע קולטור איז דאָס העכסטע אין דער מענשליכער ציוויליזאַציע. גלייכצייטיג איז ער אויך געווען ווי צום שטאַרקסטען פאַראינטערעסירט אין אַלעמען, וואָס איז שייך צו די אידען פון אַלע אַנדערע לענדער — און אַזוי ווי עס האָט דאַמאָלס רעגיערט אין פראַנקרייך קייזער נאַפּאָלעאָן דער דריטער, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו זיינע אידען, אַז ער וועט העלפען פאַרבעסערן די לאַגע פון זייערע אונטערדריקטע ברידער אין אַלע לענדער, האָט קאַרל נעטער געגרינדעט אין 1859 די חברה „כל ישראל חברים" (אַליאַנס איזראַעליט) אין פּאַריז מיט'ן צוועק, צו שאַפען אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל זיך אָננעהמען אידען'ס קריוודעס, וואו עס וועט

זיך נאָר לאָזען. האָט זיך עס נעטער'ן איינגעגעבען, אַוועקצושטעלען די גרעסטע אידען פון פראַנקרייך בײַ דער פיהרונג פון דער „אַליאַנס" און ער אַליין איז געבליבען סעקרעטער פון דער אָרגאַניזאַציע.

האָט זיך דאַן דערהערט אין פּאַריז דאָס געשריי פון די אידען אין מאַראָקאָ, פאַר וועלכע עס האָט זיך געגויטיגט צו שאַפען אַ נייע היים. די פראַנצויזישע רעגירונג איז אויך דאַמאָלס פאַראינטערעסירט געווען אין מאַראָקאָ, ווייל עס האָט זיך איהר געוואָלט אַריינשטעלען דאָרט אַ פוס, גלייך ווי זי האָט געהאַט אַריינגעשטעלט אַ פוס אין אַלזשיר. האָבען די פאָרשטעהער פון דער „אַליאַנס" באַשלאָסען, אַרויסצושיקען נעטער'ן קיין ארץ־ישראל, ער זאָל דאָרט אונטערזוכען די לאַגע, צי עס וועט אפשר טויגען, אַהינצושיקען די אידען פון מאַראָקאָ, זיי זאָלען דאָרט אַרבייטען אין קאָלאָניען, וואָס מען וועט גרינדען פאַר זייערטוועגען. איז נעטער אַוועקגעפאָהרען אין 1868 קיין ארץ־ישראל, און ווען ער איז צוריק־געקומען אין פּאַריז און האָט דערצעהלט, וואָס ער האָט געזעהן אין ארץ־ישראל, האָט ער די פיהרער פון דער „אַליאַנס" שטאַרק באַגייסטערט פאַר דער אידעע פון „ישוב ארץ ישראל". אַזוי ווי עס האָבען זיך אָבער די פּאָליטישע צושטענדע אין מאַראָקאָ דערווייל געענדערט און קייזער נאַפּאָ־לעאָן האָט נישט מעהר געהאַט קיין אינטערעסע פאַר די מאַראָקאַנער אידען, האָבען די פיהרער פון דער „אַליאַנס" מורא געהאַט אָנצוהויבען מיט אַ גרויסער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, טאָמער וועט זיך עס נישט איינגעבען צוצוציהען אידען צו פעלד־אַרבייט. אין דיעזער באַציהונג האָט מען שוין אויך געהאַט אַ שטיקעל ערפאַהרונג, אַז די אידען פון ארץ־ישראל האָבען נישט קיין גרויסען חשק צו ערד־אַרבייט, ווייל משה מאָנטי־פיאָרע האָט געהאַט געקויפט שטיקער ערד אין ירושלים און אין יפו און האָט זיי אַוועקגעגעבען צו אידען צום באַאַרבייטען, זענען יענע אידען גאָר גיך אַנטלאָפען פון דער אַרבייט און האָבען געלאָזען די „נחלאות" זייערע אויף הפקר. האָט דאַדורך די „אַליאַנס" באַשלאָסען, אָנצוהויבען די אַרבייט אין ארץ־ישראל מיט דער גרינדונג פון אַ שולע פאַר אַקערבוי און לאַנד־ווירטשאַפט.

דעם 20־טען מערץ 1869 איז די פּאַריזער „אַליאַנס" אַרויסגעקומען מיט פאָלגענדען אויפרוף:

„אין ארץ־ישראל פעהלט יעדע אַרבייטס־מעגליכקייט, איז דאָרט דאַ־דורך די אָרימקייט און די נויט זעהר אַ גרויסע, זענען ביז היינט אַלע פילאַנטראָפּען באַשטרעבט, צו פאַרקלענערן די אָרימקייט און די נויט אין ארץ־ישראל דורך נדבות. זעהט מען אָבער, אַז ווען אַ מענש קוקט אַרויס

בלויז אויף נדבות, דערנידריגט דאָס זיין ווירדע און זיין זעלבסטאַכטונג. וואָלטען מיר אַנשטאַט די נדבות גערדאַרפט העלפען אונזערע ברידער אין ארץ־ישראל אויף אַן אַנדערן אופן. וואָלטען מיר געדאַרפט באַדענקען, אַז ארץ־ישראל איז נאָך היינט אַ פרוכטבאַר לאַנד, די קראַפט פון איהר ערד איז נאָך נישט אינגאַנצען איינגעדאַרט געוואָרען, נישט אויף אייביג דאַרף דאָרט דער באָדען זיין פאַרוואַקסען מיט דערנער. דאַרף מען זיך נעהמען אויף׳ס ניי עפענען די קוואַלען פון דער אַמאָליגער פרוכטבאַרקייט, וואָס ארץ־ישראל פאַרמאָגט, אָפצורוימען די שטיינער פונ׳ם וועג, צו באַנייען דעם גוטען שם פון יענער גאָט־געבענשטער ערד, וועלכע קען ווייטער ווערען אַן ארץ זבת חלב ודבש, ווי זי איז געווען אין די אַלטע צייטען.״

זומער 1870 האָט מען אָנגעהויבען בויען די אַקערבוי־שולע אין ארץ־ישראל. פיעל מיה און שתדלנות האָט עס געקאָסט, ביז סולטאַן אַבדול אַזיז האָט געגעבען די ערלויבנים צו דער גרינדונג פון דער שולע — און אַ נאָמען האָט די שולע געקראָגען „מקוה ישראל״, ווייל מען האָט גערעכנט, אַז פון איהר ווירקונג וועט זיך אַנטוויקלען אַ נייער אידישער „צענטער״ אין ארץ־ישראל. פאַר׳ן באָדען האָט די „אַליאַנס״ באַצאָהלט צו דער טערקישער רעגירונג די סומע פון 65 טויזענד פראַנק. האָט דאַן נעטער איבערגעלאָזען אַלע זיינע מסחרים אין פראַנקרייך און איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, אָנפיהרען דעם בוי פון דער שולע. פון זיין אייגענע קעשענע האָט ער געשפענדעט 25 טויזענד פראַנק, שעהנער צו מאַכען דעם בוי, און ביז דער בוי איז נישט פערטיג געוואָרען, האָט ער צוזאַמען געגעסען און צוזאַמען געשלאָפען אונטער׳ן פרייען הימעל מיט אַלע אַרבייטער.

פראַנקרייך איז דערווייל געוואָרען אַ רעפובליק און אַדאָלף קרעמיאָה, דער פרעזידענט פון דער פאַריזער „אַליאַנס״, איז געוואָרען יוסטיץ־מיניסטער אין דער נייער פראַנצויזישער רעגירונג. האָט זיך נעטער ווייטער אָפגעגעבען מיט די אינטערעסען פון די אידען אין די מזרח־לענדער. איז נאָך דער ענטטהראָנונג פון סולטאַן מוראַד אין 1876 פאָרגעקומען אין קאָנסטאַנטינאָפעל אַ קאָנפערענץ פון אַמבאַסאַדאָרען וועגען דער פאָליטישער לאַגע אין דער טערקיי און אין אַנדערע מאַהמעדאַנישע לענדער. האָט די „אַליאַנס״ אהינגעשיקט נעטער׳ן מיט אַ „מעמאָראַנדום״ וועגען אידען. און ווען קרעמיאָה איז אין 1878 געפאָהרען קיין בערלין צום אייראָפּעאישען קאָנגרעס, וואו עס האָט געדאַרפט באַהאַנדעלט ווערען די פראַגע פון די אידען אין די באַלקאַנישע לענדער, האָט ער מיטגענומען נעטער׳ן אַלס „אינפאָרמאַטאָר״. דעסגלייכען האָט די „אַליאַנס״ אין 1880 אַרויסגעשיקט נעטער׳ן צו אַן אַמבאַסאַדאָרען־קאָנפערענץ אין מאַדריד וועגען די אידען אין מאַראָקאָ.

נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, ווען אידען האָבען אָנגעהויבען לויפען אין אַ שרעקליכער בהלה קיין ארץ־ישראל, איז נעטער געווען אַ געגנער פון אַזאַ אונבאַדאַכטען לויפעניש. אַזוי ווי ער האָט געקענט די פאַרהעלטניסע אין ארץ־ישראל, האָט ער גערענקט, אַז ארץ־ישראל קען נישט געווינען גאָר פון אַזעלכע איינוואַנדערער. האָט ער אָבער געהערט, אַז מען האָט איהם נישט געפאָלגט און טויזענדער רוסישע אידען האָבען זיך אַ לאָז געטהאָן קיין ארץ־ישראל, איז ער אין 1882 אַוועקגעפאָהרען קיין ארץ־ישראל צום דריטען און לעצטען מאָל. מיט זיינע אייגענע אויגען האָט ער געוואָלט זעהען, ווי אַזוי די נײַ־איינגעוואַנדערטע אידען לעבען דאָרט. עס האָט איהם איבערהויפּט אינטערעסירט צו זעהען די אַזוי־גערו־פענע „בילו'צעס", וועלכע זענען געווען סטודענטען אין רוסלאַנד און זענען אַוועקגעפאָהרען קיין ארץ־ישראל צו ווערען דאָרט ערד־אַרבייטער.

און ווען ער האָט געזעהען די „בילו'צעס" ביי דער אַרבייט און ער האָט זיך אַריינגעלאָזען מיט זיי אין אַ שמועס, האָבען זיך זיינע אויגען אָנגעפולט מיט טרעהרען און ער האָט צו זיי געזאָגט:

„ס'איז אייך מקנא צו זיין, וואָס איהר האָט די זכיה, צו באַבויען מיט אייערע אייגענע הענד דעם באָדען פון אונזערע אבות. גליקליך וואָלט איך מיך געשעצט, ווען איך וואָלט נאָך היינט געהאַט כח, אַוועקצושטעלען זיך אין אייער מיט צו דער אַרבייט. ליידער פיהל איך מיך שוין אַלט און שוואַך צו אַזאַ אַרבייט. איך וויל אייך אָבער צוזאָגען, אַז ווען איך וועל צוריק־קומען קיין פּאַריז, וועל איך אויפרודערן די וועלט וועגען אייך, און וואָס עס וועט נאָר זיין אין מיין מאַכט, וועל איך טהון פאַר אייערטוועגען!"

נעטער האָט שוין נישט מעהר דערלעבט צוריקצוקומען קיין פּאַריז, ווייל ער איז דאָן באַלד פּלוצים קראַנק געוואָרען און אים חול־המועד סכות תרמ"ג, איז ער געשטאָרבען — 56 יאָהר אַלט.

פרץ סמאָלענסקין

אין אָנהויב 70-ער יאָהרען פונ'ם 19-טען יאָהרהונדערט, ווען אַלע העברעאישע שריפטשטעלער און משכילים האָבען געקעמפפט פאַר אַ רע-פאָרמירונג פונ'ם לעבען, צו דערנעהנטערן די ברייטע אידישע פאָלקס-מאַסען צו אַסימילאַציע, איז אַרויסגעקומען פרץ סמאָלענסקין, וועל-כער האָט זיך צו די דאָזיגע באַשטרעבונגען מיט אַלע זיינע כחות אַקעגענ-געשטעלט, ביז ער האָט אין די הערצער פון די העברעאישע לעזער דורכ-געבראָכען אַ וועג צו אַ אידישען נאַציאָנאַליזם.

געבוירען 1842 אין אַ קליין ליטוויש שטעדטעל, האָט ער זיך אַרומ-געוואַלגערט אין אָרימקייט און נויט איבער פאַרשיעדענע ליטווישע ישיבות. שפּעטער איז ער אַנטלאָפען קיין אָדעסאַ, פון דאָרט איז ער ווייטער אַרומ-געוואַנדערט איבער דייטשלאַנד'ס גרעסטע שטעדט, ביז ער האָט זיך ענדליך באַזעצט אין וויען און האָט דאָרט אַרויסגעגעבען די באַוואוסטע מאָנאַטס-שריפט „השחר“, מיט וועלכער עס הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער העברעאישער ליטעראַטור — און טראָצדעם וואָס עס זענען שוין היינט פאַראיבער מעהר ווי 40 יאָהר זייט דער „השחר“ האָט אויפגעהערט צו ערשיינען, מוז יעדער העברעאיש-לעזער האָבען אַ ידיעה אינ'ם אינהאַלט פון זיינע צוועלף יאָהרגענג, ווייל זיי זענען די קלאַסישע באַגרינדער פון דער מאָדערנער ליטעראַטור.

סמאָלענסקין האָט זיך באַלד אין זיינע ערשטע ליטעראַרישע אַרויס-טרעטונגען אָנגעהויבען חקר'נען וועגען די פראַגען, וואו ס'ליגט דער כח, וואָס האַלט די אידען צוזאַמען אין זייער צוויי טויזענד-יעהריגען גלות און וואו איז אייגענטליך די באַרעכטיגונג פאַר דער עקזיסטענץ פון אַזאַ אויסטערליש מערקווירדיג פאָלק ווי אידען? זענען אידען בלויז אַ רעלי-גיעזע כתה, אָדער זיי זענען אַ נאַציאָן מיט אַנדערע נאַציאָנען צוגלייך? וואָס זענען די אורזאַכען, דורך וועלכע אידען האָבען זיך דערהאַלטען ביז היינט אַלס אַן אָפּגעזונדערט פאָלק? פאַר וואָס האָט מען אידען פיינט און וואָס וואָלט געווען די אויפגאַבע פון אידען, אַז מען זאָל זיי נישט פיינט האָבען? און איז נישט פאַרהאַנען קיין אויסוועג פאַר אידען, זיי זאָלען נישט מוזען ליידען פון זייער שרעקליכען גלות?

אויפ׳ן וועג פון זיינע וואַנדערונגען איבער די גרויסע שטעדט האָט זיך סמאָלענסקין שטאַרק פאַרטראַכט וועגן דעם אידישען לעבען אין אַלע לענדער, ווי אַזוי ס׳זעהט אויס די אידישע פריידהייט און דאָס פאַר־העלטנים צו דער אַרומיגער גוי׳שער סביבה. ער האָט זיך אויך אַריינגע־טראַכט אין דער ווירקונג פון די רעליגיעזע רעפאָרמען אויף דער אַנטוויק־לונג פונ׳ם אידישען לעבען און ער האָט אויסגעפונען, אַז דאָס אַלסדינג איז נישט מעהר ווי אַ פוסטע אויסענווייניגסטע צורה, וועלכע האָט נישט קיין שום שייכות מיט׳ן אינעווייניגסטען אידישען לעבען און זי האָט אויך נישט די מינדעסטע השפעה אויף דער דערהויבונג פון דער מענשליכער נשמה. זי האָט בלויז אַריינגעבראַכט אַ חורבן אינ׳ם אידישען גייסט דורך דער פאַלשער אַנזיכט, אַז אידען זענען נישט מעהר קיין באַזונדערע נאַציאָן און זייער געמיינזאַמע שייכות איז היינט בלויז אַ רעליגיעזע.

האָט דאַן סמאָלענסקין געקעמפפט מיט אַ יוגענדליכען פייער און מיט אַ באַזונדערער ביטערקייט געגען די דאָזיגע אַנזיכטען — און אין דער צייט, וואָס ער האָט געפיהרט זיין מלחמה, האָט ער אויסדריקליך ערקלעהרט, אַז ער דענקט וועגען אַ ווייטע צוקונפט און די אַנזיכט זיינע איז דער היפוך פון יעדער ביז דאַמאָלס אָנגענומענער מיינונג. דאַדורך מוז מען וויסען, אַז ווי קאָכעדיג נערוועז סמאָלענסקין איז געווען אין זיין ליטעראַ־רישער טעטיגקייט, אַזוי שוואַך איז ער געווען אין זיין קערפער און די צו־שטאַרקע ענערגיע, וועלכע ער האָט אָנגעווענדעט ביים אַרומטראָגען די גאַנצע לאַסט פון דער ליטעראַטור אויף זיינע קראַנקע פלייצעס, האָט אויפגעפרעסען אַלע זיינע כחות.

„אידען בילדען אַ באַזונדערע נאַציאָנאַליטעט פאַר זיך״ — האָט סמאָלענסקין געזאָגט — „מען מוז נאָר צו זיי צולייגען אַן אַנדערע מאָס ווי צו יעדען אַנדערן פאָלק. זיי האָבען נישט קיין אייגענע טעריטאָריע, איז אָבער איינער צום אַנדערן צוגעבונדען מיט הונדערטער אַלגעמיינע פעדעם דורך אַ שותפות׳דיגע וועלט־אַנשויאונג, דורך באַזונדערע ראַסען־אייגענשאַפטען און דורך אַן אייגענאַרטיגע היסטאָרישע אַנטוויקלונג, דורך אַ געמיינזאַמע שפּראַך און אַ געמיינזאַמע האָפנונג צו אַ דערלייזונג, ווייל עס מוז אַמאָל קומען אַן עק צו די ליידען פון אונזער גלות און עס מוז אַמאָל ביי געוויסע פּאָליטישע ענדערונגען אין דער אייראָפּעאישער לאַגע, צוריקגעגעבען ווערען צו אידען דאָס אַוועקגענומענע לאַנד, די אי־דישע נאַציאָן זאָל צוריק אויפגעלעבט ווערען אויף איהר אייגענעם באָדען.״

„ווען די באַלקאַנישע לענדער האָבען געקאָנט דערגרייכען זייער פריי־

הייט" — האָט סמאָלענסקין שפעטער געשריבען — „דאַרף עס פאַר יעדען מענשען שווער זיין צו פאַרשטעהן, פאַרוואָס מען מוז גלויבען, אַז דוקא אידען זענען וועניגער וויכטיג ווי די באַלקאַנישע גוים און זיי מוזען בלייבען אויף אייביג אין גלות". און ווען מען האָט איהם אָנגעוויזען, אַז ארץ־ישראל ליגט אין די הענד פונ'ם טערק און קיין שום מלוכה אין דער וועלט וועט זיך נישט איינשטעלען, צו געהן אין אַ מלחמה קעגען טערק, אָפצונעהמען ביי איהם ארץ־ישראל פאַר אידען, האָט סמאָלענסקין גע־ענטפערט, אַז ווען עס וועט קומען אַ גאולה אויף אידען, מוז דאָס נישט זיין דוקא אַ גאולה מיט אַ לאַנד, ווייל אַזוי מאָדנע ווי עס איז דאָס לעבען פונ'ם איד ביז היינט, קען אויך אַמאָל צושטאַנדע קומען די גאולה פאַר אידען אויף אַ מאָדנעם שטייגער, זי זאָל זיין אין דער בחינה פון „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות". טראָצדעם האָט ער זיך נישט געלאָזט אַוועקנעהמען דעם גלויבען, אַז די פאָליטישע אומשטענדען אין אייראָפאַ וועלען אַמאָל דערצו ברענגען, וואָס מען וועט נאָך אידען בעטען, זיי זאָלען צונעהמען ארץ־ישראל ביים טערק.

סמאָלענסקין איז אויך דערנאָך געווען דער ערשטער, וואָס האָט געמאַכט אַן אונטערשיעד צווישען דעם נאַציאָנאַלען גייסט פון אַ פאָלק און דאָס אָפהיטען פון דער אמונה. ווייל ער האָט געגלויבט, אַז נישט די רעליגיאָן האָט אָפגעהיט דאָס אידישע פאָלק אין פאַרלויף פון דורות און נישט זי האָט פאַראייניגט אַלע אידען, ווייל נאָר דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל האָט אַלעמען פאַראייניגט. די רעליגיאָן — האָט ער געזאָגט — איז געוועהנליך דער יסוד פון אַ נאַציאָנאַלער באַשטרעבונג צו אַ זעלבסט־אָפהיטונג. דער־פאַר איז גאַנץ גוט מעגליך, אַז אַ מענש זאָל נישט זיין קיין מדקדק אין די מנהגים פון דער אמונה און זאָל טראָצדעם בלייבען אַ טרייער זוהן פונ'ם פאָלק און אַ פאַרעהרער פונ'ם אידישקייט. ווייל ווי לאַנג עס וועט נאָך איין־איינציגער איד עקזיסטירען אויף דער וועלט, וועט דאָס אידישע פאָלק האָבען אַ האָפנונג אויף אַ צוריקקעהרונג צו זיין אַמאָליגער מדרגה.

חוץ די דאָזיגע נאַציאָנאַליסטיש־פראָפאַגאַנדיסטישע שריפטען האָט סמאָלענסקין אָנגעשריבען אַ זיבען־אַכט גרעסערע און קלענערע ראָמאַנען, וואו עס האָט אין זיך יעדעס וואָרט אַ „מוסר השכל" און דער מחבר זייערער איז אומעטום נישט בלויז אַ קינסטלער, נאָר הויפטזעכליך אַ קעמפפער, אַ פאָלקס־לעהרער, אַ טענדענציעזער שרייבער. האָבען דאַדורך זיינע ראָמאַנען אַרויסגערופען אַן אמת'ע איבערקעהרעניש אין די מוחות און אין די הערצער פון דער בית־המדרש־יוגענד אין די אייראָפעאישע

מזרח־לענדער — און אַנשטאַט וואָס ער האָט געוואָלט צוריקברענגען די משכּילים צו אידישקייט, האָט ער אַוועקגעשלעפּט די פרומע יוגענד צו דער השׂכּלה.

אין 1883 איז פּרץ סמאָלענסקין קראַנק געוואָרען אויף האַלז־טובּער־קולאָזע אין סאַמע בּרען פון זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט. ליגענדיג אויפ'ן קראַנקען־בּעט, האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדאַקטירען דעם „השחר" און ער האָט אויך דאַמאָלס צוגעשריבּען די לעצטע זייטלעך פון זיין ראָמאַן „הירושה". שפּעטער האָבּען איהם די דאָקטוירים אַוועקגעשיקט קורירען אין מעראַן, וואו ער איז זיבּצעהן טאָג אין חודש שבט תרמ"ה (1885) געשטאָרבּען — דריי־און־פערציג יאָהר אַלט.

מאַדאַם סמאָלענסקין

אַ מערקווירדיגער מנהג הערשט ביי אונז, אַז ווען מיר פיהלען זיך אַמאָל שולדיג אַקעגען איינעם פון אונזערע באַוואוסטע מענשען, ווייל מען האָט איהם אין זיין גאַנצען לעבען נישט באַהאַנדעלט געהעריג לויט זיין פאַרדינסט, וואַרפט מען געוועהנליך דעם פאָלק'ס שולד אויף דער אלמנה פון יענעם מענשען — און איטליכער ווייסט באַלד צו דערצעהלען, אַז נאָר די פרוי איז שולדיג אין איהר מאַן'ס פריהצייטיגען טויט, ווייל זי האָט נישט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצען זיין ווערטה און זי האָט איהם געשטערט אין דער אַרבייט.

מיט אָט אַזעלכע טענות פאַרטויבט מען געוועהנליך דאָס אייגענע געוויסען, ווען עס נויטיגט זיך אַן ענטשולדיגונג, וואָס עס קימערט זיך נישט קיינער פאַר דער פרוי און קינדער פון אַ באַוואוסטען גדול — און אַנשטאַט צו געבען ברויט צו דער אָרימער אלמנה, באַוואַרפט מען זי אדרבה מיט שטיינער...

אַזוי איז געשעהען מיט די פרויען פון פיעלע פריהצייטיג פאַרשטאָרבענע אידישע שריפטשטעלער — און אַזוי איז אויך געשעהען מיט מאדאם לעאָנאָרע סמאָלענסקין, די אלמנה פון פרץ סמאָלענסקין.

לעצטענס איז געוואָרען צוויי-און-פערציג יאָהר זייט פרץ סמאָלענסקין איז געשטאָרבען אין אַ סאַנאַטאָריום אין מעראַן —, און ביי זיין טויטענבעט איז קיינער נישט געוועזען. די פרוי און דער ברודער פונ'ם פאַרשטאָרבענעם זענען דאַן געווען אין וויען, ווייל עס האָט זיי וואַהרשיינליך געפעהלט אויף הוצאות, איינער פון זיי זאָל קענען מיטפאָהרען באַגלייטען דעם קראַנקען. האָט מען באַלד דערפון גערדונגען, אַז סמאָלענסקין האָט נישט געפיהרט קיין גליקליך פאַמיליען-לעבען און מען האָט אויך געהאַט אַ פאַרטיגען תירוץ, נישט צו האָבען קיין פליכטען צו זיין אלמנה און יתומים.

אין די צוויי-און-פערציג יאָהר, זייט סמאָלענסקין איז געשטאָרבען, איז אָפט דערמאָנט געוואָרען זיין נאָמען. פאַרשיעדענע מענשען האָבען וועגען איהם געשריבען אין פאַרשיעדענע נוסחאות. איינע האָבען איהם אויפגעהויבען ביז אונטער'ן הימעל, אַנדערע האָבען איהם קריטיקירט און גע-

מאַכט פון איהם אַ קאַריקאַטור. קיינער האָט זיך אָבער נישט דערמאָנט, אַז ער האָט איבערגעלאָזען אַ פרוי און קינדער, גלייך ווי עס האָט זיך נישט קיינער אינטערעסירט צו פרעגען, וואָס מיט די דאָזיגע פרוי און קינדער איז געשעהען. מען האָט אויך איבערגעדרוקט סמאָלענסקין׳ס עט־ליכע ווערקע און מען האָט גאָר נישט באַקלערט, אַז די אלמנה און די יתומים האָבען אַ שטיקעל רעכט צו די גייסטעס־פּראָדוקטען פון זייער מאַן און פאָטער.

באַקאַנט איז מיר אויך, אַז ווען עס איז אַמאָל געווען אין וויען אַ גרויסע פייערליכקייט צו עהרען פון סמאָלענסקין׳ס יאָהרצייט, האָט מען קיינמאָל נישט איינגעלאַדען די אלמנה און די יתומים. איינמאָל האָט זיך סמאָלענסקין׳ס אלמנה זאָגאַר געבעטען, אַז זי וואָלט גערן געהערט, וואָס מען האָט צו זאָגען וועגען איהר מאַן, האָבען איהר גוטע פריינד געראָטהען, זי זאָל ליעבער בלייבען אין דערהיים. מיר אַליין איז פיעל מאָל אויסגע־קומען צו זיין אין וויען — און נאָר איין־איינציג מאָל האָב איך גע׳פועל׳ט בייי אַ חברה באַקאַנטע, מען זאָל מיך באַגלייטען צו אַ באַזוך ביי סמאָ־לענסקין׳ס אלמנה.

ערשט גאַנצע פערציג יאָהר נאָך סמאָלענסקין׳ס טויט, האָט מען זיך פלוצים דערמאנט, אַז מאדאם לעאָנאָרע סמאָלענסקין לעבט נאָך. האָט מען זי דאַמאָלס דאָס ערשטע מאָל איינגעלאַדען צו אַ יאָהרצייט־פייער פון פרץ סמאָלענסקין, צו וועלכער זי האָט נישט מעהר געקאָנט געהען, ווייל זי איז שוין געווען בעטלעגעריג, אַ צובראָכענע פון נויט און פיין אין אַ פערציג־יעהריגער וויטווענשאַפט. האָט זי אויף דער דאָזיגער איינ־לאַדונג אָפּגעשריבען די פאָלגענדע תשובה:

„צו מיין טיעפסטען שמערץ בין איך דורך קראַנקהייט פאַרהינ־דערט צו קומען אויף אייער פאַר מיר אַזוי חשוב׳ע איינלאַדונג, צו דער פייער פון דער פערציגסטער יאָהרצייט פונ׳ם אונפאַרגעסליכען פרץ סמאָ־לענסקין. די יאָהרצייט פון אַזאַ גרויסען איד מוז יעדער פון אונז באַ־טראַכטען פאַר אַ היסטאָרישען מאָמענט, און ווי שמערצליך מוז די דאָזיגע פייער באַריהרען מיך, נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט דאָס גליק, איך זאָל זיין די געטרייע לעבענספריינדין פון אַזאַ איידעלען מאַן. ביי אַלער ליעבע, וועלכע האָט אונז ביידען איינס צום אַנדערען צוגעבונדען, האָב איך קיינמאָל נישט געקוקט אויף פרץ סמאָלענסקין ווי אויף אַ מענשען וואָס באַלאַנגט צו מיר אַליין, ווייל איך האָב איהם שטענדיג באַטראַכט ווי דאָס אייגענטום פון זיין געליעבטען אידישען פאָלק.

„אונזער גליק האָט בלויז אַ קורצע צייט געדויערט, דערנאָך זענען

איבער מיר געקומען פֿיעלע יאָהרען פֿון טרויער און קאַמפּף. שטענדיג איז אָבער געווען פֿאַר מיר אַ טרייסט, ווען איך האָב געזעהען, ווי עס וואַקסט דער געדאַנק, פֿאַר וועלכען פּרץ סמאָלענסקין האָט געלעבט — און ווי עס ווערט דער נאָמען זיינער יעדעס מאָל גרעסער און ליכטיגער אין די הערצער פֿונ'ם אידישען פֿאָלק, וועלכעס דערקענט זיך מיט יעדען טאָג מעהרער אויף זיין ריין־אמת'ע גרויסקייט."

מיט צוואַנציג יאָהר צוריק האָב איך געהאַט דאָס פֿאַרגניגען, צו באַזוכען סמאָלענסקין'ס הויז אין ווין — און אויף וויפֿיעל איך געדענק, האָט מיר די אלמנה דערצעהלט, אַז זי איז די גאַנצע צייט געבליבען וואוינען אין דערזעלבער דירה, וואָס זי האָט געוואוינט ווען דער מאַן האָט געלעבט. עס זענען אויך געבליבען שטעהען אין איהר דירה אַלע כלים, די בילדער אויף דער וואַנד, די אַלמערס מיט ספרים און דער שרייבשטענדער, וועלכער האָט אויסגעזעהן אין מיינע אויגען ווי אַן „עמוד" אין אַ שוהל. דאַבּיי האָט זיך די פֿרוי באַקלאָגט וועגען איהר גרויסען שאָדען, גלייך זי וואָלט ערשט נעכטען דעם מאַן פֿאַרלוירען.

נאָכעל אין איהר אויסזעהן און באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור, אין דער אַלטער גלייך ווי אין דער מאָדערנער, האָב איך פֿאַרבראַכט אַן אַנגענעהמע שטונדע אין איהר געזעלשאַפֿט. ספּעציעל פֿאַראינטערעסירט בין איך געווען צו הערען, וואָס זי האָט גישט אויף איין מינוט פֿאַרגעסען, אַז זי איז די פֿרוי פֿון פּרץ סמאָלענסקין. נאָך שטאָלצער איז זי געווען, וואָס זי איז געבליבען טריי צו איהר מאַן'ס אנדענק, און טראָצדעם וואָס עס האָבען זיך צו איהר פֿאַרשיעדענע מענער גע'שדכנ'ט, איז זי געבליבען סמאָלענסקין'ס אלמנה, און די מוטער פֿון זיינע יתומים.

מיט אַ באַזונדערען שטאָלץ האָט זי מיר געוויזען דאָס בעט, וואָס סמאָלענסקין האָט אין איהם געשלאָפֿען, ווי עס שטעהט אונבאַריהרט זייט ער איז אַוועקגעפֿאָהרען קיין מעראַן. אפילו אַ שטיקעל זייף, מיט וועלכען ער האָט זיך געוואַשען איידער ער איז אַוועקגעפֿאָהרען, און דאָס גלאָז וואָס ער האָט פֿון איהם געטרונקען, זענען ביי איהר אָפּגעהיט געוואָרען ווי טייערע זכרונות. זי האָט מיר אויך דערצעהלט, אַז סמאָלענסקין פֿלעגט גאַנצע נעכט שטעהען ביי זיין שרייב־שטענדער און שרייבען שטעהענדיג.

זי איז געבליבען — האָט זי דערצעהלט — אַן אלמנה מיט פֿינף קליינע קינדער און די אַלע יאָהרען פֿון נאָך איהר מאַן'ס טויט איז זי אויף זיך אַליין געווען אָנגעוויזען. קיינעם האָט נישט דאַן אינטערעסירט, וואָס עס וועט ווערען פֿון סמאָלענסקין'ס יתומים. איהרע רייכע קרובים

אין רוסלאַנד האָבּען זי געבּעטען, זי זאָל קומען מיט די קינדער קיין פּעטערסבּורג, האָט זי אָבּער געוואָלט אָפּהיטען דעם כבוד פון פּרץ סמאָלענסקין און האָט נישט געוואָלט ערציהען זיינע קינדער אויפ׳ן חשבון פון קרובים׳ס גוטהערציגקייט.

איינמאָל, ווען איהר עלטערער זוהן האָט געלערנט אין דער „עקספּאָרט-אַקאַדעמיע“, איז ער אַהיימגעקומען מיט אַ נייעס: דער רעקטאָר פון דער אַקאַדעמיע האָט ערקלערט, אַז ער געפעלט איהם זעהר מיט זיינע פעהיגקייטען, און אַזוי ווי עס פעהלט איצט אַ פּראָפעסאָר אין דער שולע, וויל ער איהם באַלד מאַכען פאַר אַ פּראָפעסאָר, ווען ער וועט איהם ברענגען — אַ „טויף-צעטעל“.

— נו, וואָס דענקסטו צו טהאָן? — האָט איהם דאַן די מוטער געפרעגט.

— איך דענק צו בּלייבּען דער זוהן פון פּרץ סמאָלענסקין! — האָט דער בחור געענטפערט.

בּאַזונדערס אינטערעסאַנט איז דער עפּיזאָד, וואָס לעאָנאָרע סמאָלענסקין דערצעהלט וועגען איהר אינגסטען זוהן. אַזוי ווי ער איז אַ הייסער חובב-ציון, האָט זי איהם געוואָלט אַוועקשיקען קיין ארץ-ישראל. האָט זי זיך געווענדעט מיט אַ בּיטע צו דער פּאַריזער „אַליאַנס“, מען זאָל איהם אַריינגעהמען אין דער אַקערבּוי-שולע „מקוה-ישראל“ אין יפו, האָט מען איהר די בקשה אָפּגעזאָגט. די אורזאַך דערפון, האָט זי ערקלערט, איז געווען, וואָס די „אַליאַנס“ האָט זיכערליך מורא געהאַט פאַר אַ סמאָלענסקין, ער זאָל איהר נישט רעוואָלוציאָנירען די גאַנצע שולע.

אין דער צייט וואָס איך בּין געווען בּיי דער פרוי סמאָלענסקין אין הויז, איז געפייערט געוואָרען אין ווין די ערשטע יאָהרצייט פון טהעאָדאָר הערצל. און אַזוי ווי עס האָט דאַמאָלס געקאָכט, אַז די ציוניסטישע פּאַרטיי געהט בּאַזאָרגען הערצל׳ס אלמנה און יתומים, האָט דאַן די פרוי סמאָלענסקין געבּענשט די מנדבים פאַר הערצל׳ס משפחה מיט אַלערליי ברכות, וויל מען וועט עס פאַר דער אלמנה מעגליך מאַכען, זי זאָל קענען ערציהען די קינדער אינ׳ם גייסט פון איהר מאַן. („איך האָב דאָס ליידער נישט געקאָנט טהאָן“, האָט זי צוגעגעבּען מיט בּיטערקייט, „פאַר סמאָלענסקין׳ס קינדער האָט זיך נישט קיינער געקומערט און צוליעב דער זאָרג מיינער, אַז זיי זאָלען נישט אויסגעהן פון הונגער, האָב איך נישט געקאָנט זאָרגען פאַר זייער העבּרעאישע בּילדונג. פיעל מאָל האָט געפעהלט אין מיין הויז עסען, האָב איך געמוזט אַרויס-פאַרקויפען מיין מאַן׳ס ספרים פון די אַלמערס און איך האָב מיך נאָך געמוזט גליקליך פיהלען, ווען דער אַלטער שלעזינגער האָט זיי בּיי מיר צוגענומען“.

זאב יעבץ

כמעט ווי אַ פאַרגעסענער פּונ'ם עפענטליכען לעבען איז זאב יעבץ געשטאָרבען. איז די אורזאַך דערפון נישט ווייל ער איז געווען אַ זקן פון זיבען־און־זיבציג יאָהר און האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צו דער מאָדער־נער צייט, ער איז אויך נישט קיינמאָל אין זיין לעבען אונטריי געוואָרען צו זיינע אַמאָליגע אידעאַלען און איז נישט צוריקגעטרעטען פון זיינע פריהעריגע אַנשויאונגען. ער האָט אָבער געמאַכט אַן אַנדערען „פעהלער", וואָס אונזערע „מאָדערנע" קענען איהם נישט מוחל זיין — און ווער עס פאַלט אַמאָל אַריין אין דעם דאָזיגען פעהלער, דער איז שוין פאַר זיי פאַרלוירען.

זאב יעבץ איז געווען איינער פון די בעסטע העברעאישע סטיליסטען. זיין לשון איז געווען זאַפטיג און סאַמעט־ווייך, נישט געצאַצקעט, פּשוט און אָהן מליצות. דער מקור פון זיין לשון האָט געשטאַמט פונ'ם אייביגען קוואַל פון אונזער אַלטען תנ"ך, פון דער משנה און די מדרשים. אַזוי ווי ער פלעגט גרעסטענטיילס באַהאַנדלען מאָדערנע טעמאַטען, איז עס געווען צו באַוואונדערן, ווי עס האָט זיך נישט געפיהלט פון זיין שרייבען קיין ריח פון אַ רוסישען שוויצבאָד, ווי דאָס פיהלט זיך געוועהנליך ביי אַנדערע פון דעמזעלבען מין, גלייך ווי עס איז געווען די „עברי" זיינע אַ נאַטירליכע און נישט קיין פאַבריטשנע־בלעכענע. די ווערטער זענען ביי איהם אַרויס־געקומען ווי פּעריל, אויפגעציליעט אויף אַ שנירעל — און ווען מען האָט זיך גענומען לייענען זיינע חבורים, האָט זיך נאָר געדאַכט, אַז מיר האָבען צו טהאָן מיט איינעם פון די חכמי המשנה, וואָס העברעאיש איז ביי איהם לעבעדיג, אין זיין מוח גלייך ווי אין זיין האַרץ.

יעבץ איז געווען אַ דיכטער נישט פון געוועהנליכען סאָרט. אויף זיינע דיכטונגען האָט געשוועבט אַ הייליגע געטליכקייט. „האָניג און מילך" האָט געפלאָסען פון זיין פען. איז דאָס געווען אַ דערקוויקעניש פאַר דער נשמה פון גרויס און קליין. יעבץ איז אויך געווען אַן ערצעהלער. זענען די בילדער זיינע פול מיט אַ שטילער צניעות, אָהן דראַמאַטישע פאַר־

ווירקלונגען און אָהן האַרץ־פאַרהאַפּענדע סיטואַציעס. די העלדען זיינע האָבען נישט קיין מחותנים־שאַפט מיט „מאַדאַם וואַנעראַ" און זיינע העלדינען זענען כשר'ע אידישע טעכטער אָהן אַ פּגימה.

זענען די דאָזיגע אַלע מעלות — פּשוט'ע חסרונות ביי די אַפּוטרופּסים פון אונזער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור. יעבץ איז געווען אַ „מחדש הלשון", אַ שפּראַכען־שאַפער, האָט ער די „חדושים" זיינע נישט אויסגעקאָוועט אויף אַ רוסיש־דייטשער קאָוואַדלע, נאָר ער האָט אַלס־דינג אויסגעפונען אין תלמוד און אין מדרש. אין זיינע דיכטונגען האָט ער נישט באַזונגען די מענשליכע תאוות און קעצענע עראָטיק. באַזונדערס האָט מען איהם נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ווען ער האָט געשריבען בעלעטריסטיק, זענען די בתולות זיינע אָהן „פאַרגאַנגענהייטען" און די זכרים פיהרען נישט קיין לינקע ליעבעס.

און מעהר פון אַלעמען האָט זיך יעבץ פאַרזינדיגט ביי אונזערע „מאָדערנע", ווען זיי האָבען געהערט, אַז ער איז אַן אָרטהאָדאָקס. עס האָט זיך אפילו אַמאָל געפונען איינער אַ קריטיקער (יהושע מזח), וועל־כער האָט געבראַכט אַ „גביית עדות" אַז יעבץ'ס אָרטאָדאָקסיע איז נישט אין גאַנצען אין איינקלאַנג מיט דער אָרטאָדאָקסיע פון אַ געוויסען חסידישען רבי'ן. עס האָבען זיך אויך געפונען עדות, וואָס האָבען געשוואוירען, אַז זיי האָבען מיט די אייגענע אויגען געזעהען, ווי יעבץ פלעגט דאַוונען נאָר אין איין פּאָר תפלין און אַז ער איז נישט מעביר די סדרא יעדען שבת „שנים מקרא ואחד תרגום". אַזוי ווי ער האָט אָבער געהאַט אַ געוואַל־דיגען רעספּעקט פאַר די טראַדיציעס פון דער אידישער אמונה, האָבען איהם אונזערע „מאָדערנע" אויסגעשלאָסען פון דער חברה און מען האָט איהם געסטעמפּעלט פאַר אַ רעאַקציאָנער, אַ פינסטערלינג, וואָס וויל פיהרען דאָס אידישע פאָלק צום קלעריקאַליזם, צו דער ממשלה פון די רבנים, אָדער — ווי גוים זאָגען געוועהנליך — ער וויל פיהרען דאָס פאָלק קיין „קאַנאָסאַ" (וואו קייזער היינריך דער פערטער איז געקומען איבערבעטען דעם פּאַפּסט).

ביי אונזערע העברעאישע „מאָדערנע" שטעהט איבערהויפּט יעדער אָרטאָדאָקסער איד אונטער אַ מאָראַלישען „קאַראַנטין", וואָס ווער עס היט זיך זיין כבוד, דאַרף זיך פון איהם דערווייטערן, בפרט ווען מען האָט נאָך צו טהאָן מיט אַ מענשען, וועלכער האַלט כסדר אין איין האַמערען, אַז אידען דאַרפען אָפּהיטען זייערע רעליגיעזע טראַדיציעס. אַ העברע־אישער שרייבער דאַרף זיין — לויט דער מיינונג פון אונזערע „מאָדערנע" — אַ הפקר־מענש, און אַ העברעאישער בעלעטריסט דאַרף שרייבען אַזעלכע

זאַכען, וואָס עס זאָל אויף אייך דאַרפען ציטערן די הויט, טאָמער וועט דאָס אַריינפאַלען אין דער האַנד פון אייער טאָכטער אָדער פון אייער אונ־פאַרהייראַטער שוועסטער.

האָבען זיך אָבער בּיי אונז די ליטעראַרישע פאַרהעלטניסע ליידער אַזוי אַנטוויקעלט, וואָס דוקא יענע „מאָדערנע“ האָבען די שליסלען צו פּאָפּולאַריטעט אין זייערע הענד. האָבען זיי אַזאַ שריפטשטעלער ווי יעבּץ פּלוצים אָפּגעשטופּט אין אַ זייט, נישט צוגעלאָזען צום ליטעראַרישען „עמוד“, געסטעמפּעלט איהם פאַר אַ רעאַקציאָנער און איהם אַריינגעשטעלט צווי־שען די פאַרגעסענע. איז אויך אָט די אַרבּייט אָנגעפיהרט געוואָרען סיסטע־מאַטיש, בּיז עס איז דערגרייכט געוואָרען דאָס ציעל.

יעבּץ האָט געגלויבּט, אַז פאַר דער ווידערבּאַלעבּונג פונ׳ם אידישען פאָלק איז אין ערשטער רייהע נויטיג, אויפצולעבּען די אידישע רעליגיאָן. און ווידער־אויפלעבּען די אידישע רעליגיאָן הייסט צוריק צו בּרענגען די אמונה צום מקור פונ׳ם אידישען נאַציאָנאַליזם, וועלכער איז ענג פאַרקניפּט און פאַרבּונדען מיט׳ן אידישען דת, ווייל דער רעליגיעזער אינהאַלט פונ׳ם אידישען פאָלקסטום געפינט אָם בּעסטען זיין אויסדרוק אין אַ נאַציאָ־נאַלער צורה. און דער נאַציאָנאַלער אינהאַלט פונ׳ם אידישען פאָלקסטום קאָנצענטרירט זיך לעבּעדיג און געדאַנקליך אין דער רעליגיאָן. דאָס אידישע לעבּען קען אויך נישט אָנגערופען ווערען אידיש, ווען עס איז נישט בּאַ־גרינדעט אויף דער אידישער תורה און אויף די אידישע מצוות. אָהן תורה ומצוות האָט נישט דאָס אידישע פאָלק קיין לעבּען. נאָר די אידישע תורה און די אידישע מצוות זענען די גרונדפעסטען פונ׳ם אידישען נאַציאָנאַ־ליזם. זיי זענען די פעלזען, וואָס בּאַשיצען דאָס אידישע פאָלקסטום פון אַ דרויסענדיגער פאַרפלייצונג.

אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבּען האָט יעבּץ קאָנצענטרירט זיין אַרבּייט אויף צו שרייבּען אַ נייע אידישע געשיכטע. און נישט ווייל ער איז געווען בּטבע אַזאַ גרויסער היסטאָריקער, האָט ער די דאָזיגע אַרבּייט אונ־טערגענומען, נאָר ווייל ער איז פּשוט אַרויסגעשטויסען געוואָרען פון אַנ־דערע ליטעראַרישע אַרבּייטען. יעבּץ איז געווען אַ מומחה אין געשיכטע, אַן אַריינגעאַרבּייטער דורך פליים און בּקיאות. ער איז אָבער נישט געווען קיין מייסטער, וועלכער איז ספּעציעל פאַר דעם דאָזיגען ענין געבּוירען גע־וואָרען. אַזוי ווי ער האָט זיך געפיהלט אַרויסגעשטויסען פון דער געגענ־וואַרט, האָט ער זיך געווענדעט צו דער פאַרגאַנגענהייט. גלייך ווי שפּ״ר איז געוואָרען אַ היסטאָריקער ווען ער האָט געזעהען, אַז ער האָט נישט מעהר צו זאָגען קיין נייע וואָרט פאַר דער געגענוואָרט.

עס פֿאַרשטעהט זיך אויך, אַז ווען אַזאַ מענש ווי יעבץ איז געוואָרען אַ היסטאָריקער, האָט ער זיך בּאַשטרעבּט אָפּצוהיטען אין אַלע זיינע געשיכטליכע פֿאָרשונגען די אידישע טראַדיציע. האָט מען איהם דאָס ווייטער פֿאַררעכענט פֿאַר אַ חטא, חאָטש די זינד זיינע אַלס היסטאָריקער איז געווען גאָר אַ קליינע, ווייל ער האָט דאָרט נאָר געשטרעבּט, אויס־צוגלייכען מאַנכען ווידערשפּרוך און ער האָט זיך אויך אַמאָל ערלויבּט, צו דענקען אַנדערש ווי גרעץ. די הויפּט־זינד זיינע בּיי אונזערע „מאָדערנע“ איז אָבּער געווען, וואָס ער האָט אין גאַנצען איגנאָרירט די פֿראַגע, צי די תורה איז געשריבּען געוואָרען פֿון משה רבנו, ווי אידען גלויבּען, אָדער זי איז געשריבּען שטיקלעך־וויז פֿון פֿאַרשיעדענע שרייבּער, ווי עס בּאַהויפּטען די גוי'שע קריטיקער. אין זיינע אויגען איז אַזאַ פֿראַגע גאָר נישט וויכטיג צו פֿאַרליערען אַ וואָרט וועגען איהר. ווייל די גאַנצע תורה בּאַשטעהט פֿון איין גוס, פֿון „בראשית ברא“ בּיז „לעיני כל ישראל“, אַזוי ווי אידען לערנען זי זייט טויזענדער יאָהר און אַזוי ווי זי איז איינגעקריצט טיעף אין אונזער נשמה.

לאָורענס אָליפאַנט

צווישען פּועלע אַנדערע רעליגיעזע טראַדיציעס, וואָס זענען אָנגענומען בּײַ די גלויבּיגע פון דער אַנגליקאַנישער קירכע, איז פאַראַנען איינע, וועלכע איז פאַראינטערעסירט אין׳ם גורל פון׳ם אידישען פאָלק און זי זאָגט, אַז ווען אידען וועלען זיך צוריק צונויפקומען אין ארץ־ישראל, וועט זיך יעזוס דאָס צווייטע מאָל בּאַווייזען, וועלען שוין דאַמאָלס אידען אָן איהם גלויבען און עס וועט דאַן די גאַנצע וועלט „אויסגעלייזט״ ווערען. אָט די טראַדיציע פון דער אַנגליקאַנישער קירכע האָט עס פאַראורזאַכט, וואָס מאַנכע ענגלישע קריסטען האָבּען אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקען אינ־טערעס פאַר „ישוב ארץ ישראל״ און געהאָלפען דערצו האָט נאָך די אַנהענגליכקייט פון די ענגלענדער צו דער בּיבּעל, צוליעב וועלכער זיי דענ־קען, אַז דאָס פאָלק פון דער בּיבּעל דאַרף בּאַזיצען ארץ־ישראל.

פאַרהאַנען אפילו אַזעלכע, וואָס ערקלעהרען, אַז דאָס אינטערעסע פאַר „ישוב ארץ־ישראל״, וואָס די ענגלענדער האָבּען תמיד אַרויסגעוויזען, איז בּאַגרינדעט אין דער ענגלישער פּאָליטיק, וועלכע האָט לאַנגע יאָהרען געהאַט אַן אויג אויף ארץ־ישראל און זי האָט עס אויך פאַרשטאַנען, אַז ווען ענגלאַנד וועט אַמאָל פאַרוויקעלט ווערען אין אַ קריעג מיט דער טערקיי און זי וועט דאַרפען צונעהמען ארץ־ישראל, וועט זי דאָרט נישט האָבּען קיין געטרייע אַנהענגער ווי אידען קענען ווערען, ווען זי וועט זיי העלפען בּאַזעצען אין ארץ־ישראל.

איז איינער פון יענע ענגלענדער געווען — סיר לאָורענס אָליפאַנט (געבּוירען 1829 אין קייפּטאַון, סאַוטה אפריקא, און געשטאָרבּען 1888 אין לאָנדאָן).

יונגערהייט האָט זיך אָליפאַנט געווידמעט צו דער דיפּלאָמאַטיע און אַ רייהע פון יאָהרען האָט ער געדיענט אַלס בּאַאַמטער בּיים ענגלישען אַמבּאַסאַדאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. שפּעטער האָט ער אַרומגערייזט איבּער׳ן גאַנצען אָריענט און פאַר אַ קורצע צייט האָט ער זיך אויך בּאַשעפטיגט מיט דער אינלענדישער ענגלישער פּאָליטיק אַלס מיטגליעד פון׳ם פּאַר־לאַמענט. אַזוי ווי ער איז אָבּער בּטבע געווען מעהר שווערמער ווי רעאַל־

פּאָליטיקער, האָט ער זיך אָנגעהויבן אינטערעסירען פאַר דער צוקונפט פון ארץ־ישראל, וועלכע „קען נישט קיינמאָל צוריקקומען צו איהר אַמאָליגער מדרגה, ווי לאַנג זי וועט נישט זיין באַזעצט דורך אידען“.

ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין ארץ־ישראל איז אָליפאַנט געוואָרען נאָך'ן בערלינער קאָנגרעס פון 1878. אין דער צייט פונ'ם רוסיש־טערקישען קריעג האָבען די אייראָפּעאישע מעכטע מורא געהאַט, רוסלאַנד זאָל נישט וועלען געהן אויף ארץ־ישראל, ווייל דאָס וואָלט געקאָנט פאַרוויקלען די אייראָפּעאישע מלוכות איינע מיט דער אַנדערער. און ווען רוסלאַנד האָט שפּעטער נאָך דער מלחמה געוואָלט אַרויסטרייבען די טערקיי פון אייראָפּאַ, האָט מען אין ענגלאַנד אָנגעהויבען מורא קריגען, אַז רוסלאַנד זאָל נישט אין אַ צווייטען קריעג מיט דער טערקיי וועלען צונעהמען ארץ־ישראל פאַר זיך. האָט אָליפאַנט אָנגעהויבען קלערען, צי עס וואָלט נישט געווען מעגליך, אָנצוהויבען באַזעצען ארץ־ישראל מיט אידען. און ווען אָליפאַנט האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען זיין אידעע מיט פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע פריינד, האָט ער באַלד געקראָגען איטליכעק'ס הסכמה, ווייל יעדער פון זיי האָט געדענקט, אַז אידען זענען דער בעסטער עלעמענט פאַר אַזאַ קאָלאָניזאַציע.

צו אַזאַ קאָלאָניזאַציע נויטיגט זיך זעהר פיעל קאַפּיטאַל — האָט דאַן אָליפאַנט אַרגומענטירט — און דעם ווילען אויף צו געבען אַזוי פיעל קאַפּיטאַל פאַר אַן אַלגעמיינעם צוועק, קען מען געפינען בלויז ביי אידען. אין אַליפאַנט'ס אויגען איז אויך נישט געווען קיין שום ספק, אַז אידען וועלען זיך אָנחאַפּען אָן זיין אידעע מיט הענד און פיס, ווייל „אידען זענען ביז צום היינטיגען טאָג געבליבען דאָס איינציגע פאָלק, וועלכעס איז פעסט צוגעבונדען צו ארץ־ישראל מיט שטאַרקע רעליגיעזע און היסטאָרישע שטריק, וואָס אינ'ם פייער פון דער אינקוויזיציע זענען זיי נישט פאַרברענט געוואָרען און דאָס וואַסער פון די געצוואונגענע טויפען האָט זיי נישט אַוועקגעשלעפּט“.

אין זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען איז אָליפאַנט געווען אַ קאָנסערוואַטיווער — און די קאָנסערוואַטיווע פּאָליטיקער אין ענגלאַנד האָבען זיך נישט אַרומגעטראָגען מיט קיין שלעכטע מחשבות געגען דער טערקיי. און ווען זיי האָבען געדענקט וועגען באַזעצען ארץ־ישראל דורך ענגלאַנד, איז דאָס געווען איינציג און אַליין צוליעב דער געגנערשאַפט זייערער צו רוסלאַנד, וועגען וועלכער מען האָט מורא געהאַט, אַז ווען זי זאָל אַריינקריגען ארץ־ישראל אין איהרע הענד, וועט זי דאָרט אונטערדריקען אַלע גלויביגע פון אַנדערע אמונות און נישט־פּראַוואָסלאַווע קריסטען וועלען ביי איהר זיין אין גלות מעהר ווי ביי די טערקען. האָט אַליפאַנט דאַדורך געדענקט,

אַז די פראַגע פון באַזעצען ארץ־ישראל דורך אידען דאַרף אַרויסרופען צופריעדענהייט ביי אַלע אייראָפּעאישע מלוכות און זי דאַרף נישט אַרויס־רופען קיין שום חשד ביי דער טערקישער רעגיערונג, ווייל זי קען זיכער זיין, אַז „אידען וועלען זיך נישט קיינמאָל פּרובירען אָפּצורייסען דאָס לאַנד פון דער טערקישער ממשלה".

ווען אָליפאַנט האָט דאַן פאָרגעלייגט דעם ענין פון „ישוב ארץ־ישראל" אין אַן אָפיציעלער פאָרם צו לאָרד ביקאָנספיעלד און לאָרד סאַ־ליסבורי, האָבען איהם ביידע פאַרשפּראָכען, צו שטיצען זיין אידעע מיט אַלע מעגליכקייטען. דערנאָך האָט ער באַשפּראָכען די אַנגעלעגענהייט מיט די פאָרשטעהער פון דער פראַנצויזישער רעגיערונג און ער האָט זיך אויך באַשטרעבט, צו געווינען אויף זיין זייט דעם ענגלישען קראָנפּרינץ, דעם שפּעטערן קעניג עדוואַרד דעם זיבעטען.

מיט די דאָזיגע אַלע פאַרשפּרעכונגען אין קעשענע איז אָליפאַנט (אין 1879) אָפּגעפאָהרען קיין ארץ־ישראל, וואו ער האָט געוואָלט נאָך־אַמאָל אָנקוקען דאָס לאַנד, פאַר וועלכען ער האָט איצט געוואָלט ווידמען אַלע זיינע קרעפטען. האָט ער דאַן דורכגערייזט דעם גאַנצען גליל און אַ גרויסען טייל פון „עבר הירדן", וואו עס איז איהם געפעלען געוואָרען אַ שטיק לאַנד פון אַנדערטהאַלבען מיליאָן אַקער — און ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אָנצוהויבען דאָרט אויף יענעם פלאַץ די נייע אידישע קאָלאָ־ניזאַציע.

צוריקקומענדיג פון ארץ־ישראל, איז אָליפאַנט געווען אין קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל און מיט דער הילף פון׳ם ענגלישען אַמבאַסאַדאָר האָט ער אויסגע׳פּועל׳ט מען זאָל איהם ערלויבען פאָרצושלאָגען זיין אידעע אין אַלע איהרע איינצעלהייטען פאַר די פאָרשטעהער פון דער טערקישער רעגיערונג. האָט זיך דאַן סולטאַן אַבדול האַמיד געלאָזט איבערגעבען אָלי־פאַנט׳ס פּלענער — און אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז די ענגלישע רעגיערונג איז איינפאַרשטאַנען מיט אָליפאַנט׳ס אידעע, האָט ער געוואונען די איבער־צייגונג, אַז ענגלאַנד וויל דאָ דורך דער הילף פון אָליפאַנט׳ס פּלענער אַריינקריכען מיט אַ פוס אין ארץ־ישראל. האָט ער דעם גאַנצען פאָרשלאַג באַלד צוריקגעוויזען און אָנגעזאָגט צו זיינע מענשען, מען זאָל נישט מעהר רעדען דערפון.

האָט דאַן אָליפאַנט אָנגעשריבען אין אַ בוך מיט׳ן נאָמען „דאָס לאַנד גלעד" (1880), וואָס ער ווייסט וועגען ארץ־ישראל און ווי אַזוי

אידען קענען אָפּראַטעווען דאָס לאַנד צוזאַמען מיט דער גאַנצער טערקישער מלוכה פון אַ זיכערען אונטערגאַנג.

די ענגלישע קאָנסערוואַטיווען — האָט אָליפאַנט אין יענעם בוך געשריבען — האָבען דעם עהרליכען וואונש, אָפּצוראַטעווען די טערקיי פון אַ זיכערען אונטערגאַנג, קען דאָס אַלעס נישט צושטאַנדע־קומען, ווי לאַנג דער סולטאַן וועט קוקען מיט אונצוטרוי אויף יעדען ענגלישען פאָר־שלאַג וועגען דער צוקונפט פון זיין לאַנד. וואָלטען זיך אַנדערע אייראָ־פּעאישע מלוכות געדאַרפט אַריינמישען און דעם סולטאַן באַווייזען, ווי לייכט ער וואָלט זיך געקאָנט נעהמען פּרובירען אָפּראַטעווען איין פּראָווינץ פון זיין מלוכה מיט דער הילף פון ענגלאַנד, ווען ער וועט ערלויבען אַ מאָדערנע אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. דורך אַזאַ קאָלאָניזאַ־ציע קענען זיך די איינגאַהמען פון דער טערקישער רעגיערונג אויף אַזוי פיעל פאַרמעהרען, אַז זיי זאָלען אויף אַן אַנזעהנליכען אופן העלפען דער טערקיי אַרויסקריכען פון איהרע חובות. דאַבּיי וועט נישט צום גרינגסטען פאַרמינדערט ווערען דער פּרעסטיזש פון'ם סולטאַן. די אייראָפּעאישע מלוכות וועלען אויך קריגען אַ בעסערע מיינונג וועגען דער טערקיי און עס וועט גאָר קיינעמען פון זיי נישט מעהר קענען איינפאַלען, צו וועלען אָנריהרען די עקזיסטענץ פון דער טערקישער מלוכה.

„גלעד" — זאָגט ווייטער אָליפאַנט — איז דער ערשטער פּלאַץ אין ארץ־ישראל, וועלכער דאַרף איבערגעגעבען ווערען פאַר דער קאָלאָניזאַציע. די ערד איז דאָרט זעהר אַ פרוכטבאַרע און די דאָרטיגע בעדואינען האָבען נישט דאָס מינדעסטע פאַרשטענדניס פאַר דעם ווערטה פון יענער געגענד. דאָרט האָבען זיך אידען באַזעצט די ערשטע, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און גלייך ווי דאַמאָלס איז אויך איצט נויטיג, אַז דאָרט זאָל געמאַכט ווערען די התחלה פאַר דער נייער אידישער קאָלאָניזאַציע, פון וואַנען עס וועט דערנאָך זיין גרינג פאָרצודרינגען ווייטער ביז צום מערב פון ארץ־ישראל.

די קאָסטען פון דער ערשטער אידישער קאָלאָניע האָט אָליפאַנט באַרעכענט אויף אַ מיליאָן ענגלישע פונט — און אַזאַ סומע, האָט ער געדענקט, וועט זיין גאָר גרינג צונויף־צוקלויבען ביי די רייכע אידען. עס וועלען אויך די ערשטע קאָלאָניסטען נישט מוזען אַליין אַרבייטען אין די פעלדער, ווי לאַנג זיי זענען נאָך צו אַזאַ אַרבייט נישט פעהיג. ווי עס איז אָבער צו האָפען, וועלען אידען די פעהיגקייט צו ערד־אַרבייט גאָר גיך דערגרייכען, ווי זיי האָבען שוין דאָס, לויט אָליפאַנט'ס מיינונג, באַוויזען

אויף פיעלע ערטער אין פאַרשיעדענע לענדער, וואָס אָליפאַנט האָט מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהען.

אָליפאַנט'ס בוך האָט נישט געהאַט די ערוואַרטעטע ווירקונג אין דער טערקיי, גלייך ווי עס האָט נישט געמאַכט קיין רושם ביי אידען. אָליפאַנט האָט אָבער פונדעסטוועגען זיין אידעע נישט אויפגעגעבען און ער האָט נישט אויפגעהערט צו גלויבען, אַז די אידעע פון „ישוב ארץ־ישראל" מוז זיך דורכברעכען אַ וועג אינ'ם לעבען, ווען מען וועט נאָר האָבען געדולד צו וואַרטען אויף אַ „שעת הכושר".

עס האָט אויך נישט לאַנג געדויערט ביז עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט אַז די ריכטיגע „שעת־הכושר" פאַר „ישוב ארץ־ישראל" איז ענדליך גע־קומען. דאָס איז געווען אין 1882 — נאָך די פאָגראָמען אין רוסלאַנד — ווען רוסישע פליכטלינגע האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט אין די גאַסען פון עסטרייכישע גרעניץ־שטעדט. איז דאַן לאָורענס אָליפאַנט געקומען מיט זיין פרוי קיין לעמבערג, וואו זיי האָבען אויסגעקליבען עטליכע צו אַרבייט פעהיגע וואַנדערער און האָבען זיי אַוועקגעשיקט אויף זייערע קאָסטען קיין ארץ־ישראל.

אין דערזעלבער צייט האָט אָליפאַנט אָנגעהויבען מאַכען פּראָפּאַגאַנדאַ פאַר זיין אידעע אין אידישע צייטונגען, וואו עס האָבען זיך אָנגעהויבען הערען קלאַנגען פון אַ חשד וועגען איהם, אַז די כוונה פון זיין אַרבייט איז אַ רעליגיעז־קריסטליכע און אַז די ענגלישע מיסיאָנערען שטיצען איהם, ווייל זיי גלויבען, אַז די אַרבייט זיינע פאַר אַ אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל קען זיי העלפען צו זייערע ציעלען. געוואָהר ווערענדיג וועגען דעם דאָזיגען חשד, איז ער געטרעטען אין פאַרבינדונג מיט די „חובבי־ציון" אין רוסלאַנד און אין רומעניען און האָט דאַן עפענטליך ערקלערט, אַז אַזוי ווי ער האָט נישט קיין קינדער, האָט ער אַדאָפּטירט דאָס אידישע פאָלק פאַר אַ קינד, ווייל ער האָט געזעהען, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט דעמזעלבען גורל ווי אַ פאַרלאָזענער יתום, וואָס איטליכער פאַרפאָלגט איהם און קיינער נעמט זיך נישט אָן פאַר זיין קריוודע.

שפּעטער איז אָליפאַנט נאָך עטליכע מאָל געווען אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל, וואו ער האָט זיך אַרומגעדרעהט צווישען די טערקישע מיניסטאָרען אין דער האָפנונג, אַז עס וועט איהם געלינגען, צוצוקומען צום סולטאַן, איהם אויפצוקלערען, אַז עס איז אומזיסט די מורא זיינע פאַר אַ גרויסע אידישע קאָלאָניזאַציע, וועלכע זאָל זיין אונטערשטיצט פון דער ענגלישער רעגיערונג. און ווען ער האָט ענדליך איינגעזעהען, אַז ער קען צום סולטאַן

נישט צוקומען, האָט ער זיך פאַר אַ צייט לאַנג באַזעצט אין חיפה און פון דאָרט אויס האָט ער געשטיצט די קאָלאָניע „שומרון", איידער ראָטה־שילד האָט זי איבערגענומען.

אַנטטוישט אין אַלע זיינע ערוואַרטונגען, איז ער דערנאָך צוריק־געפאָהרען קיין לאָנדאָן, וואו זיין פרוי איז באַלד קראַנק געוואָרען און אין 1887 איז זי געשטאָרבען. האָט דאָס איהם צוגענומען דאָס לעצטע ביסעל לעבענסקראַפט, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט. האָט ער זיך אָנגעהויבען אָפּגעבען מיט מיסטיציזם, צו דערגרונטעווען די געהיימניסע פון די גרויסע וועלט־רעטענישען — און נאָכדעם ווי ער האָט געדרוקט אַ בוך וועגען דער וויסענשאַפטליכער רעליגיאָן, איז ער אין אַ יאָהר מיט דריי חדשים נאָך זיין פרוי'ס טויט געשטאָרבען, אינ'ם זעכציגסטען יאָהר פון זיין לעבען.

הענריק איבסען

הענריק איבסען איז תמיד אין מיינע אויגען אַ געבוירענער „פּאָלעמיקער“. איך וואָלט געזאָגט, אַז זיינע ווערקע זענען ווי אַ קריעגסערקלעהרונג צו אַלגעמיין־אָנגענומענע מיינונגען. דענקען דאַדורך די פּאַרעהרער זיינע, אַז ווען מען זאָל אַרויפליינען איבסען'ס קענען אויף איין וואָגשאָל און דאָס וואָס עס רופט זיך „געזעלשאַפט“ אויף דער אַנדערער וואָגשאָל, וועט איבסען'ס קענען וואַהרשיינליך אַריבערוועגען. איבסען אַליין פלעגט אויך אַזוי מאַנכעס מאָל וועגען זיך דענקען. ער פלעגט זאָגען, אַז יעדע צייט האָט אין איהר פאַרמעגען אַ געוויסע סומע פון אינטעליגענץ, וועלכע ווערט געוועהנליך איינגעטיילט צווישען אַלע מענשען, און ווען עס געפינען זיך אַמאָל עטליכע „זשעניען“ אין איין צייט, איז דאָס אַ סימן, אַז די סביבה איז אַ נאַרישע, און וואָס נאַרישער עס איז די סביבה, אַלץ שטאַרקער איז דאָס זשעניע.

פון אָט דער באַהויפּטונג האָבען איבסען'ס פאַרעהרער געוואָלט אַרויס־דרינגען, אַז אַלע איבסען'ס צייטגענאָסען זענען פשוט'ע גאָר־נישטען, ווייל איבסען'ס זשעניאַליטעט שטייגט אַריבער זיין גאַנצען דור. איבסען אַליין האָט זיך אויך נישט געפיהלט אַלס קינד פון אַ פאָלק, אַלס טייל פון אַ גאַנצעס, אַלס פיהרער פון אַ גרופּע, אַלס מיטגליעד פון אַ געזעלשאפט, ווייל ער האָט זיך אויסשליסליך געפיהלט אַלס אַ זשעניאַלער יחיד — און דאָס איינציגע וואָס איבסען פלעגט רעספּעקטירען, איז טאַקע ווייטער נאָר דער יחיד.

און מעג זיין אונזער מיינונג וועגען דעם ווערטה פון'ם יחיד אַנדערש ווי איבסען'ס מיינונג, מוזען מיר זיך צו דער דאָזיגער מיינונג מיט'ן גרעסטען „יראת הכבוד“ באַציהען, ווייל עס שטעקט אין איהר עטוואָס זעהר גרויסעס, ווען אַ מענש איז אין דער גאַנצער אייגענאַרט פון זיין וועזען אָפּגעריסען פון יעדען צוזאַמענהאַנג מיט דער סביבה, שטעלענדיג זיך אויף קריעגס־פוס מיט דער אומגעבונג.

כאַראַקטעריסטיש פאַר איבסען איז, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין

איבעראויס גוטע מיינונג פון די מאסען. אויף א לאנגזאמען אופן האט זיך ביי איהם ענטוויקעלט א מענשען־פאראכטונג. דאבײ איז ער אויך תמיד געווען א זוכער און א צווייפלער. לאנגע יאהרען האט ער געזוכט אן אייגענע שפראך און אן אייגענע פארם פאר זיינע געדאנקען, ביז ער האט זיך ארויפגעארבייט צו דער העכסטער מדרגה פון אן ערשטקלאסיגען ליטע־ראטור־מענש.

איבסען האלט די דורכשניטס־מענשען פאר קליינליך און אייגענ־נוציג. דער אופן פון זיין קוק אויף דער וועלט איז אבער נישט דער ריינער נאטורוויסענשאפטליכער קוק פונ'ם באאבאכטער, נאר ער איז דער קוק פון א מוסר'ניק — און אין זיין אייגענשאפט אלס מאראליסט רעדט ער מעהר וועגען דער אלגעמיינער שלעכטיגקייט פון די מענשען ווי וועגען זייער בלינדהייט און זייער מאנגעל פון פארשטאנד. די גאנצע מענשהייט איז אין איבסען'ס אויגען דום, ווייל זי איז שלעכט. די געדאנקען פון די מענשען זענען דין און שוואך ווי שפינוועבס, אהן יעדען מוטה און אהן יעדער קאנסעקווענץ פון לעבען און ליידענשאפט.

פעסימיזם איז אלזא איבסען'ס ליטערארישער דרך. פעסימיזם האט אבער פארשיעדענע וועגען. פאר געוועהנליך האט פעסימיזם די איבער־ציינונג, אז דאס לעבען אליין פאר זיך איז שלעכט, אז די גאנצע שמחה פונ'ם לעבען איז פארשווינדענד נישטיג אין פארגלייך צו די יסורים און ליידען פונ'ם לעבען. אהן יעדער מאטערניש קען דער פעסימיזם אויף א גרינגען אופן באווייזען, אז די גרעסטע גליקען פונ'ם לעבען זענען נישט מעהר ווי נארישע איינרעדענישען. שווערמיטהיג איז די מענשליכע יוגענד, פריידלאז די ארבייט, הויל איז אויך יעדעס פארגניגען פאר זיך און מיר ווערען אפגעטעמפט, ווען א געשעהעניש ווידערהאלט זיך. און מאכט אמאל די וועלט א שריט פארווערטס אין דער קולטור, ברענגט דאס נישט קיינמאל קיין גליק פאר די מענשען, ווייל עס מוז געוועהנליך יעדער קולטור־פארטשריט באגרינדעט ווערען אויף מענשליכע קרבנות.

דער דאזיגער פעסימיזם איז אבער נישט איבסען'ס פעסימיזם. אין זיינע אויגען איז די וועלט א שלעכטע, גלייך ווי זי איז ביי אלע אנדערע פעסימיסטען. עס באשעפטיגט איהם נאר נישט קיינמאל די פראגע, צו דאס לעבען איז א וואהלטהאט פאר די מענשען אדער נישט. ווייל דער קוק זיינער איז תמיד געריכטעט נאר אויף דער מאראלישער זייט פון דער וועלט.

מעהר ווי אין אלע אנדערע ערשיינונגען פונ'ם לעבען זעהט דער

פעסימיסט די גרעסטע זעלבסט-נאַרעריי אין דער ליעבע, וועלכע האָט גאָר נישט אין איהר ציעל די גליקליכקייט פונ'ם יחיד און זי האַלט זיך בלויז מיט'ן נאַטירליכען כח פונ'ם שטאַרקען לעבענס-אינסטינקט פאַר'ן „קיום המין”. ביי איבסען באַשטעהט נישט די ליעבע אין דער אונפאַרמיידליכער עראָטישער זעלבסטטוישונג, נאָר אין דער אָפּשוואַכונג פונ'ם כאַראַקטער און אין אַ כלומר'שטער פּאָעזיע, וועלכע פאַרדעקט די עראָטישע אורזאַך פון יעדער ליעבעס-פאַרבינדונג.

דער פעסימיסט שפּיעלט גערן מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס גליק איז אונמעגליך צו דערגרייכען, ווייל דער גענוס פונ'ם לעבען גנב'ט זיך אַוועק פון אונטער אונזערע הענד, און ווען מיר דערגרייכען שוין יאָ אַמאָל עטוואָס, קומט עס געוועהנליך צו שפּעט, ווען עס האָט נישט מעהר קיין ווירקונג אויף אונזער געמיטה. אַזוי דערצעהלט אויך געטהע, אַז ער האָט אין די פינף-און-זיבציג יאָהר פון זיין לעבען נישט געהאַט קיין פיער וואָכען צופריעדענהייט. ווייל עס האָט זיך איהם שטענדיג אויסגעדאַכט, אַז דאָס לעבען קייקעלט זיך אַוועק פון אונטער זיינע הענד, ווי אַ שטיין וואָס מען דאַרף איהם יעדעס מאָל אויף'ס ניי אויפהויבען.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס ביי איבסען. אַזוי שטאַרק פעסימיסטיש ווי ער איז, צווייפעלט ער נישט אָן דער מעגליכקייט פון גליק. דאָס לעבען אַליין פאַר זיך איז — לויט איבסען'ס מיינונג — גאָר נישט שלעכט, עס האָט אויך גענוג מעגליכקייטען פאַר פרייד און גענוס. מען דאַרף נאָר קענען די מענשען באַלערנען, זיי זאָלען פאַרשטעהן דאָס אַלעס אויסצונוצען. איבסען באַווייזט אויך נישט דאָס מינדעסטע מיטגעפיהל פאַר מענשליכע יסורים, ווייל ער גלויבט אין דער ערציהערישער מאַכט פון ליידען. יסורים זענען אין זיינע אויגען אַ מתנה, ווייל זיי ברענגען נוצען פאַר'ן מענשען, וועלכער ווערט דורך זיי אויסגעלייטערט און זעעליש געשטאַרקט.

מיכאל ערלאַנגער

פון אייניגע יאָהרען פלעגען די אידען אין פראַנקרייך קוקען אויף זייערע ברידער פון'ם עלזאַס ווי אויף מענשען פון אַ נידריגערער ראַסע — און ווען קייזער נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט געוואָלט געבען בירגערליכע רעכטע צו די אידען אין פראַנקרייך, האָט דער דאַמאָלסדיגער פיהרער פון די פראַנצויזישע אידען, סערף בעער, אַוועקגעשיקט אַ „מעמאָראַנדום" צום קייזער, אין וועלכען ער האָט ערקלעהרט, אַז די אידען פון'ם עלזאַס זענען נישט ווערטה צו קריגען גלייכבאַרעכטיגונג, ווייל זיי זענען נישט קיין עכטע פראַנצויזען און זיי וועלען עס קיינמאָל נישט זיין.

אין אמת'ן זענען אויך די אידען פון'ם עלזאַס תמיד געווען פון אַ גאַנץ אַנדערען שניט ווי די אידען פון פראַנקרייך. קיינמאָל זענען די אידען פון'ם עלזאַס נישט געווען אַזוי שטאַרק אַסימילירט ווי די אידען פון פּאַריז. ווי צוגעבונדען צו די אידען פון אַנדערע לענדער האָבען זיך די אידען פון עלזאַס תמיד געפיהלט — און כמעט אַלע אידישע כלל־טהוער אין פראַנקרייך, וואָס האָבען געהאַט אַ געפיהל פאַר אַלגעמיינע אידישע אינטערעסען, זענען געווען עלזאַס'ער אידען.

פון'ם עלזאַס האָט אויך געשטאַמט מ י כ א ל ע ר ל אַ נ ג ע ר.

געבוירען 1827 אין ווייסענבורג ביי אַ פאָטער אַ רב, וועלכער האָט איהם אויפגעצויגען אין דער אַלטער אידישער טראַדיציע און האָט איהם איינגעפלאַנצט ליעבע צו אַלע שאַפונגען פון'ם אידישען גייסט. איז דאַן דאָס לעבען אין אַזאַ שטעדטעל ווי ווייסענבורג צו ענג געווזען פאַר דער ענטוויקלונג פון'ם יונגען מיכאל. איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין פּאַריז, וואו ער האָט אָנגעהויבען אַרבייטען אין מסחר. גלייכצייטיג האָט ער זיך אינ־טערעסירט פאַר אַלע אידישע אַנגעלעגענהייטען און האָט שטענדיג פאַר־קעהרט מיט די עטליכע משכילים פון רוסלאַנד, וועלכע האָבען זיך דאַמאָלס געפונען אין פּאַריז.

אין 1848 — ווען ערלאַנגער איז אַלט געווען איין־און־צוואַנציג

יאָהר — איז ער געוואָרען דער פיהרער פון אַ גרויס עקספּאָרט-געשעפט אין דער עגיפּטישער שטאָדט אַלעקסאַנדריען, און אַזוי ווי ער איז שוין געווען אין עגיפּטען, פּלעגט ער פון צייט צו צייט דאַרפען מאַכען אַ גע-שעפטס-רייזע קיין סיריען און ארץ-ישראל. איז איהם אַמאָל אויף אַזאַ רייזע אָנגעקומען דער געדאַנק, ווי גוט עס וואָלט געווזען, ווען אידען זאָלען זיך וועלען נעהמען אויף׳ס ניי באַזעצען ארץ-ישראל. און ווען ער האָט איבערגעגעבען דעם דאָזיגען געדאַנק צו די פיהרענדע פראַנצויזישע אידען, מיט וועלכע ער איז צונויפגעקומען, האָט מען איהם אויסגעלאַכט. האָט איהם דאָס דאָזיגע אויסלאַכען באַשטאַרקט אין זיין מיינונג און ער האָט בּיי זיך אין האַרצען אַ נדר געטהון, אַז ווען ער וועט זיך נאָר קענען אַ ביסעל אַרויסדרעהען פון די געשעפטען זיינע, וועלכע האָבען פאַרנומען זיין גאַנצע צייט, וועט ער ווידמען אַלע זיינע כחות פאַר דער אַרבייט פון „ישוב ארץ ישראל“.

פון 1860 אָנגעהויבען איז ערלאַנגער אַריינגעצויגען געוואָרען צו דער אַרבייט פון דער „אַליאַנס איזראַעליט“ (כל ישראל חברים) — און ווען קאַרל נעטער איז אָפּגעפאָהרען קיין ארץ-ישראל וועגען דער גרינדונג פון דער באַוואוסטער אַקערבוי-שולע אין יפו, האָט איהם ערלאַנגער גע-דיענט מיט זיינע ידיעות אַלס „עקספּערט“.

שפּעטער האָט זיך ערלאַנגער באַפרייט פון אַלע מסחרים, וועלכע האָבען איהם געהאַלטען צוגעבונדען אויסערהאַלב פון פּאַריז און האָבען איהם נישט געלאָזט גענוג צייט פאַר עפענטליכע אינטערעסען. איז ער דאַן געוואָרען דער אַזוי-גערופענער „גבאי צדקה“ בּיי די ראָטהשילד׳ס אין הויז. האָט ער שוין דערנאָך געהאַט גענוג צייט פאַר אַלע עפענטליכע אַנגעלעגענהייטען פון׳ם אידישען לעבען און ער האָט זיך שוין אויך גע-קענט אָפּגעבען מיט אַלערליי שטודיען אין „חכמת ישראל“. אַלס „גבאי צדקה“ בּיי די ראָטהשילד׳ס האָבען זיך די בעלי בתים זיינע געסטאַרעט, צו געבען איהם די מעגליכקייט צו אַ בכבוד׳ן לעבען. און כדי עס זאָל נישט הייסען, אַז ער נעמט געצאָהלט פאַר זיינע כלל-אַרבייטען, האָבען איהם די ראָטהשילד׳ס געגעבען אַ שטיקעל שותפות אין זייערע געשעפטען, פון וועלכע ער האָט געצויגען גענוג ריוח פאַר זיין פרנסה. און ער האָט אויך געהאַט די מעגליכקייט צו קענען אַמאָל זיין אַ „נדבן“ אויף זיין אייגענעם חשבון.

איז דאַן ערלאַנגער געווען זעהר שטאַרק טהעטיג אין אַלע אידישע אינסטיטוציעס אין פּאַריז: אין דער „אַליאַנס איזראַעליט“, אינ׳ם „קאָנסיס-

טאָריום" (אגודת הקהלות) און אינ'ם ראַבינער-סעמינאַר. און ווען עס האָט זיך אין פּאַריז געגרינדעט די „געזעלשאַפט פאַר אידישע שטודיען", וועלכע האָט אַרויסגעגעבען אַן אייגענעם וויסענשאַפטליכען זשורנאַל פון דער גרעסטער וויכטיגקייט, איז ערלאַנגער געוואָרען סעקרעטער פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט.

מיכאל ערלאַנגער איז אַלזאָ געווען דער מיטעלפונקט פאַר אַלע קהל'שע טהעטיגקייטען, וואָס זענען פאָרגעקומען בּיי די אידען פון פראַנקרייך — און דרייסיג לאַנגע יאָהרען האָט מען ערלאַנגער'ן שטענדיג געטראָפען בּיי יעדער עפענטליכער אַנגעלעגענהייט, פאַר דער טובה פונ'ם כלל גלייך ווי פאַר דער טובה פון אַ יחיד. בּיי יעדער מיטינג איז ער געווען אָנוועזענד און אין זיין גייסט איז אומעטום אָנגעפיהרט געוואָרען יעדע אַרבּייט. און ווען עס זענען אָנגעקומען טויזענדער וואַנדערער פון רוסלאַנד אין 1881 — האָט ערלאַנגער אַוועקגעגעבען פאַר זייערטוועגען אַלע זיינע טעג און נעכט. האָט ער אָפען געהאַלטען פאַר זיי זיין הויז און איטליכער פון די אומגליקליכע וואַנדערער האָט זיך געווענדעט צו איהם ווי צו אַן אייגענעם טאַטען.

פּיעלע פון די וואַנדערער האָט ער פון זיין אייגענער קעשענע געהאָלפען פאָהרען קיין ארץ-ישראל. און ווען עס איז דערנאָך אויסגעבּראָכען אַ קריזיס אין דער קאָלאָניע „שומרון" און עס האָט געדראָהט די געפאַהר, אַז די גאַנצע קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל זאָל אָפּשטאַרבּען אין איהרע ערשטע „וויקעלעך", האָבען זיך די קאָלאָניסטען פון שומרון געווענדעט מיט זייער בּיטע צו ערלאַנגער'ן, ער זאָל זיי אַרויסהעלפען אין זייער גרויסער נויט. איז דאַן ערלאַנגער אַרומגעלאָפען ווי אַ משוגע'נער צווישען אַלע אידישע כלל-טהוער אין פּאַריז און איז אומעטום צוריקגעוויזען געוואָרען מיט זיין פאַרלאַנג. ערשט ווען רבי שמואל מאָהליווער איז אָנגעקומען אין פּאַריז, האָט איהם ערלאַנגער אַריינגעפיהרט צו בּאַראָן עדמונד ראָטהשילד, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען אינטערעסירען פאַר דער קאָלאָניזאַציע.

צו דער קאָנפערענץ פון די חובבי-ציון אין קאַטאָוויץ האָט ערלאַנגער נישט געקאָנט קומען. ער איז שוין געווען קראַנק און אַ רייזע פון פּאַריז קיין קאַטאָוויץ איז פאַר איהם געווען געפעהרליך. אַזוי ווי ער האָט זיך אָבער טראָץ אַלעמען געוואָלט בּאַטייליגען אין דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ, האָט ער אַהין-געשיקט דעם בּאַקאַנטען אידישען געלעהרטען דר. מיכל ראַבּינאָוויץ, דעם איבּערזעצער פונ'ם תלמוד אין פראַנצויזיש, אַלס זיין

פּאַרטרעטער. די קאַטאָוויצער קאָנפערענץ האָט איהם אויך אָנגעטרויט די פאַרמיטלונג צווישען די רוסישע חובבי־ציון און באַראָן ראָטהשילד.

און ווען עס זענען שפּעטער אויסגעבראָכען די באַקאַנטע סכסוכים צווישען די פאָרשטעהער פון ראָטהשילד'ס אַדמיניסטראַציע אין ארץ־ישראל און די קאָלאָניסטען, האָט ראָטהשילד געוואָלט אַוועקשיקען ערלאַנגער'ן קיין ארץ־ישראל, ער זאָל דאָרט אויסגלייכען די סכסוכים מיט די קאָלאָניסטען און ער זאָל אויך שפּעטער בלייבען אין ארץ־ישראל אַלס אַדמיניסטראַטאָר פון ראָטהשילד'ס קאָלאָניען. גלייכצייטיג האָבען דאָקטוירים ערקלערט, אַז ערלאַנגער נויטיגט זיך איז לופט־פאַרענדערונג, און ווען ער וועט אַוועקפאָהרען קיין ארץ־ישראל, וועט איהם די דאָרטיגע לופט פיעל העלפען צום געזונד־ווערען. האָט זיך אָבער די דאָזיגע אַנגעלעגענהייט פאַרשלעפּט פון טאָג צו טאָג, ביז ערלאַנגער איז אַלץ מעהר און מעהר קראַנק געוואָרען און מען האָט ענדליך איינגעזעהען, אַז מען קען איהם נישט מעהר אַוועקשיקען פון פּאַריז — און אין 1892 איז מיכאל ערלאַנגער געשטאָרבען, פינף־און־זעכציג יאָהר אַלט.

זשעראָמסקי

סטעפאַן זשעראָמסקי איז געווען דער אַריסטאָקראַטישסטער פאָרשטעהער פון'ם גאַנצען היינטיגען גייסטיגען פוילען. דאַבּיי איז ער אין זיינע פּאָליטישע איבּערצייגונגען שטאַרק גענייגט געווען צום סאָציאַליזם. ער האָט געגלויבּט, אַז די בּרייטע פּוילישע אַרבּייטער=מאַסען זענען די איינציגע אמת'ע נאַציאָנאַליסטען. וויל די גערדיקטע עקאָנאָמישע לאַגע זייערע מאַכט זיי דאָפּעלט פיהלען זייער נאַציאָנאַלען דרוק.

געבּוירען דעם 14־טען נאָוועמבּער 1869 אין אַ שטעדטעל פון דער קעלצער גובּערניע, האָט זשעראָמסקי שטודירט אינ'ם קעלצער גימנאַזיום און אויף דער אוניווערזיטעט אין וואַרשא, וואו ער האָט זעהר פיעל געליטען פון דער צאַרישער רוסיפיצירונגס=פּאָליטיק, געגען וועלכער ער האָט זיך געשטעלט מיט אַלע כחות — און ווען ער האָט געזעהן, אַז די בּורזשואַזנע עלעמענטען אין רוסיש=פּוילען זענען גרייט, צו פאַרציכטען אויף זייערע נאַציאָנאַלע חלומות, איז ער צוגעשטאַנען צו די פּוילישע סאָציאַליסטען, וויל זיי זענען דאַמאָלס געווען אין רוסיש=פּוילען די איינציגע טרעגער פון אַ ריינעם פּוילישען נאַציאָנאַליזם אָהן קאָמפּראָמיסען.

שפּעטער איז זשעראָמסקי אין גאַנצען אַנטלאָפען פון זיין היים און האָט זיך בּאַזעצט אין דער שווייץ, וואו ער איז געוואָרען בּיבּליאָטהעקאַר פון דער בּאַוואוסטער פּוילישער נאַציאָנאַל=בּיבּליאָטהעק אין ראַפּערסוויל.

געווען איז דאָס אין 1895 — און דאַמאָלס זענען אויך ערשיענען די ערשטע צוויי בּענדער פון זשעראָמסקי'ס ערצעהלונגען אין צוויי פאַרשיעדענע אויסגאַבּען: איינע אַ צענזורירטע אויסגאַבּע פאַר רוסלאַנד אונטער זיין אייגענעם נאָמען און איינע אַ נישט=צענזורירטע אויסגאַבּע מיט'ן נאָמען „עס צורייסען אונז די קראָהען און די ראַבּען“, און אַלס מחבר פון דער דאָזיגער אויסגאַבּע איז אונטערגעשריבּען „מאוריצי זיך“.

דרייסיג לאַנגע יאָהרען איז זשעראָמסקי געווען ליטעראַריש טהעטיג — און ווען דאָס ערשטע בּוך זיינס איז אַרויסגעקומען, האָט ער בּלויז געחלום'ט וועגען אַ פרייען פּוילען. עס האָט זיך איהם אָבּער דאַמאָלס זיכערליך נישט געגלויבּט, אַז ער וועט עס נאָך אַליין דערלעבּען, צו זיין

דער פיהרענדער שריפטשטעלער פון אַ פריי פאָלק. און דוקא אין דער קורצער צייט פון פוילען'ס זעלבשטענדיגקייט האָט די גרויסע פערזענליכקייט פון זשעראָמסקי געפונען איהר כאַראַקטעריסטישען אויסדרוק, ווייל עס האָט זיך איהם גאָר גיך איינגעגעבען, אַריינצודרינגען מיט אַ פובליציס־טישער שנעליגקייט און מיט אַ דרייסטער טיעפקייט אין אַלע צענטראַלע פראַגען פונ'ם באַפרייטען פוילען.

אָהן העגטשקעס איז ער דאַן אין זיין בוך „פרזעדוויאָשניע" (פאָר־פריהלינג) צוגעטרעטען צו דער שילדערונג פונ'ם האַרטען אמת, אָנווייזענדיג אויף דער שרעקליכער געזעלשאַפטליכער סכנה, וועלכע באַדראָהט די פרייהייט פון זיין פאָלק און זיין לאַנד, ווען מען וועט זיך נישט פריהער נעהמען לעזען די ברענענדע עקאָנאָמישע פראַגען פונ'ם לאַנד. גאַנץ פוילען האָט דאַמאָלס נישט געהאַט עפעס אַנדערש אין זינען ווי נאָר די נאַציאָנאַלע פרייהייט פונ'ם לאַנד — און אַזאַ צייט האָט זשעראָמסקי גערעדט וועגען אַ סאָציאַלער גערעכטיגקייט פאַר די ברייטע פאָלקסמאַסען.

זעהר ווייניג מענשען פון דער פוילישער געזעלשאַפט האָבען איהם פאַרשטאַנען און נאָך וועניגער האָבען איהם אָנערקענט אַלס דעם גייס־טיגען פיהרער פונ'ם דור. אַנדערע זענען געגען איהם אַרויסגעטרעטען אין אַ שאַרפען קאַמפף מיט די שווערסטע וואַפען — און די גרויסע מעהר־הייט האָט זיך פאַרהאַלטען גלייכגילטיג צו זיינע געדאַנקען, ווען זיי האָבען זיך אויך אינטערעסירט פאַר זיינע ביכער און האָבען דיסקוטירט וועגען זיינע אידעען.

אַלע זיינע חושים זענען געווען געווידמעט פאַר די עמפפינדונגען פון יענע קרייזען, וואָס ראַנגלען זיך אַקעגען די סאָציאַל־געזעלשאַפטליכע אונ־גערעכטיגקייטען פון דער ציוויליזירטער וועלט. עס זענען איהם אויך נישט פרעמד געווען די באַזונדערע ליידען פונ'ם איד, חאָטש ער האָט נישט גע־קענט און האָט אפילו נישט געוואָלט קענען די זעלישע עמפפינדונגען פון די אידיש־געזאָנגענע אידען. ערשט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען האָט ער געהאַט דעם פלאַן, צו באַקענען זיך נעהנטער מיט'ן ציוניזם. האָט ער אָבער שוין דאָס נישט געקענט דורכפיהרען, ווען דער טויט איז איבער איהם פלוצים געקומען.

נאָך סיענקיעוויטש, וועלכער האָט אויפגעהויבען די פוילישע ערצעהלונג צו דער העכסטער אַרטיסטישער הויך, האָט זשעראָמסקי פאָרטגעזעצט די ענטוויקלונג פון דער פוילישער ערצעהלונג נישט אין דער דאַרשטעלונג און קאָנסטרוקציאָן, נאָר אין דער קראַפט פונ'ם וואָרט, פון וועלכען ער

האָט געמאַכט אַ וואונדערבאַרען אינסטרומענט, צו שפּיעלען אויף די געהיימסטע סטרונעס פון די מענשליכע געפיהלען, אַרויסצורופען טיעף־עמפּפונדענע און פריהער אונבאַקאַנטע שטימונגען.

איז אַ גאַנצע מחנה יונגע שריפטשטעלער זשעראָמסקי'ן נאָכגעגאַנגען, ביז ער איז געוואָרען דער לעהרער און מייסטער פון „יונג־פּוילען". זיין איינפלוס האָט דאַן אין דער פּוילישער ליטעראַטור אַריינגעטראָגען אַ נייע עשירות אין פאַרגייסטיגונג און געשמאַקס־פאַרפיינערונג. יעדע נאָוועלע זיינע האָט פאַר דער פּוילישער געזעלשאַפט געבראַכט נייע אידעען, נאַציאָנאַלע גלייך ווי סאָציאַלע, פון וועלכע עס האָבען אַלע פּוילישע פרייהייטס־קעמפּפער געשעפּט מוטה און באַגייסטערונג.

די האַנדלונג פון זיינע ערשטע ערצעהלונגען האָט זיך גרעסטענטיילס אָפּגעשפּיעלט אין אַנדערע לענדער, נישט אין פּוילען. האָבען זיי אָבער פון דעסטוועגען געהאַט די ווירקונג, וואָס דער לעזער האָט זיך נאָכ'ן דורכלייענען יענע ערצעהלונגען אָנגעהויבען פאַר זיך אַליין שעהמען, וואָס ער זיצט די הענד פאַרלייגט און לאָזט אויף זיך טרעטען, אַנשטאַט וואָס ער וואָלט זיך געדאַרפט מיט אַלער מאַכט אַקעגען־שטעלען געגען יעדען באַדריקער.

און איז די רעוואָלוציע פון 1905 דורכגעפאַלען, האָט זשעראָמסקי ווייטער געשריבען ערצעהלונגען פון העלדען, וואָס האָבען נישט געהאַט קיין ערפאָלג און האָבען טראָצדעם נישט אויפגעגעבען דעם קאַמפּף, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז די גערעכטיגקייט מוז זיעגען. דאַבּיי האָט ער זעהר שאַרף קריטיקירט די „נאַראָדאָווע דעמאָקראַטען", וועלכע האָבען געהאַט די הויפּט־שולד אינ'ם מיסלינגען פון דער דאַמאָלסדיגער רעוואָלוציע, ווייל אַנשטאַט צו שטיצען דעם פּוילישען אַרבייטער אין זיין קאַמפּף געגען צאַריזם, האָבען זיי זיך פאַרבונדען מיט דער רוסישער פּאָליציי, דעם פּוילישען אַרבייטער צו דערשטיקען.

עס דאַרפען דאָ נאָך דערמאָנט ווערען זשעראָמסקי'ס שילדערונגען איבער די פראַגען פון פאַמיליען־ריינהייט, וואו ער איז געווען צו זעהר רעאַליסטיש — און דאָרט וואו ער האָט געוואָלט קריטיקירען די געזעלשאַפט, וועלכע האָט פאַרלוירען יעדע מאָראַלישע איבערציינונג, האָבען די שילדערונגען זיינע געהאַט די ענטגעגענגעזעצטע ווירקונג, ווייל די אונמאָראַלישע פּאַהשוינען זענען ביי איהם אַרויסגעקומען אידעאַליזירט און זיינע מאָראַליסטען זענען כמעט אַלע פאַרבלאָטיגטע נשמות.

דוד גאָרדאָן

די פּאָליטיק אין יענער צייט איז געווען זעהר אַן אונרוהיגע. פאַר־שיעדענע אונטערדריקטע פעלקער, וועגען וועלכע עס האָט געהערשט אַ מיינונג, אַז זיי זענען שוין לאַנג אָפּגעשטאָרבען, זענען פּלוצים אויפ־געשטאַנען לעבעדיגע. אין פראַנקרייך האָט געהערשט קייזער נאַפּאָלעאָן דער דריטער, וועלכער האָט כסדר געוואָרפען אויגלעך צום דייטשען רהיין און אין דעם פּאָליטיש־צוריסענעם דייטשלאַנד האָט פרייסען אָנגעהויבען שפּיעלען די ערשטע פידעל. אין אָט אַזאַ צייט איז אַרויסגעקומען דוד גאָרדאָן, דער רעדאַקטאָר פון דער העברעאישער צייטונג „המגיד“ אין ליק, מיט דער אידעע פון אַ אידישען נאַציאָנאַליזם, וועלכער דאַרף רעאַלי־זירט ווערען אין ארץ־ישראל.

געבוירען *1826* אין אַ קליין ליטוויש שטעדטעל, איז דוד גאָרדאָן אָנגעקומען 1857 אין דער פרייסישער שטאָדט ליק אַלס מיט־רעדאַקטאָר פונ'ם „המגיד“, וועלכען ער האָט שפּעטער איבערגענומען אויף זיין אייגענעם חשבון און ער האָט ביי איהם געאַרבייט דרייסיג לאַנגע יאָהרען, ביז ער איז אין *1886* געשטאָרבען.

דער „המגיד“ איז געווען די ערשטע העברעאישע צייטונג, וועלכע האָט געדאַרפט ברענגען נייעס און פּאָליטישע אויפקלעהרונג צו די אידען אין רוסלאַנד און אין גאַליציען, וואָס האָבען נישט געליעגט זאָגסט קיין אַנדערע צייטונג. עס מאַכט נישט אויס, וואָס די נייעס און די פּאָליטישע באַלעהרונגען פלעגען אָנקומען צו זייערע לעזער מיט אַ פאַרשפּעטיגונג פון מינדעסטענס פיער־פינף וואָכען. אידען זענען דאַמאָלס נישט געווען אַזוי שטאַרק פּינקטליך מיט נייעס און עס האָט זיי נישט זעהר געהאַרט, וואָס זיי זענען געוואָהר געוואָרען וועגען דער מלחמה פון פרייסען מיט דענעמאַרק ערשט דאַמאָלס ווען דער פריעדען איז שוין געווען געשלאָסען.

פון דעסטוועגען האָט דער פּוילישער „מיאַטעזש“ יאָ איטליכען אינ־טערעסירט, ווייל ער האָט דירעקט אָנגעריהרט דאָס לעבען און דאָס פאַר־מעגען פון די אידען אין פּוילען און ליטא, פאַר וועלכע דער „המגיד“ איז אין ערשטער רייהע געווען באַשטימט. דאַביי האָבעןביידע קעמפפענדע

צדדים — די פּאָליאַקען גלייך ווי די רוסען — געוואָלט צוציהען די אידען אויף זייער זייט. זענען דאַן אָנגעקומען יעדען טאָג בריעף צום „המגיד", וואו אידען האָבען געפרעגט, וואָס זיי זאָלען טהון און אויף וועמעס זייט זיי זאָלען זיך שטעלען. האָט זיי אליעזר ליפּמאַן זילבערמאַן, דער אַרויסגעבער פון'ם „המגיד", געענטפערט, אַז די פּאָליאַקען האָבען נישט קיין שום האָפנונג צו געווינען, דאַרפען זיך די אידען שטעלען אויף רוסלאַנד'ס זייט.

ביי דוד גאָרדאָן האָט שוין דער „מיאַטעזש" געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע באַדייטונג. איהם האָט װעניגער אינטערעסירט די פראַגע, װעלכער צד עס װעט געװינען די מלחמה. איהם האָט דער „מיאַטעזש" באַװיזען, אַז קיין שום כח אין דער װעלט קען נישט אונטערדריקען דעם כח פון נאַציאָנאַליזם. האָט איהם דאַן פּלוצים אָנגעהויבען עגבערען אין מוח די פראַגע פון'ם אידישען נאַציאָנאַליזם, װעלכער קען זיך נישט ענטװיקלען װי אַנדערע נאַציאָנאַליזמען, װייל דאָס אידישע פאָלק איז אַרויסגעריסען געװאָרען פון זיין אייגענעם באָדען און דער אידישער גלות איז נישט בלויז אַ גלות פון'ם אידישען גוף, נאָר ער איז הויפּטזעכליך אַ גלות פון דער אידישער נשמה, װעלכע קען נישט אין ערגיץ קריגען איהר „תקון" און זי װעט זיך אויך אייביג מוזען אָנזאַפּען מיט פרעמדע געפיהלען, װי לאַנג אידען װעלען נישט צוריקקעהרען צו זייער אַמאָליגער היים, אינ'ם לאַנד פון זייערע אבות.

אין דערזעלבער צייט האָט גאָרדאָן געלייענט דאָס בוך „רוים און ירושלים" פון משה העס, װעלכעס האָט אויך זעהר שטאַרק באַאיינפלוסט זיין געדאַנקען־גאַנג. האָט ער טאַקע באַלד באַשלאָסען, צו מאַכען פּראָפּאַגאַנדאַ פאַר העס'ס אַנזיכטען. האָט ער דאַן פאַרעפענטליכט צעהנדליגער אַרטיקלען װעגען דעם נאַציאָנאַלען געדאַנק פון'ם אידישען פאָלק און פון דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. איז די װירקונג פון די דאָזיגע אַרטיקלען געװען װי איינער זאָל זיך נעהמען װאַרפען אַרבעס אויף אַ װאַנד. אין רוסלאַנד האָבען דאַמאָלס די אידען ערװאַרטעט, אַז היינט־מאָרגען װעט פאַר זיי קומען די אמת'ע גאולה, אין דער געשטאַלט פון גלייכבאַרעכטיגונג. און אין אַנדערע לענדער, װאו אידען האָבען שוין געהאַט זייער גלייכבאַרעכטיגונג פון פריהער, איז דער אידישער עולם געגאַנגען נאָך װייטער, װייל עס האָט דאָרט דאַמאָלס אויסגעזעהן, אַז עס װעט נישט מעהר לאַנג דויערן, װעט ענדליך איינפאַלען די אייזערנע װאַנד צװישען די פאַרשיעדענע פעלקער און עס װעט נישט מעהר קיינער נעהמען אויפ'ן זינען, צו װאָס פאַר אַ נאַציאָן אימיצער באַלאַנגט.

האָט דאַן גאָרדאָן פאַר אַ צייט לאַנג אָנגעפירט זיין פּראָפּאַגאַנדא פאַר׳ן אידישען נאַציאָנאַליזם און „שיבת ציון“ אויף אַ שוואַכערן אופן. אַזוי ווי ער האָט אָבער געהאַט פיעלע לעזער צווישען די פּראָמינענטע אידען אין וויען, אין בערלין, אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, וואו מען האָט זיך אין יענער צייט נאָך שטאַרק צוגעהערט צו דער מיינונג פון אַ העברע־אישער צייטונג, האָבען זיינע ווערטער געהאַט אַ גרויסען איינפלוס ביי אַזעלכע אידען ווי משה מאָנטיפיאָרע, אַלבערט קאָהן און אַנדערע עהנליכע „נדיבים“, וואָס האָבען געוואָלט אָנפיהרען זייער פילאַנטראָפּישע אַרבייט פאַר די רוסישע אידען לויט גאָרדאָנ׳ס פּלענער. האָט אָבער דוד גאָרדאָן נישט געשטרעבט צו קריגען קיין פילאַנטראָפּישע הילף פאַר ארץ־ישראל, און ווען ער האָט געהערט, אַז די פּאַריזער „אַליאַנס“ האָט חשק אויפ־צוטהון עטוואָס פאַר אידען אין ארץ־ישראל, האָט ער געשריבען: „ווען דער פעראיין וועט נישט האָבען קיין נאַציאָנאַלע באַזיס אין זיין אַרבייט, וועט ער פון זיך דערווייטערן יענעם טייל אידען, פאַר וועלכען ער וויל די גאַנצע אַרבייט זיינע אָנפיהרען. אַנדערש וואָלט געווען, ווען די חברה זאָל זיך שטעלען דעם צוועק צונויף־צו־נעהמען אונזערע צוזייעטע און צושפּרייטע אידען פון אַלע עקען וועלט, זיי צו באַזעצען אויף ערד־אַרבייט אינ׳ם לאַנד פון אונזערע אבות“. און ווען די פּאַריזער „אַליאַנס“ האָט שפּעטער געגרינדעט די אַקערבוי־שולע „מקוה ישראל“ פאַר די אידען אין יפו, האָט גאָרדאָן געשריבען: „מיט איין שולע פאַר לערנען אַקערבוי ווילען זיי לעזען די אידישע פראַגע? וואָס פאַר אַ חשיבות קען האָבען איין שולע? וויפיעל יאָהרען דאַרף עס נעהמען, ביז עס וועלען פון אַזאַ שולע אַרויסקומען צוואַנציג אַגראָנאָמיש געלערנטע יונגעלייט, וואָס וועלען זיך קענען אַליין מפרנס זיין? און וואָלט נישט בעסער געווען, ווען די אַליאַנס זאָל קויפען באָדען אין ארץ־ישראל אויף צו קאָלאָניזירען אידען, וואָס ווילען מאַכען אַ לעבען פון ערד־אַרבייט?“

ווי באַמערקט, האָבען גאָרדאָנ׳ס ווערטער געהאַט אַ גרויסען איינ־פלוס ביי די פּראָמינענטע אידען אין די גרויסע אייראָפּעאישע שטעדט פון אויסערהאַלב רוסלאַנד. דער לייכטער טאָן אין זיין סטיל און די טיעפע האַר־ציגע איבערגעבענהייט צום נאַציאָנאַלען אידעאַל האָבען געמאַכט דעם בעס־טען איינדרוק אפילו אויף די געגנער פון זיינע איבערציינגונגען. זענען די דאָזיגע אידען פשוט באַגייסטערט געוואָרען, ווען גאָרדאָן האָט געשריבען, אַז מען דאַרף קויפען באָדען אין ארץ־ישראל, אויף צו קאָלאָניזירען אידען. האָט די פּאַריזער „אַליאַנס“ באַשלאָסען, צו נעהמען זיך אַרבייטען אויף דיעזען

געבּיעט. איז אָבער דערווייל אויסגעבּראָכן דער קריג צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך, איז דאַן גאָר גיך פאַרגעסן געוואָרן דער גאַנצער קאָלאָניזאַציאָנס=פּלאַן, וואָס די „אַליאַנס“ האָט געהאַט.

פּיעל שטאַרקער און פרוכטבּאַרער ווי פריהער איז געווען גאָרדאָן'ס אַרבּייט פאַר „ישוב ארץ=ישראל“ נאָך די בּאַוואוסטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. פון דאַמאָלס אָן האָט נישט עקזיסטירט פאַר איהם קיין אַנדערע פראַגע אויסער דער פראַגע פון ארץ=ישראל פאַר אידען. יעדען אַרטיקעל, וואָס ער האָט דאַן געשריבּען, האָט ער אָנגעהויבּען מיט ציון און געענדיגט מיט ציון, חאָטש עס פלעגען פון איהם דאַמאָלס אַנדערע העבּרעאישע שרייבּער חוזק מאַכען, און צווישען די אָפּלאַכער זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבּען שפּעטער געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין ציוניזם. דאַבּיי איז ער אַבּסאָלוט נישט געווען קיין פאַנטאַסט, און די וועגען און מיטלען, וואָס ער האָט אָנגעגעבּען פאַר דער דערגרייכונג פון זיינע ציעלען, זענען געווען אַזוי גרינג דורכצופיהרען, אַז מען האָט זיך אַזש געמוזט פּשוט וואונדערן, וואָס יענע וועגען און מיטלען ווערען אַזוי ווייניג בּאַריקזיכטיגט.

חוץ זיין אַרבּייט אין „המגיד“ האָט דוד גאָרדאָן רעדאַקטירט אַ דייטשע צייטונג מיט'ן נאָמען „ליקער אַנצייגער“ און האָט אויך געשריבּען קאָרעספּאָנדענציעס אין ענגלישע צייטונגען — און אין די דאָזיגע אַלע אַרבּייטען האָט ער נאָר געהאַט איין ציעל פאַר זיינע אויגען: „ארץ=ישראל“. פאַר דיעזען צוועק האָט ער אין די לעצטע יאָהרען פון זיין לעבּען אַוועקגעגעבּען אַלע זיינע נעכט אויף שרייבּען בּריעף וועגען „ישוב ארץ=ישראל“ צו יעדען, וואָס ער האָט נאָר געדענקט, אַז עס קען דערפון אַרויסקומען אַ שטיקעל טובה פאַר זיין אידעאַל. דאַבּיי איז אויך צו בּאַמערקען, אַז אומעטום און צו יעדער צייט איז גאָרדאָן'ס אַרבּייט געווען בּלויז פאַר'ן אידעאַל און ער האָט נישט געמיינט גאָר פאַר זיך. און ווען ער איז נאָך דרייסיג יאָהר עפענטליכער אַרבּייט געשטאָרבּען, האָט ער נישט איבערגעלאָזט פאַר זיין פאַמיליע אפילו אויף איין פריהשטיק.

ווען משה מאָנטעפיאָרע איז אַלט געוואָרען הונדערט יאָהר, האָט גאָרדאָן אַגיטירט, אַז אַלע אידישע קהלות פון דער גאַנצער וועלט זאָלען שיקען דאַנק=אַדרעסען צו דעם הונדערט=יעהריגען אידישען שתדלן. האָבּען דאַן הונדערטער קהלות אָנגענומען גאָרדאָן'ס פאָרשלאַג וועגען די דאַנק=אַדרעסען, וועלכע זענען צונויפגענומען געוואָרען אין איין אַלבּום — און דוד גאָרדאָן אַליין איז אויסגעקליבּען געוואָרען אַלס שליח פון אַלע אידישע קהלות, אַוועקצופיהרען דעם דאָזיגען „אַלבּום“ צו מאָנטעפיאָרע.

ביי דערזעלבער געלעגענהייט האָט זיך שוין גאָרדאָן געזעהען מיט די גרויסע אידישע כלל-טהוער אין לאָנדאָן און פּאַריז, מיט וועלכע ער האָט דאַן געהאַט ערפאָלגרייכע קאָנפערענצען וועגען „ישוב ארץ-ישראל“.

דוד גאָרדאָן האָט זיך אויך באַטייליגט ביי דער „קאַטאָוויצער קאָנפערענץ“. וואו עס איז איטליכער געווען גרייט, איהם צו איבערגעבען די פיהרונג פון דער גאַנצער אַרבייט פאַר חבת-ציון — און ער האָט נישט געוואָלט אָננעהמען דעם דאָזיגען כבוד, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז אלכסנדר צעדערבוים און דר. לעאָן פינסקער, וועלכע געפינען זיך אין רוסלאַנד, וועלען פאַר דער ווירקזאַמקייט פון דער אַרבייט בעסער טויגען.

פערדינאַנד לאַסאַל

ווען פערדינאַנד לאַסאַל איז געבוירען געוואָרען, איז די גאַנצע ציווי־ליזירטע וועלט געווען פונקט אַזוי אונרוהיג ווי היינט. דער נאָך־טעם פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות איז דאַן געלעגען ביי יעדען אין די ביינער, און כאָטש די וועלט איז געווען אויבערפלעכליך בּארוהיגט, האָט עס אין אַלע לענדער אינעווייניג געקאָכט ווי אין אַ קעסעל — און ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ קלאָרען בליק אויף די געשעהענישען, דער האָט עס געדאַרפט אַליין פאַרשטעהן, אַז די אויבערפלעכליכע שטילקייט פון דער געגענוואַרט איז בלויז אַ צוגרייטונג צו אַ נאָהענטען שטורם.

לאַסאַל'ס פאָטער איז געווען אַ פּוילישער איד פון אויבערשלעזיען, וועלכער האָט זיך אַליין אַרויסגעריסען פון דער אידישער סביבה און איז געוואָרען אַ רייכער סוחר פון זיידענצייג אין ברעסלוי. דעם זוהן זיינעם האָט ער גערופען „פערדינאַנד“, אַ נאָמען וואָס איז גאָר אין יענער צייט נישט געווען ביי אידען. שרייבט טאַקע דאַדורך איינער פון לאַסאַל'ס ביאָ־גראַפען (לואיס דושיי האָף), אַז פערדינאַנד לאַסאַל איז געווען אין זיין יוגענד געטויפט. נעמט דאָס אָבער די וועלט נישט אָן פאַר אמת — און ער איז אויך באַגראָבען אויפ'ן אידישען בית־הקברות.

נאָר עטליכע געצעהלטע מענשען פון דעם עפענטליכען לעבען האָבען די זכיה, אַרומגערינגעלט צו ווערען מיט אַזוי פיעל לעגענדאַרישען גלאַנץ ווי פערדינאַנד לאַסאַל, חאָטש ער האָט געהאַט פיעל שווערע אויגענבליקען אין זיין לעבען און דער טויט זיינער איז געקומען אין אַ קאַמפף וועגען אַ פרוי, צו וועלכער ער האָט געברענט אין אַ טיערישער ליידענשאַפט ווי אַ געוועהנליכער בשר־ודם. גלייך ער זאָל געווען האָבען דאָס באַוואוסטזיין, אַז ער מוז פריהצייטיג שטאַרבען, האָבען אַלע זיינע האַנדלונגען געטראָגען דעם כאַראַקטער פון שטורמישער אונגעדולד, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז אַלע צייטען פון זיין קורצען לעבען זאָלען זיין געווידמעט פאַר דער טובה פון אָרימע און רעכטלאָזע.

בטבע האָט לאַסאַל אין זיך פאַראייניגט דעם ווילען צו העלפען יעדען הילפס־באַדערפטיגען מיט אַ שרעקליכען האַס צו יעדען אונטער־

דריקער. ער האָט אין זיך פאַראייניגט דעם חשק צו מאַכט מיט אַן אונ־אויסלעשליכער זעהנזוכט צו וויסענשאַפטליכער אַרבייט, אַ דרך־ארץ צו מענשליכער גרויסקייט און אַ באַגעהר צו זינליכען גענוס, אַ ליעבשאַפט צום לעבען מיט אַ כח אויף איינצושטעלען דאָס לעבען פאַר אַנדערע. ער האָט געהאַט אין זיך דעם שטאָף אַרויסצואוואַקסען צו אַ טיראַנישען הערשער איבער מענשען און פאַרטייען. גלייכצייטיג האָט ער אויך גע־קענט ווערען אַ מאַרטירער פאַר אירגענד אַן אויסזיכטסלאָזע באַשטרעבונג.

1848 איז ער אַלט געווען דריי־און־צוואַנציג יאָהר, איז ער דאַן אַריינגעריסען געוואָרען אין דעם שטראָם פון דער רעוואָלוציע. ער איז אויך געווען איבערצייגט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז נויטווענדיג, ווייל נאָר אַזאַ רעוואָלוציע קען ברענגען אַ הילף פאַר די מענשען. האָט זיך עס אָבער אין יענעם יאָהר אַזוי געפיהרט, אַז לאַסאַל איז דאַמאָלס גרעסטענטיילס געזעסען אין תפיסה און עס איז איהם נישט אויסגעקומען צו שטעהן אויף די „באַריקאַדען” אָדער צו קומען אין אַ פערזענליכען צוזאַמענשטויס מיט די היטער פון דער געזעלשאַפטס־אָרדנונג. האָט ער דערנאָך געקענט ווייטער בלייבען אין זיין שטאָדט, אַרומטראָגען ביי זיך אין האַרצען רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען — און ער האָט נישט געדאַרפט אַנטלויפען.

ווען לאַסאַל האָט געזעהן, אַז זיין הילף איז נויטיג, איז איהם נישט געווען קיין חילוק, צי עס האַנדעלט זיך וועגען אַ יחיד אָדער וועגען אַ כלל־זאַך. און ווען ער האָט באַגעגענט די גרעפין האצפעלד, וועלכע איז געווען אונגליקליך פאַרהייראַט און זי האָט געוואָלט אַ גט אַרויסקריגען ביי איהר מאַן, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפען אין קאַמפף מיט דעמזעלבען פייער, ווי ער האָט ביי אַנדערע געלעגענהייטען געקעמפפט פאַר סאָציאַלע פּרינציפּען.

צוואָנציג יאָהר איז לאַסאַל אַלט געווען, ווען ער האָט זיך מיט דער גרעפין האַצפעלד באַקענט. און די גרעפין איז עלטער געווען פון איהם מיט צוואָנציג יאָהר. אין ליטעראַטור איז ער דאַמאָלס געווען אַ דיכטער און אַ גערעכטיגקייטס־זוכער אָהן יוריסטישע קענטניסע. האָט ער פּלוצים אָפּ־געלאָזען אַלע זיינע טהעטיגקייטען, האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט זיין עהר־גייץ פון ביז דאַמאָלס גלייך ווי מיט זיינע ציעלען און האָט זיך אַריינגע־וואָרפען אין אַ פייערדיגען קאַמפף מיט אַ פורכטלאָזער ענערגיע אין אַ פּראָצעס, וואָס זיין אויסגאַנג איז געווען גאַנץ אונזיכער. און ווען ער האָט שפּעטער געזעהן, אַז די גאַנצע וועלט שטעהט געגען דער גרעפין האַצפעלד, האָט דאָס נאָך פאַרשטאַרקט זיין באַשלוס, צו קעמפפען פאַר דער אונ־

געזעצט ליידענדער ביז צום ענדגילטיגען זיעג. אַכט לאַנגע יאָהר האָט דער דאָזיגער פּראָצעס געדויערט און לאַסאַל איז דערווייל געוואָרען אַ געלערנטער יוריסט און אַ באַצווינגענדער רעדנער, וועלכער האָט מיט זיין אָראַטאָ־רישער קראַפט געקענט שטיינער ווייך מאַכען.

אין די רעאַקציאָנס־יאָהרען פון נאָך דער רעוואָלוציע האָט לאַסאַל געפיהרט דאָס לעבען פון אַ געלעהרטען וויסענשאַפטסמאַן און אַ דיכ־טער. ער האָט דאַן אין יענער צייט באַפרידיגט זיין עהרגייץ, ווען ער האָט געקענט מיט זיין פעהיגקייט און מיט זיין בילדונג באַווייזען, ווי ער באַהערשט אַלע יענע ליטעראַרישע געביטען, וועלכע אימפּאָנירען דער „בורזשואַזנער" געזעלשאַפט. גלייכצייטיג האָט ער זיך דאַמאָלס געשטעלט אין דיענסט פון'ם אַרבייטער־קלאַס, פאַר וועלכען ער האָט אונאויפהערליך געשטרעבט, אויפ־צוהויבען איהם גייסטיג און קולטורעל.

כאַראַקטעריסטיש אין דער דאָזיגער באַציהונג איז, וואָס לאַסאַל האָט נישט געוואָלט קיין קלאַסען־הערשאַפט, ווייל ער האָט שטענדיג געחלומ'ט וועגען אַ פאָלק פון אַן אייגהייטליכער קולטור. און ווען ער האָט טראָצדעם אַוועקגעריסען די אַרבייטער פון די בירגערליכע פּאַרטייען, וועלכע האָבען נאָך דאַמאָלס געהאַלטען איבער זיי אַ באַשיצענדע האַנד, אַוועקשטעלענ־דיג דעם אַרבייטער אין אַ פיינדליכען געגענזאַץ צום בירגערטום, האָט ער דאָס בלויז געטהון, ווייל ער האָט גענומען ריקזיכט אויף די באַשטעהענדע פאַרהעלטנישע, וואָס צוליעב זיי זענען די מאַטעריעלע אינטערעסען פון די אַרבייטער אין אַ באַדייטענדער הינזיכט געגען די אינטערעסען פון דער בורזשואַזיע. דעסגלייכען האָט ער אויך געוואונען די איבערצייגונג, אַז ליבעראַלען אָדער דעמאָקראַטען וועלען נישט אָננעהמען די מיטלען אויפ־צוהויבען דאָס לעבען פון די אַרבייטער צו'ן אַ ווירדיגער שטופע. אַלע בירגערליכע פּאַרטייען — האָט לאַסאַל געזאָגט — ווילען אָנהאַלטען די אַרבייטער אין אַ צושטאַנד פון אָפּהענגיגקייט, אפילו ווען זיי זענען ווי צום בעסטען געזאָנען פאַר די אַרבייטער.

דער ערשטער שריט פאַר דער פאַרבעסערונג פון דעם אַרבייטער'ס לאַגע דאַרף זיין — לויט לאַסאַל'ס מיינונג — מען זאָל איהם געבען אַן אַלגעמיינעס דירעקטעס וואַהלרעכט צו די פּאַרלאַמענטען און דער שטאַאַט זאָל איהם געבען אַ געלד־הילף פון זיין פאַרמעגען. דער אַרבייטער גיט אַוועק זיינע כחות צו דער פאַרמעהרונג פון'ם שטאַאַט'ס פאַרמעגען, דאַרף איהם דער שטאַאַט פאַרגיטיגען, וואָס פּריוואַטע אונטערנעהמער צאָהלען נישט גענוג. אין דערזעלבער צייט, וואָס לאַסאַל איז אַרויסגעטרעטען מיט

זיינע אידעען פאַר דער טובה פון די אַרבייטער, איז אויך שולצע־דעליטצש אַרויסגעקומען מיט דער אידעע פון זעלבסט־הילף. דער פּלאַן פון שולצע־דעליטצש הייסט די אַרבייטער זיך באַשטרעבען, איינצוריכטען זייער לעבען אויף אַזאַ שטייגער, וואָס זאָל זיי מאַכען מעגליך צו קענען עקזיסטירען מיט קליינע הכנסות דורך שותפות׳דיגע אונטערנעהמונגען. איז לאַסאַל אַרויסגעטרעטען געגען די דאָזיגע פּלענער, ווייל ער האָט עס געהאַלטען פאַר אונמעגליך, אַז זיי זאָלען קענען ברענגען די אַרבייטער־מאַסען צו׳ן אַ טאָלק.

לאַסאַל האָט געזעהן, ווי דייטשלאַנד ענטוויקעלט איהר אינדוסטריע און ער האָט דאָס נישט געוואָלט באַקעמפּפען, ווייל ער האָט געדענקט, אַז אַזאַ קאַמפּף וואָלט פּשוט געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע מיה. האָט ער זיך אין געגענזאַץ צו אַנדערע סאָציאַליסטיש־געזאָנענע טעאָרעטיקער פון זיין צייט באַפריינדעט מיט דעם געדאַנק, אַז אַזוי ווי עס קען נישט קיינער שטערען די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג פון דייטשלאַנד, דאַרף מען זיך באַשטרעבען, אַוועקצושטעלען די דאָזיגע אינדוסטריע אויפ׳ן שטאַאַטס־געדאַנק, וועלכער קאָנצענטרירט זיך אין קעניגטום גלייך ווי אין מיליטער און באַאַמטענשאַפט, צו וועלכע עס שליסען זיך אָן די פאַבריקען און די באַנקען פונ׳ם לאַנד, כדי צו קענען מיט געמיינזאַמע קרעפטען קעמפּפען געגען קליינבירגער און אַרבייטער.

אָט דער שטאַאַט — האָט לאַסאַל געזאָגט — פיהרט זיך לפנים קאָנ־סטיטוציאָנעל, אין אמת׳ן איז ער אָבער אַבסאָלוט דעספּאָטיש. אַקעגען דרויסען איז ער שוואַך, אין דערזעלבער צייט איז ער אינעווייניג ביי זיך שטרענג און עגאָאיסטיש. דאַרף מען זיך באַפריינדען מיט דער עקזיסטענץ פונ׳ם שטאַאַט, כדי אין איהם אַריינצודרינגען, צו רעפאָרמירען זיין וועזען פון אינעווייניג אויס.

האָבען דאָס אַנדערע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער פון יענער צייט נישט געקענט פאַרשטעהן, וואָס לאַסאַל וויל עפּעס ברענגען די אַרבייטער אין אַן ענגע פאַרבינדונג מיט׳ן שטאַאַט, בפרט ווען ער ווייסט, עס אַליין, אַז דער פּרייסישער שטאַאַט איז גאָלע רעאַקציע און סאָלדאַטשינע, און וואָס אַנבאַלאַנגט די אַנדערע דייטשע שטאַאטען, הערשט דאָרט אַ באַיאָנעטען־הערשאַפט און פּאָליציייסקע דעספּאָטיע. האָט דאָס טאַקע איטליכען גע־וואונדערט, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער לאַסאַל האָט פּלוצים נושא־חן געווען ביי די קאָנסערוואַטיווען, ביים קעניג פון פּרייסען, ביי ביסמאַרק און ביי אַלע קלעריקאַלען פונ׳ם לאַנד, מיט וועלכע ער האָט געזוכט צו קומען אין נאָהנטער באַריהרונג.

לאַסאַל האָט איבערהויפּט געדענקט, אַז די מענשליכע געזעלשאַפט קען זיך גאָר נישט ענטוויקלען אָהן אַ שטאַאַט. פאַר איהם איז דער שטאַאט דער מיטעלפּונקט פון אַ פאָלק׳ס באַשטרעבונגען, וואו עס קלויבט זיך צונויף זיין גייסטיגע און פיזישע קראַפט. אין לאַסאַל׳ס אויגען איז דער שטאַאַטס־באַגריף אַ הייליגטום, וועלכעס זאָרגט פאַר דער פאַרבינדונג פון דער ווירקליכקייט מיט די אידעאַלען פונ׳ם פאָלק און דאַרף אויך האָבען אַן אָפען אויג איבער אַלע פאַרוויקלונגען צווישען די מענשען. אָט דער שטאַאַט דאַרף שטעהען איבער אַלע פאַרטייען און באַשיצען די אינטע־רעסען פון די אַרבייטער אַלס די געקריוודעטע פון דער געזעלשאַפט. לויט לאַסאַל׳ס מיינונג דאַרף דער שטאַאַט זיין נאַציאָנאַל און סאָציאַל צוגלייך. מעכטיג גענוג צו וועהרען זיך אַקעגען שונאים און צו באַזאָרגען די מענ־שען מיט פּרנסה און בילדונג. די מאַכט פונ׳ם שטאַאַט דאַרף זיין געבויט אויף רעכט, און דאָס רעכט דאַרף זיין געבויט אויף דער פרייהייט פון אַלע מענשען, אָהן שום אונטערשייד.

אָט אויף אַזאַ שטייגער האָט לאַסאַל געאַרבייט פאַר דייטשלאַנד׳ס מאַכט, נישט ווייניגער ווי פאַר דער באַפרייאונג פונ׳ם דייטשען אַרבייטער. עס האָט זיך אָבער פון דעסטוועגען געמעגט זאָגען, אַז לאַסאַל אַליין פיהלט זיך העכער פון אַלעמען און ער שטעהט אין אַלע זיינע קעמפּפע ווי אַ זייטיגער מענש, וואָס האָט בלויז אַנדערע אין זינען. אַזוי האָט ער יאָהרען־לאַנג געלעבט אין נאָהנטען פאַרקעהר מיט די אַרבייטער, פאַר זיי האָט ער געהאַלטען אָפען זיין הויז, זיי באַשיצט און באַראָטען — און טראָצדעם איז ער אַלס זייער פיהרער געשטאַנען צו זיי כמעט ווי אַ פרעמדער. אַזוי איז ער אויך געשטאַנען נאָהנט צו ביסמאַרק, און ער האָט עס פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו געווינען ביסמאַרק׳ן אויף זיין זייט. שפּעטער האָט זיין ציעל פון איהם פאַרלאַנגט, ער זאָל אָנהויבען אַ קאַמפּף געגען ביסמאַרק, האָט ער דאָס געטהון מיט דערזעלבער ענערגיע, מיט וועלכער ער האָט זיך פריהער צו ביסמאַרק׳ן דערנעהנטערט.

צוזאַמען מיט לאַסאַל זענען נאָך אַנדערע מענשען אויפגעטרעטען פאַר דער טובה פון די אַרבייטער־מאַסען, וואָס פיעלע פון זיי זענען דערצו באַוואויגען געוואָרען דורך אַן אויפריכטיגען געפיהל. ביי לאַסאַל איז דאָס געווען מעהר שכל־זאַך ווי מיטגעפיהל. אומעטום וואו ער האָט געזעהן אַ שוואַכערן געקריוודעט דורך אַ שטאַרקערן, האָט ער דאָס באַטראַכט פאַר אַ מיאוס׳ע טהאַט, איז ער דאַן באַלד געווען גרייט צו העלפען, נישט באַרעכענענדיג וואָס ער שטעלט איין דאַביי. דער קאַמפּף פאַר דער גרעפין

האַצפּעלד איז בײַ איהם געװען װי אַ פּאָרשפּיעל צו זײַן קאַמפּף פאַר'ן רעכט פון די אַרבײַטער.

בײַ יעדען קאַמפּף זײַנעם, סײַ פאַר אַ יחיד און סײַ פאַר אַ כלל, פלעגט ער באַנוצען פאַרשיעדענע װאָפען לויט די אומשטענדען פון דער לאַגע, פלעגען דאַן די צושױער און מיטשטרײַטער נישט קענען נאָכפאָלגען דעם גאַנג פון זײַנע קעמפפע. זעהר אָפט פלעגט ער אויך די צושױער און מיטשטרײַטער איבערראַשען, װײַל ער האָט גאָר פלוצים אָנגעקניפּט פרײַנדליכע באַציהונגען מיט'ן געגנער, װען עס האָט זיך איהם אויסגע־דאַכט, אַז אַ פרײַנדליכערע װענדונג צום געגנער קען ברענגען נוצען פאַר זײַן צװעק.

קאַמפּף איז געװען לאַסאַל'ס עלעמענט. אַ באַזונדער פאַרגניגען האָט ער געהאַט, װען עס איז איהם אויסגעקומען אָנצוגרײַפען מענשען און קלאַסען, װאָס זענען שטאַרקער פון איהם, װײַל ער האָט דאַן געקעמפּפט מיט אַ טאָפּעלטען מוטה, און יעדעס מאָל װען עס איז איהם אויסגע־קומען צו קעמפּפען פאַר'ן געריכט פאַר זײַן אײגענע פרײַהײט אָדער פאַר דער פרײַהײט פון אַנדערע, איז ער געװען אונערמידליך אין לאַנגע טעאַט־ראַליש צוגעשפּיצטע רעדען. פלעגט אָבער דאָס אַלסדינג זײַן פאַר איהם בלויז װי אַ שפּיעל. װי אַ קעציל שפּיעלט זיך מיט אַ מײַזעל, אַזוי פלעגט ער שפּיעלען מיט װערטער, סײַ עס האָט זיך געהאַנדעלט װעגען אַ יחיד און סײַ װען עס האָט זיך געהאַנדעלט װעגען אַ כלל.

אָבער אומעטום בײַ יעדער זאַך איז ער געװען אין גאַנצען מיט אַלע חושים, סײַ װען ער האָט געשריבען דראַמען אָדער װיסענשאַפטליכע אָפּ־האַנדלונגען, סײַ װען ער האָט געשריבען אָפּערן־טעקסטע אָדער ער האָט באַהאַנדעלט אַן אַרבײַטער־פראַגע, װען ער האָט באַקעמפּפט אַ געגנער, אָדער ער האָט געװאָלט געװינען אַ פרוי. אומעטום בײַ יעדער געלעגענהײט איז ער געװען לײַדענשאַפטליך שטאַרק, גרײט אויף טויט און לעבען, גלײַך עס זאָל גאָר אויף דער װעלט נישט זײַן פאַרהאַנען קײַן אַנדערער געגענשטאַנד חוץ דעם, פאַר װעלכען ער האָט גראָד דאַמאָלס געקעמפּפט.

קען מען זאָגען, אַז לאַסאַל איז געװען אַ איד? — זעהט איהר, דאָס איז שױן אַ שאלה, אויף װעלכער עס איז נישט אַזױ גרינג צו געבען אַ תשובה, האָטש איטליכער סטאַרעט זיך אַרויסצופּשט'לען פון לאַסאַל'ס טהעטיגקײט, אַז טראָצדעם װאָס ער רעדט נישט גאָר אין זײַנע שריפטען װעגען אידען, גלײַך עס װאָלט גאָר קײַן אידען־פראַגע נישט געװען פאַר־האַנען אויף דער װעלט, איז ער גאָר געװען אַ נאַציאָנאַלער איד.

די ראיות צו דער דאָזיגער באַהױפּטונג פון די לאַסאַליסטען זענען

געוועהנליך: ערשטענס, וואָס ער איז אומעטום אַרויסגעטרעטען אַלס איד, וואָס ער האָט זיך נישט געטויפט, און וואָס ער האָט קיינמאָל נישט באַהאַלטען די טהאַטזאַך, אַז ער איז געבוירען אַ איד; צווייטענס, וואָס עס געפינען זיך עטליכע גוטע ווערטער וועגען אידען אין זיין טאָג־בוך אָדער אין זיינע בריעף, וועלכע זענען אָפּגעדרוקט געוואָרען נאָך זיין טויט.

אַנדערע ווידער זאָגען, אַז חאָטש דער מענש דאָקומענטירט געוועהנליך דעם כאַראַקטער זיינעם אין זיינע בריעף, זענען פון דעסטוועגען די בריעף פון אַזאַ מענשען ווי לאַסאַל גאָר אַ שוואַכער באַוויז פאַר זיינע מיינונגען וועגען אידען, ווייל עס זענען יענע בריעף נישט געווען באַשטימט צום פאַרעפענטליכען און דער שרייבער האָט נישט תמיד געמוזט פיהלען די פאַראַנטוואָרטונג פאַר זיינע ווערטער.

ווי עס ווערט דערצעהלט, האָט ריכאַרד וואַגנער געזאָגט וועגען לאַסאַל די פאָלגענדע ווערטער: „איך האָב אין לאַסאַל געזעהען דעם טיפּוס פון אַ באַדייטענדען מענשען, וועלכען איך וואָלט אָנגערופען אַ ג ע ר מ אַ נ י ש־א י ד י ש ע ן“. דיזעלבע ווערטער האָט לאַסאַל אַליין מיט צוואָנציג יאָהר פריהער געזאָגט וועגען זיך אין אַ בריעף צו זיין שוועסטער, וואו ער שרייבט, אַז ער פיהלט אין זיך אַן „אויסמישונג פון אידיש בלוט מיט אַ גערמאַנישען גייסט“.

לאַסאַל'ס פאָטער איז געווען אַן אויבערשלעזישער איד, וועלכער האָט פריהצייטיג גענוג באַפרייט זיין הויז פון כשרות און האָט אַלס „תקיף“ אין דער קהלה געשטרעבט צו רעפאָרמען אינ'ם רעליגיעזען לעבען. אין ברעסלוי, וואו פערדינאַנד איז געבוירען געוואָרען, זענען די אידען נאָך דאַמאָלס געשטאַנען אין זייערע רעכטליכע פאַרהעלטניסע אונטער אַן אויסנאַהמס־באַהאַנדלונג. איז דאַדורך לאַסאַל'ס „טאָג־בוך“ פון יענער צייט פול מיט ליידענשאַפטליכע אויסדרוקען געגען די פאַרפאָלגער פון אידען גלייך ווי וועגען אַ צוקונפטיגער ראַכע, ווען ער — לאַסאַל הייסט עס — וועט אויפוואַקסען און וועט ווערען זייער פיהרער. „איך וואָלט גערן איינגעשטעלט מיין לעבען“, זאָגט לאַסאַל אין זיין „טאָג־בוך“, ווען ער איז אַלט געווען פופצעהן יאָהר, „ווען איך וואָלט געקענט באַפרייען די אידען פון זייער דריקענדער לאַגע. איך וואָלט אפילו נישט צוריקגעשראָקען פאַר'ן טויט, ווען איך זאָל זיי קענען צוריק מאַכען צו אַ געאַכטעט פאָלק. מיין קינדישע ליעבלינגס־אידעע איז אויך, איך זאָל זיי נאָך אַמאָל מיט די וואַפען אין די הענד העלפען זעלבשטענדיג מאַכען“.

אין דער צייט פונ'ם „עלילת־דם“ אין דמשק (1840) שרייבט לאַסאַל אין זיין „טאָג־בוך“: „ס'איז שרעקליך צו לעזען, די האָר שטעלען זיך קאַפּויער

הערענדיג און אַלע געפיהלען פונ׳ם האַרצען דריקען זיך אויס אין אַ שווידערליכען כעס. מען מוז אָבער זאָגען, אַז ווען אַ פאָלק דערטראָגט אַזעלכע צרות, איז עס נישט מעהר ווערטה. קיינמאָל אין דער געשיכטע איז זיכערליך נישט פאָרגעקומען קיין רעוואָלוציע, וועלכע וואָלט געווען אַזוי גערעכט ווי אַ אידישע רעוואָלוציע, ווען די אידען וואָלטען געהאַט דעם מוטה אָנצוצינדען אַלע עקען פון יענער שטאָדט אַז אַלעם זאָל דאָרט פאַרברענט ווערען. איז אָבער דאָס פאָלק ישראל אַ פאָלק פון פייגלינגע און פאַרדיענט נישט קיין בעסערען גורל! פייגעס פאָלק, דו ווייסט אפילו נישט ווי אַזוי צו שטאַרבען, דו ווייסט נישט, וואָס גערעכטע ראַכע הייסט, ווי אַזוי דו זאָלסט דיך באַגראָבען צוזאַמען מיט דיינע שונאים און אינ׳ם טויטענקאַמפף דיינעם זיי צושניידען! דו ביזט בלויז צו קנעכטשאַפט גע-בוירען!“...

טאָר מען ווייטער נישט צופיעל נתפעל ווערען פון דער אַנהענגליכ-קייט צו אידען, וועלכע שטעקט אין די דאָזיגע ווערטער, ווייל עס האָט . אַזאַ מענש ווי לאַסאַל נישט געקענט קיינמאָל אונטהעטיג צוזעהן, ווי איינצעלנע מענשען אָדער גאַנצע קלאַסען ווערען אונטערדריקט און פאַרפאָלגט. אָט די מדה זיינע האָט איהם געבראַכט דערצו, ער זאָל ווערען דער געזעצליכער פאַרטרעטער פון דער גרעפין האַצפעלד און שפעטער אַ רעוואָלוציאָנער און אַ קעמפפער פאַר׳ן פראָלעטאַריאַט.

אין זיין סעקסועלער שוואַכקייט האָט לאַסאַל געוועהנליך געזוכט די פריינדשאַפט פון קריסטליכע פרויען. דערצעהלט וועגען דעם העלענע פאָן ראַקאָוויצא, פאַר וועלכער לאַסאַל איז דער׳הרג׳ט געוואָרען אין אַ דועל מיט איהר גוי׳אישען „פאַרעהרער“, אַז ווען ער האָט זי געפרעגט, צי זי האָט גאָר נישט געגען איהם, וואָס ער איז אַ איד, איז ער איהר זעהר דאַנקבאַר געווען, וואָס זי האָט איהם מיט אַ טאָלעראַנטען שמייכעל אויף די ליפען געענטפערט, אַז זיין אידישקייט האַרט זי נישט. דאַגעגען האָט זיך לאַסאַל אַמאָל באַוואָרבען אום די גונסט פון דער רוסין סאָפיע סאָנצעוו, וועלכע האָט — ווי עס דאַכט זיך — נישט געוואָלט אָנגעהמען זיין ליעבע, ווייל ער איז אַ איד, האָט ער איהר וועגען דעם געשריבען: „איך האָב אידען אַבסאָלוט נישט ליעב. אין אַלגעמיין פיהל איך גאָר אַ פאַראַכטונג צו זיי. איך זעה אין זיי בלויז די זעהר דעגענערירטע זיהן פון אַ גרויסער, אָבער לענגסט פאַרשוואונדענער פאַרגאַנגענהייט. וועהרענד די אין שקלאַ-פעריי פאַרבראַכטע יאָהרהונדערטער האָבען די דאָזיגע מענשען אָנגענומען די אייגענשאַפטען פון שקלאַפען, בין איך זיי איבערדעם שטאַרק אונ-גינסטיג געזאָנען“.

זומער, 1842 — ווען לאַסאַל איז אַלט געווען זיבצעהן יאָהר — האָט זיך לאַסאַל נאָך אינטערעסירט פאַר דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון אידען. אינ'ם קאַמפף פאַר רעפאָרמען אין דער אידישער אמונה האָט דער פאָטער זיינער געהאָלפען, אַז דער באַוואוסטער אידישער רעפאָרמאַטאָר אברהם גייגער זאָל אויפגענומען ווערען אין ברעסלוי אַלס דיין און פרעדיגער געגען דעם ווילען פונ'ם אָרטיגען רב ר' זלמן טיקטין. אין דער התחלה האָט אויך לאַסאַל מסכים געווען צו גייגער'ס מיינונגען וועגען אידישקייט. דערנאָך איז איהם אַזאַ ראַבינער ווי גייגער אויך צופיעל געוועזען, ווייל ער האָט זיך דאַן צוזאַמען מיט דעם משומד טהעאָדאָר קרייצענאַך (דער זוהן פון מיכאל קרייצענאַך) געשטעלט אונטער'ן איינפלוס פון אַ פילאָזאָפישען ראַדיקאַליזם, וועלכער האָט געוואָלט בטל מאַכען אַלע רעליגיעזע טראַדיציעס.

צוויי יאָהר שפּעטער (1844) שרייבט לאַסאַל צו זיין מוטער, אַז פאַר זיין פערזאָן פיהלט ער זיך נישט מעהר אַלס איד, ער גלויבט איבערהויפּט נישט אין דער מעגליכקייט, מען זאָל דאָס אידישע פאָלק קענען ניי באַלעבען און ער האָט שוין וועגען דעם אַלע האָפנונגען אויפגעגעבען. די אידישע רעליגיאָן — זאָגט ער — איז אַ רעליגיאָן פון הארטער קנעכטשאַפט פאַר גאָט, וואָס די גאַנצע וועלט שטעהט פאַר איהם אין אַן אַבסאָלוטער ווערטלאָזיגקייט. די אידישע אמונה מיט איהר גאַנצער געשיכטע איז נישט מעהר ווי אַ רעליגיאָן פון אונגליק, און ווייל אונגליק דערנידריגט דעם מענשליכען גייסט און נעמט ביי איהם אַוועק יעדען מאַטעריעלען האַפט, מוז מען די אידישע אמונה באַצייכנען אַלס אַן עסטהעטיש העסליכע.

וועגען דעמזעלבען ענין האָט ער דאַמאָלס צו זיין פאָטער אויספיהרליכער געשריבען. דאָרט האָט ער שוין געשריבען, אַז דער העכערער ווערטה פונ'ם קריסטענטום אַקעגען אידענטום באַשטעהט אין דעם, וואָס אינ'ם קריסטענטום ווערט די אינדיווידועלע פּערזענליכקייט אַנערקענט און דער יחיד פאַרשווינדעט נישט אינ'ם כלל. פון דעסטוועגען — האָט ער ווייטער געזאָגט — וועט ער נישט אַריבערגעהן צו דער קריסטליכער אמונה, ווייל ער איז צו שטאַרק רעוואָלוציאָנעריש געגען יעדען מין גלויבען.

לאַסאַל איז דאַמאָלס אַלט געווען בסך־הכל ניינצעהן יאָהר — און פון יענער צייט אָן איז ער גענצליך איבערגעגאַנגען צו דער אַלגעמיינהייט און האָט אין די צוואָנציג יאָהר פון זיין ווייטערען לעבען נישט געהאַט מעהר צו טהון מיט אידען, אויסער וואָס דער גוי'שער פאַרעהרער פון זיין לעצטער געליעבטער האָט איהם באַשימפּפט אַלס איד, פאַר וועלכען לאַסאַל האָט איהם אַרויסגעפאָדערט צו'ן אַ „דועל" און ער איז דאַביי דער'הרג'עט געוואָרען, ניין־און־דרייסיג יאָהר אַלט.

יחיאל מיכל פינעס

יחיאל מיכל פינעס איז געווען איינער פון די ווייניגע מענשען, וואָס האָבען פאַרשטאַנען, אַז ווען אימיצער איז אַן אמת'ער „חובב־ציון", איז ער לחלוטין נישט יוצא מיט פרעדיגען חבת־ציון צו אַנדערע, ווייל עס דאַרף איטליכער אָנהויבען זיין פראָפּאַגאַנדאַ־אַרבייט פון זיך אַליין. אויף וויפיעל עס איז נאָר מעגליך, דאַרף יעדער איד באַשטרעבט זיין, צו באַזעצען זיך אין ארץ־ישראל. אין ערשטער רייהע דאַרפען דאָס אָבער טהון יענע מענשען, וואָס פראָפּאַגאַנדירען די אידעע פון „ישוב ארץ־ישראל".

פינעס האָט אויך געהאַט זיין אייגענע אַנשויאונג וועגען דעם קיום פון דער אידישער אומה. ער איז געווען כמעט דער ערשטער פון צווישען די משכילים אין זיין צייט, וועלכער האָט געגלויבט, אַז ווען דאָס אידישע פאָלק עקזיסטירט ביז צום היינטיגען טאָג, איז דאָס צו פאַרדאַנקען בלויז צו דער אידישער אמונה מיט איהרע מצוות און מנהגים. אין דערפון געדרונגען, אַז ווען אידען ווילען אָנהאַלטען אויף ווייטער די עקזיסטענץ פון זייער נאַציאָנאַליטעט, טאָרען זיי נישט וועלען רעפאָרמירען קיין שום צערעמאָניע פונ'ם אידישען דת, ווייל אַלע מנהגים פון אידישען דת, וואָס זענען אפילו נישט באַגרינדעט אין דער אמונה, זענען געהייליגט אין דער אידישער טראַדיציע, און ווער עס וויל אָנרידהרען דעם קלענסטען מנהג פונ'ם אידישען דת, שטערט מיט זיינע מעשים דעם קיום פונ'ם אידישקייט.

געבוירען איז יחיאל מיכל פינעס אין אַ שטעדטעל פון גראָדנער גובערניע, און געשטאָרבען איז ער 1912 אין ירושלים.

יונגערהייט האָט זיך פינעס אָנגעלייענט אין אַלערליי השכלה־ספרים, וועלכע האָבען בלויז ערוועקט אין איהם אַ ליעבע צו וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען און פון דער שעהנער שפּראַך זייערער האָט ער זיך אויסגעלערנט באַנוצען אַ פיינעם העברעאישען סטיל. דאַבּיי איז ער געבליבען שטרענג אָרטהאָדאָקס אין זיינע איבערציינונגען און ער האָט זיך באַלד גענומען קעמפפען געגען די פרייע שטרעמונגען אינ'ם אידישען לעבען. די משכילים אין רוסלאַנד האָבען דאַמאָלס געשטרעבט צו רעפאָרמען אין דער רעליגיאָן. אין זייערע אויגען האָט עס אויסגעזעהן, אַז דאָס גאַנצע

אומגליק פון די רוסישע אידען באַשטעהט אין דעם, וואָס די מצוות פון דער אמונה שטערען זייער לעבען. וואָס די אידען אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך לעבען אין פרייהייט — האָט זיך יענע משכילים אויסגעדאַכט — איז בלויז ווייל זיי האָבען זיך „באַפרייט פון די רעליגיעזע קייטען“, וואָס דער שלחן־ערוך האָט אַרויפגעלעגט אויף דער אידישער אמונה, האָט זיי די רעגיערונג באַלד געגעבען אַ פולע גלייכבאַרעכטיגונג, וועלכע האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו אַ גליקליך לעבען.

האָט אויף די דאָזיגע טענות פינעס אָפּגעענטפערט, אַז דאָס אומגליק פון די רוסישע אידען ליגט נישט אינ'ם „שלחן־ערוך“, נאָר אין די אומ־שטענדען פונ'ם לעבען. עס איז אויך נאַריש צו דענקען, האָט ער ווייטער געזאָגט, אַז ווען מען זאָל וועלען איינפיהרען רעפאָרמען אין דער רעליגיאָן, וועט דאָס ברענגען אירגענד־וועלכע הילף פאַר די רוסישע אידען, ווייל מען דאַרף בלויז דאָס לעבען זייערס רעפאָרמירען. אַ פאָלק פון מיליאָנען מענשען ווי אידען זענען, קען נישט עקזיסטירען פון אַזאַ אָרימען מסחר ווי זיי פיהרען. וואָלט מען געדאַרפט פאַרשפרייטען צווישען זיי אַלערליי מלאכות, צו וועלכע זיי האַלטען זיך פרעמד. אַן אַנדערען טייל פון זיי וואָלט מען געדאַרפט באַזעצען אויף פעלדער ווי פויערען. וואָלט דאָס איבערגעאַנדערשט דאָס לעבען פון אונזערע אידען פיעל מעהר ווי עס קען דאָס איבעראַנדער־שען, ווען מיר זאָלען וועלען די גאַנצע אידישע אמונה בטל מאַכען. די משכילים קלאָגען זיך, אַז די מצוות פונ'ם שלחן־ערוך שטערען די מאַ־טעריעלע ענטוויקלונג פונ'ם אידישען פאָלק אין רוסלאַנד, איז דאָס אַן אומזיסטע טענה. ווייל דיזעלבע אָרימקייט, וועלכע הערשט צווישען אידען, הערשט אויך צווישען גוים, אויף ווי ווייט זיי זענען נישט קיין פּראָדוק־טיווער עלעמענט אין דערווירטשאַפטליכער אָרדנונג פונ'ם לאַנד.

אָט די געדאַנקען, וואָס פינעס האָט אויסגעדריקט אין זיינע אַר־טיקלען אין דער העבּרעאישער צייטונג „הלבנון“, האָט ער שפּעטער צו־נויפגענומען אין אַ באַזונדערען ספר מיט'ן נאָמען „ילדי רוחי“, וועלכער באַשטעהט פון צוויי טיילען און איז ערשיענען אין 1872—1873. אינ'ם ערשטען טייל פון זיין ווערק, וועלכער הייסט „ריב עמי“, באַהאַנדעלט פינעס די עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג פונ'ם אידישען פאָלק אין זיין געגענווערטיגען צושטאַנד. און אינ'ם צווייטען טייל פונ'ם ספר, וועלכער הייסט „החיים והיהדות“, קריטיקירט פינעס אויפ'ן שאַרפסטען אופן די באַשטרעבונגען פון די רעפאָרמיש־געזאָנענע משכילים. דאַבּיי גיט ער נאָך דייטליכע אָנצוהערענישען, אַז עס וואָלט גוט געווען פאַר די אידען אין רוסלאַנד, ווען זיי זאָלען אָנהויבען אויסוואַנדערען קיין ארץ־ישראל, ווייל „וויפיעל

מיר װעלען זיך נישט מוטשען אין די גלות-לענדער, װעט דאָס אַליין נישט ברענגען דאָס אידישע פאָלק צו׳ן אַ תכלית, װי לאַנג מיר װעלען נישט צוריקקעהרען צו אונזער אייגענעם לאַנד״.

שפּעטער װען עס איז געגרינדעט געװאָרען דער „מזכרת משה״ לכבוד משה מאָנטעפיאָרע מיט׳ן צװעק, צו באַזעצען די אידען פון ארץ-ישראל אויף אַקער-באָדען, האָבען זיך געמאַכט שאַרפע מחלוקות װעגען דער טענדענץ פון דער אינסטיטוציע. דער גרעסטער טייל פון די ארץ-ישראל-דיגע אידען האָט מורא געהאַט, אַז דער „מזכרת משה״ װעט זיי שטערען אין דער פרנסה, װייל ער האָט געװאָלט פאַרשפּרייטען דעם חשק צו ערד-אַרבייט און מלאכה. האָט מען דאַן אין לאָנדאָן געקלעהרט, אַז װען מען װעט אויסקלויבען אַ רוסישען איד אַן אָרטהאָדאָקס אַלס לייטער פון דער אינסטיטוציע, װעט דאָס איינשטילען די מחלוקות. האָט מען אויסגעקליבען פּינעס׳ן, אַװעקצושיקען איהם קיין ארץ-ישראל אַלס באַפאָלמעכטיגטען פאַר-טרעטער פון דער „מזכרת משה״ אין לאָנדאָן. מען האָט איהם אויך געגעבען דעם כח, ער זאָל ערגיץ-װאו נאָהענט פון ירושלים קויפען ערד פאַר אַ קאָלאָניע און בויען דאָרט הייזער פאַר די אָרימע קאָלאָניסטען, גלייכצייטיג זאָל ער אויך געבען געלד-אונטערשטיצונגען צו אָרימע בעלי-מלאכות און סוחרים.

אויסגעשטאַטעט מיט די נויטיגע דאָקומענטען, איז פּינעס אָפּגעפאָה-רען קיין ארץ-ישראל און דעם 14-טען סעפּטעמבער 1878 איז ער אָנגעקומען אין ירושלים. װאָס ער האָט געװאָלט, האָט ער אָבער נישט דורכגעפיהרט. די חלוקה-אידען האָבען זיך איהם אַקעגען-געשטעלט מיט אַלע כחות און עס האָט נישט געהאָלפען, װאָס איטליכער האָט געװאוסט, אַז ער איז אַן אָרטהאָדאָקסישער איד און אַז ער מיינט נישט קיין שום אַנדערע זאַך, װי נאָר די טובה פון די ארץ-ישראל׳דיגע אידען. אַזוי װי ער איז שוין געבליבען אין ארץ-ישראל, האָט ער זיך באַטייליגט אין יעדער אַרבייט פאַר „ישוב ארץ-ישראל״ און דער איינפלוס זיינער אויף דער באַבויאונג פון׳ם לאַנד איז געװען גאָר אַ גרויסער.

יעדער איינגעװאַנדערטער פון רוסלאַנד, װאָס איז שפּעטער געקומען זיך באַזעצען אין ארץ-ישראל, האָט געפונען אין פּינעס׳ן אַ געטרייען ראַטהגעבער, װעלכער האָט איהם געפיהרט און געלערנט אָהן יעדער באַ-צאָהלונג. דעסגלייכען האָט ער די בני ביל״ו געשטיצט מיט ראַטה און טהאַט — און ער האָט זיי מיט זיין עהרליכער איבערגעבענהייט פיעל געהאָלפען ביי דער גרינדונג פון דער קאָלאָניע „גדרה״.

עס האָט איהם אויך דערנאָך װייטער נישט געלאָזט רוהען און ער

האָט געגומען אַ האַנד אין יעדער טהעטיגקייט פונ'ם אידישען לעבען אין ארץ=ישראל. אַ צייט לאַנג איז ער געווען אָפיציעלער פאַרטרעטער פון די חובבי=ציון אין רוסלאַנד, ביז ער איז ענדליך געוואָרען אַ מענעדזשער פון אַ ירושלים'ער האָספּיטאַל און האָט זיך שוין דאַן זעלטען ווען אַריינגעמישט אין די פראַגען פון ישוב ארץ=ישראל. ביים אָנהויב פון די נייניציגער יאָהרען האָט ער זיך נאָך באַטייליגט אַלס מיטגליעד פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע „בני משה“, וועלכע האָט געוואָלט אַרבייטען פאַר „ישוב ארץ=ישראל“ געגען דעם ווילען פון דער טערקישער רעגיערונג.

גאָר גיך איז ער אָבער עפענטליך אַרויסגעטרעטען פון דער אָרגאַניזאַציע „בני משה“, ווייל עס איז איהם נישט געפעלען די פיהרונג פונ'ם בית=הספר אין יפו, וואו עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז עס הערשט דאָרט אַ הפקר'דיגע גרינגשעצונג צו די פרינציפּען פונ'ם אידישען דת.

זייט דאַמאָלס האָט ער זיך אָפּגעשיידט פון די חובבי=ציון און עס האָט איהם אפילו נישט געהאַרט, ווען עס האָט זיך אימיצער ערלויבט, אַריינצורעכענען איהם צווישען דעם צעטעל געגנער פון „חבת=ציון“...

טעאָדאָר רוזוועלט

רוזוועלט איז אפשר געווען דער ערשטער און איינציגער פון אַלע אַמעריקאַנער פּרעזידענטען, וועגען וועמען עס לאָזט זיך זאָגען, אַז ער איז נישט אַרויסגעוואַקסען פונ'ם פאָלק צו דער מדרגה פונ'ם ערשטען בירגער אין זיין לאַנד, ווייל ער איז געווען ווי צוזאַמענגעוואַקסען מיט'ן גאַנצען אַמעריקאַנער פאָלק, וועלכעס האָט אין איהם געלעבט און מיט איהם געווירקט.

ווען עס האָט אימיצער זיין נאָמען דערמאָנט, האָט מען איהם נישט אַנדערש גערופען ווי „אונזער טעדי", ווייל עס האָט זיך איטליכער באַטראַכטעט, אַז ער איז געקנאָטען פון דעמזעלבען טייג וואָס ער, ווייל מען האָט אויף איהם געקוקט נישט ווי אויף אַן אויסגעקליבענעם פונ'ם פאָלק, צו וועמען עס דאַרף יעדער אַרויפקוקען, נאָר ווי אויף אַן עלטערען ברודער, צו וועמעס ווערטער עס הערט זיך איטליכער איין מיט ליעבע און ברודערליכען רעספּעקט.

אין איהם איז די יוגענדליכע פרישקייט פונ'ם אַמעריקאַנער פאָלק געווען פאַרקערפּערט — אָט יענע לעבעדיגע ריהרעוודיגקייט, וועלכע איז פשוט נאָר ווי אַ רעטעניש פאַר'ן פרעמדען באַאָבאַכטער און דער אייגענער האָט אויך נאָך נישט איהר טבע דערגרונטעוועט.

פון אַ פאַראייניגונג פון דרייצעהן קאָלאָניען איז די אַמעריקאַנער נאַציאָן אויסגעוואַקסען צו דער רייכסטער און שטאַרקסטער נאַציאָן פון דער וועלט — און פון אַ קליינעם פּאָליציי־בעאַמטען אין ניו־יאָרק איז רוזוועלט אַרויסגעוואַקסען צום פּרעזידענט פון יונייטעד סטייטס.

ער איז אויך געווען אַנדערש ווי פיעלע פון זיינע פאָרגעגנגער אינ'ם וואַשינגטאָנער „ווהייט האוז", וועלכע זענען אַרונטער פונ'ם פּרעזידענטען־בענקעל און געבליבען שטיל, צוריקגעצויגען פון געזעלשאַפט און פּאָליטיק, ביז זיי זענען פאַרגעסען געוואָרען ביים עולם און דער נאָמען זייערער איז ערשט דערמאָנט געוואָרען ווען זיי זענען געשטאָרבען. אפילו אַזאַ שטאַרקע אינדיווידואַליטעט ווי פּרעזידענט ווילסאָן, וועלכער איז מיט זיין אינטעליגענץ אַריבער־געשטיגען איבער אַלע פאָרגענגער און אפשר אויך איבער צעהנדליגער נאָכפאָלגער, אפילו אַזאַ ווילסאָן איז געווען טויט פאַר'ן לאַנד באַלד ווי ער איז אַרונטער פונ'ם פּרעזידענטען־בענקעל.

נאָר רוזוועלט איז אין זיין באַדייטונג נישט קלענער געוואָרען אויף אַ האָר, נאָכדעם ווי ער איז נישט מעהר געווען פּרעזידענט. די גרויסע ציוויליזירטע וועלט האָט איהם גאָר אדרבה ערשט דאַמאָלס נעהנטער דערקענט. אין דער פּאָליטיק האָט מען זיך אַליץ צוגעהערט צו זיין מיינונג און אויף זיינע רייזעס איבער פאַרשיעדענע לענדער האָט מען איהם צוגעטיילט גרויס כבוד אַלס עקס־פּרעזידענט פון יונייטעד סטייטס, וועלכער האָט זיך אויך פאַרדיענט אַלע עהרען צוליעב זיין אייגענער פּערזאָן.

ווי געזאָגט, האָט זיך „אונזער טעדי“ קיינמאָל נישט באַטראַכט אַלס דער ערשטער פונ׳ם פאָלק, האָט מען איהם דאַדורך תמיד גערופען נאָר אויף זיין ערשטען נאָמען און עס האָט זיך גאָר אפילו ביי קיינעם נישט געלייגט אויפ׳ן צונג, צוצוגעבען צו זיין נאָמען דעם טיטעל „מיסטער“. איז צוליעב דעם דאָס הויז זיינס אין אָיסטער־בעי געווען פאַר יעדען אַמעריקאַנער גלייך ווי דאָס הויז פון אַ נביא פאַר יעדען גלויביגען. האָבען איהם די יונגע געהאַלטען פאַר אַן אייגענעם, ווייל עס האָט זיין יוגענדליכע פרישקייט פון איהם אַקעגען־געשפּראָצט. האָבען איהם די אַלטע געהאַלטען פאַר זייערען אַן אייגענעם, ווייל זיי האָבען פון זיינע ווערטער אַרויסגעהערט אַלט־קלוגע ערפאַהרענהייט. און ווייל עס האָט זיך איטליכער גערעכענט אַלס אַ טייל פון דעמזעלבען שטאָף וואָס רוזוועלט, האָט זיך אויך יעדען אויסגעדאַכט, די יונגע גלייך ווי די אַלטע, אַז וואָס רוזוועלט האָט געזאָגט, איז טאַקע דאָסזעלבע וואָס ער אַליין האָט אָקאָרשט געוואָלט זאגען.

און שטאַרק ווי רוזוועלט איז געווען אין זיין אַמעריקאַנערטום, אַזוי איז ער אויך געווען קאַפּריזנע ווי אַ קינד, וועלכעס פאַר׳עקשנ׳ט זיך אין זיין ווילען, און ווען עס קריגט נישט וואָס עס וויל, איז עס גרייט אַלסדינג צו צוברעכען, ווען דאָס גאַנצע הויז זאָל אפילו רואינירט ווערען.

קאַפּריזנע פאַר׳עקשנ׳ט ווי ער איז געווען אין זיין ווילען, איז ער נישט צוריקגעשראָקען פאַר אונטערגראָבען די יסודות פון זיין אייגענער פאַרטיי, ווען ער האָט אַמאָל נישט געקענט דורכפיהרען וואָס ער האָט געוואָלט. קאַפּריזנע פאַר׳עקשנ׳ט איז ער געווען אין זיין ווילען די גאַנצע צייט פון זיין לעבען, אפילו ווען מען האָט אויף איהם געשאָסען, די קויל האָט געשטעקט אין זיין קערפּער און דער דאָקטאָר האָט ערקלערט, אַז ער שפּיעלט מיט׳ן לעבען, ווי באַלד ער וועט זיך נישט לאָזען תיכף אָפּערירען און די קויל אַרויסנעהמען. אַזוי ווי ער האָט אָבער געדאַרפט דערענדיגען זיין רעדע, האָט ער נישט געוואָלט אונטערברעכען דאָס רעדען, כאָטש עס האָט דאָס לעבען זיינס געשוועבט אין סכנה, און עס איז יעדע מינוט געווען וויכטיג פאַר זיין רעטונג. און ווייל ער האָט דאַמאָלס געענדיגט זיין רעדע

מיט דער קויל אין קערפער, האָבען פיעלע מענשען געגלויבט, אַז די גאַנצע מעשה מיט דער קויל איז נישט מעהר ווי אַ „קאָמעדיע". האָט דאָס רוזוועלט טאַקע באַלד פאַרשטאַנען, אַז מען וועט אַזוי דענקען — און פון דעסטוועגען האָט ער נישט געוואָלט אונטערברעכען זיין רעדע.

רוזוועלט איז געווען אַ גרויסער „פאַיטער", נישט נאָר מיט דער פעדער אָדער מיט'ן צונג. ביים קריעג מיט שפּאַניען האָט ער אָנגעפיהרט אַ מחנה רייטער קעגען דעם שונא — און ווען עס איז אויסגעבראָכען דער קריעג מיט דייטשלאַנד, האָט ער זיך ווייטער געריסען צום שלאַכטפעלד, חאָטש ער איז געווען קראַנק, פאַרוואונדעט פון יענעם שאָס, מיט אַ גלעזערן אויג און מיט אַ גיפטיג צוביסענעם אויער. האָט איהם אָבער ווילסאָן נישט פאַרגונען דעם כבוד און האָט איהם געהייסען בלייבען אין דערהיים.

און ווען ער האָט נישט געקענט געהן אַליין אין קריעג, האָט ער געשיקט זיינע קינדער. איז דאָרט איינער פון זיינע זיהן געפאַלען און איינער איז פאַרוואונדעט געוואָרען.

עס מוז אויך דערמאָנט ווערען, אַז רוזוועלט איז געווען אַ גוטער פריינד און פאַרעהרער פון אידען. אין אַ רעדע וועגען דער באַדייטונג פון'ם אידישען איינפלוס אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק האָט ער אַמאָל געזאָגט, אַז עס וועט נאָך אַמאָל קומען אַ צייט, וואָס אַ איד וועט זיין פּרעזידענט אין אַמעריקאַ. עס וועט אויך יענע צייט זיין אַ גליקליכע פאַר אַמעריקאַ — האָט ער דאַמאָלס ווייטער געזאָגט — ווייל אַ אידישער פּאָליטיקער איז אַ גרויסער „בעל־שכל" און האָט די בעסטע פעהיג־קייטען פאַר אַדמיניסטראַטיווע צוועקען.

און ווען עס איז אָנגעקומען די אַזוי־גערופענע „באַלפור־דעקלאַראַציע" וועגען ארץ־ישראל פאַר אידען, האָט זיך רוזוועלט זעהר געפרעהט, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז עס האָבען די אייראָפּעאישע פעלקער די אויפגאַבע, אויסצובעסערען דעם פעהלער, וועלכער איז באַגאַנגען געוואָרען געגען אידען, וואָס זיי זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד.

די לעצטע צייט פון רוזוועלט'ס לעבען זענען די פּאָליטישע פאַר־לאַנגען זיינע נישט דורכגעפיהרט געוואָרען, האָט דאָס איהם שרעקליך פאַרביטערט און זעהר אָפט געמאַכט אונגערעכט צו די שפּעטערע פּאָלי־טישע פיהרער פון אַמעריקאַ. האָבען אויך אַנדערע געקראָגען אַ פאַלשע מיינונג וועגען איהם, גלייך ווי ער האָט פאַלש באַאורטיילט זיין נאכפאָלגער אויפ'ן פרעזידענטען־בענקעל, האָבען אויך אַנדערע איהם פאַלש באַאור־טיילט. די אַמעריקאַנער געשיכטע וועט אָבער, האָפענטליך, גערעכט זיין אין איהר אורטייל געגען ביידע.

אחד־העם

ווען דאָס לעבען און די עקסיסטענץ פון'ם אידישען פאָלק וואָלט נישט געווען אַזוי אומנאָרמאַל ווי עס איז, וואָלט זיך אַזאַ באַריהמטער דענקער און קלאַסישער סטיליסט ווי א ח ד ־ ה ע ם נישט אָפּגעגעבען מיט פּאָליטישע אַלטעגליכקייטען, ווייל ער וואָלט קאָנצענטרירט זיין ליטעראַרישע שאַפונגסקראַפט אויף צו דערגרונטעווען די פילאָזאָפישע אמת'ן פון'ם פאָלקסלעבען אין זייער באַציהונג צו דער גרויסער וועלט. וואָלטען מיר דאַן אפשר נישט געהאַט די ווערקע פון אחד־העם אין פיער בענדער, נאָר בלויז אין צוויי, וועלכע וואָלטען געווען אַן אייביגע צירונג פאַר דער העברעאישער ליטעראַטור און אַ טיעפער ברונען, וואָס אַלע וויסענסדורשטיגע וואָלטען פון איהם געדאַרפט שעפּען.

קיין שום אידישער שריפטשטעלער פון די לעצטע פופציג יאָהר האָט נישט אַזוי קלאָר געדענקט ווי אחד־העם. האָט אָבער די קלאָרקייט זיינע דעם גרויסען פעהלער, וואָס זי איז געבויט אויף פעסימיסטישע יסודות, וואָס זי אַנאַליזירט קאַלטבלוטיג יעדען שריט און פּראָפּעצייעט אימער וועגען דער ערפאָלגלאָזיגקייט פון יעדער אונטערנעהמונג. איז ער טאַקע אַ פאָלקסלעהרער און וועגווייזער זייט העכער דרייסיג יאָהר, קוקט איהם איטליכער אין מויל אַריין און הערט זיך גענוי צו צו דעם, וואָס ער האָט צו זאָגען. אָבער נישט אויף צו פאָלגען, נאָר אויף צו טהון דאָס געגענטייל.

ווען אחד־העם איז אַרויסגעקומען דאָס ערשטע מאָל אין דער ליטעראַטור, האָבען די „חובבי ציון" געאַרבייט מיט איבערמענשליכע כחות. דאַביי איז די אַרבייט זייערע נישט געווען לעגאַליזירט פון'ם געזעץ און מען האָט כסדר געדאַרפט מורא האָבען פאַר'ן מינדעסטען שאָרך. האָט מען זיך געפרעהט מיט יעדע ח"י פּרוטות, וואָס אַ מענש האָט מנדב געווען פאַר „ישוב ארץ־ישראל"; האָט מען געשריבען אַרטיקלען אין די צייטונגען וועגען יעדע ציעג, וואָס אַ קאָלאָניסט אין ארץ־ישראל האָט געקראָגען; האָט מען געמאַכט אַ נאַציאָנאַלען יום־טוב ביי יעדען דונאָם ערד, וואָס אַ איד האָט געקויפט אינ'ם לאַנד פון אונזערע אבות.

איז דאַן אחד־העם געקומען און האָט אַ זאָג געטהון „לא זה הדרך!",

איז באַלד איטליכער אָפּהענטיג געוואָרען. האָט מען זיך אויפגעהערט פּרע־העגען מיט אַלע קליינע נדבות, האָט מען נישט מעהר געשריבען קיין צייטונגס־אַרטיקלען וועגען יעדע ציעג, וואָס אַ קאָלאָניסט אין ארץ־ישראל האָט געקראָגען, און מען האָט אויך נישט געמאַכט קיין יום־טוב, ווען אירגענד אַ קאָלאָניסט האָט צוגעקראָגען אַ שטיקעל ערד צו זיין פריהערער נחלה.

עס וויל דאָ נישט געזאָגט ווערען, אַז אחד־העם איז נישט גערעכט געווען. גלייך ווי עס וויל זיך נישט זאָגען, אַז די „חובבי ציון" האָבען דאָס נישט פריהער אַליין פאַרשטאַנען מיט זייער אייגענעם שכל, אַז דער וועג זייערער קען נישט פיהרען צום ענדציעל פון זייערע האָפנונגען. האָט מען זיך אָבער געוואָלט אַליין נאַרען, איז דאָס געווען זעהר אַ פּריקרע געפיהל, ווען אחד־העם האָט דאַמאָלס איטליכען די אויגען געעפענט, מען זאָל זעהען, ווי מען נאַרט זיך אַליין.

און האָט מען זיך שפּעטער געפרעהט מיט די בשורות טובות פון ארץ־ישראל, ווי עס וואַקסט דאָרט אַלסדינג אויפ'ן שענסטען אופן, איז אחד־העם אַוועקגעפאָהרען אַהין זעהען דאָס מיט די אייגענע אויגען און האָט אַלעמען אָנגעגאָסען מיט אַ קאַלטען טוש, וועלכער האָט געהייסען „אמת מארץ־ישראל". און ווען דער אויבערשטער האָט שפּעטער גע־האָלפען און עס איז צונויף־גערופען געוואָרען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל, וואו עס איז אויסגעבויט געוואָרען אַ גרויסע ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע, האָט דאַן אחד־העם געשריבען, אַז ער האָט זיך דאָרט געפיהלט ווי אַן „אבל צווישען חתנים".

ווי באַמערקט, ווען דאָס לעבען פונ'ם אידישען פאָלק וואָלט געווען אַזוי נאָרמאַל ווי ביי אַנדערע פעלקער, וואָלט מען נישט צוגעלאָזען, אַז מענשען מיט אַזאַ פּעסימיסטישען בליק אויף די ערפאָלגען פון יעדער נאַציאָנאַלער אַרבייט זאָלען האָבען אַ וואָרט אין דער עפענטליכקייט. אין דער צייט פון אַ מלחמה הערט מען נאָר געוועהנליך, וואָס אָפּטימיסטען זאָגען, און מען לאָזט עס נישט צו, אַז וועלכע ס'איז פּעסימיסטישע מיי־נונג זאָל דערגרייכען דאָס אויער פון די פאָלקס־מאַסען. בלויז אַזאַ שטאַרקע נאַציאָן ווי די ענגלישע האָט זיך עס אין דער צייט פון דער לעצטער מלחמה געקענט פאַרגינען, צו לאָזען זיך אַריינגיעסען עטליכע פּעסימיס־טישע טראָפּען אין איהר אָפּטימיסטישען קריעגס־בעכער. זאָנסט האָט מען אומעטום פאַרמאַכט דאָס מויל ביי יעדען פּעסימיסט, חאָטש איטליכער האָט געוואוסט, אַז וואָס דער פּעסימיזם זאָגט, איז דער ריינער אמת...

ענטמוטהיגונגען אין אַ צייט פון מלחמה ווערען שטרענג באַשטראָפט. נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס קענען נאָר דאָרט רעכנען אויף אַן ערפאָלג, וואו די מענשען זענען מפקיר זייער לעבען פאַר'ן קלענסטען פונק פון האָפנונג, וועלכער טהוט פאַר זיי אַ בלישטש. אין ניין=און=ניינציג פאַלען פון הונדערט מעגען אפילו די רעוואָלוציאָנערען אַליין וויסען, אַז זיי געהען דורכשלאָגען אַן אייזערנע וואַנד מיט זייערע קעפּ. ווען מען וועט זיך אָבער וועלען רעכענען מיט'ן דורכפאַל פון די אַנדערע ניין=און=ניינציג, וועט אפילו איינער פון הונדערט נישט האָבען קיינמאָל קיין ערפאָלג.

אחד=העם האָט תמיד רעכט געהאַט מיט זיין פעסימיסטישען קוק, און ווען ער האָט אין דער צייט פון יעדען נאַציאָנאַלען ענטהוזיאַזם אָנגעגאָסען אַלעמען מיט אַ קאַלטען שטראַהל, איז דאָס אימער געווען דער ריינסטער אמת, געזעהען מיט די אויגען פון אַן עהרליך=קלוגען זעהער. האָט מען אָבער שטענדיג זעהר גוט געטהון, וואָס מען האָט זיך פון זיינע אמת'דיג קלוגע ווערטער נישט געלאָזט קיינמאָל אָפּשרעקען. האָבען זיך די הונדערטער טויזענדער פאַרעהרער זיינע צוגעהערט מיט קאָפּ צו זיינע ווערטער — און דאָס האַרץ האָט זיי אַלעמען אַוועקגעפיהרט אין אַן אַנדערער ריכטונג.

גלייך ווי אחד=העם האָבען אויך פיעלע אַנדערע פאַרשטאַנען, אַז עס איז זעהר שווער צו זאָגען וועגען ארץ=ישראל, אַז עס זאָל זיך דאָרט קענען ענטוויקלען אַן עקאָנאָמישער צענטער פאַר'ן אידישען פאָלק. קען מען דאַדורך בלויז רעכנען, אַז ארץ=ישראל זאָל ווערען אַ נאַציאָנאַלער „מרכז רוחני". עס האָט אויך איטליכער פאַרשטאַנען, אַז אידען דאַרפען שטרעבען צום „צדק מוחלט" און צו נאָך אַנדערע אַזעלכע גוטע זאַכען. האָט אָבער די לאַגע פונ'ם אידישען פאָלק זעהר אָפט נישט געלאָזט פאַרטיעפען זיך אין פילאָזאָפישע טעאָריען אָדער באַקלערען די פאָלגען פון יעדען שריט, ווען דער אויגענבליק האָט פאַרלאַנגט טהעטיגקייט און מען האָט דאַביי נישט געהאַט קיין צייט צו איבערלייגען.

דאַמאָלס זענען די בעסטע תלמידים פון אחד=העם אונטריי געוואָרען צו די לעהרען פון זייער רבי'ן. אין יענעם אויגענבליק האָט דער קלאָרער שכל פאַרלוירען זיין שליטה, און מען האָט נישט מעהר געקוקט אויפ'ן „צדק המוחלט", נאָר מען איז געגאַנגען נעהמען, וואָס עס האָט זיך געלאָזט, נישט=קוקענדיג צי דאָס איז אין איינקלאַנג מיט'ן „צדק המוחלט" — און די בעסטע תלמידים פון אחד=העם זענען געווען די פיהרער...

כמעט דעם גרעסטען און בעסטען טייל פון זיין ליטעראַרישער טהע=

טיגקייט האָט אחד־העם אַוועקגעגעבן אויף צו באַקעמפפען דעם פּאָליטישען ציוניזם — און ווען ער האָט געזעהען, אַז דער גאַנצער קאַמפף זיינער איז אַן ערפאָלגלאָזער, האָט ער ערקלערט, אַז עס האַרט איהם נישט, ווען דאָס וואָרט ווערט באַזיעגט, אַבּי דער באַגריף זיעגט. ווייל ער האָט מיט זיין פּעסימיסטישען בליק אויפ'ן פּאָליטישען ציוניזם שטענדיג בלויז געמיינט, מען זאָל פונ'ם פּאָליטישען ציוניזם אַרויסנעהמען אַזוי פיעל, ווי ס'איז נאָר מעגליך.

די פּאָליטישע געשעהענישען פון די לעצטע יאָהרען, אָנגעהויבען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון 1905 אין רוסלאַנד, האָבען אחד־העם'ן ווי צוטומעלט אין זיינע אַנזיכטען — און ווען ער האָט דאַן אויפגעהערט זאָגען אַ מיינונג וועגען דער ענטוויקלונג פון די אַלטעגליכע געשעהענישען, האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז מען טהוט איהם אונרעכט, ווען מען זאָגט וועגען איהם, אַז ער האָט זיך דערווייטערט פון דער מחנה, ווייל די מחנה האָט זיך דערווייטערט פון איהם און פון זיינסגלייכען, וועלכע האָבען נישט געקענט „מיטגעהען מיט דער סטאַדע“...

נישט אַזוי אָפט ווערען אַזעלכע דענקער ווי אחד־העם געבוירען, אפילו ביי גרעסערע און מעהר געזונטע קולטור־פעלקער ווי מיר זענען. ביי אונז האָט ער דערוויל נישט איבערגעלאָזען קיינעם, וואָס זאָל זיך קענען פאַרמעסטען, צו וועלען פאַרנעהמען דעם ליידיג־געוואָרענעם פּלאַץ.

מאַזאַריק

די טשעכען זענען אַמאָל געווען אַ גרויס פאָלק, וואָס זייער לאַנד האָט זיך געצויגען ביז צו די ברעגעס פון דער ווייכסעל און ביז צו די טויערען פון לייפציג אין זאַקסען. האָט זיך אַמאָל זייער קעניג אָטאָקאַר פאַרגלוסט, צו פיהרען מלחמה געגען דעם דייטשען קייזער, איז דאַן די גאַנצע טשעכישע אַרמיי פאַרניכטעט געוואָרען אין דער שלאַכט ביים ווייסען בערג, דער קעניג איז געפאַלען אין קריעג און די טשעכען האָבען פאַרלוירען זייער זעלבשטענדיגקייט.

און ווען עס האָבען זיך די עסטרייכישע פעלקער אָנגעהויבען נאַציאָנאַליזירען מיט אַכציג יאָהר צוריק, זענען די טשעכען געווען אַ פאָלק פון פויערען, אָהן אינטעליגענץ, אָהן שולען און אָהן אַ ליטעראַטור. די אַריסטאָקראַטען פונ'ם לאַנד האָבען זיך געהאַלטען פאַר דייטשען, די שטעדט זענען געווען באַזעצט פון דייטשען און אין די שולען האָט מען געלערנט נאָר דייטש. זענען דאַן אויפגעשטאַנען צוויי גרויסע טשעכישע פאַטריאָטען: ריעגער און פאלאצקי, וועלכע האָבען געווידמעט אַלע זייערע כחות פאַר דער נאַציאָנאַליזירונג פון זייער פאָלק. האָבען זיי זיך גענומען אויסבויען טשעכישע שולען און פאַרשפרייטען אינדוסטריע איבער'ן לאַנד, ביז זיי האָבען באַזיעגט דאָס דייטשטום און די טשעכישע נאַציאָן האָט זיך באַפרייט פון יעדען דרויסענדיגען איינפלוס.

שלעכט איז נאָר, וואָס די טשעכען פאַרהאַלטען זיך פיינדליך צו אידען. די אורזאַך פון אָט דער שנאה איז, וואָס די אידען אין די טשעכישע פראָווינצען האָבען זיך לאַנגע יאָהרען געהאַלטען נאָהנט צו די דייטשען אויף קאָסטען פון די טשעכען. און חאָטש עס האָבען זיך שפעטער די דאָזיגע אומשטענדען געענדערט, ווען עס זענען עטליכע פראָמינענטע אידען צוגעשטאַנען צו דער טשעכיש-נאַציאָנאַלער באַוועגונג און צוויי פון זיי (פראָפעסאָר צוקער און דער משומד סטראַנסקי) האָבען זיך צוגעשלאָגען צו שפּיעלען פיהרענדע ראָלען אין דער באַוועגונג, האָט דאָס שוין נישט מעהר געהאַט קיין ווירקונג אויפ'ן פאַרהעלטניס פון די טשעכען צו די אידען.

היינט האָבען נישט די טשעכישע פּאָליטיקער קיין איינציגען איד אין פיהרענדער שטעלונג. און ווי גרויס די נאַציאָן איז, זענען אַלע באַשטרעבט, צו באַפרייען דאָס לאַנד פון אידישען איינפלוס, סיי אין מסחר און סיי אין אינדוסטריע. אויף אַלע געביעטען פונ'ם לעבען ווערען אידען באָיקאָטירט און דער בלוט-בלבול אויף הילזנער איז געווען אַ שטיק פון דער טשעכישער פּאָליטיק געגען אידען.

געפינט זיך אָבער פון דעסטוועגען איין טשעך, וועלכער איז אַ פריינד און פאַרעהרער פון אידען — און דער דאָזיגער איינער איז דוקא אַ גרויסער און באַריהמטער געלעהרטער, וואָס זיין נאָמען האָט אַ קלאַנג איבער דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. דאָס איז דער איניציאַטאָר פון דער טשעכישער רעפּובליק און איהר ערשטער פּרעזידענט, פּראָפעסאָר טהאָמאַס מאַזאַריק.

ער האָט אפילו אויך טענות צו אידען וועגען זייער אַמאָליגע שטע-לונג צו די טשעכען. אַזוי ווי ער פאַרשטעהט אָבער די אורזאַכען פון דער דאָזיגער שטעלונג, איז ער תמיד באַשטרעבט, די אידען צו פאַר-טיידיגען ווי ווייט עס לאָזט זיך נאָר. האָט ער יאָהרען-לאַנג געהאַלטען אין איין שרייען, אַז די טשעכען זענען זיך אַליין שולדיג, וואָס די אידען זענען געגאַנגען מיט די דייטשען, ווייל זיי האָבען זיך נישט קיינמאָל געסטאַרעט, צוצוציהען די אידען צום טשעכענטום און מען האָט זיי נאָך גאָר אדרבה אַרויסגעשטויסען פונ'ם טשעכישען לאַגער.

און ווען עס האָט זיך געמאַכט דער בלבול געגען הילזנער, האָט זיך מאַזאַריק צוקריגט מיט דער גאַנצער טשעכישער נאַציאָן און איז אַרויס-געטרעטען מיט אַ ספּעציעלען בוך, צו באַווייזען די פאַלשקייט פונ'ם בלבול. און אַזוי ווי מען טאָר נישט אין עסטרייך אַרויסטרעטען מיט אַ קריטיק וועגען אַ פּראָצעס, סיי ווערהענד דער פּראָצעס איז אין גאַנג, כדי נישט צו באַאיינפלוסען די מיינונג פון די ריכטער, און סיי ווען דער פּראָצעס איז צו ענדע, ווייל מען טאָר נישט קריטיקירען קיין געריכטליכעס אורטייל, האָט מען מאַזאַריק'ן געצויגען צו פאַראַנטוואָרטונג פאַר זיין בוך און מען האָט איהם פאַראורטיילט צו אַ חודש אַרעסט.

פּראָפעסאָר מאַזאַריק איז איינער פון די גרעסטע טשעכישע פּאָלי-טיקער. אַזוי ווי ער איז אָבער קיינמאָל נישט געווען איינפערשטאַנדען מיט די אַנדערע טשעכישע פּאָליטיקער, האָט ער זיך געוועהנליך געהאַלטען ווייט פונ'ם פּאַרלאַמענט. אין 1891 האָט ער זיך געלאָזט דאָס ערשטע מאָל אויסקלויבען צום פּאַרלאַמענט. צוויי יאָהר שפּעטער האָט ער געזעהן, אַז די טשעכען געהען אָנקניפּען אַ פריעדען מיט דער עסטרייכישער

צענטראַל־רעגיערונג, האָט ער באַלד רעזיגנירט פון זיין מאַנדאַט. אין 1907 האָט ער זיך ווייטער געלאָזט וועהלען און איז געווען דער פיהרער פון אַ קליינער גרופּע טשעכען, וועלכע האָבען געהאַט אַן אייגענע טאַקטיק, אַקעגען עסטרייך.

אין דער וויסענשאַפט איז מאַזאַריק אַ סאָציאָלאָג, וועלכער גריבעלט זיך אין דער פילאָזאָפיע פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. אָט דער געגענשטאַנד איז אויך זיין ספּעציאַל־פאַך, וועלכען ער האָט אונטער־ריכטעט זייט 1882 אויף דער פּראַגער אוניווערזיטעט. אויף דיעזען געביעט איז איהם אויסגעקומען צו פּאָפּולאַריזירען די פילאָזאָפישע אידעען פון פּאַסקאַל, באָקל, מילל, קאָמט, אַזוי ווי פון אונזער אחד־העם.

ס'איז אויך גאָר נישט אָפּצושאַצען וואָס פאַר אַ גרויסע באַדייטונג עס האָבען זיינע פילאָזאָפישע שריפטען פאַר דער ענטוויקלונג פון זיין נאַציאָנאַלער שפּראַך, וועלכע ער האָט ערשט געמוזט מיט זיין טאַלענט בויגען און אויסבילדען, פאָרמען און פיילען, זי צו מאַכען פעהיג, אויס־צודריקען אין איהר העכערע געדאַנקען, וואָס זענען נישט צוגענגליך צו אַלעמען. דאַביי מוז מען נאָך באַדענקען, אַז ווען ער האָט זיינע פילאָ־זאָפיען געשריבען אין טשעכיש, האָט ער זיך געמוזט באַפריינדען מיט דעם געדאַנק, אַז זיינע אידעען וועלען נישט קיינמאָל באַקאַנט ווערען איבער די גרעניצען פון זיין געבורטסלאַנד און ער האָט זיך געמוזט אָפּזאָגען פון יעדען וואונש צו פּאָפּולאַריטעט אויסערהאַלב פון זיין נאַציאָן.

צו דער פילאָזאָפיע פון אחד־העם איז ער געקומען דורך פּראָפעסאָר פריעדלענדער'ס איבערזעצונגען. אָט די פילאָזאָפיע איז איהם אויך זעהר געפעלען, ווייל ער האָט אין איהר געזעהען דאָס שטרעבען צו פרייהייט פון אַ זשעניאַלען פאָלקס־גייסט, וועלכער איז געווען צווי־טויזענד יאָהר געפּענטעט אין שקלאַווען־קייטען. ער האָט אויך גענומען אַ גרויסען אינ־טערעס אין די ציוניסטישע באַשטרעבונגען פונ'ם אידישען פאָלק און ער האָט פאַרלאַנגט פון זיין פאָלק, זיי זאָלען די נאַציאָנאַלע באַשטרעבונגען פון די אידען מיט אַלע זייערע כחות אונטערשטיצען.

היינט איז דער טשעכישער אַנטיסעמיטיזם זעהר אַן ענטוויקעלטער. די רעאַקציאָנערע ביוראָקראַטיע, וואָס די טשעכען האָבען איבערגענומען בירושה פונ'ם אַלטען עסטרייך, צוזאַמען מיט אַ נייעם קלעריקאַליזם, וועל־כער ציהט זיין יניקה פון אַן אַלגעמיינער פּאָליטישער אונצופריעדענהייט, האָבען פאַרגיפטעט די עפענטליכע מיינונג פונ'ם לאַנד געגען אידען. אָט די אַזוי־גערופענע „עפענטליכע מיינונג" האָט שוין אפילו פריהער געקעהרט

איהר שפּיץ געגען אידען, זי איז בלויז נישט געווען אַזוי שאַרף, ווי זי איז היינט.

ווי די געפיהלען געגען אידען האָבען אַמאָל אויסגעזעהען בּיי די טשעכען, שילדערט מאַזאַריק אַליין אין אַ קאַפּיטעל פון זיינע „זכרונות“ מיט פאָלגענדע ווערטער:

„אין די פופציגער יאָהרען פון פאַרגאַנגענעם יאָהרהונדערט איז בּיי אונז יעדעס קינד דערצויגען געוואָרען צום אַנטיסעמיטיזם, אין דער שולע, אין דער היים, אין קלויסטער און אין דער גאַנצער געזעלשאַפט. די מוטער האָט פאַרבאָטען אונז קינדער, צו פאַרקעהרען מיט אידישע שכנים, ווייל אידען נוצען דאָס בלוט פון קריסטליכע קינדער... איך פלעג דער־פאַר שטענדיג זעהר ווייט אויסמיידען דאָס הויז פון אונזער אידישען שכן און דאָס נעמליכע האָבען אויך געטהון מיינע אַנדערע דאָרפישע חברים. אין קלויסטער און אין שולע האָט מען אונז אָפט געוואָרענט, מיר זאָלען זיך אויסהיטען פאַר אידען, און מאַנכמאָל, ווען דער ג ל ח איז געווען גוט אויפגעלעגט, האָט ער געבעטען דעם לעהרער, ער זאָל זינגען דאָס באַ־קאַנטע שפּאָט־ליעדעל אויף אידען, וועלכעס קרימט נאָך ווי אַזוי אידען דאַווענען: „טאַי־טערל, טאַי־טערל, טאַי־טערל־טאַי...“

„דער אַבערגלויבען וועגען אידישען ריטואַל־מאָרד — דער־צעהלט מאַזאַריק ווייטער — איז מיר אַזוי טיעף אַריין אין דער נשמה, אַז איך פלעג יעדעס מאָל, ווען איך האָב מיך צופעליג צונויפגעטראָפען מיט אַ אידען, איהם קוקען אויף די פינגער, צי קלעפּט נישט אויף זיי קיין קריסטליך בלוט. פון דער דאָזיגער נאַרישער טבע האָב איך מיך אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט באַפרייען.“

„באַזונדערס האָב איך זעהר ליעב געהאַט דעם ה׳ פּיקסעל, אַ אידישען הויזירער. „אונזער ה׳ פּיקסעל“, ווי מיר האָבען איהם גערופען. איך דערמאָהן מיך גענוי, אַז אונזער משפחה־אַנטיסעמיטיזם האָט אין דעם פאַל געמאַכט אַ פילאָזאָפישע אויסנאַהם. ה׳ פּיקסעל איז געווען אַ אידישער הויזירער, די מוטער פלעגט בּיי איהם קויפען לייווענט. פון צייט צו צייט האָט זיך ה׳ פּיקסעל באַוויזען אין אונזער הויז און מיר האָבען זיך תמיד געפרעהט מיט איהם, ווען ער איז געקומען. ער פלעגט פאַנאַנדערוויקלען פאַר אונז זיינע סחורות און דערצעהלען דאַבּיי אַלערליי מעשיות פון׳ם שטעדטעל און פון די אַרומיגע דערפער... בּיים אַוועקגעהן פלעגט ער מיר שטענדיג שענקען אַ קליין שטיקעלע בּליישטיפט.“

„דורך באַקאַנטשאַפט און צונויפלעבען זיך מיט די אידען ווירט־

שאַפטליך און געזעלשאַפטליך האָט מען דאָס ק ר י ס ט ע ן = ב ל ו ט פאַרגעסן. דער דאָזיגער אבערגלויבען האָט זיך באַצויגען נאָר אויף יענע אידען, מיט וועלכע מען איז נישט געקומען אין נאָהנטער באַריהרונג. יעדער פון אונז האָט זיך געהאַט זיין „ה׳ פיקסעל“... ד י א י ד י ש ע קינדער זענען אויפגעצויגען געוואָרען אין באַזונדערע שולען, פון באַזונדערע לעהרער, און מיר, קריסטליכע קינדער, זענען געווען פון זיי אינגאַנצען אָפגעזונדערט. די אידישע קינדער האָבען געלעבט אין אידישען געטהאָ, און מיר האָבען געלעבט אין קריסטליכען.“

„אין דער רעאַל=שול אין אוישפיץ האָב איך געהאַט אַ אידישען שול=חבר. איך האָב מיך געהאַלטען וייט פון איהם און געקוקט איהם שטענדיג אויף די פינגער... מיר האָבען איהם אַלע זעהר דערקוטשעט, נאָר נישט קריסטליך, חאָטש ער איז געווען אַ וואוילער, האַרציגער אינגעל. ער איז נישט געווען איבריג קלוג, האָט זיך גערעכענט צו די שלעכטערע שילער און איז געווען אייגענטליך אַ לעבעדיגע סתירה, צו אונזערע אַנשויאונגען וועגען אידענטום. ד ע ר ד אָ ז י ג ע ר א י ד י ש ע ר ש ו ל = ח ב ר מ י י נ ע ר ה אָ ט מ י ך ג ע ה י י ל ט פ ו ן אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז ם.“

„מיר האָבען געמאַכט אַמאָל אַן אויספלוג אין די בערג. ביים אַהיימגעהן האָבען מיר זיך אָפגעשטעלט אין אַ גאַסט=הויז, כדי צו נעהמען עפּעס אין מויל אַריין. מיר האָבען געטרונקען וויין און ביער, די לעהרער האָבען זיך געשפּיעלט מיט אונז, מעשה חבר, און מיר אַלע אינאיינעם האָבען געהאַלטען אין איין חוזק=מאַכען פון „לעאָפּאָלד“, דעם אידישען חבר. די זון האָט זיך געזעצט... פּלוצלינג איז „לעאָפּאָלד“ פאַרשוואונדען געוואָרען פון טיש און מיר זענען אַלע אַרויסגעלאָפען איהם זוכען. מען האָט איהם געפונען אין הויף, הינטער אַ טויער שטעהן און דאַוונען. דערווייל זענען שוין אָנגעלאָפען נאָך אַנדערע מענשען, מען האָט געלאַכט און חוזק געמאַכט. אויך איך בין געגאַנגען „קוקען“. איך וועל אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסען דעם שטאַרקען איינדרוק, וואָס לעאָפּאָלד האָט אויף מיר דאַמאָלס געמאַכט. ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל, הינטער׳ן טויער, אויף אַן אומריינעם אָרט, האָט זיך געשאָקעלט און געדאַוונט מיט כוונה...“

„גאַניץ פּלוצלינג האָב איך פאַרלוירען דעם חשק זיך צו באַטייליגען אין דער אַלגעמיינער חוזק=מאַכעריי. בשעת מיר אַלע האָבען געמאַכט קאַטאָוועס, האָט זיך לעאָפּאָלד נישט געלאָזט שטערען אין זיין דאַוונען... פון ד ע ם אויגענבליק אָן איז מיין אַנטיסעמיטיזם שטאַרק אונטערגעבראָכען

געוואָרען, האָטש אינגאַנצען גובר זיין האָב איך אידם דאָך נישט געקאָנט . . ."

„מיינע עלטערן האָבען זיך איבערגעצייגען קיין געדינג און איך האָב געהאַט די געלעגענהייט זיך צו באַקענען מיט אידען און מיט דעם דאָרטיגען אידישען געטהאָ. מיינע ערפאַהרונגען מיט, אידען האָבען צושטערט דאָס געטהאָ פון פאָראורטיילען. פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט אידען איז אויסגעוואַקסען אַ שעהנע און געטרייע פריינדשאַפט. אין ברין און אין וויען האָט זיך וואָס אַמאָל מעהר פאַרגרעסערט דער קרייז פון מיינע אידישע פריינד. די אַמאָליגע פאָראורטיילען זענען שוין איצט אינגאַנצען פאַרשוואונדען געוואָרען, האָטש פון צייט צו צייט פלעגט זיך ווידער אויפוועקען די שוין דערמאָהנטע טבע פון מיינע יונגע יאָהרען . . ."

שלמה שילער

אַ געבוירענער אַ ביאַליסטאָקער איז שלמה שילער — אַ פאַר'חלום=טער בחור'ל מיט אַ ביסעל תלמודישע ידיעות און אַ ביסעל רוסיש — מיט קאַרגע פערציג יאָהר צוריק אָנגעקומען אין לעמבערג, וואו ער האָט באַלד אָנגעהויבען פלייסיג לערנען אין גימנאַזיום און אויף דער אוני=ווערזיטעט. דער פאַראיין „ציון“ אין לעמבערג איז דאַמאָלס געווען אַ זאַמעל=פלאַץ פאַר אַלע וויסענסדורשטיגע, וואָס האָבען דאָרט געקענט קריגען אומזיסטע לעהרער פאַר יעדען מין למוד, צו וועלכען זייער האַרץ האָט געגלוסט. עס האָט אויך דאַן נישט לאַנג געדויערט, איז שלמה שילער דער תלמיד, געוואָרען אַ לעהרער, און יענע אַלע וואָס האָבען איהם נעכטען אונטערריכטעט, זענען גאָר אין גיכען „געזעסען ביי זיינע פיס“ און האָבען זיך מיט אַלע חושים זייערע איינגעהערט צו זיינע באַלעהרונגען וועגען אידען גלייך ווי וועגען דער צוקונפט פונ'ם אידישען פאָלק.

האָט מען איהם אָנגעהויבען רופען „דער גאַליציאַנער אחד=העם“. איז דאָס אָבער בלויז געווען אַ צונאָמען, ווייל ער פלעגט זיך תמיד פשט'לען וועגען אחד=העם און דער פועל=יוצא פון אַלע זיינע חקירות האָט זיך געוועהנליך געענדיגט מיט „לא זה הדרך!“ — אין אמת'ן האָט מען איהם אָבער מיט'ן צונאָמען „גאַליציאַנער אחד=העם“ אַ ביסעל גרינג אָפּגעשאַצט, ווייל דער גייסט זיינער איז זעהר אָפט געווען טיעפער און דער „תלמיד“ האָט נישט זעלטען אַריבערגעשטיגען דעם רבי'ן.

די גאַנצע צייט פון זיין לעבען האָט ער שטודירט און קיינמאָל נישט געענדיגט. ער האָט אויך קיינמאָל נישט געשטרעבט צו קיין טיטעל — און מיט דער אויסנאַהמע פון אַן עקזאַמען אין גימנאַזיום איז ער קיינמאָל נישט געזעסען צו קיין „פריפונג“, ווייל ער פלעגט תמיד זאָגען, אַז ער איז נאָך נישט פערטיג צום עקזאַמען און ער דאַרף נאָך פיעל לערנען.

אין אַ פריינדשאַפטליכען געשפרעך מיט שילער'ן וועגען זיין נישט=וועלען זיצען צו קיין דאָקטאָר=עקזאַמען, האָב איך אַמאָל געמאַכט די באַמער=קונג, אַז איך זעה אין זיין וועלען זיך אַרויסדרעהען פון עקזאַמענס דעם שטאַרקסטען סימן פון גאוה, ווייל ער דענקט אודאי ביי זיך: „ווער זענען

זיי די גרויסע אוניווערזיטעטס־פּראָפעסאָרען, זיי זאָלען גאָר קענען האָבען די העזה, צו וועלען איהם עקזאַמינירען?" — איך האָב מיך אָבער פון־דעסטוועגען שפּעטער איבערצייגט, אַז איך האָב דעם מענשען שלעכט באַאורטיילט, ווייל ער האָט תמיד ווירקליך געגלויבט, אַז כל־זמן מען האָט נישט אויסגעשעפּט אַלע „שבע חכמות", דאַרף מען נישט דענקען וועגען עקזאַמינייישאָנס . . .

שלמה שילער האָט אויך פיעל געשריבען: העברעאיש, אידיש, דייטש און פּויליש. וואָס ער האָט געשריבען איז אפילו נישט געווען זעהר פּאָפּולער. חוץ דעם וואָס ער האָט זיך נישט געקענט געניג פּאָפּולער אויסדריקען, האָט ער נאָך געשטרעבט, אַרויסצוזאָגען יעדעס מאָל אַזעלכע געדאַנקען, וואָס האָבען איהם גראָד דאַמאָלס געקוועטשט ביים האַרצען, נישט־קוקענדיג דאַרויף, צי יענע געדאַנקען זענען אין צייט און צי זיינע ווערטער וועלען געפינען אַן אָפּקלאַנג.

פּאַרטיעפענדיג זיך אין דער ציוניסטישער אידעע, האָט ער פאַר איהר געשאַפען אַ פילאָזאָפישע באַגרינדונג, וועלכע איז אין אָנפאַנג באַגאַטעליזירט געוואָרען. זי איז אָבער שפּעטער געוואָרען די געדאַנקען־באַזיס פאַר דער שטודירענדער יוגענד אין גאַליציען, וועלכע האָט אויפגעבויט איהר גאַנצע אידעאָלאָגיע אויף שילער'ס סיסטעם — און זיין בוך „ביט נאַראָדאָווי זשידאָוו" (די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פון די אידען), וועלכעס ער האָט אָנגעשריבען אין פּויליש, איז היינט דער ציוניסטישער „אני מאמין" פון אַלע אידישע סטודענטען, וואָס לייענען פּויליש.

צום ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באַזעל איז שילער געפאָהרען אַלס פאַרטרעטער פון דער שטודירענדער יוגענד — און צוריקגעקומען פון דאָרט איז ער אַן ענטטוישטער, פיעל מעהר ענטטוישט ווי אחד־העם. ער האָט שפּעטער שטאַרק קריטיקירט יעדע ציוניסטישע טהעטיגקייט, ביז עס איז איהם געקומען דער געדאַנק, אַז אַן אמת'ער ציוניסט איז נאָר דער, וועלכער וואוינט אין ארץ־ישראל. איז ער לאַנג בעפאָר דער מלחמה אַוועקגעפאָהרען קיין ארץ־ישראל, וואו ער איז געוואָרען דירעקטאָר פון'ם העברעאישען גימנאַזיום אין ירושלים.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה האָט די טערקישע רעגירונג געוואוסט, אַז שילער איז אַ ציוניסט, האָט זי איהם געהאַלטען אינטערנירט אין דמשק צוזאַמען מיט עטליכע אַנדערע פּראָמינענטע ציוניסטען. די צייט פון זיין אינטערנירונג האָט אויך רואינירט זיין געזונדהייט און ער איז געשטאָרבען — פינף־און־פופציג יאָהר אַלט.

מאָורוס יאָקאַי

די מאָדע אין דער ליטעראַטור בייט זיך גלייך ווי אינ'ם לעבען, אָבער די באַדייטונג פון יאָקאַי'ס דיכטונג האָט קיינמאָל נישט פאַרלוירען איהר אַמאָליגען ווערטה.

ביכער פון דער מאַדיאַרישער שפּראַך זענען גאָר ווייניג באַקאַנט אין דער גרויסער ליטעראַרישער וועלט. בלויז עטליכע מאַדיאַרישע שריפטשטעלער האָבען געהאַט די זכיה, איבערזעצט צו ווערען אין אַנדערע שפּראַכען — און צווישען זיי איז מ א ָ ו ר ו ס י א ָ ק אַ י דער איינציגער, וואָס האָט געשריבען דייטש און אונגאַריש און האָט אויך אַליין באַזאָרגט דאָס אַרויסגעבען פון זיינע ביכער אין דייטש און אין אונגאַריש. אויף זיין מאַדיאַריש בין איך לײדער נישט קיין מבין, אָבער דער סטיל פון זיין דייטש שטעהט נישט צוריק פון דער קלאַסישער דייטשער ליטעראַטור.

ווען יאָקאַי האָט אָנגעהויבען שרייבען, האָבען די מאַדיאַרען אַלס נאַציאָן געשלאָפען אין אַזיאַטישע חלומות און די לופט פונ'ם גאַנצען לאַנד איז געווען דורכגעווייקט פון אַזיאַטיזם. האָט זיי דאַן יאָקאַי אַריינגעפיהרט אין דער אייראָפּעאישער געדאַנקענוועלט, האָבען זיך דערנאָך אָנגעהויבען באַווייזען אַלע גרויסע אונגאַרישע גייסטער און הערצער, וואָס האָבען אין זיך אַרומגעטראָגען דעם נאַציאָנאַלען זאָמען — און עס איז אויסגעוואַקסען אַ דור פון שריפטשטעלער, וואָס האָבען אויסגעזעהן גלייך יאָקאַי זאָל זיי אַלעמען האָבען אויסגע'חלום'ט.

ביי די מענשען פון טהאַט, וואָס כח'ן זיך אינ'ם שווערד און אין דער ביקס, איז אָפט פאַרהאַנען אַ נייגונג, גרינג צו שעצען די גרויסע נאַציאָנאַלע קראַפט פון דער ליטעראַטור. אין אונגאַרן איז עס אָבער תמיד אנערקענט געוואָרען, אַז אין דער ענטוויקלונג פונ'ם מאַדיאַרענטום האָט די ליטעראַטור אויסגעפולט אַ נאַציאָנאַלען אַרבייטס-קרייז פון אונגעוועהנליכער וויכטיגקייט. די מאַדיאַרען זענען זיך גוט באַוואוסט, אַז אָהן אַ ווירקונג פון די שריפטשטעלער וואָלט זיכער די נאַציאָן קיינמאָל נישט אויפגעוואַכט פון איהר שלאָף. די ליטעראַטור האָט דאָרט דעם פאָלק

געגעבן אַ וואָפע אין דער האַנד אַריין, צו פאַרטיידיגן מיט איהר די נאַציאָנאַלע זעלבשטענדיגקייט.

די וואָפע, וואָס די אונגאַרישע ליטעראַטען האָבען געגעבן צו זייער פאָלק, איז געווען די ניי-ענטוויקעלטע אונגאַרישע שפּראַך, וועלכע האָט די פאַנטאַזיע פונ׳ם פאָלק אויפגעהויבן איבער דער טרויעריגער ווירקליכקייט. האָט דאַן די אונגאַרישע ליטעראַטור פון דאַמאָלס באַלייכט דעם נאַציאָנאַלען האָריזאָנט ווי דער ווידערשיין פון אַ גרויסער פייער וועלט אין מיטען פון עלענד און אָרימקייט. אונגאַרן אַלס שטאַאַט איז טאַקע געווען אונטערדריקט, אין דער ליטעראַטור איז טראָצדעם איהר הערשאַפט געווען באַגרינדעט — און אין דער וועלט-ליטעראַטור טרעט אונגאַרן אַרויס אַלס אַ שטאָלצע נאַציאָנאַלע איינהייט.

אין די 50-ער יאָהרען פונ׳ם 19-טען יאָהרהונדערט איז יאָקאַי געזעסן ביים קראַנקענבעט פון אונגאַרן, איינגעבענדיג מוטה, צו דער נאַציאָן מיט׳ן רוהם פון דער פאַרגאַנגענהייט און מיט האָפנונגען פון אַ גליקליכער צוקונפט. דעם פיינד, וועלכער האָט זיך נישט געלאָזען אַנידערוואַרפען מיט די רעוואָלוציאָנערע וואָפען פון 1848, האָט ער באַגאָסען מיט אַ רעגען פון גיפטיג-סאַטירישע פיילענבויגענס. און כדי אַרויסצוקריגען אַ שמייכעל ביי דער קראַנקער נאַציאָן, האָט ער אָנגעטהון כל-ערליי קונצענמאַכערייען, וואָס האָבען איהם זעהר אָפט געגעבן די צורה פון אַ קלאָון.

פון נאַטור אויס איז מאָורוס יאָקאַי געווען באַשטימט פאַר אַן ערצעהלער פון פאַנטאַסטישע מעשה׳לעך, וואָס האָבען נישט קיין שייכות מיט דער רעאַליסטישער ווירקליכקייט. האָט ער זיך דאַדורך אינ׳ם רעאַלען לעבען געפיהלט עטוואָס פרעמד, ווייל דאָס אמת׳ע לעבען זיינס איז דאָרט געפלאָסען, וואו עס האָט געפלאַקערט דאָס פייער פון דער לעגענדע און פונ׳ם מערכען. דאָרט האָט זיך געאָפענבאַרט זיין גאַנצע ענערגיע, זיין לעבענסוויסען און מענשען-קענען. דאָרט האָט זיין פעדער געשפריצט ווי אַ לעבעדיגער קוואַל און ער האָט געפרעגעלט דעם לעזער׳ס פאַנטאַזיע ווי אין אַן אויל-קעסעל.

טראָץ די פיעלע ראָמאַנען, וואָס יאָקאַי האָט געשריבען פונ׳ם רעאַלען לעבען, איז ער געווען אַ געבוירענער מערכען-ערצעהלער. מיר וואָלטען זיך אַלזאָ גאַנץ גוט געקענט אין אונזער פאַנטאַזיע פאָרשטעלען, ווי מאָורוס יאָקאַי זיצט אויף די טרעפען פון אַ ברונעם אין באַגדאַד אָדער אין דאַמאַסקוס, דערצעהלענדיג מעשה׳לעך צום „גלויביגען" פאָלק, און ווען דאָס גלויביגע פאָלק הערט זיך צו איהם צו, פאַרגעסט דער קרעמער זיין ביסעל סחורה, פאַרגעסט דער סאָלדאַט זיין ביקס, דער בעל-מלאכה

פּאַרגעסט זיין וואַרשטאַט און דער חתן פּאַרגעסט צו קומען צו זיין אייגענער חתונה. אַזוי איבערגעגעבן צו זיינע מעשה׳לעך האָרכען זיי זיך איין מיט דורשטיגע אויערען — און אין די אויגען פונ׳ם דערצעהלער זעהט זיך דאָס נעמליכע פייער ווי אין די אויגען פון זיינע צוהערער, ווייל ער באַגייסטערט זיך אַליין אין דער אייגענער פּאַנטאַזיע.

יאָקאַי׳ס דיכטערישע פּאַנטאַזיע קען נישט קיין גרעניצען פון לענדער אָדער פון צייט. מיט אַ כשוף-האַנד וואַרפט זי אויף אַלע זייטען די שעהנסטע בלומען און די בעסטע פּירות, וואָס פאַרשפּרייטען אומעטום אַ ריח-ניחוח און זיי זענען אַ דערקוויקעניש פאַר׳ן אויג. אַמאָל פאַרטיעפט ער זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט און אַמאָל פּאַנטאַזירט ער וועגן דער צוקונפט. מאַכט דאָס אונז נייגיעריג, מיר זאָלען וועלען וויסען, פון וואַנען און ווי אַזוי עס איז די איינבילדונגסקראַפט זיינע באַפרוכטעט געוואָרען. קענען מיר דאָס אָבער נישט אויסגעפינען, גלייך ווי מיר קענען נישט דערגעהן צו וויסען, וויפיעל פונקען פון זיין פייער עס האָבען זיך שפּעטער צופלאַקערט אין דער נשמה פון אונגאַרישע שטאַאַטסמענער, געלעהרטע, סאָלדאַטען און אַלע אַנדערע גרויסע קעסעל-הייצערס פונ׳ם מאַדיאַרענטום.

ווי באַפליגעלט מיט אָדלער-פליגלען פליהט יאָקאַי׳ס פּאַנטאַזיע ביז אונטער די וואָלקען — און ווען דער שאַרפער בליק זיינער דערזעהט עטוואָס ריהרעוודיגעס אונטען אין דער נידריגסטער טיעפעניש, טהוט ער זיך באַלד אַ לאָז אַרונטער, חאַפּט עס שנעל אויף, טראָגט עס אַרויף הויך אין זיין וואָלקען-נעסט. אַזוי איז ער אומעטום אַרומגעפלויגען, איבער די לאַנג-געשטרעקטע אונגאַרישע פּוסטאַס ווי איבער די פּערלמוטערפאַרביגע אָזערעס, איבער זיבענבירגען׳ס טיעפע גאָלדגרובען ווי איבער די ברייטע קויהלען-פעלדער פון זיין היימלאַנד. ער פיהלט זיך אויך היימיש אין די קלובען פון די גרויסע מאַגנאַטען, גלייך ווי ער ווייסט זעהר גוט, וואָס עס טהוט זיך אין די שלאָפצימערען פון זייערע דאַמען. ער קען אַלע שלאַכטפעלדער, וואו דער אונגאַרישער סאָלדאַט האָט זיך אויסגעצייכענט מיט העלדישקייט, גלייך ווי ער קען אַלע פלעצער, וואו דאָס אונגאַרישע פאָלק פלעגט זיך באַשטרעבען צו זוכען טרייסט אין דער צוקונפט און צו פאַרגעסען די צרות פונ׳ם אויגענבליק.

אין אַנדערע ראָמאַנען זיינע הויבט ער זיך אויף אין עפּעס אַ מאָדנער מאַשין הויך איבער די וואָלקען, קומט פלוצים אָן צו רייטען אויף אַ פערד פון אייז צום נאָרדפּאָל, ער פיהרט אויך אַרום גרויסע רייזע-קאַראַוואַנען איבער די ווייטסטע מדבריות און ער וואַנדערט מיט זיי איבער אַפּ=

ריקאַנישע וועלדער, וואו עס איז נאָך אַ מענשליכער פוס קיינמאָל נישט געטראָטען, דאַן לאָזט ער זיך אַרויס איבער אַלע ימים, אויסצוגעפינען נייע אינזלען, וואו די זון געהט קיינמאָל נישט אונטער, וואו פויגלען ריידען ווי מענשען און וואו בוימער וואַקסען ביז אונטער'ן הימעל, צו זעטיגען דעם מענשליכען מאָגען אָהן אַרבייט און אָהן מיה.

יהל״ל

יהודה ליב לעווין (יהל״ל) איז אַמאָל זעהר באַריהמט געווען אַלס העברעאישער דיכטער — און ווען ער איז לעצטעס יאָהר געשטאָרבען, האָבען זיכערליך פיעלע העברעאישע לעזער געקוועטשט מיט די פּלייצעס, דענקענדיג ביי זיך: „וואָס? יהל״ל איז ערשט איצט געשטאָרבען? אַבי מען האָט געמיינט, אַז ער איז שוין לאַנג טויט!...“ פינף-און-אַכציג יאָהר איז יהל״ל אַלט געוואָרען, און דער לעצטער שיר זיינער מיט׳ן נאָמען „דור הולך ודור בא“ איז ערשיענען מיט פיער-און-צוואַנציג יאָהר צוריק (לוח „אחיאסף“, תרס״ג). דאָרט אין יענעם שיר האָבען מיר געקראָגען צו הערען פאַרביטערטע טענער פון דעם פריהער באַריהמטען דיכטער, וועלכער האָט זיך שוין דאַמאָלס גערעכענט אַלס אַ פאַרגעסענער, כאָטש ער איז אין יענער צייט נישט מעהר אַלט געווען ווי צוויי-און-זעכציג יאָהר. קלאָגט ער זיך דאָרט אין יענעם געדיכט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

כִּי קָמוּ צְעִירִים, יִרְהֲבוּ בִּישִׁישִׁים,
וּכְמוֹ כִּי תִתְחָר יְבַטְּלוּךָ בְּשִׁשִּׁים,
כִּי הֵם הָרַבִּים, רַבִּים כַּיּוֹם בַּחוּרִים,
בֶּעָרִים, בַּכְּפָרִים, בִּגְנְקִיקִים, בַּחוֹרִים,
כֻּלָּם עַזֵּי נֶפֶשׁ, לוֹהֲטִים, בּוֹעֲרִים,
חַכְמֵי דוֹר רִאשׁוֹן לָמוֹ שׁוֹטִים בּוֹעֲרִים,
זִקְנֵי סִפְרוּתוֹ בַּטְלָנִים נְסוֹגֵי אָחוֹר
נִיבָם נִבְזֶה, דֵּעוֹתָם עֵמֶק עָכוֹר.

שפּעטער — אין 1910 — האָט אַ גרופּע נאָהנטע פריינד פונ׳ם דיכטער אָרגאַניזירט אַ זיבציג-יעהריגען יובילעאום, וואו מען האָט אָפּגעגעבען כבוד דעם אַמאָל פּאָפּולערען משורר — און יהל״ל האָט דאַן אָפּגעדרוקט אַ קליין ביכעל מיט׳ן נאָמען „זכרון בספר“, אין וועלכען ער דערצעהלט עט-ליכע זעהר אינטערעסאַנטע עפּיזאָדען פון זיין ביאָגראַפיע.

אין אָט דעם קליינעם ביכעל זעהט זיך אויסדריקליך די טראַגעדיע פון אַ מענשען, וואָס לעבט אַריבער זיין צייט. צוריק מיט אַ האַלבען יאָהר-הונדערט האָט דער דאָזיגער שריפטשטעלער געהאַט אַ גוואַלדיגען איינפלוס

אויפ׳ן אידישען לעבען. מיט זיין פעדער האָט ער אויפגעצויגען אַ גאַנצען דור און די פון איהם אויסגעדריקטע אידעען האָבען מיטגעריסען די אידעאַליסטיש געשטימטע יוגענד פון דער אידישער גאַס. און ווען עס האָבען זיך זיינע אידעען טיילוויז פאַרוואַנדעלט אין ווירקליכקייטען און זיי האָבען געקראָגען פלייש און בלוט, איז יהל״ל געבליבען שטעהן ווי אַ זייטיגער און עס האָט זיך קיינער נישט אָן איהם דערמאָנט, מען זאָל איהם פאַרבעטען מיטצופייערן די שמחה פונ׳ם דערגרייכטען ערפאָלג.

קלאָגט זיך דאָרט יהל״ל, אַז ער האָט יאָהרען־לאַנג געפיהרט אַ מלחמה פאַר אידעאַלען, וואָס „זענען היינט פאַרשפרייט צווישען די יונגע און ווי אַ געשטאָרבענער איז ער פאַרגעסען פון אַלעמען, חאָטש זיין גייסט לעבט נאָך, זיין האַרץ ברויזט און זיין נשמה שטורעמט, ווייל ער האָט נאָך פיעל צו זאָגען, צו טראַכטען און צו קלערען״.

יהל״ל׳ס ערשטער שיר איז אָפּגעדרוקט מיט צוויי־און־זעכציג יאָהר צוריק. דער נאָמען פון דעם דאָזיגען שיר איז „פצעי אוהב״. האָט דער משורר באַלד צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע דאַמאָלס־דיגע ליטעראַרישע טאָנגעבער און דער אַלטער אד״ם הכהן האָט עפענט־ליך אנערקענט, אַז דער יונגער יהל״ל וועט פאַרנעהמען זיין פּלאַץ אין דער העברעאישער פּאָעזיע.

ווען פרץ סמאָלענסקין האָט אָנגעהויבען אַרויסגעבען זיין „השחר״, איז דאָרט יהל״ל פונ׳ם ערשטען העפט אָן געווען אַ מיטאַרבייטער. זענען דאָרט געדרוקט געוואָרען שירים און פובליציסטישע אַרטיקלען פון יהל״ל, וועלכע האָבען איהם אַוועקגעשטעלט צווישען די בעסטע שריפטשטעלער פון יענעם דור.

אין יהל״ל׳ס שירים האָט די סאָציאַלע פראַגע פאַרנומען זעהר אַ חשוב׳ן אָרט. ליידענשאַפטליך האָט ער דאָן געשלונגען די אין יענער צייט באַריהמטע ווערק פון די רוסישע עקאָנאָמיקער און סאָציאָלאָגען, וועלכע האָבען איהם באַגייסטערט און געעפענט די אויגען. בזה האופן איז יהל״ל אַריינגעצויגען געוואָרען אין די סאָציאַלע וויסענשאַפטען. האָבען זיינע ליעדער אָנגעהויבען אָפּצושפּיגלען די גראָבע ווידערשפּרוכען אין דער געזעלשאַפט און דאָס אוננאָרמאַלע פונ׳ם לעבען. אונטער דעם איינדרוק פון די דאָזיגע שטימונגען זיינע האָט ער אָנגעשריבען דעם שיר „עבד עבדים״, וועלכער איז דאַמאָלס געדרוקט געוואָרען אין „השחר״.

יהל״ל איז אין יענער צייט געווען אַן אנגעשטעלטער ביים צוקער־פאַבריקאַנט בראָדסקי אין קיעוו. האָבען דאַן די אַנדערע אנגעשטעלטע פון בראָדסקי דערלאַנגט דעם בעל־הבית דאָס העפט „השחר״ מיט יהל״ל׳ס

שיר. האָט דאָס בראָדסקי׳ן זעהר שטאַרק פאַרדראָסען — און ווען בראָדסקי האָט איהם דערנאָך באַגעגענט מיט אַ פאָרוואורף, האָט איהם יהל״ל געזאָגט: „מיין שיר האָב איך געשריבען ביי נאַכט!“

האָט דאָס בראָדסקי נישט גוט פאַרשטאַנען, האָט ער איבערגעפרעגט:

— און אַז איהר האָט דאָס ביי נאַכט געשריבען, האָט אייך געמוזט אויסקומען, מיך מבייש צו זיין?

האָט יהל״ל אויף דעם געענטפערט:

— פאַרשטעהט איהר, ביי נאַכט בין איך נישט קיין אָנגעשטעלטער, ביי נאַכט בין איך אַ פרייער מענש, קען איך שרייבען, וואָס איך וויל!...

ווען דער רוב העברעאישע משוררים און שריפטשטעלער האָבען געזעהען די איינציגע רפואה צו אַלע אידישע צרות אין דער „השכלה“, האָט יהל״ל געפּרעדיגט סאָציאַלע רעפאָרמען. ער האָט דאַן געזעהען די אידישע פראַגע אַלס אַ טייל פון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער לאַגע. האָט ער געגלויבט, אַז מען קען נישט אויפהויבען דעם גייסטיגען צושטאַנד פון די אידען, כל-זמן זיי זענען עקאָנאָמיש אונטערדריקט.

אָט דאָס זאָגט ער אַרויס אין דער הקדמה צו זיין פּאָעמאַ „אלחנן“ און פיעל קלאָרער האָט ער דאָס אַרויסגעזאָגט אין זיין „כשרון המעשה“, וועלכעס איז שפּעטער געוואַלדיג פּאָפּולער געוואָרען, ווייל עס איז געווען אַן אמת׳ע „אַנטפּלעקונג“ פאַר אידען — און יונגע לייט האָבען עס געלערנט אויף אויסענווייניג.

יהל״ל איז געשטאַנען זעהר נאָהנט צום ערשטען סאָציאַליסטישען זשורנאַל אין העברעאיש, „האמת“, וואו ער האָט געשריבען אַ שיר מיט׳ן נאָמען „מדוע?“ — אין יענער צייט האָט ער אויך איבערזעצט אין העברעאיש קאַרל מאַרקס׳עס „קאַפּיטאַל“ און מאַנכע פון לאַסאַל׳ס שריפטען, וועלכע זענען אַלע געבליבען ליגען אונגעדרוקט.

חאָטש יהל״ל איז געווען אין ערשטער רייהע אַ העברעער און העברעאיש איז ביי איהם געווען ווי אַ מוטערשפּראַך, האָט ער פון דעסטוועגען מאַנכעס מאָל געשריבען אידיש. אַזוי האָט ער אין 1875 געדרוקט אַ אידישען אַרטיקעל מיט׳ן נאָמען „צי באַדאַרף מען שרייבען העברעאיש?“, וואו ער באַווייזט די נויטווענדיגקייט צו שרייבען אידיש. דאָרט איז ער אויך אַרויסגעטרעטען געגען אייזיק מאיר דיק פאַר זיין דייטשמערישען אידיש, וועלכעס איז נישט די אמת׳ע שפּראַך פון די פאָלקס-מאַסען.

דערנאָך איז יהל״ל צוגעשטאַנען צו די „חובבי ציון“ און מיט דעמזעלבען ענטהוזיאַזם, וואָס ער האָט פריהער געדיענט צו דער אידעע פון

סאָציאַלע רעפאָרמען, האָט ער שפּעטער געפּרעדיגט נאַציאָנאַלע אויפלעבונג. האָט ער דאַן איבערזעצט אין העברעאיש ביקאָנספּעלד'ס „טאנקרעד" („נם לגוים") און ער האָט אויך אָנגעשריבען פיעלע שירים און מאמרים, צווישען וועלכע עס איז באַזונדערס וויכטיג זיין פּאָעמאַ „דניאל בגוב האריות" (1899).

אינ'ם שלוסוואָרט צו זיין „זכרון בספר" זעהט זיך ווייטער דער אַלטער קעמפפער יהל"ל, ווי ער וויל פון דאָס ניי אַריינטרעטען אין דער ליטעראַטור און פון דאָס ניי זיך פאַרמעסטען אויף ליטעראַרישע שאַפונגען. זענען אָבער געקומען די געשעהענישען פונ'ם וועלט-קריעג און האָבען דאָס געשטערט. און ווען יהל"ל איז געשטאָרבען, איז ער געווען זאַט אין יאָהרען, אָבער אונצופריעדען מיט זיך און מיט אַלע זיינע אויפטהוען, ווייל עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז ער האָט נאָך פיעל צו זאָגען.

פֿראַנץ האָרין

ווען עס טרעפט זיך אַמאָל, צו באַגעגענען אַ אידען, וואָס באָפאָלגט נישט אַקוראַט מיט אַלעמען געוויסע פּרטים פֿונ׳ם אידישען דת, שטעקט נאָך נישט אין דעם קיין סכנה פֿאַר׳ן קיום פֿון דער אידישער אמונה, אַבי יענער איד וויל נאָר נישט רעפֿאָרמירען די רעליגיאָן. דער כח פֿונ׳ם אידישען דת (אָדער ווי אונזערע חכמי התלמוד רופֿען דאָס „המאור שבתורה״) איז אַזוי שטאַרק, אַז הונדערטער טויזענדער אַזעלכע אידען, וואָס זענען נישט אָפּגעהיט אין די מנהגים פֿון דער אמונה, קענען נישט ברענגען קיין שאָדען פֿאַר׳ן קיום פֿונ׳ם דת.

גאַנץ אַנדערש איז שוין דאָס פֿאַרהעלטניס, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען באַוואוסטזיניגע רעליגיאָנס־רעפֿאָרמער. אין זייער טהעטיגקייט שטעקט שוין יאָ אַ סכנה פֿאַר׳ן קיום פֿונ׳ם אידישען דת. ווען דער ווילען זייערער זאָל אפילו זיין, צו פֿאַרשטאַרקערן דאָס אידישקייט דורך געוויסע „פֿאַר־גרינגערונגען״ אין די מנהגים פֿון אידישקייט.

די ערשטע „רעפֿאָרמער״ אונזערע האָבען אויך אין זייערע רעפֿאָרמען נישט געהאַט קיין אַנדערן צוועק, ווי בלויז באַליעבט צו מאַכען דעם אידישען דת ביי דער יוגענד. אַזוי ווי עס זענען דאַמאָלס געעפֿענט געוואָרען די טויערען פֿונ׳ם אידישען געטהאָ און אידישע יונגע לייט האָבען זיך אָנגעהויבען צוצושאַרען צום אייראָפּעאישען לעבען, האָבען געוויסע רבנים געזעהן, אַז די יוגענד קעהרט זיך אָפּ פֿון אידישקייט, האָבען זיי אָנגע־הויבען שטרעבען, צו דערנעהנטערן די אויסערליכקייטען פֿון דער אידישער אמונה צו די רעליגיעזע מנהגים פֿון דער גוי׳שער סביבה. איז דער ערשטער שריט זייערער געווען, אַוועקצושטעלען דעם „אלמימר״ אין שוהל נעבען ארון־הקדש און אָנצוטהאָן דעם רב ווי אַ גלח. דערנאָך האָט מען אָנגע־הויבען ענדערן געוויסע סינאַגאָגאַלע מנהגים, וואָס האָבען נישט קיין יסוד אינ׳ם שלחן־ערוך. ביז מען האָט מבטל געווען אַלע דינים פֿון דער תורה און מען האָט זיך גענומען אומבייטען דעם שבת אויף זונטאָג און אָנ־ערקענען יעזוס אַלס אַ אידישען „נביא״...

אין אַזעלכע ענינים האָט קיינער נישט געהאַט אַזאַ טיעפֿען בליק

ווי אונזערע חכמי התלמוד, וועלכע האָבען בשעת שמד גוזר געווען אפילו אויפ'ן אידישען שטייגער פון צושנירען די שיך (רצועת המנעל), אַז מען דאַרף זיך לאָזען הרג'נען און נישט ענדערן דעם אידישען מנהג, ווייל עס איז אַזוי דער שטייגער פון יעדער רעליגיעזער רעפאָרם: מיט אַ קליינ= קייט הויבט זי זיך אָן און ענדיגען ענדיגט זי זיך מיט שמד.

געוועהנליך זעהען מיר דאָס ביי די קינדער פון אונזערע ערשטע רע= ליגיאָנס=רעפאָרמער, וועלכע אַנטלויפען אין מאַסען פון דער אידישער אמונה. אין אַמעריקא איז דער שמד פון אַ אידען אַ זעלטענהייט, אין אייראָפּאַ איז דאָס אָבער אַ געוועהנליכער גאַנג, ווען דאָס אידישקייט איז אַ הינ= דערניש אין דער קאַריערע אָדער ווען מען פיהלט זיך נישט באַקוועם אין דער גוי'שער סביבה, רייסט מען איבער דאָס לעצטע רינגעלע, מיט וועל= כען מען איז צוגעבונדען צו דער קייט פון לאַנגע אידישע דורות און מען לאָזט זיך באַשפּריצען מיט אַ ביסעל טויף=וואַסער...

אויף אַזאַ אופן זענען פון אונז אָפּגעשניטען געוואָרען הונדערטער אידישע משפּחות מיט אַ לאַנגער געשיכטליכער פאַרגאַנגענהייט — און די ערשטע צווישען זיי זענען געווען די קינדער פון די גרעסטע רעפאָרם= רבנים.

וואו זענען היינט די קינדער פון שמואל האָלדהיים? און וואָס איז געשעהן מיט די אייניקלעך פון אברהם גייגער? וואו זענען ערגיץ פאַר= שוואונדען די קינדער פון מיכאל קרייצענאך און פון אַ צעהנדלינג אַנדערע רעפאָרם=פרעדיגער?

דער ווינער פרעדיגער אהרן יעלינעק איז געווען אַ תלמודישער גאון, אַ „צנא מלא ספרי", אַ גרויסער ידען אין קבלה — און זיינע קינדער האָבען זיך אַלע גע'שמד'ט. נישט געבליבען קיין זכר פון זיי צווישען אידען. און גע'שמד'ט האָבען זיי זיך נישט צוליעב קאַריערע, ווייל עס האָט זיי דאָס אידישקייט נישט געשאַדעט צו זייער גדלות. געאָרג יעלינעק איז געווען אַנערקענט אַלס די גרעסטע אויטאָריטעט אין דער אינטערנאַציאָ= נאַלער רעכטס=וויסענשאַפט און ער איז אויך געווען פּראָמינענט אַלס פּראָ= פעסאָר אויף דער היידעלבערגער אוניווערזיטעט. האָט ער אָבער נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט אידען, האָט ער זיך גע'שמד'ט אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט.

און ווער קען נישט דעם נאָמען פונ'ם אַראַדער רב, אהרן חאָרינער? דאָס גאַנצע לעבען זיינס איז ער געווען אַ „בעל=פּלוגתא" פונ'ם חתם= סופר. אין אַ צעהנדלינג ספרים האָט ער באַוויזען, אַז אַלע חומרות פונ'ם חתם=סופר גלייך ווי פון אַנדערע עהנליכע מחמירים האָבען נישט קיין יסוד

אין די אידישע דינים און דער איינציגער צוועק פון די דאָזיגע אַלע חומרות איז בלויז, שווערער צו מאַכען דאָס אָפּהיטען פון אידישקייט.

די אייניקלעך פון אָט דעם אהרן האָרינער זענען שוין אַנטלאָפען פון דער אידישער אמונה. איינער פון זיי, פראַנץ האָרין, איז אָט דאָ ערשט נישט לאַנג צוריק געשטאָרבען. אַכציג לאַנגע יאָהרען האָט ער געלעבט און געשמד'ט האָט ער זיך אין דער לעצטער צייט פון זיין לעבען, ווען ער איז שוין געווען איבער זיבעציג.

צו דער קאַריערע זיינער האָט ער דעם שמד נישט באַדאַרפט. אַלס גרויס־אינדוסטריעלער און פּאָליטיקער האָט ער אין זיין אונגאַרישען פאַטערלאַנד דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה, ווי אַ מענש פון זיין שניט האָט נישט געקענט העכער חלומ'ן. ער איז אויך געווען דער ערשטער איד אין אונגאַרן, וואָס קייזער פראַנץ יאָזעף האָט ערנאַנט צום לעבענסלענגליכען מיטגליעד פונ'ם „מאַגנאַטען־הויז". וואָס ער איז נישט געוואָרען מיניסטער אין דער רעגיערונג פון זיין לאַנד, איז די מניעה תמיד געווען פון זיין זייט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט. ס'איז איהם אימער געווען ליעבער, צו קענען אויסנוצען זיין איינפלוס הינטער די פּלייצעס פון די מיניסטאָרען, איידער צו שטעהען אויף אַ פאַראַנטוואָרטליכען מיניסטער־פּאָסטען און צו זיין אויסגעזעצט צו אַלערליי פּאָליטישע קריטיקען. אפילו אין די צייטען פון האָרטהי און זיין רעזשים האָט זיך קיינער נישט דערוועגט צו זאָגען אַן שלעכט וואָרט אויף פראַנץ האָרין צוליעב זיין אידישקייט. אַזוי ווי עס זענען אָבער זיינע קינדער געווען געשמד'טע פון פריהער, איז איהם זעהר אונאַנגענעהם געווען, ווען ער זאָל דאַרפען באַגראָבען ווערען צוזאַמען מיט זיינע אידישע עלטערן און ער זאָל נישט קענען באַגראָבען ווערען צוזאַמען מיט זיינע גוי'שע קינדער אויפ'ן קאַטהאָלישען צווינטער אין בודאַפּעסט, האָט ער זיך צוליעב דעם אויף זיינע אַלטע יאָהרען געשמד'ט.

דוד ניימאַרק

דריי זענען זיי געווען, צוגעבונדען אין־איינעם מיט חבר'שע פּעדים, און עס האָט נישט געקענט קיינעמען איינפאַלען, אַז די דריי וועלען זיך אַמאָל אָפּטיילען איינער פון'ם אַנדערן. די נעמען פון די דאָזיגע דריי זענען געווען אויף אַלעמען'ס ליפּען — און האָט מען געוואָלט דערמאָנען איינעם פון זיי, האָט מען באַלד אָנגערופען די נעמען פון אַלע דריי צוזאַמען „בנשימה אחת": טהאָן, עהרענפּרייז און ניימאַרק.

גלייך ווי צעהנדליגער אַנדערע יונגע מענשען, וואָס פלעגען זיך צו־נויף־קומען אינ'ם לעמבערגער פאַראיין „ציון", שטודירען די לאַגע פון'ם אידישען פאָלק און דיסקוטירען וועגען דער אידישער גאולה, פלעגט אויך ניימאַרק קומען אָנטייל־נעהמען אינ'ם דאָזיגען שטודיום און אין די דיס־קוסיאָנען. פלעגט ער אָבער מעהר הערען און איינזאַפּען אין זיך, וואָס אַנדערע זאָגען, אַנשטאַט אַליין עטוואָס צו זאָגען. און צו זאָגען האָט ער שוין דאַמאָלס געהאַט. עס האָט אויך איטליכער געוואוסט, אַז ער איז אַ למדן און אַ דענקער. אין גאַס האָבען איהם די מענשען געקענט אַלס „דער שטשערעצער עלוי" און דער לעמבערגער רב פלעגט זיך זעהר גערן מפלפל זיין מיט איהם און פלעגט איהם רופען „רבי דוד", חאָטש ער איז נאָך דאַמאָלס געווען גאָר אַ יונגער־מאַנטשיק.

פלעגען דאַן זיין אינ'ם לעמבערגער פאַראיין „ציון" פאַרשידענע גרו־פּען פון יונגע לייט: קלויזניקעס, סטודענטען, משכילים און סוחרים. האָבען דאָרט די דערמאָנטע דריי יונגע לייט — טהאָן, עהרענפּרייז און ניימאַרק — געבילדעט אַ באַזונדערע גרופּע, גלייך ווי זיי האָבען זיך אויך שפּעטער אין בערלין געהאַלטען אין אַ באַזונדערער גרופּע, אָפּגעזונדערט פון אַנדערע.

דאָס האָט אָבער בלויז אַזוי לאַנג געדויערט, ביז זיי האָבען געקראָגען אַ שטיקעל באַדייטונג. ווי לאַנג זיי זענען געווען ווי יונגע אָדלערלעך, וואָס זייערע פליגלען קענען זיי נאָך נישט אַוועקטראָגען הויך אין די לופטען,

האָבען זיי זיך געהאַלטען צוזאַמען. קוים האָבען זיך ביי זיי די פליגעלען אויף אַזוי ווייט ענטוויקעלט, אַז זיי האָבען שוין געקענט אַ פליה טהון אין דער הויך, האָט זיך באַלד איטליכער אויסגעקליבען זיין אייגענעם וועג.

איז דר. יהושע טהאָן געוואָרען ראַבינער אין קראַקא. האָט ער זיך כסדר באַשטרעבט, צו באַגרינדען פילאָזאָפיש דאָס ציוניסטישע אידעאַל פון זיין יוגענד. האָט ער זיך אויך אַריינגעוואָרפען אין אידישער פּאָליטיק און איז היינט איינער פון די פּראָמינענטעסטע פיגורען אינ'ם פוילישען אידענטום.

האָט דר. מרדכי עהרענפּרייז אָנגעהויבען זיין קאַריערע אַלס ליטעראַטור־שטורמער, וועלכער האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט וועלטען איבערקעהרען. איז ער קודם פאַרשלאָגען געוואָרען אַלס ראַבינער אין דיאַקאָוואַר (אַ קליין שטעדטעל אין קראָאַציען), דערנאָך איז ער געווען אַ צייט לאַנג לאַנדעס־ראַבינער אין סאָפיא, בולגאַריען, ביז ער האָט ענדליך געלאַנדעט אַלס ראַבינער אין שטאָקהאָלם און פון אַלע זיינע שטורמישע רעוואָלוציעס האָט זיך אויסגעלאָזען אַ טייך.

דוד ניימאַרק איז געווען דער באַשיידענסטער פון די דריי — און די נאָהנטסטע זיינע האָבען געהאַט די קלענסטע האָפנונגען וועגען איהם. איז ער אָבער גאָר גיך אַלעמען אַריבערגעוואַקסען. האָט מען זיך דאָרט אין בערלין באַלד דערקענט אויף זיין טיעפקייט, האָט איהם פּראָפעסאָר לאַצאַרוס איבערגעגעבען צו אָרדנען זיינע שריפטען וועגען דער עטהיק פונ'ם יודענטום. ווען לאַצאַרוס האָט זיך גענומען שרייבען זיין „עטהיק", איז ער שוין געווען אַ זקן און ער האָט שוין נישט מעהר געהאַט קיין כח, מסדר צו זיין דאָס דאָזיגע גרויסע ווערק אין דער געהעריגער אָרדנונג, ער האָט אויך נישט געהאַט מעהר דעם גרויסען זכרון, אויסצוגעפינען אויף דער שטעל די נויטיגע ציטאַטען פון די אַלטע אידישע ספרים. פלעגט לאַצאַרוס דאָס ווערק שרייבען אויף איינצעלנע בויגען און איבערגעבען זיי דערנאָך צו ניימאַרק'ן, ער זאָל זיי רעדאַקטירען, צושרייבען די נויטיגע ציטאַטען פון אידישע ספרים און מאַכען די „עטהיק" פערטיג צום דרוק.

שפּעטער האָט ניימאַרק אָנגעהויבען שרייבען העבראעיש און די ערשטע אַרטיקלען זיינע וועגען אידישע פראַגען זענען ערשיענען אין אחד־העם'ס „השלוח".

די צייט איז דאַמאַלס געווען זעהר אַ קאָכיגע. דער ציוניזם האָט אָנגעהויבען מאַכען זיינע ערשטע שריט אין דער אייראָפּעאישער עפענטליכקייט. הערצל'ס „יודענשטאַאַט" האָט אויפגערודערט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט און דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל איז געוואָרען דאָס גע־

שפּרעך פוּנ׳ם טאָג. זענען דאַן טהאָן און עהרענפּרייז געוואָרען די „אַפּאָסטעל“ פוּן הערצל׳ס אידעען — און ניימאַרק האָט זיך באַלד פוּן דער ערשטער מינוט אָן פאַרהאַלטען סקעפּטיש צו אַלעמען. ער איז געקומען בייוואָהנען דעם קאָנגרעס, אָבער דער טאַראַראַם פוּנ׳ם קאָנגרעס איז איהם נישט געפעלען און ער האָט זיך באַלד אָנגעשלאָסען צו דער קליינער גרופּע דענקער, וועלכע האָט זיך גרופּירט אַרום אחד־העם — און האָט מיט איהם צוזאַמען אָפּגע־חוזק׳ט פוּן הערצל׳ס ענטהוזיאַסטען.

אַ צייט לאַנג איז ניימארק געווען ראַבּינער אין ראַקאָניץ, אַ קליין שטעדטעל אין בעהמען, וואו עס האָבען דאַמאָלס געוואוינט זיבען אידישע פאַמיליען. עס פאַרשטעהט זיך אויך, אַז אַזאַ מענש ווי ניימארק האָט זיך אין אַזאַ שטעדטעל נישט געקענט האַלטען. איז ער דאַן אַוועקגעפאָהרען קיין בערלין, וואו ער האָט זיך געוואָלט ווידמען בלויז צו ליטעראַטור. איז ער אָבער באַלד דערנאָך גערופען געוואָרען קיין סינסינעטי אַלס פּראָפעסאָר פוּן אידישער פילאָזאָפיע אין „היברו יוניאָן קאָלעדזש“, וואו ער איז שוין פאַרבּליבען ביז צום לעצטען טאָג פוּן זיין לעבען.

ניימאַרק איז געבּליבען אַ געגנער פוּן ציוניזם, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט און נישט געקענט איינזעהען, ווי וויט דער ציוניזם איז בכח, צו לעזען די פּראָבּלעמען פוּן דער אידען־פראַגע. די אַרגומענטאַציע זיינע פלעגט אפילו זיין אַ לאָגישע און אַ ניכטערע. אַזוי ווי מען קען אָבער נישט קיינמאָל אָפּשוואַכען אַ נאַציאָנאַלען פאָלקס־ענטהוזיאַזם מיט אַ ניכ־טערער לאָגיק, האָט זיין אַרגומענטאַציע געגען ציוניזם קיינמאָל נישט גע־מאַכט קיין רושם אויפ׳ן גאַנג פוּן דער באַוועגונג — און ווי אָפט ער האָט זיך אָנגעשטויסען אויפ׳ן ציוניסטישען ענטהוזיאַזם, איז ער טראָץ זיין ניכ־טערער לאָגיק אַליין מיטגעריסען געוואָרען צום גרויסען ציוניסטישען גלויבען. ס׳איז אפילו מעגליך, אַז ניימאַרק איז גאָר טראָץ אַלעמען געווען אַ מעמ־בּער פוּן דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אַ ציוניסט איז ער אָבער פוּנ־דעסטוועגען נישט געווען.

אַלס פּראָפעסאָר פוּן דער „היברו יוניאָן קאָלעדזש“, וועלכער האָט די אויפגאַבּע, צו ערציהען רעפאָרמירטע רבנים פאַר די אַמעריקאַנער קהלות, האָט ניימאַרק געדאַרפט מיטהעלפען צו דער פאַרשפּרייטונג פוּן רעליגיעזע רעפאָרמען אינ׳ם אַמעריקאַנער יודענטום. האָט ער זיך אָבער פוּן דעסט־וועגען זעהר פרעמד געפיהלט אין דער רעפאָרמערישער סביבה — און ווי אָפט ער האָט נאָר געהאַט די מעגליכקייט, פלעגט ער זיך אַרויסהאַפּען פוּן יענער סביבה. פלעגט ער דאַן אויסטהון די אָפיציעלע רעפאָרמערישע בגדים, כדי צו קענען פאַרבּרענגען אַ ביסעל צווישען אַ היימיש־אידישען

עולם, וואו עס פלעגען זיך ביי איהם אויפוועקען אַלטע זכרונות פון זיין יוגענד, ווען ער האָט נאָך געהייסען „דער שטשערעצער עלוי“.

העכער אַ פערטעל יאָהרהונדערט האָט זיך ניימאַרק אָפּגעגעבען מיט דער געשיכטע פון דער אידישער פילאָזאָפיע, וועלכע ער האָט צוגעגרייט צום דרוק אין דריי שפּראַכען (העברעאיש, ענגליש און דייטש) — און ער־שיינען האָט געדאַרפט דאָס דאָזיגע ווערק אין צעהן בענדער אין יעדער שפּראַך. עס זענען שוין אויך ערשיענען צוועלף בענדער פון די דאָזיגע ווערקע, פון וועלכע עס האָט זיך געוויזען, אַז ווען ניימאַרק איז אפילו נישט געווען ערפאָלגרייך אין זיין געגנערשאַפט צום ציוניזם און ווען ער איז אויך נישט געווען זעהר לאָגיש אין זיינע רעפאָרמערישע אַרויסטרע־טונגען, איז ער אָבער געווען דער איינציגער אין דער געשיכטע פון דער אידישער פילאָזאָפיע.

יוליאַן טובין

אַ באַקאַנטער מאָדערניסטישער פּוילישער דיכטער, אַ איד, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין מגע־ומשא מיט אידען און פון זיינע געדיכטע הערט זיך אויך נישט קיין שום אָפּקלאַנג פון אידישקייט.

ערשיינט אין וואַרשא אַ פּוילישע צייטונג מיט'ן נאָמען „נאַש פּרזעגלאָנד“. איז איהר פּלוצים איינגעפאַלען, צו מאַכען אַן „אנקעטע“ וועגען אידען, דורך אָנפרעגען אַ מיינונג ביי די „פּני“ פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, אויף ווי ווייט יענע מענשען האָבען זיך נאָך נישט אויסגעשפּראָכען עפענטליך אַלס אַנטיסעמיטען. האָט דאָרט איטליכער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג אויף אַ גייסטרייכען אָדער אויף אַ באַנאַלען שטייגער, און דאָס געזאָגטע האָט נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק, ביז עס איז נישט ערשיענען די אַנטוואָרט פון יוליאַן טובין, וועלכער האָט אַריינגעטראָגען אַ פריש וואָרט צו דער דאָזיגער „אַנקעטע“.

ווען אַ פּוילישער אינטעליגענט אַן אַריער קריגט צו באַאַנטוואָרטען אַזאַ פראַגע, ווי עס איז מיר פאָרגעלייגט געוואָרען — האָט טובין געזאָגט אין זיין תשובה — וואָלט ער פרייער און גענויער געקענט אַרויסזאָגען זיין מיינונג, און עס וואָלט דאַביי נישט געווען קיין אונטערשיעד, צי זיין באַציהונג צו אידען איז אַ פּאָזיטיווע אָדער אַ נעגאַטיווע. ביי מיר ליגט אָבער די אידענפראַגע אין בלוט און זי איז אַן אונצוטיילבאַרער חלק פון מיין פּסיכאָלאָגיע. ווי אַ קלין שניידט זי זיך אַריין אין מיין וועלט־אַנשויאונג און אין מיינע פּערזענליכע איבערלעבונגען. איז מיר דאַדורך זעהר שווער צו ענפערן, ווי אַזוי עס זעהט אויס מיין מיינונג וועגען די אידען אין פּוילען, חאָטש איך טראַכט וועגען דער דאָזיגער פראַגע, ווייל איהר רעגולירונג ליגט אין מיין אייגענעם אינטערעס. און ווען איך וואָלט געהאַט דאָס ריכטיגע מיטעל פאַר דער לעזונג פון דער אידישער פראַגע אין פּוילען, וואָלט דאָס פאַר מיר אַליין געהאַט די באַדייטונג, גלייך איך זאָל פּלוצים

געפינען דעם שליסעל צו מיין אייגענעם „איך“. צו מיין גרעסטען בּאַדויערן בּין איך אָבער אַבּסאָלוט נישט אימשטאַנד, צו וויסען וועגען אַן אויסוועג פון׳ם פּלאָנטער אָדער צו קענען אויפקניפּען דעם גאָרדישען קניפּ.

די לייכטסטע תשובה אויף אייער פראַגע וואָלט געווען, ווען איך זאָל מיך קענען בּאַנוצען מיט די בּאַקאַנטע פראַזען וועגען דעמאָקראַטיע, גלייכבּאַרעכטיגונג, קאָנסטיטוציאָנעלע רעכטע און אַזוי ווייטער. אַזאַ תשובה וואָלט אָבער פיעל מעהר צושטערט מיין גייסטיג גלייכגעוויכט — און אַזאַ „לוקסוס“ קען זיך נאָר ערלויבען אַ שריפטשטעלער אַן אַריער, אָבער נישט קיין איד.

אַלס אילוסטראַציע צום כאַאָס, וועלכער רינגעלט אַרום אַזא מענשען ווי איך, וויל איך דאָ צוגעבען, אַז אידען האַלטען מיך פאַר אַן אַסימילאַנט — און דאָס איז וועגען מיר אַ פאַלשע בּאַצייכנונג, ווייל אַ איד אַן אסימילאַנט איז לויט מיין מיינונג פּרינציפּיעל גלייכגילטיג אַקעגען די פּראָבּלעמען פון נאַציאָנאַליטעט און ראַסע, און אין דיעזער הינזיכט בּין איך אַבּסאָלוט נישט קיין אַסימילאַנט. אלא וואָס דען? איך בּין אַ פאַרפוילישטער איד אָדער, ווען איהר ווילט, אַ אידישער פּאָלאַק. מעג מען פון מיר לאַכען אָדער מיך בּאַשימפּפען, האַרט דאָס מיך גאָר נישט, ווייל עס האַרט מיך נישט איבּערדרייפּט קיינמאָל, וואָס איין צד אָדער דער אַנדערער וועט וועגען מיר זאָגען.

מיין ערציהונג איז געווען אין דער פּוילישער קולטור, האָבּ איך בּאַוואוסטזיניג פאַרקניפּט מיין גאַנצע נשמה מיט פּוילישקייט. אין דער ליטעראַטור בּין איך אַ פּאָעט, און ווי בּאַקאַנט, איז אין דער פּאָעזיע נישט פאַרהאַנען קיין אָרט פאַר קאַלטע פּראַקטישע בּאגריפען. די שפּראַך, אין וועלכער איך קען אויסדריקען אַם בּעסטען און אַם דייטליכסטען וואָס איך דענק און וואָס איך פיהל, איז די פּוילישע שפּראַך, און אָט אין דעם ליגט דער מאָטיוו פאַר מיינע „אַסימילאַטאָרישע“ טענדענצען.

די צרה מיט אַזאַ מענש ווי איך איז אויך, וואָס פאַר אַנטיסעמיטען בּין איך אַ איד און מיין פּאָעזיע איז אַ אידישע, חאָטש איך האָבּ נאָך ביז היינט גאָר נישט געשריבּען וועגען אידען — און בּיי אידען בּין איך אַ „רענעגאַט“, אַ פאַררעטער. דיסקוטירען וועגען דעם איז נישט מעגליך. מיט מענשען, וואָס די אידישע אָפּשטאַמונג איז ווי אַ טויטען־אורטייל אין זייערע אויגען אָהן ריקזיכט אויפ׳ן כאַראַקטער און די עטהיק פון׳ם פאַראורטיילטען, קענט איהר אַבּסאָלוט נישט אַרגומענטירען, גלייך ווי עס לאָזט זיך נישט אַרגומענטירען מיט׳ן צווייטען צד, בּיי וועלכען פּאָלאָניזאַציע אַליין איז שוין אַ פאַרראַטה.

מען דאַרף נישט פאַרגעסען, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט איצט פאַר־

גיפטעט כמעט די גאַנצע פוילישע געזעלשאַפט, גלויב איך נישט דאַדורך אָן דער ווירקונג פון דער אַסימילאַציע, חאָטש איך האַלט זי פאַר די איינציג מעגליכע רעגולירונג פון דער אידען-פראַגע. איך האַלט די אידען פאַר אַ פאָלק מיט אַ באַזונדער קריסטאַליזירטע פסיכיש-קולטורעלע פיזיאָנאָמיע. טראָצדעם מיין איך, אַז די דעמאָנסטראַטיווע באַטאָנונג פונ'ם אידישען סעפּאַראַטיזם וועט נישט פיהרען צום ציעל און זי קען בלויז פאַרשאַרפען די באַציהונגען צו דער קריסטליכער באַפעלקערונג. איך וויל מיר נישט דאָ נעהמען דאָס רעכט, צו מאַכען די אידען אַ פאָרוואורף פאַר זייער סעפּאַראַטיזם, ווייל איך וויל דאָ בלויז קאָנסטאַטירען, אַז איך האַלט דעם סעפּאַראַטיזם פאַר שעדליך.

פאַר מיר — ענדיגט טובין זיין תשובה — איז דאָס פוילישע פּראָבלעם אַ טראַגעדיע און איך אַליין בין איינער פון די נאמענלאָזע אַקטיאָרען אין דער דאָזיגער טראַגעדיע. איז מיר דאַדורך שווער פאָראויס צו זעהען, ווי אַזוי עס וועט אויסזעהן דער סוף פון דער טראַגעדיע און ווען ער וועט ענדליך אָנקומען.

יעקב קלאצקין

יעקב קלאצקין האָט זיך אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט אַ גרויסען נאָמען ערוואָרבען אַלס איינער פון די פראָמינענטעסטע און אייגענאַרטיגסטע העברעאישע דענקער, וועלכער איז גלייכצייטיג באַשאָנקען מיט דער נשמה פון אַ דיכטער — און מען האָט נאָך ביז איצט נישט געקענט ביי איהם דערגעהן אויף קלאָר, אויף וואָס פאַר אַ געביעט ער איז שטאַרקער, אַלס פילאָזאָף צי אַלס דיכטער, ווייל ער איז דיכטעריש קלוג און ער העלפט זיך אַרויס מיט אַ „גלייכווערטעל“ דאָרט וואו מען וויל געוועהנליך זעהן שטרענגע סיסטעמאַטיש-געאָרדנעטע געדאַנקען מיט שווערע וויסענשאַפטליכע באַגרינדונגען.

די דיכטערישע פעהיגקייט זיינע האָט איהם אויך שטאַרק געהאָלפען ביים איבערגעבען די געדאַנקען פון ספינאָזאַ און הערמאַן כהן — און ווי עס דוכט זיך, דאַרף יעדער לעזער פון קלאצקין׳ס ספינאָזאַ מאַכען אַ ברכה „אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון“, ווייל וויפיעל איבערזעצונגען פון ספינאָזאַ׳ס פילאָזאָפיע עס זענען באַקאַנט, קען זיך נישט קיינע פאַרגלייכען אין שפּראַכליכער שעהנהייט און אינהאַלטליכער דייטליכקייט מיט קלאצקין׳ס „תורת המדות“.

אין זיינע אייגענע פילאָזאָפישע חקירות באַשעפטיגט זיך קלאצקין מיט אַלע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און ליטעראַרישע פּראָבלעמען פונ׳ם אידישען פאָלק, לערנענדיג דאַביי פון דער פאַרגאַנגענהייט אויף דער צוקונפט. אין זיינע שריפטען זעהט זיך געוועהנליך דער טעאָרעטיקער פונ׳ם נאַציאָנאַלען יודענטום. פאַרמאָגט ער אָבער די פעהיגקייט צו איבערגעבען זיינע געדאַנקען אין אַ לייכטען פעליעטאָניסטישען סטיל, וואָס פאַרכאַפּט דעם לעזער ביים האַרצען און עס מאַכט איהם פאַרגעסען, אַז ער האָט צו טהון מיט ענינים פון דענקען.

גלענצענד גייסטרייך גיט אונז קלאצקין איבער זיינע פילאָזאָפיש-

פסיכאָלאָגישע און עסטהעטישע געדאַנקען. וואָלט עס אָבער געווען אין גאַנצען פאַרפעהלט, ווען מיר זאָלען דאָרט וועלען אַרויסקריגען אַ געאָרדנעטען סיסטעם, ווייל ער באַוועגט זיך צווישען די געדאַנקען פון הערמאַן כהן און די משוגעת'ן פון בערדיטשעווסקי. אין אַ דור פון „צוריסענע נשמות" ווי אונזערער, קען מען וועגען קלאַצקין זאָגען, אַז ער איז מעהר גאַנץ ווי אַנדערע, איז אָבער פון דעסטוועגען די גאַנצקייט זיינע נישט קיין פאָלקאָמע, ווייל ער שטעהט מיט איין פוס אינ'ם „חובות הלבבות" און מיט'ן אַנדערען פוס אין עקסטרעמער פריידענקעריי.

קלאַצקין'ס בעסטע ווערק זענען „קרעים" (ריסען) און „תחומים" (גרעניצען). דריקט ער דאָרט אויס דאָס ראַנגלעניש פון יענע אַלע צוריסענע נשמות, וואָס ווילען אָנהאַלטען די רעליגיעזע טראַדיציע פון פריהערע דורות און גלייכצייטיג קענען געניסען אַלע פריידען פון דער וועלט. דאַבּיי איז ער אינדיווידואַליסטיש אין זיין דענקען און איז קיינמאָל נישט באַמיהט, צו דערגרעהען גענוי צו דער מיינונג פון אַנדערע, חוץ די מיינונגען פון הערמאַן כהן. תמיד — זאָגט ער — איז ער מיט זיינע אייגענע געדאַנקען באַשעפטיגט און דאָס לעזען פרעמדע ביכער פאַלט איהם שווער, נעמט ער פון זיי אַרויס בלויז אַזעלכעס, וואָס ער איז שוין פריהער אַליין גרייט געווען צו זאָגען. איבערהויפּט, זאָגט ער ווייטער, ווידערשטרעבט עס צו זיין טבע, אַריינצודרינגען טיעפער אין דער מיינונג פון אַנדערע, נעמט ער זיינע געדאַנקען פון זיין אינערן און בויט אויף אַ וועלט פון זיין אייגענעם וויסען.

אין זיין שרייבען נעמט קלאַצקין קיינמאָל נישט צונויף אַלע דענקבּאַרע אויפלעזונגס־מעגליכקייטען פון אַ פּראָבלעם, זיי געוויסענהאַפט צו אונטערזוכען, אויף צו געווינען די ריכטיג־באַגרינדעטע ענטשיידונג, ווייל ער נעמט ליבערשט צוויי עקסטרעמע מעגליכקייטען פון איין פראַגע און שילדערטביידע אין זייער שטאַרקסטער געגענזעצליכקייט, אָנערקענענדיג דעם אינערליכען ווידערשפּרוך פון יענע צוויי אויפלעזונגס־מעגליכקייטען אין דעם ריס, וואָס עס וואָלט געמאַכט, ווען מיר זאָלען זיך ענטשיידען פאַר איין צד אָדער פאַר דעם אַנדערן צד. גלייכצייטיג גיט ער אונז אויך צו פאַרשטעהן, אַז ווען מיר זאָלען וועלען אויסגלייכען דעם געגענזאַץ אינ'ם ענין, וואָלט דאָס געווען זעלבּסט־באַטרוג און אונעהרליכקייט צו זיך אַליין.

קלאַצקין'ס ליטעראַרישער סטיל איז אַ רייכער און אַ פיעלפאַרביגער. זיינער אַ זאַץ איז ווי אָפּגעטאָקט, יעדעס וואָרט אויפגעצילעוועט אויף זיין פּלאַץ ווי אַ פּעריל אין אַ שנור. דאַבּיי דאַרף מען באַדענקען, אַז קלאַצקין שרייבּט העבּרעאיש — און טראָגט אַלע זיינע מאָדערניזמען און דרייסטע

וואָרט=שאַפונגען, זעהט זיך ביי איהם, אַז ער האָט גרויס דרך=ארץ פאַר דער טראַדיציע. די ווערטער קומען ביי איהם פון די טיפענישען פון אונזערע אַלטע רבנישע כתבים, מוז מען דאַדורך יעדעס וואָרט זיינס צוויי מאָל דורכלייענען, צו געניסען צוערשט די עסטהעטיק פון זיין סטיל און דערנאָך צו פאַרשטעהן די זאַך אינהאַלטליך, ווייל לעזענדיג איהם איין מאָל, ווערט איהר פאַרבליפט פונ'ם דיכטער און שפּראַכליכען קינסטלער — און ערשט שפעטער קענט איהר צוקומען צום דענקער, צו פאַרשטעהן וואָס ער וויל אייך זאָגען.

אידען — זאָגט ער — זענען פריהער געווען בלויז אַ רעליגיאָנס=פאָלק, איז אָבער די מויער פון דער אידישער רעליגיאָנס=פאַרפאַסונג איינגעפאַלען, האָט דאַן דאָס אידענטום געקראָגען צוויי מעגליכקייטען פאַר זיין ווייטערער עקזיסטענץ: ענטוועדער מוז דאָס אידענטום לחלוטין אונטערגעהן אין גלות, אָדער עס מוז זיך פאַרוואַנדלען צו אַ ריין וועלטליך מאָדערנעם פאָלק מיט אַן אייגען לאַנד און אַן אייגענע שפּראַך, דורך וועלכען די אידישע רעליגיאָן און די אידישע עטהיק וועט דאַן ווערען די פּערזענליכע אַנגעלעגענהייט פון יעדען יחיד, גלייך ווי דאָס איז ביי אַנדערע היינטיגע קולטור=נאַציאָנען. אַ איד וועט דאַן זיין בלויז אַזעלכער, וואָס וואוינט אין ארץ=ישראל און רעדט העברעאיש. און אַלסדינג וואָס מען דאַרף היינט טהון אין די גלות=לענדער, איז אויפצוהאַלטען אַ נאַציאָנאַלען צענטער אין ארץ=ישראל, כדי צו דערהאַלטען דאָס „גלות=אידענטום“, וואו עס ווערט אַלסדינג צוגעגרייט פאַר ארץ=ישראל. דאַביי איז קלאצקין נישט מסכים צו דער מיינונג פון אחד=העם, אַז ארץ=ישראל זאָל בלויז זיין אַ „גייסטיגער צענטער“ (מרכז רוחני) פאַר'ן אידישען פאָלק, ווייל ווען ארץ=ישראל זאָל פאַר אַ לאַנגע צייט נישט פאַרווירקליכט ווערען אַלס אַ אידיש לאַנד, נאָר עס זאָל זיין בלויז אַ „גייסטיגער צענטער“, וואָלט אַזאַ צענטער געוואָרען אַ שטערונג פאַר'ן ווייטערען קיום פונ'ם אידישקייט און דער אונטערגאַנג פונ'ם גלות=אידענטום וואָלט צוגעאיילט געוואָרען, איידער עס ווערט נאָך עטאַבלירט אַ פאָלק אין ארץ=ישראל.

קלאצקין גלויבט נישט אינ'ם אייביגען ווערטה פון דער אמונה, טראָצדעם וואָס ער איז אַ תלמיד פון הערמאַן כהן, דעם גאָט=גלויביגען, מיסטישען און רעליגיעזען פילאָזאָף. איז דאָס אידענטום ביי איהם נישט מעהר ווי אַ רעליגיעזע געזעצעס=פאַרפאַסונג, וועלכע האָט געהאַט איהר כח בלויז אַזוי לאַנג, ווי אידען האָבען געלעבט אין געטהאָ. איצט, דענקט קלאצקין, איז די באַדייטונג פון רעליגיאָן ווי אָפּגעשטאָרבען (!) און איהרע געזעץ=געבענדע פאָרמען זענען צובראָכען (?), קען דאַדורך דאָס אידישע פאָלק

בלויז דאַן ווייטער עקזיסטירען, ווען עס וועט זיך אין אַ רעוואָלוציאָנערער ניי־געשטאַלטונג פאַרוועלטליכען, ווייל עס איז גאַנץ אונוואַהרשיינליך, אַז די רעליגיאָזיטעט פון דער וועלט זאָל ניי באַלעבט ווערען (!!!).

אין אַנדערע ערטער זאָגט קלאַצקין, אַז דער רעליגיעזער עקזיסטענץ־זין פונ׳ם אידישען פאָלקסטום אין זיין גאַנצקייט ליגט אינ׳ם רעליגיעזען לעבען פונ׳ם אידישען יחיד, ווייל עס איז נישט פאַרהאַנען קיין אידישקייט, וואָס זאָל זיך קענען האַלטען אויסערהאַלב פון דער רעליגיאָזיטעט, און אַלסדינג וואָס ווערט געטהון פונ׳ם אידישען כלל אַלס אַזעלכען און עס ווערט דורכגעלעבט פונ׳ם אידישען יחיד, באַלאַנגט צו דער באַטהעטיגונג פון דער אידישער רעליגיאָן.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז קלאַצקין׳ס בוך וועגען דער גריכישער פילאָזאָפיע.

אַז די גריכישע פילאָזאָפיע איז נישט אין איינקלאַנג מיט דער אידישער וועלט־אנשויאונג, דאָס ווייסט היינט איטליכער, וואָס האָט נאָר אַ שטיקעל ידיעה אין פילאָזאָפישע טעאָריען. פון דעסטוועגען דאַרף זיך יעדער אינטעליגענטער מענש באַשטרעבען, צו באַקענען זיך ווענינגסטענס מיט די גרונד־פרינציפען פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. אַזוי ווי אָבער נישט יעדער קען לייענען גריכיש אין אָריגינאַל און זעהר פיעל אינטעליגענטע מענשען, וואָס ווילען זיך באַקענען מיט׳ן אינהאַלט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, מוזען אָנקומען צו אַן איבערזעצונג, איז שוין בעסער פאַר מענשען, וואָס האָבען אַ ידיעה אין העברעאיש, זיי זאָלען זיך באַקענען מיט דער דאָזיגער פילאָזאָפיע פון העברעאישע הילפסביכער, ווי קלאַצקין שרייבט זיי.

ווער עס נעמט זיך לערנען די גייסטיגע ענטוויקלונגס־געשיכטע פון די אייראָפּעאישע פעלקער, מוז באַלד אויסגעפינען, אַז די אַלטע ציווילי־זירטע וועלט איז געווען באַהערשט פון צווייערליי שטאַרקע גייסטיגע יסודות, וואָס זענען איינע פון דער אַנדערער גרונד־פאַרשיעדען — און די דאָזיגע צוויי יסודות זענען אידענטום און גריכענטום.

פיעל מאָל האָט מען שוין פרובירט צו מאַכען אַ בריק צווישען די דאָזיגע צוויי וועלטען, צונויף־צו־ברענגען אָט דיביידע געגנערישע אנשויאונגען אונטער איין דעכעל. טיילוויז האָט זיך עס איינגעגעבען, צו דערנעהנטערן די געגענזעצע און צו שאַפען אַ „סינטעזע“ און אַ צונויף־שמעלצונג פון ביידע אַנשויאונגען. גרעסטענטיילס איז דאָס אָבער טראָץ אַלעמען נישט געלונגען און עס איז ביי אונז פאַרבליבען אַ כלל: „ארור האדם שילמד את בנו חכמת יונית“ (בבא קמא, פ״ב, ב׳).

אינ׳ם פאַרלויף פון די לאַנגע יאָהרהונדערטער, וואָס ביידע אַנשויאונגען האָבען זיך אָנגעשטויסען איינע אויף די אַנדערע, האָט די גריכישע פילאָזאָפיע אָנגענומען פאַרשידענע פונקטען פונ׳ם אידענטום און אידישע פילאָזאָפען האָבען זיך געסטאַרעט, אַריין=צו=לערנען אידישע פשטים אין דער גריכישער וועלט=אַנשויאונג. האָט אָבער פון דעסטוועגען דאָס גריכענטום נישט אויפגעהערט קוקען אויף דער אידישער פילאָזאָפיע ווי אויף אַ קאָנקורענטין, און די אידישע פילאָזאָפיע האָט ווייטער גענומען קוקען מיט בייזע אויגען אויף יעדען, וואָס האָט זיך צוגעריהרט צו דער גריכישער פילאָזאָפיע, גלייך זי זאָל האָבען צו טהון מיט איינעם, וואָס וויל פאַרניכטען אידישקייט.

ערשט אין דער לעצטער צייט איז אין דעם דאָזיגען ענין געקומען אַן ענדערונג. דער אונטערשיעד צווישען אָט די צוויי גייסטיגע ריכטונגען, וועלכער איז פריהער געווען טונקעל און מעהר געפיהלט ווי פאַרשטאַנען, איז איצט פיעל קלאָרער, ווי ער איז געוועזען אַמאָל, ווייל מען האָט זיך אָנגעהויבען מעהר פאַרטיעפען אין דער פאַרשיעדענהייט פון ביידע וועלט=אַנשויאונגען און גענוי אונטערזוכען זייערע אָפּגעזונדערטע כאַראַקטער=אייגענשאַפטען.

האָט מען אָפּגעגרעניצט און איינגעאָרדנעט די געביעטען יעדעם פאַר זיך. און האָט מען ציטירט גריכישע פילאָזאָפען אין אידישע שריפטען, האָט מען דאָס געטהון נישט צוליעב קריטיק אָדער צוליעב וועלכער ס׳איז פאַרגלייכונג, נאָר פשוט צוליעב אַן אָביעקטיווער אָפּשאַצונג. אַזוי ווי אידען זענען שוין געקומען צו דער ערקענטניס פון זייער אייגענער פילאָזאָפיע, קען מען זיך שוין גענוי באַקענען מיט׳ן אינהאַלט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע פון אַן אָביעקטיווען שטאַנדפונקט, נישט אָנצונעהמען אָדער צו באַקעמפּפען דעם „פועל יוצא“ פון יענער פילאָזאָפיע, נאָר פשוט צו באַפרידיגען דעם חשק פון קענען אַלערליי פילאָזאָפישע מיינונגען און זיי צו פאַרשטעהען.

איז אָבער דערווייל די דאָזיגע אַרבייט בלויז אָנגעהויבען און נישט מעהר, ווייל דאָס איבערגעבען די גריכישע געדאַנקען אין העברעאיש איז ביז היינט פאָרגעקומען בלויז דורך זייטיגע וועגען, אַלס אַ „בדרך אגב“ צו אַנדערע געדאַנקען, נישט אַלס אַ זעלבסט=צוועק פאַר זיך אַליין.

ביז היינט האָבען מיר אין אונזער העברעאישער ליטעראַטור נישט געהאַט קיין בוך, וואָס זאָל אונז ערקלערען די גריכישע פילאָזאָפיע אויף אַ פּאָפּולערען אופן, ביז יעקב קלאצקין האָט אויף זיך גענומען, אונז צו געבען וואָס אונז פעהלט.

אליהו שמערלער

אַ סוחר אַ פילאָזאָף, וואָס זעלטען ווער קען זיך פאַרגלייכען צו איהם אין העברעאישער סטיליסטיק, ווייל ער איז נישט בלויז אַ קינסטלערישער אויספלעכטער פון סטיליסטישע ווערטער-קייטלעך, נור ער איז פשוט אַ וואָרט-באַשאַפער אין דער פילאָזאָפישער טערמינאָלאָגיע. און וויל מען זיך באַקענען מיט שמערלער'ס גייסטיגען אינהאַלט פון זיינע פילאָזאָפישע אַנשויאונגען, דאַרף מען זעהען, וואָס פאַר אַ בוך פון דער וועלט-ליטעראַטור ער האָט זיך גענומען איבערזעצען פאַר'ן העברעאישען לעזער.

זיין ליעבלינגס-פילאָזאָף איז הערבערט ספענסער, איז טראָצדעם וואָס מאַנכע ליטעראַרישע אויבער-חכמים ווילען אונז איינרעדען, אַז ספענסער איז שוין היינט אין דער פילאָזאָפיע איבערוואונדען, וויל איך מיר ערלויבען צו זאָגען, אַז אין מיינע אויגען האָט ער נישט אויפגעהערט צו זיין "דער פילאָזאָף פון דער נייער ביאָלאָגישער אויספאָרשונג. ער האָט צוזאַמענגעפלאָכטען די פאַרשיעדענע קליינע און אויבענאויפיג נישט צוזאַמענהענגענדע נייע פאַקטען און פרישע ענטדעקונגען אין דער ביאָלאָגיע, און ער האָט געזוכט צו פאָרמולירען, אַרויסצוטייטשען פאַר זיי אַ בשותפות-דיג געזעץ. דאָס בשותפות'דיגע געזעץ וואָס ער האָט געזעהן דורכגעהן ווי אַ רויטער פאָדעם דורכ'ן לעבען, איז געווען דאָס געזעץ פון עוואָלוציאָן, פון אַלגעמיינער ענטוויקלונג, פון אַרויסאַרבייטונג פון אָרגאַניזמען ביז צו דער העכסטער דערגרייכונג.

דאָס ניינצעהנטע יאָהרהונדערט, אין וועלכען די וועלט האָט זיך דעפיניטיוו אָפגעפאַרטיגט מיט'ן „פעאָדאַליזם" און זי איז איבערגעגאַנגען אין אַן אַנדערן סדר פון לעבען. אינדוסטריע איז געוואָרען דאָס שלאַג-וואָרט ביים אויסבוי פון דער מענשליכער געזעלשאַפט און איהר האָבען געהאָלפען די נייע ערפינדונגען, דער נייער פאַרקעהר, דאָס דאַמפף-שיף, די אייזענבאַהן און אַלע אַנדערע ערפינדונגען פון דער מאָדערנער טעכ-

ניק. בפרט אין ענגלאַנד, וואָס האָט אַזוי פיעל קווהלען און אייזען, האָט געמוזט באַשאַפען אַן אַנדערן בליק אויפ'ן לעבען, אַן אַנדערן אופן פון דענקען, אַן אַנדערע פילאָזאָפיע. נייע וויסענשאַפטען זענען אַרויסגעשוואוּמען, ווי למשל, עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע. דער בליק אויפ'ן לעבען איז געוואָרען ניכטערער, קיהלער, ערנסטער. ספענסער האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט אַן אימפעט אין דעם גאַנצען, רייכען אינטעלעקטועלען לעבען, וואָס האָט געשטראָמט אויף אַלע זייטען. ער איז געווען אַ שול-לעהרער, אַן אינזשעניער, דאַן אַ צייטונגסמאַן, אַן עקאָנאָמיסט און סאָציאָלאָג. ער האָט זיך דאַן גענומען שטודירען די נייע פסיכאָלאָגיע און ערציהונג און ממילא שוין אויך די ביאָלאָגיע, וואָס איז אַזוי גרויס אַרויסגעוואַקסען.

ספענסער'ס האַנד האָט געשטעקט אין אַלעמען. ער האָט קוים פאַרדייעט אַ וויסענשאַפט און מיר זעהען איהם שוין איבערגעבען אין בוך-פאָרם אַ קיצור, אַן איבערבליק וועגען אַלעס, וואָס אָט די וויסענשאַפט האָט אַרויסגעבראַכט, איהרע טענדענצען און שטרעבונגען. אין אַלעמען האָט זיין פילאָזאָפישער חוש געזוכט דאָס פאַראייניגענדע, האַרמאָנישע. ער געפינט, אַז אַלע וויסענשאַפטען זענען אונטערוואָרפען דעם איינעם גרויסען געזעץ פון עוואָלוציאָן. און „תוך כדי דבור“ באַשאַפט ער אַ גאַנץ סיסטעם. אַזוי איז שוין דער גאַנג פון די פילאָזאָפען, אַז קוים האָבען זיי זיך דערשלאָגען צו'ן אַ וועלט-אַנשויאונג, רייסען זיי באַלד איין דעם הימעל און ווילען אויסשפרייטען זייער טעאָריע אויף אַלעמען. ספענסער איז נישט ניצול געוואָרען פון אָט דעם דרך און האָט אויסגעשפרייט זיין פילאָזאָפישען „סיסטעם“ אפילו אויפ'ן געביעט פון עטהיק.

היינטיגע פילאָזאָפען בויען זייערע פרינציפען אויף אַנדערע יסודות. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז אויפבויענדיג נייע פילאָזאָפישע טעאָריען, דאַרף מען די פריהערע טעאָריען אין גאַנצען אומוואַרפען, ווייל מען קען גאַנץ גוט אָנקניפען יעדע נייע טעאָריע צו'ן אַ פריהערער — און ווייל אונז שמערלער איבערגעבען ספענסער'ס פילאָזאָפישען סיסטעם אין העברעאיש, דאַרפען מיר איהם אָפגעבען דעם גרעסטען „יישר-כח“, וואָס מיר פאַרמאָגען. דאַביי מעג מען אויך באַמערקען, אַז שמערלער'ס איבערזעצונג פון ספענסער איז אַ קונסט-ווערק פאַר זיך, און ווען מיר לייענען עס, מוז זיך אונז אויסדאַכטען, אַז מיר האָבען פאַר זיך די פילאָזאָפיע פון אונזערן אַן אייגענעם, וואָס פאַרשטעהט איבערצוגעבען די מאָדערנסטע געדאַנקען אין אַ קלאָרען העברעאישען סטיל.

דרייסיג דורות אידען אין פוילען

איז דאס נייעסטע ווערק

פ ו ן   ג ר ש ם   ב א ד ע ר

(500 גרויסע אָקטאַוו־זייטען).

אין דעם דאָזיגען ווערק ווערד דערצעהלט אַלסדינג, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי די אידען אין פוילען וועהרענד דער צייט פון אַכט יאָהרהונדערטער, ווי אַזוי זיי האָבען געלעבט און וואָס זיי האָבען געליטען, פון וואַנען זיי זיינען געקומען און די לעגענדען, וואָס זיינען מיט זייער לעבען פאַרבונדען, ווי אַזוי עס זיינען געוועזען איינגעאָרדנעט זייערע קהלות און ווי עס האָבען אויסגעזעהען זייערע פרנסות, וואָס פאַר אַ צורה זיי האָבען געהאַט אין גאַס און ווי עס האָט אויסגעזעהען אין זייערע היימען, זייער פּאָליטישע לאַגע און זייער גייסטיגע ענטוויקלונג, ביז פוילען איז געוואָרען אַ צענטער פונ׳ם אידישען למוד, פון די גרעסטע פוסקים און מפלפלים, פון דער קבלה, פון חסידות און פון השכלה. דער „ועד ארבע ארצות“, וואָס די פוילישע קעניגע האָבען פון איהם געוואָלט מאַכען און וואַס ער איז אין ווירקליכקייט געוואָרען.

ענג פאַרקניפּעלט מיט דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער לאַגע פון די אידען אין פוילען איז אויך געווען דער גורל פון די אידען אין דער ליטא — און די געשיכטע פון די אידען אין דער ליטא ציעהט זיך ווי אַ שנירעל זייט ביי זייט מיט דער געשיכטע פון די אידען אין פוילען.

צום אינהאַלט פונ׳ם בוך זיינען צוגעגעבען לערך הונדערט בילדער, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי איז נאָך ביז היינט אין ערגיץ נישט פאַרעפענטליכט געוואָרען. דאַביי איז אויך כדאי צו וויסען, אַז אַזאַ בוך, וואָס זאָל אַרומנעהמען דאָס גאַנצע עקאָנאמישע און קולטורעלע לעבען פון די אידען אין פוילען אין אַ צייט דרייסיג דורות, איז נאָך איבערהויפּט נישט פאַרהאַנען אין קיין שום שפּראַך.

פרייז פונ׳ם בוך אין פראַכטבאנד געבונדען: ד ר י י   ד אָ ל אַ ר.

אמת'ן

וואס מען דארף וועגן זיי ארגומענטירען

דער איד פון מאָרגען

דער איד פון מאָרגען איז נישט יענער איד, וועלכער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפען דאָס גאַנצע ביסעל אידישע טראַדיציע, וואָס האָט אָפּגעהיט אונזער עקזיסטענץ אין די לאַנגע יאָהרען פונ'ם גלות, גלייך ווי עס מיינט נישט יענע חברה, וואָס אַלסדינג הויבט זיך ביי זיי אָן פונ'ם מאָרגען און ענדיגט זיך מיט'ן מאָרגען. נישט פון זיי וועט די צוקונפט אונזערע אויסגעבויט ווערען, נישט זיי זענען דאָס אידעאַל פון אונזער מאָרגען.

געפּלאָגט און געיאָגט פון איין אָרט צום אַנדערן האָט אויף אונז דער ביטערער גלות אַרויפגעלעגט זיין שווערען חותם — און דער איד פון היינט קען גאָר נישט דעם דאָזיגען חותם אָפּמעקען, ווייל ער האָט זיך טיעף איינגעקריצט אויף זיין צורה. די צושראָקענע אויגען אונזערע מיט זייער פאַרבענקטען קוק, דאָס שטענדיגע האַרצקלאַפּעניש אין אַן אייביגען ציטער פאַר'ן „שכן", דער קינסטליכער גלאַנץ אויף אונזער אויסענווייניגסטען אויסזעהן און דאָס פּלוצים'דיגע אָפּהענטיג־ווערען אין צייטען פון אַן אונגליק — זענען די פּראָמינענטעסטע סמנים, ווי ווייט עס האָט זיך דער גלות איינגעגעסען אין אונזערע ביינער.

די ערשטע אונזערע, וועלכע זענען אַרויס פונ'ם געטהאָ און האָבען געקראָגען די געלעגענהייט, צו וואַרימען זיך אַקעגען דער ליכטיגער זון צוזאַמען מיט אַנדערע קולטור־פעלקער, האָבען אויפגעשטעלט אַ כלל: „וויז דיך אַלס מענש אין גאַס און אַלס איד ביי זיך אין שטוב". האָט מען דעם דאָזיגען כלל אויסגעטייטשט, אַז דער מאָדערנער איד איז מחויב, זיין אידישקייט צו פאַרדעקען, גלייך ווי עס זענען געווען געצוואונגען צו טהון די „מאַראַנען" אין שפּאַניען און ווי עס פלעגען טהון די באַהאַלטענע משומדים אין רוסלאַנד, וועלכע האָבען געציטערט פאַר דער אינקוויזיציאָן אָדער פאַר דער פּאָליציי, מען זאָל זיי נישט חאַפּען אַלס אידען און וואַרפען אויפ'ן פייער אָדער אין אַסטראָג.

זייט עס האָט די מאָדערנע צייט באַפרייט דעם אידען פונ׳ם געטהאָ, האָט דער איד אויפגעהערט צו שרייען, ווען עס האָט איהם וועה געטהאָן. אידען זענען דאַן געוואָרען שטילער ווי וואַסער, נידריגער פון גראָז, ווייל מען האָט זיי איינגערעדט, אַז עס פּאַסט זיך נישט פאַר אַ מאָדערנעם מענשען, צו שרייען ווען מען שלאָגט איהם. און האָט מען זיי אַמאָל אָנגעטרעטען מיט׳ן פוס אויפ׳ן קאַרק, האָבען זיי זיך צונויף־געקאָרטשעט אונטער׳ן שונא׳ס שטיוועל ווי אַ וואָרעם און נישט געלאָזט פון זיך הערען דעם מינדעסטען שאָרך.

ערשט שפּעטער איז מען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מען טאָר נישט פאַרשווייגען קיין קריוודעס, אַז ווען מען קען זיך נישט העלפען, מוז מען האָטש ווייניגסטענס פּראָטעסטירען, ווייל דאָס פּראָטעסטירען פונ׳ם געקריוודעטען פאַראורזאַכט, וואָס דער „בעל־עולה" שעהמט זיך מיט זיינע מעשים, ווען ער זעהט, אַז דער געקריוודעטער גוואַלדעוועט.

אַזוי פלעגט מען דערצעהלען אַלס אַ שבח פאַר אונזערע עלטערן, אַז ווען די שונאים זענען אויף זיי אָנגעפאַלען, האָבען זיי אויסגעשטרעקט שטילערהייט דעם האַלז צו דער שחיטה. דער איד פון היינט וויל אָבער נישט מעהר ליידען קיין אונרעכט און עס איז ביי איהם געוואָרען אַ כלל „עין תחת עין"... ביים איד פון מאָרגען וועט הערשען אַן אַנדערער כלל, אַ שטאַרקערער און אַ מעהרווירקזאַמער: „צוויי אויגען פאַר איין אויג, אַלע צייהן פאַר איין צאָהן!"

פאָהרענדיג איבער פאַרשיעדענע לענדער, איז מיר אויסגעקומען צו זעהן, ווי פאַרשיעדען עס זענען די אופנים, מיט וועלכע אידען באַנוצען זיך צו באַהאַלטען זייער אידישקייט הינטער דער פאַלע. דוקא אין די ווייניגער ציוויליזירטע לענדער בין איך צוזאַמענגעקומען מיט מענשען, וואָס האָבען געקאַליטשעט זייער צונג, צו ריידען גוייש, מען זאָל זיי נישט דערקענען, אַז זיי זענען אידען, וואָס האָבען פאַרקרומט די נאָז, ווען עס האָט אימיצער פון זייער געזעלשאַפט „בפרהסיא" אַ קוק געטהאָן אין אַ ספר אָדער אין אַ צייטונג מיט אידישע אותיות.

אין ציוויליזירטע לענדער האָב איך שוין געטראָפען אידען, וואָס טראָגען זיך אַרום אָפען מיט זייער אידישקייט, האָטש די צורה זייערע טראָגט נישט אויף זיך קיין סימן איד, האָטש די נאָז זייערע איז געווען אַ רעגעל־מעסיגע און די פאַרב פון זייערע האָר איז נישט געווען שוואַרץ אָדער רויט. פון דעסטוועגען האָט ביי זיי אַרויסגעשיינט פון קעשענע די געלע פאַרב פונ׳ם פאָדערבלאַט פון דער ציוניסטישער צייטונג „וועלט". און אויפ׳ן וועג צווישען בריסעל און הערבעשטאַהל (ביי אַ רייזע אין בעלגיען) איז מיר אויס־

געקומען צו הערען אַ געשפּרעך, געפיהרט אין פראַנצויזיש, וועגען פאַסטען אים „תשעה באב".

ס'איז אַלזאָ קלאָר צו זעהן, אַז דער ציוויליזירטער איד פון היינט שעהמט זיך נישט מעהר מיט זיין אידישקייט און סטאַרעט זיך נישט מעהר צו באַהאַלטען דאָס אידישקייט פאַר'ן שכן. עס פאַרשטעהט זיך אָבער, אַז דאָס איז נאָך נישט גענוג — און דער איד פון מאָרגען וועט מיטן זיין אידישקייט שטאָלצירען!

אָפּגעשטאָרבען טויט איז היינט יענער אידישער טיפּ, וועלכער ווערט געוועהנליך באַצייכענט אַלס דער איד פון נעכטען. דער איד פון היינט איז אָבער אויך נישט דער, אויף וועלכען מיר קוקען אַרוים. אונזער אידעאַל איז דער איד פון מאָרגען. יענער איד, וואָס וועט זיין פריי פון אַלע גלות-מאַנירען, מיט אַ גלייכען רוקען און אַ פרייען בליק צו דער זון, מיט אַן אונגעבראָכענעם שטאָלץ אויף זיין אָפּשטאַמונג און מיט אַ רעספּעקט צו זיין טראַדיציע.

דאָס פיינפיהליגע אויער הערט שוין דאָס אָנקומען פון דעם דאָזיגען נייעם אידען. זיין איינפלוס פיהלט זיך שוין אין דער לופט. אַלעס איז צוגעגרייט צו זיין קומען. דער דור איז שוין אויסגעלייטערט און גענוג רייף פאַר דעם נייעם טיפּ, פאַר דעם איד פון מאָרגען.

קען אַ „גר״ ווערען אַ נאַציאָנאַליסט?

בּיים אָנהויבּ פוּנ׳ם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט האָט זיך עס קיינעם נישט געגלויבּט, אַז די איטאַליענישע נאַציאָן וועט אַמאָל זעלבּשטענדיג ווערען. אויפ׳ן וויענער קאָנגרעס האָט פירסט מעטערניך ערקלערט, אַז איטאַליען איז נישט מעהר ווי אַ „געאָגראַפישער בּאַגריף״ און עס האָט נישט קיין שום האָפנונג אויף ווידער־בּאַלעבּונג. די איטאַליענישע שפּראַך איז דאַן געווען דער לשון פון די נידריגסטע פאָלקסמאַסען און זי איז אויך איינגעטיילט געווען אין אַזוי פיעל דיאַלעקטען, אַז די איינוואוינער פון איין געגענד אין איטאַליען האָבּען נישט פאַרשטאַנען דעם דיאַלעקט פון אַן אַנדער געגענד.

און ווען דאָס איטאַליענישע פאָלק איז געהאָלפען געוואָרען און עס האָט געקראָגען זיין זעלבּשטענדיגקייט, איז דער ערשטער פריים־מיניסטער פונ׳ם לאַנד געווען אַ מאַן, וועלכער האָט נישט געקענט ריידען איטאַליעניש. ק א ו ו א ו ר האָט דער דאָזיגער מאַן געהייסען און ער ווערט גערעכענט אַלס דער גרעסטער איטאַליענישער פּאָליטיקער. אַזוי ווי ער איז אָבּער געווען אויפגעצויגען אין דייטשע שולען, האָט ער וויניג פאַרשטאַנען די שפּראַך פון זיין פאָלק. האָבּען זיך די „פּאַטריאָטען״ געקאָכט געגען איהם, ווייל עס האָט זיי געשמערצט צו זעהן, וואָס דער בּאַנייער פון זייער נאַציאָן קען נישט די שפּראַך פון דער נאַציאָן. האָבּען פיעלע פון זיי גע׳טענה׳ט, אַז וואָס קאַוואור קען נישט קיין איטאַליעניש, וועט שעדיגען די ענטוויקלונג פון דער איטאַליענישער שפּראַך, ווייל דער עולם וועט זעהן, אַז דער פריים־מיניסטער קען נישט די שפּראַך פון זיין פאָלק און וועט דאַדורך נישט וועלען לערנען קיין איטאַליעניש. האָט זיך אָבּער די איטאַליענישע שפּראַך שפּעטער אויסגעבּילדעט אָהן קאַוואור׳ס הילף און עס האָט דעם לאַנד גאָר נישט געשאַדעט, וואָס זיין ערשטער פריים־מיניסטער האָט נישט געקענט די שפּראַך פון זיין פאָלק.

עהנליך צו דעם איז געווען דאָס פּאַרהעלטניס אין סערביען. הונ־דערטער יאָהרען איז דאָס סערבישע פאָלק געווען אונטערטהעניג אונטער טערקישער און עסטרייכישער הערשאַפט. האָבען די פיהרער פונ'ם פאָלק נישט געקענט דעם סערבישען לשון. האָט אויך דער ערשטער מיניסטער פון דער מאָדערנער סערביען, ריסטיטש, נישט געקענט ריידען די סער־בישע שפּראַך. פון דעסטוועגען האָט דאָס צו דער ווידעראויפלעבונג פון דער נאַציאָן גאָר נישט געשאַדעט.

אַקעגען וואָס האָבען זיך מיר עפּעס דערמאָנט די איטאַליענער און די סערבען? איז דאָס צוליעב אַ שאלה, וואָס איינער האָט ביי מיר גע־פרעגט, צי אַ מענש וואָס איז אַ צייט לאַנג אָוועקגעשטאַנען פון זיין פאָלק, קען אַמאָל ווערען אַזאַ גרויסער פּאַטריאָט פון זיין פאָלק, אַז מען זאָל איהם אַזש צוליעב דעם דאַרפען אָוועקשטעלען ביי זיין נאַציאָן אין מזרח־וואַנד פון דער נאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג.

ביי אַזאַ געלעגענהייט דערמאָנט זיך מיר אויך תמיד אונזער הערצל, ווייל ווען אונזער הערצל האָט זיך באַוויזען אין אונזער אידישער וועלט, האָבען פאַרשיעדענע מענשען געהאַלטען אין איין פרעגען: „ווער איז ער, דער דאָזיגער הערצל? וואו איז ער געווען ביז היינט און אין וועלכער ישיבה האָט ער געלערנט?" — און עס האָט זיך אָט די אַלע „חכמים" אויסגעדאַכט, אַז זיי האָבען גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ חכמה ענטפלעקט מיט זייערע קשיות, מיט וועלכע זיי האָבען באַוויזען, אַז זיי קענען נישט די פּסיכאָלאָגיע פון אַ גלות־פאָלק, וועלכעס האָט אַ טבע נאָכצופאָלגען דוקא אַזעלכע פיהרער, וואָס זענען צו איהם פלוצים געקומען. גלייך ווי פון די וואָלקען אַרונטערגעפאַלען.

די אויבען־דערמאָנטע ווידעראויפלעבונג פון די איטאַליענער און סער־בען האָט באַוויזען, אַז „גרים" פון אַ נאַציאָן קענען צומאָל ברענגען די גאולה פון זייער פאָלק, גיכער ווי עס קענען דאָס טהון יענע עלעמענטען, וואָס זענען אויפגעצויגען אין דער מיט פון זייער פאָלק און האָבען שטענדיג געוויילט צווישען די מאַסען, דענקענדיג זייערע געדאַנקען און ריידענדיג זייער שפּראַך.

עס וויל זיך מיר נישט דאָ מאַכען קיין פאַרגלייך צווישען פאַרשיעדענע עפּאָכען פון אונזער געשיכטע, ווייל עס האָט זיך איטליכע פון די דאָזיגע עפּאָכען איהר אייגענאַרטיגקייט און יעדער פאַרגלייך מוז צוליעב דעם אַרויסקומען אַ ביסעל אַ פאַרקרומטער. פון דעסטוועגען איז ווען איך דער־מאָן זיך, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטהון אין אונזער וועלטעל אין די ערשטע טעג פון הערצל'ס אַרויסטרעטען, האָט זיך מיר אימער פאָרגע־

שטעלט אין מיין פאנטאזיע, וואס עס האט זיך אפגעטהון אין מצרים, ווען משה רבנו עליו השלום איז געקומען אנזאגען די בשורה פון דער גאולה. אזוי ווי משה רבנו איז דאמאלס ווייניג באקאנט געווען צווישען אידען, ווייל ער איז געווען אויפגעצויגען אין פרעה'ס קעניגליכען הויף, האט אודאי איטליכער געזוכט צו געפינען א פגם אין זיין יחוס, און מען האט אויסגעפונען, אז עס האט דער דאזיגער משה אמאל געמוזט אנטלויפען פון עגיפטען, דערנאך איז ער אנגעקומען אין מדין אלס מצרי און האט דארט חתונה געהאט מיט א מדין'שען פריסטערס טאכטער. זיכערליך האט מען אויך געדענקט וועגען איהם, אז ער איז עפעס אן אונטערגעוואָרפען קינד, וואס קיינער ווייסט נישט, ווער ער איז — און אין בעסטען פאל, ווען מען האט שוין יא געגלויבט, אז ער איז עמרם'ס זוהן, האט זיך ערשט דאמאלס יעדער געוואונדערט, ווי עס קומען גאר אזעלכע געדאנקען ווי זיינע צו'ן א הייבאם'ס א אינגעל.

ווי געזאגט, וויל זיך מיר קיינמאל נישט מאכען קיין פארגלייך אין געשיכטע. און ווען עס חאפט זיך ביי מיר אמאל טראצדעם ארויס א פארגלייך צווישען צוויי פארשיעדענע עפאכען, איז עס צוליעב דער עהנ־ליכקייט פון די אומשטענדען און נישט חלילה צוליעב די עהנליכקייטען פון די פערזאנען, וואס האבען יענע צוויי עפאכען אנגעפיהרט. מיר וויל זיך אויך אויסדאכטען, אז הערצל'ס ארויסטרעטען אין אונזער וועלטעל איז געווען אזוי שטארק ערפאלגרייך דוקא צוליעב דער אורזאך, וואס עס האט זיך נישט געפיהלט פון איהם דער ריח פון געטהא און ער האט קיינמאל נישט געקוועטשט די באנק אין קלויז. דוקא צוליעב דעם, וואס ער איז געווען א נייער אין דער אידישער וועלט, איז איהם געלונגען צו־צוציהען צו זיין אידעע די פראמינענטעסטע אידען און צו פאראינטערע־סירען די באדייטענדסטע דיפלאמאטען פון דער גרויסער פאליטישער וועלט.

פיעל פון הערצל'ס נאכפאלגער זענען פריהער געווען געגנער פון יעדער אידישער באשטרעבונג און מאנכע פון זיי האבען מיר גאר גע־רעכענט צווישען אונזערע שונאים, וועלכע האבען זיך פלוצים באוויזען אלס די געטרייע זיהן פון זייער פאלק, וואס חלום'ען פון א זעלבשטענ־דיגער פאליטישער צוקונפט פאר זייערע ברידער — אהן א ריקזיכט, צי איינער האט געלערנט אין בית־המדרש אדער נישט.

דער כח פון פארגעסן

דער כח, צו קענען פארגעסן, איז אפשר וויכטיגער ווי דער כח פון געדענקען. דער מענש וואלט זיך איבערהויפט געדארפט אויסלערנען פארטרייבן יענע אונזיכטבארע קראפט פון געדענקען, וועלכע קען אידם נאר ברענגען שאדען. אנשטאט דעם וואלט ער געדארפט אין זיך ענטוויקלען די קראפט פון פארגעסן, וועלכע דארף אידם ברענגען נוצען. עס פארלאנגט זיך אויך אן אונגעהייער גרויסע מאס פון גבורה, דער מענש זאל קענען קאנטראלירען דעם כאראקטער פון זיינע געדאנקען, אז ווען עס שווימט אמאל ביי אידם ארויף אין דער מחשבה אירגענד אן אונאנגענעהמע ערינערונג, זאל ער געפינען אין זיך גענוג כח, אוועקצוטרייבן אזא ערינערונג און אידר אנצוזאגען מיט'ן הארבען ווארט: „געה'זשע דיר געזונטערהייד, ווייל איך וויל דיך לחלוטין גאר נישט געדענקען!"...

פארמאגט אבער נישט יעדער מענש אזא כח, לאזט זיך איטליכער דולען א מוח פון זכרונות, וואס רואינירען קערפער און גייסט, מאכען פיהלען שלעכט און רופען ארויס געדאנקען פון נקמה.

ווער עס שטרעבט צו ערפאלג ביי א געוויסער אונטערנעהמונג, ווער עס וויל וואקסען אין זיין באשעפטיגונג, איז פאר אידם אין ערשטער רייהע נויטיג, ער זאל אין באשטימטע צייטען פונ'ם טאג פארגעסן אלסדינג, וואס האט א שייכות צו זיין אונטערנעהמונג אדער צו זיין באשעפטיגונג, כדי אויסצורוהען דעם גייסט פאר א געוויסע צייט, אנצוקלייבן פרישע קרעפטען פאר א באנייעטע טהעטיגקייט.

איטליכער דארף דאס איבערהויפט באקלערען, אז טאמער דרעהט זיך אימיצענס דענקען א לענגערע צייט ארום איין ענין, מוז דאס מאכען א פגימה אין זיין געהירן, ווייל עס מוז דאן ביי אידם אפשטארבען יעדעס געפיהל פאר אנדערע לעבענס-אנגעלעגענהייטען, וואס האבען נישט קיין באציהונג צו יענעם ענין, וועלכער פארנעמט געוועהנליך זיין מוח. ווען

מיר זענען תמיד פאַרטהאָן אין נאָכקלערען וועגען איינער און דערזועלבער אנגעלעגענהייט, וועלכע ליגט אונז שטענדיג אין דער מחשבה, אומעטום און אַ גאַנצען טאָג. ווען מיר באַווייזען נישט קיין אינטערעסע פאַר די אנגעלעגענהייטען פון אַנדערע, ווען מיר זענען ענטשלאָסען, צו ריידען נאָר וועגען זיך און וועגען דעם, וואָס עס קומט פאָר אינעווייניג ביי אונז אין האַרצען, מוזען מיר ווערען פריקרע איינזייטיג און אַ קראַנקהאַפטע לאַסט פאַר דער סביבה.

מענשען, וואָס קומען אין נאָהנטער באַריהרונג מיט אַזאַ נפש, מוזען באַלד דערשפירען אַ באַזונדערען ריח, וועלכער הערט זיך זעהר אונאַנגענעהם, ווייל דאָס דענקען פון אַ מענשען ווערט געוועהנליך עמפפונדען פון די אַרומיגע דורך אַ חוש, וואָס מיר זענען נאָך נישט דערגאַנגען צו זיין טבע. אין דער שאַרפקייט פון דעם דאָזיגען חוש ליגט אויך טאַקע דאָס געהיימניס פונ'ם ערשטען גוטען אָדער שלעכטען „איינדרוק", וואָס איין מענש מאַכט אויפ'ן אַנדערען. אונזיכטבאַרע גייסטיגע שטראַהלען שטראָמען אַרויס פון יעדען מענשען, וועלכע באַאיינפלוסען איטליכען פון דער סביבה — פאַר אָדער ג ע ג ע ן. לויט דער פעהיגקייט אָדער פיינזיניגקייט פון די, וואָס באַגעגנען זיך אויף די וועגען פונ'ם לעבען. אַזוי ווערט איטליכער פון אונז באַאיינפלוסט פון דער גייסטיגקייט פון אַנדערע, צו וועלכע מיר ריידען זעהר אָפט, ווען אונזערע צונגען זענען אפילו שטיל. גלייך ווי מיר קענען ערוועקען סימפּאַטהיע אָדער אַנטיפּאַטהיע אפילו דאַמאָלס, ווען מיר זיצען צוריקגעצויגען ביי זיך אין שטוב.

אַ מענש, וואָס לעבט אין אַ געוויסער אידעע, ווערט אָפט אַ מאַרטירער פון זיין אידעע. עס קען אָבער געמאָהלט זיין, ער זאָל נישט זיין קיין מאַרטירער, נאָר ווייל עס געהט איהם נישט גוט אין זיין מאַטעריעלער לאַגע, קען זיך איהם אויסדאַכטען, אַז ער איז אַ מאַרטירער. אין אמת'ן איז אויך קיינמאָל נישט פאַרהאַנען די נויטווענדיגקייט פון אַ מאַרטירערטום פאַר אַן אידעע, ווייל דאָס ווערען אַ מאַרטירער פון אַן אידעע באַווייזט גרעסטענטיילס אַ מאַנגעל פון טאַקט ביים אַרויפצווינגען אַ נייעם לעבענס-פּרינציפּ, וועלכער איז פרעמד צו די אַנדערע מענשען און ער קען זיי נישט אַריינקריכען אין מוח. (דאַביי מוז אויסדריקליך באַמערקט ווערען, אַז עס רעדט זיך דאָ נאָר וועגען אַלטעגליכע איבעראַנדערשונגס-מעגליכע אידעען, נישט וועגען רעליגיעזע איבערציינגונגען, וואָס זענען איינגעזויגען מיט דער מוטער'ס מילך און דער מאַרטירער איז מעהר פאַסיוו ווי אַקטיוו).

די געגנערשאַפט צו אַן אידעע לעבט צוערשט מעהרסטענטיילס ביי

די אנהענגער פון דער דאזיגער אידעע. ווען עס געהט איינער ריידען אין נאמען פון אן אידעע און מאכט ביי זיך אפ א מיינונג, וואס ער וועט טענה'ן צו די געגנער פון דער פון איהם פארטרעטענער אידעע, איז ער געוועהנליך מסדר אין די געדאנקען די טענות פונ'ם געגנער, וועלכע קומען על־פי־רוב ארויס פיעל קליגער ווי די אורזאכען פון דער אנהענגערשאפט. און ווען עס וויל אימיצער דורכאויס ארויפצווינגען זיין אידעע און ער קען דאס נישט טהון מיט ארגומענטען, נעמט ער זיך געוועהנליך צו שארפערע מיטלען, צו פערזענליכע פארפאלגונגען, וואס קענען זיך ענטוויקלען ביז צו דער שרעקליכסטער מדרגה, גלייך ווי עס געהט אמאל איין פאלק קעמפפען געגען אן אנדער פאלק מיט פייער און שווערד.

ווען אמעריקא האט זיך אריינגעמישט אין דער מלחמה געגען דייטשלאנד, האט אמעריקא נישט געהאט אין איהר פלאן, אוועקצונעהמען פאר זיך אפילו איין אינטש דייטשען באדען אדער א פרוטה געלד. די הויפט־אורזאך פון אונזער אריינמישען אין דער מלחמה איז געווען, גוטצומאכען די „היסטארישע אונגערעכטיגקייטען", וואס דייטשלאנד האט אפגעטהון אין די יאהרען פון איהר מיליטערישער מאכט, און איינצופיהרען דארט א דעמאקראטיע לויט אונזערע באגריפען. אין יענעם אויגענבליק איז קיינעם אפילו נישט איינגעפאלען די שאלה, צי וויל גאר דאס דייטשע פאלק אננעהמען אונזערע פרינציפען פון דעמאקראטיע, אדער צי עס טויג גאר די אמעריקאנער דעמאקראטיע פאר דייטשלאנד.

דאסזעלבע איז אויך, ווען עס ווערען באנוצט צוואנגס־מיטלען, וואס שניידען ווי שארפע שווערדען, ווען מיר ווילען ראטהען אנדערע, וואס זיי זאלען טהון, כדי עס זאל זיי זיין בעסער. מיט'ן שווערד קעמפפט יעדער רעפארמאטאר, וועלכער וויל איבעראנדערשען די סביבה. אזוי הערשט אומעטום דאס שווערד פונ'ם ווידערווילען געגען אנדערע, וואס ווילען נישט אננעהמען קיין נייע לעבענס־געוואוינהייטען און עס קריכט זיי נישט אין מוח, וואס מען זאגט זיי.

יעדער געדאנק, וואס האט א שפיץ געגען דער מיינונג פון אנדערע, איז ווי א שווערד און ער פאדערט ארויס דאס שווערד פון דער אנדערער זייט. פון דעסטוועגען קענען די שארפסטע געגנערשאפטען אויסגעגליכען ווערען, ווען עס זאלען זיך נישט צוקלעפען זייטיגע גיפטען צו דער שארפקייט פון דעם שווערד, ווען מענשען זאלען פארשטעהן, ארויסצואווייזען דאס גוטע וועלכעס שטעקט אין זיי און נישט דאס שלעכטע, ווען מענשען זאלען בעסער קענען די געזעצע פון שאפען לעבענס־פרייד און צופריעדענהייט, שטרעבענדיג אז איינער זאל דעם צווייטען זיין אנגע־

נעהמער און נוצליכער; ווען מענשען זאָלען אָנהויבען באַגרייפען, אַז די גרעסטע קונסט פונ'ם לעבען איז צו קענען פאַרגעסען, ווייל עס שטעקט אינ'ם פאַרגעסען אַ שטיק זעלבסטשוץ, גלייך ווי מען שטרעקט אויס אינ־סטינקטיוו דעם אָרעם, ווען עס דאַכט זיך, אַז מען דאַרף זיך אויסהיטען פון אַ קלאַפּ.

ווער עס האָט דעם כח, צו פאַרגעסען דאָס שלעכטע, וואָס די סביבה האָט איהם אָפּגעטהאָן, קריגט די מעגליכקייט צו קענען דענקען פריינדליך פון זיינע מיטמענשען און עס נעמט ביי איהם אַוועק יעדען שמערץ פון די עוולות, וואָס זענען געגען איהם באַגאַנגען געוואָרען. מען דאַרף נאָר פאַרמאָגען דעם כח צו פאַרגעסען, ווען עס קומט אויפ'ן זינען די עראי־נערונג פון שלעכטע מענשען אָדער פון אַ שלעכטער געשעהעניש, וואָס מען קען נישט דענקען דערפון אָהן שמערצען.

מערקווירדיג זענען אויך די וועגען פון דער אידישער געשיכטע. פיעלפאַרביג און רייך אין אָפּוועקסלונג ווי זי איז, קען מען וועגען איהר קיינמאָל נישט זאָגען, אַז דער גאַנג איהרער האָט זיך אַמאָל אין אירגענד וועלכער צייט געפיהרט לויט געוויסע אָנגענומענע כללים, ווייל יעדעס היס־טאָרישע געשעהעניש פלעגט זיך תמיד ענדיגען אין אַן ענטגעגענגעזעצ־טען זין, ווי מען האָט לויט די אומשטענדען געקענט ערוואַרטען. ער־וועקען זיך דאַדורך ביי יעדען געשעהעניש פון היינט גאַניץ און האַלב פאַרגעסענע עראינערונגען פון לאַנג פאַרשוואונדענע צייטען, וואָס דער זכר זייערער איז נאָך בלויז אין אַלטע כראָניקען פאַרהאַנען, און עס לאָזט זיך געוועהנליך פון זיי אַרויסדרינגען דאָס געגענטייל פון דעם, וואָס מיר ווילען, סיי ווען מיר זענען אין אונזער קוק אויף די געשעהענישען פעסימיסטיש געשטימט, אָדער ווען מיר זענען אפילו צו אַלעמען אָפּטימיסטיש.

די געשעהענישען פונ'ם כלל פיהרען זיך אויף דעמזעלבען אופן ווי די געשעהענישען פונ'ם יחיד. די היסטאָרישע עראינערונגען, וואָס אַ געוויסער פאָרפאַל פון היינט רופט ביי אונז אַרויס, מוזען נישט דוקא זיין עהנליך איינע צו דער אַנדערער, ווייל עס קען אויך אַמאָל אַ געשעה־העניש פון היינט אַרויסרופען אין אונזער זכרון אַזעלכע מאָדנע געשיכט־ליכע זכרונות, וואָס האָבען נישט אויפ'ן ערשטען בליק די מינדעסטע שייכות מיט דער געגענוואַרט — און טראָצדעם מוזען יענע היסטאָרישע „רעמיניסצענצען" קומען באַלד אויף דער מחשבה, ווען מען הויבט זיך אָן אַ ביסעל טיעפער אַריינטראַכטען אינ'ם געגענווערטיגען געשעהעניש.

אידען זענען איבערהויפּט מערקווירדיג אין זייערע היסטאָרישע אויפ־פאַסונגען. ווען זיי זוכען, למשל, צו פאַרקניפּען תקיעת שופר מיט יציאת

מצרים, און די שמחה פון פסח מיט דער אבלות פון תשעה־באב. ליגט איצט פאַר מיינע אויגען אַן אַרגענטינער צייטונג פאַר אידישע אינטערעסען אין שפּאַנישער שפּראַך. ווערט דאָרט גערעדט וועגען אַ טעאַטערשטיק אין אידיש. איז דאָס — דאַכט זיך — אַן ענין צו וועלכען עס איז שווער צוצופּאַסען היסטאָרישע „רעמיניסצענצען" פון מיטעלאַלטערליכע יאָהר־הונדערטער, האָט דאָס אָבער פון דעסטוועגען ביי מיר אַרויסגערופען גוואַלדיג גרויסע געשיכטליכע זכרונות און מיט מיין גייסטיגען אויג האָב איך באַלד געזעהן טייכען אידיש בלוט און טרעהרען. איך האָב געזעהן, ווי אידען ברענען אויף שייטער־היופענס און מיינע אויערן האָבען באַלד געהערט דעם גלאָקענקלאַנג פון קירכען, ווי גלחים פּרעפּלען אונזער תהלים אויף זייער לשון און לאָזען זיך נישט שטערען דורך די ווי־געשרייען פון די ברענענדע קרבנות, וואָס פאַלען אַן די לופט.

די שפּראַך, אויף וועלכער דאָס דערמאָנטע טעאַטער־שטיק שפּיעלט און מיר רופען זי אידיש, איז אין איהרע אייגענטליכע יסודות אַ לשון, וואָס אונזערע עלטערן האָבען זיך אויסגעלערנט ביי די ברעגעס פון'ם רהיין. אויף דער דאָזיגער שפּראַך — אָהן איהרע העברעאישע ביימישונגען — האָבען גערעדט די ווילדע קרייץ־ציגלער, וואָס זענען געגאַנגען אָפּראַטעווען פּאַלעסטינא פון מאַהמעדאַנישע הענד, און וואו זיי האָבען זיך ערגיץ אויפ'ן וועג אָנגעשטויסען אויף אַ אידישע קהלה, האָבען זיי אַלע מענשען אויס־גע'הרג'עט און פאַרברענט. האָבען דאַן די פון אַרום דעם רהיין אַנטלאָפענע אידען אַריבערגענומען די שפּראַך פון די רהיינלענדישע גוים קיין פּוילען, און פון פּוילען האָבען זיי די דאָזיגע שפּראַך מיט זיך אומעטום מיט־געפיהרט, ביז זיי זענען געקומען קיין אַמעריקאַ און אַרגענטינא.

און ווען איך הער וועגען אַ אידישען ישוב אין אַרגענטינא, אין אַ לאַנד וואָס איהרע מענשען ריידען די שפּראַך פון טאָרקוועמאַדאָ, און ווען איך זעה אַ צייטונג פאַר אידישע אינטערעסען אין דער שפּראַך פון טאָרקוועמאַדאָ, שווימען ביי מיר אַרויף בילדער, וואָס זענען עהנליך צו יענע בילדער, וועלכע ווערען ביי מיר אַרויסגערופען, ווען איך באַדענק, אַז אונזער אידישע שפּראַך איז דער לשון פון די קרייץ־ציגלער. זעה איך באַלד, ווי עס האָבען פאַנאַטיש פינסטערע כחות געאַרבייט אין דער דאָ־זיגער שפּראַך, צו פאַרניכטען דאָס אידישע פאָלק. גלייכצייטיג זעה איך אָבער אויך, ווי מען האָט מיט דער הילף פון טאָרקוועמאַדאָ'ס לשון אויס־געפונען דעם וועלט־טייל „אַמעריקאַ", פון וועלכען עס האָבען זיך פאַר־שיעדענע ציוויליזירטע פעלקער אויסגעלערנט טאָלעראַנץ צו אידען, חאָטש עס האָבען די ערשטע ענטדעקער פון אַמעריקאַ גערעדט אויף טאָרקווע־

מאַדאָ'ס לשון און טראָצדעם וואָס אַמעריקאַ האָט איצט כמעט ווי פאַר־געסען איהרע טראַדיציעס פון טאָלעראַנץ...

היינט שרייבט אַ איד אין דער שפּראַך פון טאָרקוועמאַדאָ וועגען אַ פּיעסע וואָס ווערט געשפּיעלט אין דער שפּראַך פון די קרייץ־ציגלער. זעהט זיך אין דעם אַ מערקווירדיגע ענטוויקלונג פון דער אידישער גע־שיכטע. ווי עס האָבען נישט געקענט חלום'ען סיי יענע אידען, וואָס זענען אַנטלאָפען פון די קרייץ־ציגע, גלייך ווי אַלע די, וואָס האָבען זיך געראַטעט פון טאָרקוועמאַדאָ'ס בלוטיגע הענד.

קען מען פון דעם אַרויסלערנען, אַז גלייך ווי מיר ווייסען, אַז דער גוטער מעמד אונזערער איז קיינמאָל נישט קיין דויערנדער, פונקט אַזוי טאָרען מיר נישט פאַרצווייפלען, ווייל דאָס שלעכטע קען אויך נישט אייביג דויערן. ווען די קרייץ־ציגלער זאָלען זעהן ווי מיר האָבען פּאַראַידישט זייער שפּראַך ביז צו דער העכסטמעגליכער מדרגה, אָדער ווען טאָרקווע־מאַדאָ זאָל זעהן, ווי אידען געברויכען זיין שפּראַך פאַר דער באַהאַנדלונג פון אידישע ענינים, וואָלט ער פאַרשטאַנען, ווי פאַרשווינדענד שוואַך אונזערע שונאים זענען, ווען מיר האָבען נאָר דעם כח צו פאַרגעסען די פאַרגאַנגענהייט, כדי זיך צו קענען אויפהויבען איבער דער געגענוואַרט.

דער לשון פון מיין מאַמע

די אידישע שפּראַך איז נישט די שפּראַך פון אונזער צוקונפט, גלייך ווי זי איז נישט די שפּראַך פון אונזערע תלמידי־חכמים. זי איז אָבער די שפּראַך פון אונזער נאָהנטער פאַרגאַנגענהייט, פון אונזערע מאַמעס און פון די ברייטע פאָלקס־מאַסען.

גלייך ווי פיעלע אַנדערע פון מיין דור, וועלכע האָבען זיך אויסגע־לערנט ריידען אידיש ביי זייערע מאַמעס, האָב איך געלערנט די שפּראַך ביי מיין מאַמע. דאָס געפיהל פון ליעבע צו דער אידישער שפּראַך האָט זיך דאַדורך ביי מיר ענג פאַרקניפּט מיט דער ליעבע צו מיין מאַמע. און ווען איך לאַשטשע זיך צו דער אידישער שפּראַך און לאָז זיך פון איהר אַ גלעט טהאָן ביי דער נשמה, דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך לאַשטשע זיך צו מיין מאַמע און איך פיהל איהר גלעט אויף מיין קאָפּ.

דער לשון פון מיין מאַמע איז אפילו נישט געווען דאָס אידיש, אויף וועלכען איך רעד, אָדער איך שרייב, ווייל דאָס אידיש פון מיין מאַמע איז געווען דורכגעפלאָכטען מיט לשון־הקודש'דיגע ווערטער. אַזוי ווי איהר לשון איז אָבער געווען פול מוסר און יראת־שמים, איז מיר דער דרך־ארץ פאַר אָט די צוויי גוטע מדות פאַרבליבען טיעף איינגעבאַקען אין האַרצען און זיי זענען ביי מיר ענג פאַרבונדען מיט'ן תוך פון דער אידישער שפּראַך.

אַ ליעבע צו אידיש האָט אויך אין מיר איינגעפלאַנצט מיין טאַטע, וועלכער איז געווען אַ איד אַ למדן. די אידישע שפּראַך, פלעגט ער מיר זאָגען, איז „דער לשון פון אונזערע יסורים". עס פאַרמאָגט אויך נישט קיין אַנדערע שפּראַך אַזאַ רייכקייט פון צער ווי דער אידישער לשון, וועלכער איז אָנגעזאַפּט מיט אונזערע טרעהרען פון די לעצטע אַכט הונדערט יאָהר. די יסודות פונ'ם אידישען לשון זענען אפילו אויפגעבויט אויף דער דייטשער שפּראַך פונ'ם מיטעלאַלטער, לויט ווי זי איז גערעדט געוואָרען אין די געגענדען פונ'ם רהיין. זענען אָבער די דאָזיגע יסודות אַזוי פאַראידישט

געוואָרען אין אונזער מויל, אַז זיי זענען היינט נישט מעהר פאַרשטענדליך אפילו צו זייערע ערשטע באַשאַפער.

שפּעטער האָט זיך ביי מיר ענטוויקעלט די ליעבע צו דער אידישער שפּראַך, ווייל זי דערנעהנטערט מיך צו די אידישע מאַסען. נישט ווייל איך וויל זיך מאַכען פאַרשטענדליך צו זיי, נאָר ווייל איך וויל זיי פאַר־שטעהן. און יעדעס מאָל ווען איך שרייב אידיש, קומט מיר מיין ליעב־האַרציגע מאַמע פאַר די אויגען און עס דערמאָנט זיך מיר איהר שמחה, ווען זי האָט דאָס ערשטע מאָל דערזעהן וואָס איך האָב אָנגעשריבען אין אידיש, ווייל זי האָט דאַן פאַרשטאַנען וואָס איהר זוהן האָט צו זאָגען צו דער וועלט.

די מאַמע מיינע איז געווען אַ גרויסע מלומדת און זי האָט אויך געהאַט אַ רייכע ביבליאָטהעק פון ספרים אין עברי־טייטש. ראָמאַנען האָט זי בטבע פיינט געהאַט צו לייענען, ווייל עס שטעקט נישט אין זיי, לויט איהרע באַגריפען, קיין שום מוסר השכל. און ווען מיין טאַטע אַליין האָט אָנגע־שריבען עטליכע ראָמאַנען אין אידיש, האָט זי זיי געלייענט פון יוצא וועגען. אַליין צו לייענען האָט זי ליעב געהאַט מוסר־ספרים, און ווען עס האָט זי געבלענדעט דאָס ליכט פון'ם לאָמפּ, און זי האָט נישט מעהר געקענט לייענען מיט די אייגענע אויגען, האָב איך איהר אין די לאַנגע ווינטערנעכט פאָרגעלייענט פונ'ם „מנורת המאור", פונ'ם „נופת צופים", פונ'ם „שבט מוסר", פונ'ם „ברך אברהם", פונ'ם „פלא יועץ" און פון נאָך אַנדערע ספרים, וועלכע איך האָב אַזוי פיעל מאָל איבערגעלייענט, ביז איך האָב זיי אינגאַנצען אויסגעלערנט אויף אויסענווייניג. און ווען עס איז מיר אַמאָל געוואָרען לאַנגווייליג צו לייענען פון יענע ספרים, האָב איך איהר פאַרטייטשט שטיקער מדרש, וועלכען זי האָט גוט פאַרשטאַנען מיט אַלע שפּיצלעך.

אַמאָל האָב איך איהר געבראַכט צו לייענען אַ ראָמאַן פון די נייע, וועלכער איז מיר פּערזענליך זעהר געפעלען, האָט זי איהם געסטאָפּט לעזען באַלד נאָך די ערשטע עטליכע זייטלעך, ווייל עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז דער מחבר פון יענעם בוך מאַכט פשוט חוזק פון אידען. האָב איך איהר אָבער אַמאָל געבראַכט אַ מעשה־ביכעל פון אייזיק מאיר דיק, האָט זי זיך גערן איינגעהערט ווי איך האָב עס איהר פאָרגעלייענט, ווייל עס איז דאָרט געווען דער אינהאַלט מיט אַ מוסר־השכל צום לעזער.

מיין טאַטע האָט אויך גערן געזעהן, ווען איך האָב געלעזען אידיש. דאַביי האָט ער מיר דערצעהלט, אַז מענדעלסאָן פלעגט לאָזען לייענען זיינע טעכטער דעם „צאינה וראינה", חאָטש ער האָט נישט געוואָלט, זיי זאָלען

ריידען זשאַרגאָן, ווייל ער האָט געוואָלט, די מדרשים פונ׳ם „צאינה וראינה״ זאָלען זיך ביי זיי איינקריצען אין זכרון. און ווען איך האָב שפעטער אָנ־געהויבען לערנען דייטש און מיין פאָטער האָט מיר געגעבען צו לייענען דעם „ביבעלשאַך״, זענען מיר די מעשיות אפילו זעהר געפעלען, איך האָב אָבער אויף זיי געקוקט נאָר ווי אויף לעגענדען אָהן יעדער קדושה. ווי לאַנג עס זענען דיזעלבע מעשיות געווען געשריבען אין אידיש, זענען זיי געשטאַנען ביי מיר כמעט אויף איין מדרגה מיט׳ן חומש. אין דייטש האָבען זיי פאַרלוירען אין מיינע אויגען יעדע באַדייטונג.

פיעלע יאָהרען האָב איך דאַן געלערנט נאָר העברעאיש. טיעף אין האַרצען איז מיר אָבער געבליבען איינגעבאַקען אַ ליעבע צו אידיש. העברע־איש איז דאַן געווען אין מיינע אויגען דער לשון פון מיין טאַטע׳ן, צו וועמען איך האָב זיך באַצויגען מיט אַ גוואַלדיגען רעספּעקט, און ווען איך האָב צו איהם גערעדט, האָב איך געוואויגען און געמאָסטען יעדעס וואָרט, עס זאָל זיין ריכטיג מיט׳ן פינטעלע לויט אַלע דינים פון דקדוק, און אידיש איז געווען אין מיינע אויגען דער לשון פון מיין מאַמע׳ן, וועלכער האָט געקלונגען אין מיינע אויערען אַזוי האַרציג ווייך, ווי עס פלעגט צו מיר ריידען מיין מאַמע — אָהן קונצען און אָהן דקדוק.

איז ביי מיר די אידישע שפּראַך דאַדורך פאַרבליבען אַ שפּראַך פון מוסר, נישט פון חוזק אָדער אונמאָראַליטעט — און יעדעס מאָל ווען איך שרייב אידיש, דאַכט זיך מיר, אַז מיין מאַמע וועט עס לייענען, בין איך דאַן באַשטרעבט, אויסצוהיטען זיך פון יעדען וואָרט, וועלכעס איך וואָלט נישט קיינמאָל געבּרויכט אין געגענוואַרט פון מיין מאַמע.

מהוט עס מיר אויך זעהר וועה, ווען איך זעה, ווי מען האָט זיך איצט גענומען פאַרשפּרייטען „אַסימילאַציע״ מיט דער הילף פון אידיש, ווייל איך דענק, אַז אַן אַסימילאַציע אין אידיש קען אַמאָל זיין פיעל ערגער ווי אין גוי׳שע לשונות. אין רוסלאַנד, למשל, האָט מען אין מאַנכע אידישע שטעדט איינגעפיהרט אידישע געריכטען. ריכטער און אַדוואָקאַטען ריידען דאָרט אידיש. אָבער מלמדים און שוחטים לאָזט מען נישט זיין קיין אידען. און טאָמער חאַפּט מען אַ מלמד אָדער אַן אַנדערן „כלי־קדש׳ניק״, וואָס האָט אָפּגעטהון עטוואָס אויף אידיש, גיט מען איהם באַלד אַ פּסק אויף גוי׳ש, אַז עס זאָל זיך איהם פּשוט אָפּגלוסטען אידישקייט.

אַמאָל איז ביי אונז געווען אַ צייט, וואָס שרייבען אידיש איז געווען אַ סימן פון העכערער קולטור. משכילים, וואָס האָבען געשריבען העברעאיש, האָבען געדאַרפט זיין גוט באַהאַוונט אין ליטעראַטור, פונ׳ם תנ״ך איבער׳ן תלמוד און זיינע מפרשים ביז צום לעצטען מליצה־ספר — און ווער עס האָט

געשריבען אידיש, האָט נאָך געדאַרפט מעהר קענען. ווייל דער אידישער שרייבער פון יענער צייט האָט נישט געשריבען אידיש צוליעב דעם וואָס ער האָט נישט געקענט קיין אַנדערע שפּראַך, נאָר ווייל עס האָט איהם געצווינגען צו די ברייטע פאָלקס־מאַסען, צו וועלכע ער האָט געוואָלט ריידען אויף זייער לשון.

היינט איז גאַנץ אַנדערש. היינט שרייבען אידיש גרעסטענטיילס אַזעל־כע, וואָס קענען נישט צונויף־קלעפען קיין צוויי ווערטער אין אַן אַנדער לשון. אידיש שרייבען, דאַכט זיך, קען יעדער. ווען ער האָט אפילו נישט געזעהן אין זיין לעבען קיין חדר און קיין שולע פאַר די אויגען. צו אידיש שרייבען, דאַכט זיך, דאַרף מען נישט האָבען קיין סטיל און קיין גראַמאַטיק, ווייל עס איז גענוג צו קענען אָפּערירען מיט עטליכע פראַזען — און טאָמער איז דאָס לשון האַמעטנע און עס קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, געפעלט דער ענין נאָך בעסער, ווייל עס קען הייסען, אַז דער שרייבער איז מעהר „מאָדערנער“, אַז ער איז אַן „אינזיכיסט“, אַ „פיוטשוריסט“ אָדער גאָר אַ „דאַדאַאיסט“.

שרייבען די דאָזיגע פאַרשווינען אידיש, אָבער דער אינהאַלט פון זייער שרייבעכץ איז אַ גוי׳שער. רייסען זיי זיך מיט אַלע כחות, צו אַנט־לויפען פונ׳ם אידישען פאָלק און מיטצושלעפּען דעם לעזער מיט זיך. ווערען זיי פלוצים „גאָט־זוכער“, זענען זיי אָבער נעביך במחילה גרויסע עמי־ארצים, זוכען זיי אונזער לעבעדיגען גאָט ביי די גוי׳שע שכנים און עס וויל זיך זיי פאַרבייטען דעם פאָטער פאַר׳ן „זוהן“...

דאָס האַרץ זייערס איז פול רחמנות — און אַזוי ווי זיי זענען פלוצים געוואָהר געוואָרען, אַז דער גרינדער פון קריסטענטום איז געווען אַ איד, טראָגען זיי זיך אַרום מיט אַ פול מויל נישט גוט פאַנאַנדערגעקייעטע און אַבסאָלוט אונפאַרדייהליכע פראַזען וועגען דעם „געקרייציגטען“...

רחמנות — פאַרשטעהט זיך — איז זעהר אַ טייערע מדה. וואָלט מען טאַקע געדאַרפט האָבען רחמנות אויף אַ פאָלק, וואָס וואַלגערט זיך אַרום צווייטוויזענד יאָהר אָהן אַ באָדען אונטער די פיס און אָהן אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ. האָט מען אָבער רחמנות אויף אַ גאָט, וואָס דער פאָטער זיינער האָט עס געקענט גלייכגילטיג צוקוקען, ווי מענשען האָבען זיין „בן־יחיד“ גע־קרייציגט...

זעהט איהר, ווי איהר קוקט מיך אָן, האָב איך אויך נישט קיין האַרץ פון שטיין, נאָר אַנשטאַט וואָס אַנדערע האָבען רחמנות אויף אַ לעגענדאַרען געקרייציגטען, ווערען מיינע אויגען אָנגעפולט מיט טרעהרען, ווען איך דענק וועגען אַנדערע היסטאָרישע פערזאָנען, וואָס האָבען געלעבט אין

דערזעלבער צייט פון יענעם לעגענדאַרישען העלד, און יענע היסטאָרישע פערזאָנען זענען אויך געשטאָרבען פאַר זייערע אידעען, האָבען אָבער אידען נישט געמאַכט פון זיי קיין געטער און האָבען זיך אויך נישט גע׳נוקס׳ט אויף זייערע פיינגער.

איינער פון זיי איז, למשל, רבי עקיבא.

רוים האָט פאַרניכטעט אונזער זעלבשטענדיגקייט און אידען האָבען זעהר שטאַרק געוואָלט אַרונטערוואַרפען פון זיך דעם רוימישען יאָך. איז דאַן אויפגעשטאַנען איינער מיט׳ן נאָמען שמעון בן כוכב, צו אָרגאַניזירען אַ רעוואָלוציע געגען רוים, און ר׳ עקיבא האָט איהם צו זיין אונטערנעהמונג געהאָלפען. האָבען דערנאָך די רוימער דעם ר׳ עקיבא׳ן געחאַפּט און פאַר־אורטיילט צום טויט. און געטויטעט האָבען זיי איהם אויף אַזאַ אופן, אַז זיי האָבען געריסען פון איהם שטיקער פלייש לעבעדיגערהייט — און ווען ער האָט געהאַלטען ביי „יציאת נשמה“, האָט ער געזאָגט: „אַלע טעג פון מיין לעבען האָב איך מיך מצער געווען, וואָס איך האָב נישט געקענט מקיים זיין דעם פסוק ואהבת... בכל נפשך, אָבער איצט בין איך ענדליך צופריעדען, וואָס איך קען מקיים זיין דעם דאָזיגען פסוק אין זיין גאַנצען אינהאַלט!“

וואָלט מען נישט וועגען אַזאַ רבי עקיבא געקענט שרייבען דאָס שעהנסטע געדיכט?

פון די קרייץ־ציגע ביז צו די לעצטע אוקראַינער פּאָגראָמען האָט מען אונז כסדר געשטראָפט פאַר יענעם מאָמענט. און ווילען אונזערע נייע „דיכטער“ דורכאוים האָבען רחמנות און באַזינגען אַ אידישען מאַרטירער, טאָ זאָלען זיי האָבען רחמנות און נעהמען באַזינגען די טויזענדער מענשען, וואָס מען האָט געפּרעגעלט אויפ׳ן פייער אין נאָמען פון יענעם לעגענדאַרען געקרייציגטען.

ביי מיר און די אויגען איז מעדר ווי זיכער, אַז די דאָזיגע אַלע אידישע פאַרעהרער פונ׳ם געקרייציגטען זוכען דעם קירצעסטען וועג, צו אַנטלויפען פונ׳ם אידענטום. טאָ זאָלען זיי לויפען און לאָ׳מיר זיי נישט צוריקהאַלטען, לאָ׳מיר זיי גאָר אדרבה ווינשען אַ מזל׳דיגען שליטוועג. זיי ווילען געהן צו יעזוס׳ן, זאָלען זיי געהן וואָס גיכער, אַבי זיי זאָלען אָפּלאָזען די אידישע גאַס. לויט זייער דענקונגסאַרט און לויט זייערע גע־פיהלען איז זייער פּלאַץ סיי־ווי אויסערהאַלב פון אונזער מחנה, וואו־אַהין עס ציהט זיי ווי מיט אייזערנע צוואַנגען.

צוריק מיט יאָהרען, ווען מיר האָבען אָנגעהויבען אויסדריקען העכערע

געדראַנקען אין אידיש און מיר זענען געווען באַשטרעבט, אויסצופוצען די שפּראַך אויפ'ן שעהנסטען ליטעראַרישען שטייגער, האָט מען געקענט מיינען, אַז די אידישע שפּראַך אַליין פאַר זיך וועט זיין דער שטאַרקסטער פּראָטעסט געגען אַסימילאַציע. היינט קענען מיר זעהען, אַז ווען אימיצער וויל אַרבייטען פאַר אַסימילאַציע, איז דאָס גאַנץ גוט מעגליך צו טהון אפילו אין א י ד י ש.

טאָרעט מיך תמיד דער געדאַנק, וואָס מיין מאַמע וואָלט געזאָגט, ווען איך וואָלט איהר דערצעהלט, וואָס עס ווערט היינט געשריבען אין איהר לשון...

די דיקטאטור פון דער דעמאקראטיע

עס נויטיגט זיך נישט צו ערקלערען, אַז מיר לעבען היינט אין אַ צייט פֿון ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ע. איז אָבער אונזער דעמאָקראַטיע ענטוויקעלט אויף אַזאַ שטייגער, אַז אפילו אַזעלכע מאַכטהאָבער, וואָס הערשען דעספּאָטיש און צווינגען אַרויף זייער ווילען מיט אַלערליי געוואַלטמיטלען, זענען באַשטרעבט איטליכען איינצוריידען, אַז וואָס זיי טהון, שטעהט אין איינקלאַנג מיט אַלע פּרינציפּען פֿון דעמאָקראַטיע.

און וויל זיך היינט אַ מענשען קומען צום שכל אָדער וויל אימיצער אַרויסזאָגען אַ ניי וואָרט פֿאַר דער וועלט, דאַרף מען אין זיך אָנקלויבען אַ גרויסע סומע דרייסטקייט, ווידערזעצונגס-קראַפֿט, העזה און כעס. ווייל טאָמער פֿעהלט איין טייל פֿון די דאָזיגע אַלע מדות און מען וועט טראָצדעם פּרובירען אַרויסטרעטען מיט אַ ניי וואָרט פֿאַר דער עפֿענטליכקייט, וועט מען ביים עולם האָבען אַ פּנים פֿון אַ משוגע'נעם.

כמעט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט שטעהט אויפ'ן ברעג פֿון אַ טיעפֿען תהום, וועלכער באַדראָהט איהר עקזיסטענץ. צוליעב דעם געפֿיהל פֿון אַ באַזונדערער מורא ווענדט אָבער איטליכער אַוועק זיין בליק פֿון דער צוקונפֿט, פֿאַרמאַכענדיג די אויגען ווי אַ שטרויספֿויגעל פֿאַרשליסט די אויגען פֿאַר דער ביקס פֿונ'ם יעגער, ווייל עס וויל זיך נישט קיינעם אפילו אַ קלעהר טהון וועגען די מעגליכקייטען וואָס קענען קומען. די ציוויליזירטע מענשליכע געזעלשאַפֿט, וועלכע באַשטעהט געוועהנליך פֿון אינטעליגענטע פֿעלקער-מאַסען, געבויט פֿון דעמזעלבען פֿלייש און בלוט, מיט דעמזעלבען קאָפּ און מוח, מיידעט אויס דאָס פּאַרטיעפֿען-זיך אין דער וועלט-לאַגע מיט אַ באַזונדערער כוונה, ווייל עס וויל זיך אַלעמען כסדר אָפּווענדען דעם פֿאַרשטאַנד און דאָס געוויסען פֿון דערווירקליכקייט.

נאָר זעלטען טרעפֿט זיך ערגיץ אַן עטהיקער מיט אַ געוויסענהאַפֿטער פֿעדער, אַ דיכטער אָדער אַ סאָציאָלאָג, וועלכער וויל זיך פּרובירען אויפֿ-

קלערען די וועלט איבער איהר צושטאַנד. איז דאָס אָבער געוועהנליך נישט מעהר ווי אַ פֿאַראייגצעלטער פֿאַל און עס נעמט אויך נישט לאַנג, ביז עס פֿאַרשווינדעט דאָס ליכט פֿונ'ם פּלוצים'דיגען בליץ און עס קעהרט זיך אום צוריק די גייסטיגע פֿינסטערניש פֿון בעפֿאָר.

עס שטעקט נישט אין דעם קיין באַזונדערס שווערע וויסענשאַפֿט און עס נויטיגען זיך נישט קיין באַזונדערע טעכנישע חכמות אָדער פֿאַכקענטניסע, אויף צו דערקענען און צו פֿאַרשטעהן די גרויסע פֿון גערעכטיגקייט, גלייכהייט, אַרבייטספליכט, אנערקענונג פֿון יעדען מענשען'ס פֿאַרדיענסט לויט זיינע לייסטונגען און די אינערליכע פֿאַרוואַנדשאַפֿט פֿון אַלע מענשען אונטער זיך. עס שטעקט נישט אין דעם קיין קונסטשטיק, צו דערגרונטעווען די זיטליכע און סאָציאַלע וואַהרהייטען פֿון דער צייט. ס'איז אויך נישט שווער, מען זאָל זיך דאָס אַלסדינג אַליין באַוואוסט מאַכען. שווער איז נאָר, אַרויסצוזאָגען דאָס אַלעס פֿאַר אַ גרויסער מענשען־מאַסע, זיי אויפצוקלערען איבער דעם פֿונדאַמענטאַלען אונזין פֿון זייער פֿאַרשקלאַפֿטער עקזיסטענץ.

ווי ווייט עס קען דער מענשליכער זכרון צוריק־דענקען און אויף וויפֿיעל עס זענען פֿאַר אונז פֿאַרבליבען די עראינערונגען פֿון פֿאַרשוואונדענע צייטען, זעהען מיר תמיד און אומעטום דאָסזעלבע שוישפּיעל, ווי גרויסע מענשליכע מאַסען זענען אונטערוואָרפֿען צו עטליכע יחידים, ווי עס ווערען גאַנצע פֿעלקער און שבטים געוואָרפֿען איינע אַקעגען די אַנדערע, כדי דורכצופֿיהרען די פּלענער פֿון עטליכע קאָפּ־מענשען, ווי עס ווערען מחנות מענשען געאָפּפֿערט פֿאַר אַ מאָדנעם קאַפּריז פֿון עטליכע באַרבאַרישע עקשנים.

טראָץ דעם גאַנצען פֿאָרטשריט פֿון אונזער צייט איז די מענשליכע שקלאַפֿעריי אַלץ געבליבען דיזעלבע ווי אַמאָל. זי האָט נאָר אַן אַנדערן נאָמען אָנגענומען, און ווען עס איז אפֿילו ערגיץ־וואו דורכגעפֿיהרט געוואָרען אַ שטיקעל „באַפֿרייאונג“, איז דאָרט די לאַגע ווייטער געבליבען דיזעלבע ווי פֿריהער, ווייל עס איז נאָר דער קרייז פֿון די אונטערדריקער און אונטערדריקטע איבערגערוקט געוואָרען. ווען איהר געהט דאָרט אין גאַס און איהר נעמט זיך אַ שמועס טהון מיט דעם ערשטען בעסטען „פֿרייען“ מענשען, וואָס איהר באַגעגענט, וועט איהר זעהן, אַז ער איז נאָר ווי איינגעמויערט אין דער געזעלשאַפֿט און דער ווערטה זיינער איז היינט דיזעלבע ווי אין די אַלטע צייטען — און האָטש די גאַנצע וועלטגעשיכטע מיט איהרע מלחמות און רעוואָלוציאָנען שפּיעלט זיך אָפּ אויף זיינע פּליי־

צעס, האָט ער פון דעסטוועגען נישט די העזה, אַריינצורײדען אַ וואָרט אין דעם אַלעמען.

און זילט איהר וויסען, ווי עס האָט זיך געקענט אַזאַ צושטאַנד ענטוויקלען, מוזט איהר בּאַדענקען, אַז די גאַנצע מענשליכע געזעלשאַפט איז אַ מאָדנע מאַשינעריע, בּיי וועלכער עס קענען נישט די רעדלעך פונקציאָנירען איינע אָהן די אַנדערע. די רייבּונגען בּיי די דאָזיגע רעדלעך זענען אָבער אַזוי שטאַרק, אַז איינע שטויסען אַרויס די אַנדערע. ווען איהר וועט האָבּען די פעהיגקייט, איהר זאָלט זיך קענען פאַרטיעפען אין דער דאָזיגער מאַשינעריע, וועט אייך בּאַלד אויפגעהן אַ נייע ליכט וועגען אַלע געשעהענישען, וואָס קומען פאָר בּיי די מענשען פאַר אייערע אויגען. איהר וועט דאַן בּאַגרייפען, אַז די מענשליכע געזעלשאַפט בּאַשטעהט מאַטעריעל אין דער פּאָזיטיווער קראַפט, וועלכע גיט די מאַכט צו איינצעלנע יחידים, זיי זאָלען זיך קענען אויפהויבּען איבּער די מענשליכע מאַסען און זיי בּאַהערשען אין זייערע אַלע בּאַטהעטיגונגען. איהר וועט אויך דאַן בּאַגרייפען, אַז די מאָראַלישע קראַפט פון דער מענשליכער געזעלשאַפט בּאַשטעהט אין דעם איבּעראירדישען אַנזעהען וואָס עטליכע יחידים געניסען בּיי דער פיהרונג פון די גרויסע מענשליכע מאַסען, וועלכע פאָלגען זיי נאָך מיט אַ בּלינדען געהאָרזאַם.

די יסודות פאַר דער דאָזיגער אונהיילבּאַרער לאַגע בּאַשטעהען אין דער קורצזיכטיגקייט פון די מענשליכע מאַסען, פאַר וועלכע עס עקזיסטירען נישט אין ערגיץ די ריכטיגע אויגען-גלעזער, און ווען זיי לאָזען זיך אַמאָל פון אימיצען איינרײדען, אַז זייער גליק פאַרלאַנגט פון זיי, צו שטעלען זיך אויף איין זייט, קענען זיי זיך דערנאָך בּאַלד איבּערצייגען, אַז זיי האָבּען אַ טעות געהאַט, ווייל עס ווידערהאָלען זיך שפּעטער דיזעלבּע אונטערדריקונגען פון בּעפאָר און עס ענדערט זיך נאָר די פערזאָן פון די אונטערדריקער.

צו דעם דאַרף מען אויך וויסען, אַז ווען די ענטוויקלונג פון דער וועלט וועט ווייטער אָנגעהן לויט איהר בּיזאַהעריגען גאַנג, מוז אַלסדינג אין דער וועלט לאַנגווייליג ווערען. לעבּעדיגע פעלקער קענען אָבּער אַזאַ לאַנגווייליגקייט אַבּסאָלוט נישט פאַרדויען און עס מוז בּיי זיי קאַליע ווערען פון דעם זייער פּאָליטישער מאָגען.

ערגיץ האָבּ איך אפילו געלעזען, אַז גליקליך זענען יענע פעלקער, וואָס זייער געשיכטע ציהט זיך לאַנגווייליג. איז אָבּער אַזאַ לאַנגווייליג לעבּען אַ שרעקליכער צושטאַנד, וועלכער מוז גאָר גיך נמאס ווערען, ווייל אַ פאָלק נויטיגט זיך אין אויפרעגונג. אָהן אויפרעגונג קענען די בּרייטע

מאַסען פֿון אַ פֿאָלק נישט לעבן — און ווען זיי האָבן נישט קיין אויפֿ־רעגונגען צוליעב דער גינסטיגער לאַגע זייערער, מוז מען די אויפרעגונגען שאַפֿען דורך אַנדערע מיטלען, כדי אָנצוהאַלטען די לעבעדיגקייט. דער פֿאָלקסגייסט זאָל נישט פֿאַרזשאַווערט ווערען און עס זאָל זיך נישט אָנהויבען פֿיהלען פֿון איהם אַ ריח פֿון קברות־בלעטער.

אין דער אויפרעגונג שטעקט אויך די קולטורעלע ענטוויקלונג פֿון יעדען פֿאָלק — און אָהן דער באַטהעטיגונג פֿון די פֿאָלקסמאַסען איז קולטור אַן אונמעגליכע זאַך. די אויפרעגונג דאַרף נאָר נישט קומען פֿון אַ דיקטאַטאָרישער זייט, ווייל דיקטאַטור פּאַסט זיך נישט צו דעמאָקראַטיע.

ריידענדיג וועגען קולטור, דאַרף מען אויך וויסען, אַז קולטור קען בלויז דאָרט עקזיסטירען, וואו עס ווערען אַלע פֿאַרלאַנגען פֿונ׳ם לעבען צוגעפּאַסט צו די באַגריפֿען פֿון דער אָרטיגער געזעלשאַפֿט. פּערזענ־ליכע קולטור פֿון יחידים, וועלכע געפֿינט נישט קיין אָפּקלאַנג אין דער סביבה, אָדער קולטור פֿון איין קלאַס מענשען, רעכענט זיך טאַקע אויך אַלס קולטור און זי קען אויך אַמאָל אַריינגעהן אינ׳ם סך־הכל פֿונ׳ם פֿאָלקס־ פֿאַרמעגען אַזוי ווי זי איז אָבער דאָס אייגענטום פֿון אַ יחיד אָדער פֿון עטליכע יחידים, פֿעהלט איהר דער איינפֿלוס פֿונ׳ם לעבען, מוז זי בלייבען אָהן איינפֿלוס און איהר ווערטה איז נישט מעהר ווי די באַדייטונג פֿון אַ קונסט־בלום אין אַ וואַרים־גאָרטען, אויפגעהאָדעוועט אין אַ לאַנד פֿון אַ קאַלטען קלימאַט.

וויכטיג איז פֿון דעסטוועגען צו פֿאַרשטעהן, אַז טראָצדעם וואָס די קולטור איז אין איהר ווירקונג אָפּהענגיג פֿון די פֿאָלקסמאַסען, קענען נישט די פֿאָלקסמאַסען פֿון זיך אַליין שאַפֿען אַ קולטור. די געדאַנקען מוזען אויסגעקלערט ווערען פֿון די „אינטעלעקטועלע" און די מאַסען מוזען זיי בלויז אָננעהמען, איבערקייען און פֿאַרדייען. צומאָל מוזען אַזעלכע געדאַנ־קען אַרויף־געצוואונגען ווערען אויפ׳ן ברייטען עולם מיט פֿיזישער אָדער מיט זעעלישער קראַפֿט, דורך אַ שטרענגען באַפֿעהל אָדער דורך דער קונסט פֿון איינגעהמען די מענשען מיט גוטע רייד.

איינגעהמען מענשען מיט רייד איז אויך דאָס איינציגע מיטעל פֿון אַן אמת׳ר דעמאָקראַטיע. איז אָבער דאַבי דאָס שלעכטע, וואָס מען דאַרף האַלטען אין איין איינריידען און מען טאָר נישט אַרויף־צווינגען אויף קיינעמען אַן איבערצייגונג מיט געוואַלט, נישט אַריינצופֿאַלען אין דיקטאַ־טור. מוזען דאַדורך די פֿיהרער פֿון דער דעמאָקראַטיע פֿאַרמאָגען אַ גרויסע מאָס פֿון צופּאַסונגסקראַפֿט צום פֿאָלקסווילען פֿונ׳ם אויגענבליק, אַז טאָמער קען דאָס פֿאָלק נישט אָננעהמען די מיינונג, וואָס דער פֿיהרער וויל דעם

עולם איינריידען, זאָל ער זיך באַגנוגען מיט אַ טייל פון זיין ווילען, כדי צו קענען אויף אַזאַ אופן געווינען די צושטימונג פון די מאַסען.

פאַרשטעהט דאָס יעדער זעהר גוט ביי אַלע פראַגען פונ'ם לעבען. פאַרהאַנען אָבער מענשען, וואָס ווי בּוינזאַם קאָמפּראָמיסליך זיי זענען אין אַלע אַנדערע ענינים, אַזוי דעספּאָטיש זענען זיי אין די פראַגען פון רעלי־גיאָן. דעמאָקראַטיע, טענה'ן זיי, איז בלויז מאַסגעבענד אין פּאָליטיק, אינ'ם קאָנסטיטוציאָנעלען שיקזאַל פון דער מאָדערנער וועלט. לויט זייער באַגריף איז דעמאָקראַטיע בלויז אַ פאַרוואַלטונגס־פאָרם פון די מענשליכע מאַסען, דער איינציגער וועג פאַר זייער שטאַאַטליכער באַהערשונג. קענען זיי דאַ־דורך נישט איינגעהן אויף קיין קאָמפּראָמיסען אין באַצוג צו דער אמונה — און ווייל זיי ווילען נישט מאַכען קיין שום הנחות בנוגע צו רעליגיאָן, טענה'ן זיי ווייטער, אַז קונסט, וויסענשאַפט און זיטען זענען העכערע גייס־טיגע באַדערפענישען, וועלכע האָבען גאַר נישט צו טהון מיט דעמאָקראַ־טיע, ווייל די פאָלקסמאַסען דאַרפען אין די דאָזיגע ענינים אָננעהמען די מיינונג פון די גייסטיג־העכערע און אַליין דאַרפען זיי נישט האָבען צו זאָגען קיין וואָרט . . .

שטעלען זיי דאַדורך דאָס שאַפען און ענטוויקלען פון יעדער קול־טור־טהעטיגקייט גלייך ווי דאָס ווירקען און וואַקסען פון דער קולטור אויסער־האַלב פון דער פּאָליטישער אָרדנונג. איז דאָס פון זייער זייט דער גרעסטער פעהלער, ווען זיי ווילען אָפּזונדערן דעם מענשליכען גייסט פון זיין פּאָ־ליטישער שטאַאַטס־אָרדנונג, וועלכע ערגענצען זיך געוועהנליך געגענזייטיג און איינער דאַרף אַרויסהעלפען דעם אַנדערן אין יעדער באַטהעטיגונג. אַ פאָלק קען אַמאָל געטריבען ווערען מיט געוואַלט, צו געהען אין קירכע אָדער אין אַ טעאַטער, צו נעהמען אַ באַד אָדער צו לערנען שרייבען, ווייל מען קען די מענשען איבערצייגען, אַז זיי דאַרפען דאָס טהון פון זייער אייגענער טובה וועגען. ווייל מען אָבער אַוועקטרייבען דעם עולם מיט געוואַלט פון די דאָזיגע קולטורעלע ווערטהען, קען עס אָפּטמאָל האָבען די ענטגעגענגעזעצטע ווירקונג, ווייל מענשען ווילען זיך נישט לאָזען איינ־ריידען, אַז מען מיינט זייער טובה, ווען מען טרייבט זיי אַוועק פון רעליגיאָן, פון קונסט און וויסענשאַפט אָדער פון אַנדערע קולטורעלע באַטהעטיגונגען.

דעמאָקראַטיע איז די שעהנסטע עררונגענשאַפט פון אונזער צייט. מוז מען זי אָבער אַרויף־צווינגען אויפ'ן עולם דורך דיקטאַטור, שטעקט דאַן אין איהר די גרעסטע געפאַהר און מען דאַרף זיך איהר אַקעגען־שטעלען מיט אַלע כחות.

אונזער פּאָליטיק וועגען די אידען אין פּוילען

I.

אַזוי ווי איך האָב היינט די זכיה, אַרויסצוגעבען אַ בוך פון פאַרשיידענע עסעיס, וואו איך האָב די געלעגענהייט, צו באַקענען דעם לעזער מיט מיינע אַנזיכטען וועגען פאַרשיידענע פראַגען פונ׳ם אידישען לעבען, מוז איך דאָ אָפּצאָהלען אַ חוב, אַ מאָראַלישען, צו מיין פאַמיליע, צו מיין ווייב און קינדער, וועלכע האָבען דאָס רעכט, צו פאַרלאַנגען פון מיר „דין וחשבון" וועגען מיינע אַנשויאונגען. נישט תמיד זענען זיי מיט מיר איינפערשטאַנדען. אָפטמאָל האָבען זיי מיר נישט געקענט נאָכפאָלגען. תמיד האָבען זיי אָבער געהאַט צו ליידען פאַר מיינע „זינד", ווייל מען פלעגט זיי פאַרפאָלגען אין מיין „זכות".

דעמזעלבען „דין וחשבון" בין איך אויך שולדיג צו מיינע פריינד, נישט צו די אינטימערע פריינד מיינע, וואָס זענען גרייט צו קוקען אויף מיינע האַנדלונגען מיט אַ בליק פון רחמנות, נאָר דוקא צו יענע פריינד, וואָס זענען גרייט מיך צו פאַרדאַמען, ווען זיי זאָלען אַמאָל זעהן, אַז איך נעם מיך געהען אויף אַ קרומען וועג.

אין דער פראַגע פון אונזער פּאָליטיק וועגען די אידען אין פוילען האָב איך אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג ווי די ביי אונזערע אידישע שרייבער געוועהנליך אָנגענומענע.

מיין פּאָליטישער שכל זאָגט אַזוי:

דער פוילישער שטאַאַט עקזיסטירט און מען קען איהם נישט בשום אופן נעגירען. ווען אַלע שכנים פון אַרום פוילען זאָלען זיך אפילו צונויפ־נעהמען מיט דער טענדענץ, דעם פוילישען שטאַאַט צו צוקוועטשען, קענען זיי בלויז ענגער מאַכען זיינע גרעניצען און פאַרקלענערן זיין טעריטאָריע. מעהר קענען זיי גאָר נישט טהון, גלייך ווי מען האָט נישט געקענט פאַרניכטען מאַדיאַרען און ווי עס האָט זיך עסטרייך טראָץ אַ באַמיהונג פון הונדערטער יאָהרען נישט איינגעגעבען, אָפּצומעקען טשעכיען. אַמאָל

פּלעגט מען אָנפיהרען אַ פּאָליטיק פון אַן אייזערנער פויסט מיט פייער און שווערד. ביסמאַרק און קייזער ווילהעלם האָבען זעהר אָפט געזאָגט, אַז מען דאַרף פּוילען „אויסראָטען“. רוסלאַנד האָט דאָס פּוילישע פאָלק געברענט און געבראָטען, ווי מען קען זיך נישט ערגער פאָרשטעלען. פון דעסטוועגען איז אונטער'ן קנאַפעל פון די באַדריקער דער פּוילישער נאַציאָנאַליזם ווייטער געוואַקסען — און פּוילען איז היינט אַ זעלבשטענדיגע מלוכה, טראָץ די באַמיהונגען פון אַלע איהרע שונאים.

און אין דעם דאָזיגען פּוילען לעבען דריי און אַ האַלבע מיליאָן אידען. נעבענזעכליך ווי אַזוי זייער לעבען זעהט דאָרט אויס. מיר דאַכט זיך איבערהויפּט, אַז ווי לאַנג אידען געפינען זיך אין פּוילען, האָבען זיי קיינמאָל נישט בעסער געלעבט. אמת איז, אַז זיי ווערען געדריקט און געשטיקט פון אַלע זייטען. וואָלט מען זיי געדאַרפט העלפען, זיי זאָלען קענען אַלע באַדריקונגען באַוועלטיגען. אַזוי ווי מען קען זיי נישט אַרויסנעהמען פונ'ם לאַנד, ווייל מיליאָנען מענשען קענען זיך היינט נישט אַרויסלאָזען אויף דער וואַנדערונג. אַמעריקאַ איז פאַר זיי פאַרשלאָסען, און ארץ־ישראל האָט נאָך נישט דערוייל די נויטיגע עקזיסטענץ־מעגליכקייטען, איז עס — לויט מיין מיינונג — אַן אונפאַרצייהליך פאַרברעכען, ווען מען האַלט כסדר אין איין איינריידען די פּוילישע אידען, אַז זיי קענען נישט פאַרבלייבען דאָרט וואו זיי געפינען זיך און זיי מוזען אויסוואַנדערן.

עס וויל דאָ נישט געזאָגט ווערען, אַז די אידען אין פּוילען דאַרפען לחלוטין נישט אויסוואַנדערן. איך וויל דאָ בלויז זאָגען, אַז אַזוי ווי מען קען נישט מיט איינמאָל אַרויסנעהמען פון פּוילען וועניגסטענס איין מיליאָן אידען, קען די עמיגראַציע פון פּוילען נישט האָבען קיין שום איינפלוס אויף דער מאַטעריעלער לאַגע פון די דאָרטיגע אידען, ווייל איידער עס פאָהרען פון דאָרט אַרויס אַ מנין אידען ווערט באַלד געבוירען אַן אַנדער מנין. טאָר מען נישט דאַדורך פאַרשפּרייטען קיין פּעסימיזם וועגען דער לאַגע פון די אידען אין פּוילען, ווייל מען טאָר נישט ענטמוטהיגען די מענשען פון באַשטרעבען זיך צו העלפען.

איז אָבער אין די ערשטע יאָהרען פון פּוילען'ס זעלבשטענדיגקייט אָנגעגאַנגען אין אונזער פּרעסע אַ טענדענץ פון פאַר'נמאס'ן די פּוילישע אידען דאָס לעבען. דאָס פּוילישע פאָלק האָט געמאַכט פּאָגראָמען אויף אידען, האָט מען געמעגט שרייען אַזוי הויך, אַז די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט זאָל פּאַרציטערט ווערען. מען האָט נאָר נישט געדאַרפט איבערטרייבען, ווייל די איבערטרייבונגען האָבען געבראַכט שאָדען. ביים פּאָגראָם אין לעמ־

בערג האָט מען געקוילעט זעקס־און־פופציג אידען, איז דאָס געווען שרעק־ליך. האָט מען אָבער געשריבען, אַז זעכצעהן הונדערט מענשען זענען דאָרט דער׳הרג׳ט געוואָרען. האָט מען דערמיט געשטערט, צו קריגען סאַטיספאַקציע פאַר די געקוילעטע זעקס־און־פופציג אידען. אין דער צייט פונ׳ם לעמבערגער פאָגראָם איז די זעלבשטענדיגקייט פון פוילען נאָך נישט אנערקענט גע־ווען פון די „עלאיס״, האָט מען נאָך דאַמאָלס געקענט אַלסדינג אויס־פועל׳ן, ווען מען וואָלט נישט גערעדט מיט איבערטרייבונגען.

פאַדערעווסקי איז אַ שונא־ישראל, אָבער אויסגעקליבען אַלס פרע־מיער פון דער פוילישער מלוכה האָט איהם נישט דאָס פוילישע פאָלק. פראַנקרייך האָט זיך דאַמאָלס גערעכנעט אַלס די פראָטעקטאָרין פון פוילען, האָט קלעמאַנסאָה אַרויסגעשיקט פאַדערעווסקי׳ן, ער זאָל איבערנעהמען די ממשלה. פון דעסטוועגען איז כדאי צו וויסען, **אַז פאַדערעווסקי איז אַ** קולטור־מענש און דער לעמבערגער פאָגראָם איז פאָרגעקומען אין דער **צייט, וואָס דער סאָציאַליסט מאַראַטשעווסקי איז געווען מיניסטער־פרעזידענט.**

וועהרענד דער מלחמה האָבען פאָלאַקען נישט אַנשטענדיג געהאַנדעלט געגען אידען. אַמאָל האָבען זיי די אידען גע׳מסר׳ט צו רוסלאַנד און אַמאָל צו דייטשלאַנד. זענען פיעלע פון די דאָזיגע מסירות אַ פאָלגע פון דער קריעגס־פסיכאָלאָגיע, וועלכע האָט דאַמאָלס צוטומעלט די מוחות און די פאָלאַקען האָבען אַליין נישט געוואוסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי געפינען זיך. און זענען דען נישט אין דער צייט פונ׳ם קריעג פאָרגע־קומען אין אַמעריקאַ מסירות פון אידען געגען אידען? האָט מען דען נישט דאָ אין דער פרייער אַמעריקאַ אינטערנירט אויסלענדישע אידען, ווייל אַמעריקאַנער אידישע פאַטריאָטען האָבען זיי גע׳מסר׳ט, אַז זיי זענען „פראָ דייטשלאַנד״? . . .

איך קען עס גאַנץ גוט פאַרשטעהן, אַז עס זענען פאַרהאַנען מענשען, וואָס האָבען מעהר סימפּאַטיען צו רוסלאַנד ווי צו פוילען. מאַנכער פון זיי איז אויפגעוואַקסען אויף דער רוסישער קולטור. רוסלאַנד האָט זיך איבערהויפּט תמיד געסטאַרעט, אַריינצושלאָגען אַ קלין צווישען אידען און פאָלאַקען. איך קען באַגרייפען, אַז די באָלשעוויסטישע פאָרם פון דער רוסישער רעגיערונג איז פאַר מאַנכע מענשען מעהר אָננעהמבאַר ווי פוי־לען׳ס דעמאָקראַטיע. דעסגלייכען פאַרשטעה איך, וואָס אידישע פּאָליטיקער האָבען אויפגעטהון פאַר דער ליטא צוליעב סימפּאַטהיע צו׳ן אַ שוואַך פאָלק. איך דענק אָבער, אַז עס איז פשוט „ברוגז־פאַרגיפטונג״, ווען עס וויל אימיצער איינריידען, אַז רוסלאַנד אָדער ליטא איז ווי אַ גן־עדן פאַר אידען. איטליכער ווייסט עס, וואָס פאַר אַ רדיפות אידען האָבען גע־

האָט דורכצומאַכען אין רוסלאַנד, איידער די סיטואַציע האָט זיך דאָרט געדענעלט. דער חילוק איז בלויז, וואָס אין פּוילען זענען דאָס געווען אַנטיסעמיטישע רדיפות און אין רוסלאַנד האָט מען געשלאָגען „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערען" — און וועגען ליטא איז נישט מעהר כדאי אַ וואָרט צו פאַרלירען, ווייל די וואָס האָבען פריהער געזונגען לויב־געזאַנגען צו דער ליטא, שעהמען זיך היינט אַליין פאַר די אומזיסטע שבחים...

לאָמיר אָבער פאַר אַ מינוט צוגעבען, אַז רוסלאַנד און ליטא זענען טאַקע אמת'ע גן־עדן'ס פאַר אידען. רוסלאַנד האָט נישט מעהר קיין „טשעקאַ", יעווסעקעס און נעפּ־לייט געהען דאָרט האַנד אין האַנד. ציוניסטען דאַרפען זיך נישט מעהר באַהאַלטען. אויף אַלע טהירען פון די רעגיערונגס־געביידען אין מאָסקווא זענען אָנגעקלאָפּט מזוזות און ריקאָוו צוזאַמען מיט אסתר פרומקין מאַכען פּראָפּאַגאַנדאַ פאַר'ן „קרן היסוד". לאָמיר זיך אויך פאָרשטעלען, אַז ליטא איז נישט דאָס, וואָס זי איז היינט געוואָרען פאַר אידען, נאָר זי איז נאָך גאָר פיעל בעסער ווי אַמאָל. אפילו אין אַזאַ פאַל קען מען אויך נישט אַרויסנעהמען די דריי און אַ האַלבע מיליאָן אידען פון פּוילען און זיי אַריבער־פּעקלען קיין רוסלאַנד, אָדער אין דער ליטא.

וואָלט מען דאַדורך געדאַרפט אַ ביסעל אָפּטימיסטישער באַהאַנדלען די לאַגע פון די אידען אין פּוילען, צו פאַרגרינגערן זייערע צרות, ווי ווייט דאָס ליגט ביי אונז אין דער האַנד. וואָלט אונזער גאַנצע עובדא געדאַרפט זיין, מיר זאָלען זיך אימערוועהרענד האַלטען פאַר די אויגען, אַז די אידען אין פּוילען דאַרפען געלד. זאָל דאָס געלד זיין אַן אונטערשטיצונג, זאָל דאָס געלד זיין אַ הלואה (על מנת שלא להחזיר). גלייך ווי אַ איד דאַרף זאָגען דריי מאָל אין טאָג „אשרי", זאָל יעדער איד דריי מאָל אין טאָג נעהמען אויפ'ן זינען, אַז די אידען אין פּוילען דאַרפען געלד — און מיט סימפּאַטהיע־קונדגעבונגען פון אַמעריקאַ קען מען נישט קויפען קיין ברויט. אידען אין פּוילען קענען נישט מאַכען קיין לעבען. זיי האָבען דאָרט איבערהויפּט קיינמאָל נישט געקענט מאַכען קיין לעבען און גוים האָבען דאָרט אויך נישט קיין פּרנסה. דערזעלבער מעמד איז אין רוסלאַנד און אין דער ליטא. פון אייביג אָן האָבען די אידישע מאַסען דאָרט געלעבט אין אַ שרעקליכער אָרימקייט. איז געקומען דער קריעג און האָט זיי נאָך מעהר פאַראָרימט. אַלטע פּרנסות זענען בטל געוואָרען און נייע זענען נישט אויסגעפונען געוואָרען אויף זייער אָרט. דאַרף מען זיי באַזאָרגען מיט געלד, ביז זיי וועלען זיך האָבען צוגעפּאַסט צו די נייע אומשטענדען.

עס פעהלט די אידען אין פּוילען קרעדיט, וועלען זיי די געשרייען

אין די צייטונגען גאָר נישט העלפען, ווי לאַנג די פאַרמעגליכע אידען פון אַנדערע לענדער וועלען דאָרט נישט גרינדען קיין באַנקען. כמעט אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען פונ'ם לאַנד זענען אַנטיסעמיטיש געשטימט, די רע־גירונג איז אָפטמאָל געצוואונגען, צו טהון זייער רצון בנוגע צו אידען. דאַרף מען זיי דאַדורך מאַטעריעל שטאַרק מאַכען, זיי זאָלען קענען באַ־וועלטיגען די פּאָליטישע אונטערדריקונג.

II.

צוליעב אָט די איבערצייגונג מיינע האָב איך אין די ערשטע חדשים פון 1923 אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקעל מיט'ן נאָמען „פּאָליטישע ברונען־פאַר־גיפטונג", וועלכען איך גיב דאָ איבער אין זיין ווערטליכען אינהאַלט אָהן יעדער ענדערונג.

מאכען פאלשע פאליטישע ערקלערונגען, שרייבען ליגנערישע באריכטען, שפיי־זען דעם לעזער מיט איבערטרייבונגען פון אונאנגענעהמע געשעהענישען, פלעגט דער אלטער ביסמארק אנרופען מיט'ן נאמען "ברונענפארגיפטונג", ווייל דאס איז גלייך ווי אימיצער שיט אונבאמערקט גיפט אין א ברונען אריין און די מענשען, וואס טרינקען פון יענעם וואסער, ווערען פארגיפטעט. פונקט אזוי ווערט פארניפטעט די דענקונגס־ארט פונ'ם צייטונגס-לעזער, ווען ער פילט אן זיין מוח מיט פאלשע פאליטישע ער־קלערונגען, מיט ליגנערישע באריכטען און מיט איבערטרייבונגען וועגען אונאנגענעהמע געשעהענישען.

די שרעקליכסטע "ברונענפארגיפטונג" ווערט ביי אונז געטריבען, ווען עס האנ־דעלט זיך וועגען דעם פארהעלטגיס פון אידען און פאלאקען. די אידישע מערכה האט עס ליידער אזוי געוואלט, אז די גאנצע 800 יאהר, וואס אידען וואוינען אין פוילען, האבען זיי זיך נישט דארט אויף אזוי ווייט ארייגגעלעבט, צו ווערען א טייל פון דער פוילישער מלוכה, ווי עס זענען געווארען די אידען אין אנדערע לענדער, א שטייגער ווי אין ענגלאנד, אין פראנקרייך אדער אין אמעריקא. גלייך ווי זיי זענען געוועז אין די אלטע צייטען ווי א פרעמדער קערפער, וואס האט נישט קיין שייכות מיט דער ארומי־גער סביבה, אזוי זענען זיי געבליבען ביז צו דער צייט פון פוילען'ס באפרייאונג. די אורזאך דערפון איז צו זוכען אין דער געשיכטליכער ענטוויקלונג פונ'ם לעצטען יאהר־הונדערט, ווייל אין דער צייט, וואס דער נאציאנאליזם האט זיך פארשפרייט איבער דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט און די אידען פון מיטעל־אייראפא און אמעריקא האבען עפענטליך דאקומענטירט זייער צוגעהעריגקייט צו דעם לאנד וואו זיי וואוינען, איז פוילען געוועז צעטיילט צווישען עסטרייך, דייטשלאנד און רוסלאנד, זענען די גאליצ־יאנער אידען געוועז עסטרייכער, האבען די אידען אין פויזען קאקעטירט מיט בערלין און די אידען פון רוסיש-פוילען האבען געבעטען פאר'ן צאר'ס לאנג לעבען. האט זיך דורך דעם ענטוויקעלט ביי דער באפעלקערונג פון יענע מקומות א געפיהל, אז אידען זענען שונאים פונ'ם לאנד, ווייל זיי זוכען צו געפינען לייטזעליגקייט ביים שונא, וועל־כער האלט דאס לאנד אקופירט אין זיינע לאפעס.

אויף אט אזא אופן האט זיך אויסגעשפרייט און פארטיעפט א גוואלדיג גרוי־סער אפגרונד צווישען אידען און פאלאקען. דאס האט אויך געבראכט צו א געזעל־

שאפטליכען באיקאט פוןביידע צדדים, זיי זאלען זיך געגענזייטיג אויסמיידען מיט א
געפיהל פון פאראכטונג. ווען עסטרייך האט זיך אמאל געוואלט איינשמייכלען ביי די
פאלאקען, האט זי געהאלפען אויסדריקען דעם פאלקס־צארן אקעגען אידען. און ווען
דייטשלאנד האט געוואלט געבען א "לעקיכל" צו איהרע פאלאקען, האט זי ענג גע-
מאכט די עקזיסטענץ פון די אידען אין פויזען און האט זיי געגעבען אזא באהאנדלונג,
אז זיי האבען גאט געדאנקט ווען זיי האבען געקראגען די מעגליכקייט צו קענען אויס־
וואנדערן פון דארט. און ווען רוסלאנד האט זיך געוואלט איינשמייכלען ביי איהרע
פאלאקען, האט זי געטריבען אידען פון די פוילישע דערפער, אנזאגענדיג צו די פא־
לאקען, אז זי וויל אפרייניגען זייער לאנד פון "בלוטזויגער".

האבען אבער די אידען נישט פארשטאנען, אז זיי זענען די קרבנות פון פאלי־
טישע שאכציגע, נאר זיי זענען ווייטער געגאנגען אויפ'ן וועג פון אפגעזונדערטקייט,
וועלכעס האט געבראכט צו א באיקאט פון פארשידענע פארמען, ביז עס איז אויסגע־
בראכען די וועלט־מלחמה און זי האט נאך פארשטארקט און פארשפרייט דעם טיפען
אפגרונד צווישען אידען און פאלאקען.

צייטען פון מלחמה קומען אבער קיינמאל נישט אין באטראכט, ווען עס האנ-
דעלט זיך וועגען די פארהעלטניסע פון אזעלכע צוויי ענטגעגענגעזעצטע עלעמענטען
ווי אידען און פאלאקען. אין צייטען פון מלחמה איז דער ציוויליזירטעסטער מענש
נישט פאראנטווארטליך פאר זיינע טהאטען. עס קען אויך אנדערש נישט זיין אין א
צייט, ווען מענשען ווערען פארוואנדעלט אין ווילדע חיות, ווען מארדען און ברענען
איז א געוועהנליכע אלטעגליכע ערשיינונג און עס ווערט אפגעווישט דער אונטערשיד
צווישען פריינד און פיינד. אין אזא צייט בייטען זיך די פאליטישע "אריענטאציעס"
איבער נאכט און ביים מינדעסטען מיסלינגען פון א קאמבינאציע פארליערט איטליכער
דעם קאפ און זוכט א "קרבן", כדי צו האבען ארויפצואווארפען אויף אימיצען די שולד
פונ'ם דורכפאל. מיר האבען דאס געקענט זעהען אין אמע־יקא און אין ענגלאנד, וואו
עס זענען קינדער אויפגעשטאנען געגען די אייגענע עלטערן, און פרויען האבען צו־
געקלאגט זייערע מענער, אז זיי זענען פאררעטער געגען פאטערלאנד. צו דעם דארף
מען נאך וויסען, אז דער פאלאק איז אין צייט פון נויט ווי אן אונבאהאלפען קינד,
וואס קען זיך גאר נישט קיין עצה געבען. עס האבען איהם אויך די געשעהענישען פון
דער מלחמה פארטונקעלט דעם שכל און ער האט נישט מעהר געזעהן וואס עס טהוט
זיך ארום איהם, איז איהם דאן קלאר געווען נאר איין זאך, אז דער איד מאכט געלד
ביי דער נויט פונ'ם לאנד.

דאס גרעסטע פארברעכען געגען אידען איז דאן פארגעקומען ביי דער בא־
פרייאונג פון פוילען. די באפעלקערונג איז שיער נישט משוגע געווען פון אויפרעגונג.
נאך פיער יאהר קריעגס־טעראר איז געקומען דאס אונפארהאפטע פאנאנדערפאלען פון
די צענטראל-מעכטע און די באפעלקערונג האט אלץ נישט געהאט קיין ברויט. דרויסען
האט מען געפייערט די אויפערשטעהונג פון פוילען און אין שטוב איז נישט געווען קיין
ביסען אין מויל אריין. האט דאס געגעבען פלאץ פאר פארברעכערישע אינסטינקטען,
זיי זאלען זיך קענען פאנאנדערפיהרען די הענד — און פוילען האט געפייערט די בא־
פרייאונג פון איהר לאנד מיט אידיש בלוט. ביים ליכטשיין פון ברענענדע אידישע היי־
זער האט דאס פוילישע פאלק געטאנצט זיין באפרייאונגס-קאראכאד.

איז דאן דאס דאזיגע פארברעכען גאר גרויס געוועזען. אלע ציוויליזירטע מענ-
שען זענען אויפגעשוידערט געווארען, און דער כעס אקעגען פוילען איז געווען א שרעק־

ליכער. האט דאמאלס די גאנצע ציוויליזירטע וועלט פראטעסטירט געגען די דאזיגע געוואלטטהאטען צוזאמען מיט אלע אידען. אבער א סאטיספאקציע פאר זייערע ליידע האבען די אידען אין פוילען נישט באקומען. און ווייסט איהר פארוואס? — ווייל מען האט שרעקליך איבערטריבען אין דער שילדערונג פון די רציחות און הריגות, ווייל מען האט טעלעגראפירט פון לעמבערג, אז עס זענען דארט דער'הרג'עט געווארען 1600 אידען. האט זיך דערנאך ארויסגעוויזען אז עס זענען דארט דער'הרג'עט געווארען נאר עטליכע און דרייסיג אדער עטליכע און פופציג, האבען די פראטעסטירענדע אידישע פארשטעהער אויסגעזעהען לעכערליך מיט זייערע טענות. וואלטען אבער אידען פארשטאנען אז עס איז נישט נויטיג צו איבערטרייבען, ווען עס האנדעלט זיך וועגען הרגנען פריעדליכע אונבאוואפענטע מענשען, וואלטען זיי געמאכט דעמזועלבען געשריי פאר עטליכע און דרייסיג אדער עטליכע און פופציג דער'הרג'טע אידען, ווי זיי האבען געמאכט פאר זעכצעהן הונדערט, וואלטען זיי זיכערליך געקראגען א סאטיספאקציע, ווייל מען וואלט עס זיי געמוזט געבען.

דאס איז די פאלגע פון יענע איבערטרייבונג, וואס די פוילישע אידען האבען געמאכט אין זייערע באריכטען וועגען די פאגראמען. און טאמער איז אייך דאס נישט גענוג אלס א באוויז פאר דער שעדליכקייט פון איבערטרייבונג, וועל איך אייך דערצעהלען, אז אין אנפאנג 1919 בין איך אליין געווען אנוועזענד ביי א מיטינג פון פאלאקען אין ניו יארק, וואו עס איז גאר שארף גערעדט געווארען געגען אידען, וועלכע פארשפרייטען ליגנערישע באריכטען, כדי צו שעדיגען דעם פרעסטיזש פון פוילען אין די אויגען פון דער ציוויליזירטער וועלט, איז דאמאלס צו יענעם מיטינג אנגעקומען א בריעף פונ'ם אמעריקאנער סטייט־דעפארטמענט, אין נאמען פון פרעזידענט ווילסאן, וואו עס איז געזאגט געווארען דאס פאלגענדע: „אים אויפטראג פונ'ם פרעזידענט נעם איך מיר דאס פארגניגען אייך צו גראטולירען צו דער באפרייאונג פון אייער פאלק. ווי לאנג אמעריקא וועט עקזיסטירען, וועט דאס אמעריקאנער פאלק תמיד קוקען מיט דאנקבארקייט צו פוילען פאר דער מיטהילף פון קאשציושקא און פולאסקי ביי דער באפרייאונג פון אמעריקא. ליידער האבען זיך אין דער לעצטער צייט פארשפרייט ווילדע קלאנגען וועגען אונפאראנטווארטליכע אנפאלען אויף אייערע אידישע מיטבירגער. מען קען אבער נישט די דאזיגע אנפאלען אפשאצען לויט דער אריענטאלישער איבערטרייבונג, מיט וועלכער זיי ווערען געשילדערט אין דער פרעסע, ווייל עס לאזט זיך נישט גלויבען, אז דאס פאלק פון קאשציושקא און פולאסקי זאל זיך קענען אויף אזוי ווייט פארגעסען" . . .

אט אזא בריעף איז דעמאלס ארויסגעשיקט געווארען פונ'ם סטייט־דעפארטמענט צו א פוילישען מיטינג. איז דערפאר דער סוף פון אלע אונזערע פראטעסטען געווען א גרויסער גארנישט. אמעריקאנער „פאליטישענס", וואט נויטיגען זיך אמאל ביי וואהלען אין דער הילף פונ'ם אידישען וועהלער, האבען אין דער ערשטער צייט מיטגעווירקט ביי די פראטעסטען. שפעטער איז זיי דאס נמאס געווארען און מיר זענען געבליבען אליין אויפ'ן פלאץ. און אין פוילען האבען אונזערע פראטעסטען נאר געררייצט די עפענטליכע מיינונג אקעגען אידען, ווייל זיי האבען זיך געלאזט איינריידען, אז אידען האבען זיך געמאכט פאר אן אויפגאבע צו פארשווארצען פוילען'ס פנים פאר דער ציוויליזירטער וועלט. אונזערע פראטעסטען זענען אויך גאר גיך לעסטיג געווארען צו אונזערע סימפאטיקער אין אנדערע לענדער, וועלכע האבען געוואלט סימפאטיזירען מיט דער באפרייטער פוילען און מיר האבען זיי נישט געלאזט.

ווי ווייט גלייכגילטיג אונזערע פראטעסטען זענען אויפגענומען געווארען פון די אמעריקאנער רעגיערענדע קרייזען, קען איך אויך ברענגען א באווייז פון א געשפרעך וואס איך האב געהאט ענדע 1919 מיט דעם דאמאלסדיגען צייטווייליגען פוילישען קאנסול אקאלאוויטש. איך בין דאן געגאנגען אין שתדלנות וועגען א אידישען שרייבער, וועלכער איז דאמאלס געוועזן ארעסטירט אין ווארשא פאר פארשפרייטען באלשעוויס־טישע פראפאגאנדא אין פוילען. דאס שליחות צום פוילישען קאנסולאט האט מיר איבער־געגעבען די רעדאקציע פון א גרויסער אידישער צייטונג אין ניו יארק. האט מיר יענער אקאלאוויטש ערקלעהרט, אז ווען די אמעריקאנער רעגיערונג וואלט געזאגט איהר מאכט־ווארט צו פוילען, וואלט דאן אין דערזעלבער מינוט אויפגעהערט יעדע אונטערדריקונג פון אידען אין פוילען. וויל דאס אבער די אמעריקאנער רעגירונג נישט טהון, ווייל עס זענען איהר נמאס די איבערטרייבונגען אין דער אמעריקאנער פרעסע וועגען דער לאגע פון די אידען אין פוילען.

צוליעב די דאזיגע איבערטרייבונגען איז אויך נישט געהעריג באהאנדעלט גע־ווארען אונזער פראטעסט געגען די שוידערליכע אוקראינער פאגראמען — און סעק־רעטערי לענסינג האט זיך דאמאלס ערלויבט צו גרינגשעצען אונזער דעפוטאציע וועגען אוקראינא און צוצוהערען זיך צו זייערע טענות מיט איין אויער.

דריי און א האלבע מיליאן אידען לעבען היינט אין פוילען — און פאר דער נעקסטער צוקונפט מוזען מיר זיך באשטרעבען, צו העלפען זיי איינארדנען זייערע פאר־העלטניסע, לויט די אומשטענדען פונ'ם לאנד. דאס קען אבער אבסאלוט נישט געטהאן ווערען, ווען מיר וועלען פון דאנען אויס שילדערן זייער לאגע נאר אין שווארצע פארבען. מען דארף אויך וויסען, אז מען באאבאכטעט דארט אין פוילען יעדעס ווארט, וואס ווערט פון דאנען געשריבען וועגען אידען, און יעדע איבערטריבענע נאכריכט וועגען דער דאזיגער פראגע ווערט דארט פאררעכענט אלס א באשטרעבען, צו פארשוואר־צען דאס אנזעהען פונ'ם פוילישען פאלק אין די אויגען פון דער ציוויליזירטער וועלט.

זעהר גוט וואלט געווען, ווען מיר זאלען קענען אוועקשיקען וואס מעהר געלד פאר אונזערע פארארימטע ברידער אין פוילען. דאס וואלט זיי געגעבען די בעסטע הילף אין זייער לעבענסקאמפף און די פאלאקען וואלטען געקראגען פאר זיי דעם גרעסטען רעספעקט. געבען מיר זיי אבער בלויזע שילדערונגען פון זייער טרויעריגען לעבען, איז חוץ וואס די דאזיגע שילדערונגען זענען מאנאטאן און פארלירען דעם עפעקט, ווייל זיי ווידערהאלען זיך תמיד, נעהמען מיר נאך ביי זיי אוועק דעם חשק צו זעלבסטהילף — און מיר ברענגען זיי נאר שאדען אנשטאט נוצען.

וואָלט מען געדאַרפט זעהען דאָס שרעקליכע „קעסעלטרייבען", וואָס מיין אַרטיקעל האָט אַרויסגערופען. יעדער שמוצפינק און רעליעף־גנב, יע־דער הוליגאַן און באָלשעוויסטישער אַגענט, יעדער ליטעראַרישער שווינדלער און גייסטיגע פראָסטיטוטקע האָט מיך פשוט געוואָלט איינשלינגען. מערק־ווירדיג דאַביי איז געווען די פלוצים'דיגע חבר'שאַפט פון אַ פאַרשיעדענ־פאַרביגער „געגנ". אַ העלפאַנט האָט זיך געפּאָרט מיט אַ שמעק־פליעג און אַ פיפּערנאָטער מיט אַ יאַשטשורקע. עס האָבען זיך אויך געגען מיר פאַראייניגט אַלע מעקלערס פון לא־היה ולא־נברא'דיגע אינסטיטוציעס, וואָס האַנדלען גלייכצייטיג מיט ריעל־עסטייט אויפ'ן האָדסאָן־ריווער און אויף

דער לבנה. מיט זיי צוזאַמען זענען געגאַנגען אַלע יענע געזעלשאַפטליכע פּאַראַזיטען, וועלכע איך פלעג קלאַפּען אויף די פינגער, ווייל זיי טהון נישט קיינמאָל קיין האַנד אין קאַלטען וואַסער, אויף צו מאַכען אַ לעבען. עס האָבען זיך אויך צו זיי אָנגעשלאָסען פאַרשיעדענע פּאָליטישע כאַמעלעאָנען, וואָס בייטען זייער פאַרב צוואַנציג מאָל אין טאָג צוליעב אַ גראָשען.

איך וויל מיר לאָזען איינריידען, אַז צווישען דער דאָזיגער חאַלאַסטרע האָבען זיך אויך געפונען מאַנכע עהרליכע טפשים, וואָס האָבען אמת׳דיג געמיינט, אַז די פוילישע רעגיערונג האָט מיך געדונגען אַלס איהר פאַר־טיידיגער. וואָלטען אָבער די דאָזיגע טפשים געדאַרפט פאַרשטומען, ווען זיי האָבען זיך איבערצייגט, אַז מיינע אַנזיכטען זענען נישט קיין באַצאָהלטע. האָבען זיי דאָס אָבער נישט געטהון, ווייל זיי זענען גראָד דאַמאָלס געשטאַנען אין אונטערהאַנדלונג מיט דער באָלשעוויסטישער רעגיערונג מכח אַריינ־געהן אין איהר דיענסט. איינער, אַ געוועזענער „בראָוואָקאַטאָר" ביי פאַדע־רעווסקי׳ס רעגיערונג — אַ גלגול פון אַזעוו — האָט דערצעהלט, אַז ער האָט געזעהען מיין נאָמען אויפ׳ן „פעי־ראָל" פון דער פוילישער רעגיערונג, און ווען איך האָב געוואָלט געריכטליך פעסטשטעלען, ווער און וואָס דער פאַרשוין איז, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות אין מיין נאָמען. אַ גליק פאַר מיר, וואָס ער האָט נישט געזאָגט, אַז איך בין אידענטיש מיט׳ן גענעראַל באַדער, וועלכער האָט געמאַכט דעם פּאָגראָם אין אָדעסאַ!

שפּעטער זענען דיזעלבע געגנער מיינע געגאַנגען זיך אונטערלייגען צו מיניסטער סקשינסקי. און ווען לעאָן רייך איז געווען אין אַמעריקאַ, האָבען זיי איהם פון איין זייט געהולדיגט פאַר זיין שלום מיט דער פּוי־לישער רעגיערונג, גלייכצייטיג האָבען דיזעלבע פאַרשוינען פאַראַנשטאַל־טעט פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען געגען רייך׳ן. אַזוי פלעגט אויך איינער פון מיינע הויפּט־געגנער קומען צו מיר מיט אַ בקשה, איך זאָל איהם פאַר־שאַפען אַ „דריסת הרגל" ביים פוילישען קאָנסולאַט פאַר געוויסע אונריינע צוועקען. און ווען איך האָב געוואָלט באַווייזען מיין גערעכטיגקייט ביי געריכט, האָט זיך אָנגעהויבען געגען מיר אַ ניי „קעסעלטרייבען" מיט פאַר־שיעדענע פּרעסיאָנען, איך זאָל פון דער קלאַגע צוריקטרעטען. און ווען איך האָב נאָכגעגעבען דעם פאַרלאַנג, האָט מען ערשט דאַמאָלס פאַר־עפענטליכט אַן ערקלערונג, אַז איך האָב געמוזט פון דער קלאַגע צוריק־טרעטען . . .

איך וויל דאָ מיין אַנזיכט נאָכאַמאָל גענויער ערקלערען: ווען אַלס־

דינג, וואָס מען דערצעהלט אין אַמעריקאַ וועגען דער לאַגע פון די אידען אין פוילען, איז בוכשטעבליך אמת און גאָר נישט איבערטריבען, קען מען דאָ נישט העלפען מיט קרעכצען אָדער מיט שרייבען גוט־באַצאָהלטע קלאָג־קאָרעספאָנדענציעס. ווער עס וויל העלפען די אידען אין פוילען, דאַרף אַהין־שיקען געלד, ווייל נאָר געלד קען די אידען אין פוילען שטאַרקען אין זייער פאָזיציע. פאַר פראָטעסט־מיטינגען שרעקט זיך היינט נישט אפילו אַ „קאקערוטש“. די פראָטעסט־מיטינגען זענען איבערהויפט גרעסטענטיילס אַן אונעהרליך שטיקעל אַרבייט פון פובליסיטי־זוכער, ווייל ווען זיי וואָלטען געווען עהרליך געמיינט, טאָ פאַרוואָס מאַכט מען נישט קיינמאָל קיין פראָטעסט־מיטינג געגען רוסלאַנד אָדער געגען ליטאָ? — און צו פראָטעסטירען, וואָלט געווען זעהר פיעל. רוסלאַנד פאַרפאָלגט אידען מיט דער גרעסטער אכזריות צוליעב רעליגיאָן, צוליעב ציוניזם, און גרעסטענטיילס ווערען אידען פאַרפאָלגט אין רוסלאַנד צוליעב דעם, וואָס זיי זוכען פרנסה פון מסחר. און ליטאָ פאַרפאָלגט איהרע אידען אין יעדער פאָרם, קיין אונטערשיעד וואָס זיי דענקען אָדער וואָס זיי טהוען, אַבי זיי זיינען נור אידען, ווייסט מען אין דער ליטאָ, אַז מען דאַרף זיי רודף'ן . . .

אינהאַלטס־פאַרצייכניס

אנשטאַט אַ הקדמה

ערשטע אבטיילונג

מעשה'לעך פונ'ם חומש

ווי אַזוי איך האָב זיי דערצעהלט צו מיינע קינדער

קין און הבל . . . 7 — 13
דער ערשטער משורר . . . 14 — 15
חנוך דער פרומער . . . 16 — 18
אין דער תיבה . . . 19 — 24
בבל . . . 25 — 28
דער וכוח . . . 29 — 32
משה . . . 33 — 39
או אַז איהר ווילט, איז די געשיכטע אַ ביסיל אַנדערש . . . 39 — 42

צווייטע אבטיילונג

וואָס איך וואָלט געזאָגט, ווען איך וואָלט געווען אַ מגיד — און איך וואָלט געדאַרפט דרש'נען פאַר'ן עולם.

אויף קנאה איז די וועלט געבויעט (צו פרשת בראשית) . . . 45 — 48
דער רעגענבויגען (צו פרשת נח) . . . 49 — 51
די טראַגעדיע פון וואַנדערן (צו פרשת לך לך) . . . 52 — 55
אידישע טאַטעס און אידישע קינדער (צו פרשת וירא) . . . 56 — 59
דער האַנדעל מיט קברים (צו פרשת חיי־שרה) . . . 60 — 62
יעקב'ס שטימע און עשו'ס הענד (צו פרשת תולדות) . . . 63 — 66
שטויב און בלאָטע (צו פרשת ויצא) . . . 67 — 70
דינה בת לאה (צו פרשת וישלח) . . . 71 — 74
חלומות (צו פרשת וישב) . . . 75 — 78
אידישע נקמה (צו פרשת מקץ) . . . 79 — 81
דער אַלטער טאַטע (צו פרשת ויגש) . . . 82 — 85
דער סוד פון דער גאולה (צו פרשת ויחי) . . . 86 — 89
שווערע אַרבייט (צו פרשת שמות) . . . 90 — 92

דער נאָהנטער פריהלינג (צו פרשת וארא) 93 94
תפילין (צו פרשת בא) . . . . 95 —97
עמלק ישראלים אייביגער שונא (צו פרשת בשלח) . . . . 98 —100
דער כבוד פון דער תורה (צו פרשת יתרו) . . . . 101—103
קינדער יתומים און אָרימע קינדער (צו פרשת משפטים) . . . . . 104—107
אונזערע נדיבים און זייערע נדבות (צו פרשת תרומה) . . . . . . 108—110
די אַלטע כהנים און דער נייער נביא (צו פרשת תצוה) . . . . . 111—113
גאַנצע און צובראָכענע לוחות (צו פרשת כי תשא) . . . . 114—117
דער טאָג פון רוה (צו פרשת ויקהל) . . . . 118—119
חשד און לשון הרע (צו פרשת פקודי) . . . . 120—123
קרבנות פון בהמות און מענשען (צו פרשת ויקרא) . . . . 124—126
דער טאַטע און זיינע זיהן (צו פרשת צו) . . . . 127—128
אומריינע בהמות און מענשען (צו פרשת שמיני) . . . . 129—131
אַ ריינער גוף און אַ ריינע נשמה (צו פרשת מצורע) . . . . . . 132—134
שבת (קען געהן צו פרשת ויקהל און קען אויך געהן צו קדושים) 135—137
די קללות פון דער תוכחה (צו פרשת בחוקותי) . . . . 138—139
סטאַטיסטיק (צו פרשת במדבר) . . . . 140—142
נזירים (צו פרשת נשא) . . . . 143—146
פלייש־עסען ביי אידען (צו פרשת בהעלותך) . . . . 147—149
אונטערנעהמעריש און אָפּהענגיג (צו פרשת שלח) . . . . 150—152
מאַדאַם קרח (צו פרשת קרח) . . . . 153—157

דריטע אַבטיילונג

באַוואוסטע כאַראַקטער־קעפּ און גלאַט קאָפּ־מענשען.

הערצל . . . . 161—165
נאָרדוי . . . . 166—170
בירנבוים . . . . 171—175
קאַרל נעטער . . . . 176—179
פּרץ סמאָלענסקין . . . . 180—183
מאַדאַם סמאָלענסקין . . . . 184—187
זאב יעבץ . . . . 188—191
לאָורענס אָליפאַנט . . . . 192—197
הענריק איבסען . . . . 198—200

מיכאל ערלאַנגער . . . . 201—204
זשעראָמסקי . . . . 205—207
דוד גאָרדאָן . . . . 208—212
פֿערדינאַנד לאַסאַל . . . . 213—221
יחיאל מיכל פינעס . . . . 222—225
טעאָדאָר רוזוועל . . . . 226—228
אחד העם . . . . 229—232
מאַזאַריק . . . . 233—238
שלמה שילער . . . . 239—240
מאָורוס יאָקאַי . . . . 241—244
יהל״ל . . . . 245—248
פֿראַנץ האָרין . . . . 249—251
דוד ניימאַרק . . . . 252—255
יוליאַן טובין . . . . 256—258
יעקב קלאָצקין . . . . 259—263
אליהו שמערלער . . . . 264—265

פֿיערטע אָבטיילונג

אמת'ן — וואָס מען דאַרף וועגען זיי אַרגומענטירען

דער איד פֿון מאָרגען . . . . 269—271
קען א „גר" ווערען אַ נאַציאָנאַליסט? . . . . 272—274
דער כח פֿון פֿאַרגעסען . . . . 275—280
דער לשון פֿון מיין מאמע . . . . 281—286
די דיקטאטור פֿון דער דעמאָקראַטיע . . . . 287—291
אונזער פּאָליטיק וועגען די אידען אין פּוילען . . . . . 292—301